STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05629

DI HITLERISTISHE POLITIK FUN YIDN-FARNIKHTUNG IN DI YORN 1939-1945

Artur Eisenbach

Permanent preservation of this book was made possible
by Arthur & June Nislick
in memory of
Henry L. Levitt (nee Levitzky)

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אייזענבאַך

די היטלעריסטישע פּאָליטיק פון יידן־פאַרניכטונג אין די יאָרן 1939—1945 ווי אַן אויסדרוק פון דייטשישן אימפּעריאַליזם

יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פּוילן

א. אײזענבאַך

די היטלעריסטישע פּאָליטיק פון יידן־פאַרניכטונג

אין די יאָרן 1939-1945

ווי אַן אויסדרוק פון דײַטשישן אימפּעריאַליזם

צווייטער באַנד

פאַרלאַג „יידיש בוך"

וואַרשע 1955

A. EISENBACH

HITLEROWSKA POLITYKA EKSTERMINACJI ŻYDÓW
W LATACH 1939 — 1945
JAKO JEDEN Z PRZEJAWÓW NIEMIECKIEGO IMPERIALIZMU

tom II

Redaktor: B. MARK

רעדאַקטאָר: ב. מאַרק

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 3622. Nakład 5,500. egz. Druk ukończono w lipcu 1955 r. Ark. druk. 17,5. Ark. wydawn. 15. Papier rotogr. VII kl. 61 x 86 cm. 65 g. Druk RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. B-6-50957

קאַפּיטל דריי

די מאַסן־פאַרניכטונג

[1942—1941]

1. באַוואָפנטער אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד און די עקסטערמינאַציע פון דער ציווילער באַפעלקערונג

דער באַוואָפנטער אָנפאַל פון די היטלעריסטן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22־טן יוני 1941, איז געווען לאַנג און פלייסיק צוגעגרייט. דער ציל פון דער באַוואָפנטער אַגרעסיע איז געווען דאָס פאַרניכטן דעם ראַטנפאַרבאַנד, באַהערשן די טעריטאָריע, רעסטאַווירן דעם קאַפּיטאַליזם, איינפירן דעם רעזשים פון פאַשיסטישער דיקטאַטור, אונטערדריקן און ביאָלאָגיש אויסראָטן צענדליקער מיליאָנען מענטשן און די איבעריקע באַפעלקערונג דערפירן צו דער ראָל פון שקלאַפן, פאַרניכטן די מלוכהשאַפט און די קולטור פונעם לאַנד. לויט די היטלערישע פּלענער האָט דער ראַטנפאַרבאַנד באַדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַזע פון רוישטאָף און אַרבעטסקראַפט פאַרן דייטשישן קאַפּיטאַל.

פאַר דער עפנטלעכער מיינונג פון דער גאַנצער וועלט איז דער פאַקטישער ציל מאַסקירט געוואָרן מיט צביעותדיקע פראַזן וועגן דער היטלערישער מיסיע „צו ראַטעווען אייראָפּע פונעם באָלשעוויזם“. אַפילו אין טאָג פונעם אָנפאַל האָט היטלער זיך באַמיט אין זיין רעדע איינצורעדן די דייטשן, אַז די מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד איז אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה, ווייל די באָלשעוויקעס שטרעבן כלומרשט מיט כוח אָנצוּוואַרפן זייער אידעאָלאָגיע דייטשלאַנד און אַנדערע אייראָפּעישע לענדער.[1]

אויף דער געהיימער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 16־טן יולי אין דער אָנוועזנהייט פון גערינגן, ראָזענבערגן, קייטעלן און לאַמערסן, האָט היטלער צוו. אַנד. באַטאָנט: „פאַר דער וועלט דאַרפן מיר אין די מאָטיוון פון אונדזער

[1] היטלערס רעדעס, ב. III, ז. 53, היטלערס רעדע פון 22 יוני 1941.

האַנדלונג אויך געמען אין אַכט טאַקטישע טעמים. מיר ווען דעריבער אַקצענטירן, אַז מיר זענען געווען געצוווּנגען צו פאַרכאַפּן די דאָזיקע געביטן, בכדי דאָרט איינצופירן אָרדענונג. מיר זענען געווען געצוווּנגען אין אינטערעס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג צו זאָרגן וועגן דער אָרדענונג, אַפּראָוויזאַציע, קאָמוניקאַציע אאַוו. אונדזערע האַנדלונגען זענען געווען אַ פּועל־יוצא פון די דאָזיקע נויטווענדיקייטן. מיר דאַרפן נישט דערלאָזן, אַז מ׳זאָל דערקענען, אַז אונטער דעם באַהאַלט זיך דער אָנהייב פון דער ענדגילטיקער רעגולירונג. אַלע נייטיקע מיטלען — צעשיסן, אויסזידלען אאַוו. קאָנען מיר אָנווענדן און ווענדן אָן. מיר מוזן זיין איבערצייגט, אַז די דאָזיקע געביטן וועלן מיר שוין קיינמאָל נישט פאַרלאָזן".[2]

ווייטער האָט היטלער דערקלערט, אַז די דאָזיקע קאָלאָסאַלע טעריטאָריע דאַרף מען אַזוי פאַנאַנדערטיילן, בכדי מ׳זאָל זי קאָנען פולקאָם באַהערשן און עקספּלאָאַטירן און די באַפעלקערונג אויסראָטן.

אין היטלערס אויבנדערמאָנטער דערקלערונג זענען אויפגעדעקט געוואָרן די פעלקערמערדערישע פּלענער פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד און זיינע פעלקער. היטלערס דעקרעטן און די אויף זייער סמך אַרויסגעגעבענע פאַראָרדענונגען בנוגע די אָקופּירטע געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד פאַרהוילן גאַטירלעך זאָרגפעלטיק דעם פּאַקטישן ציל פון די פּלענער. אין דאָזיקן גייסט ווערט געהאַלטן היטלערס דעקרעט וועגן דער אַדמיניסטראַטיווער סטרוקטור פון די אָקופּירטע געביטן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן צומאָרגנס נאָך דער דערמאָנטער קאָנפערענץ. דער דאָזיקער דעקרעט (פונעם 17־טן יולי 1941) האָט באַשטימט דאָס מיניסטעריום פאַר די מזרח־געביטן (אַלס מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן אַלפרעד ראָזענבערג) און האָט פאַנאַנדערגעטיילט די אָקופּירטע געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד אויף די אַזוי־גערופענע רייכס־קאָמיסאַריאַטן: „אָסטלאַנד" און „אוקראַינע".[3]

אָנפאַלנדיק אויפן ראַטנפאַרבאַנד, האָבן די היטלעריסטן גערעכנט, אַז דורך אָנווענדן מעטאָדן פון „בליץ־קריג" וועט זיך זיי איינגעבן אין משך פון 2 חדשים צו באַהערשן דעם ראַטנפאַרבאַנד און פאַרניכטן די מלוכה. אָבער שוין אין קורצן האָבן די פּלענער פון „בליץ־קריג" באַנקראָטירט.

די אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד איז געוואָרן אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זי האָט געקרייצט אַלע פּלענער פון די דייטשישע אימפּעריאַליסטן און רעאַקציאָנערן לאַגער אין דער וועלט, זי האָט דערפאַר פאַנאַנדערגעוויקלט אַ באַפרייונגס־קאַמף אין אַלע אָקופּירטע לענדער.

[2] „דער פּראָצעס", ב. XXXVII, ז. 87, דאָקום. ל. — 221, פּראָטאָקאָל פון דער געהיימער קאָנפערענץ פון 16 יולי 1941.

[3] „דער פּראָצעס", ב. XXIX, ז. 234—237, דאָקום. פּ.ס. — 1997, היטלערס דעקרעט וועגן דער „פאַרוואַלטונג" פון די נײַ־אָקופּירטע געביטן.

דערווייל אָבער זענען די היטלעריסטישע האָרדעס, אויסנוצנדיק די גינסטיקע פֿאַר זיי מאָמענטן פֿון אַגרעסיע, אַריין טיף אויף דער טעריטאָריע פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, זייענדיק טויט און פֿאַרניכטונג צווישן דער באַפֿעלקערונג. זיי האָבן אויך געצילט אויסצוראָטן די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג.

די היטלערישע מאַכט האָט, צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים, אירע פּלענער פֿון דער יידן=אויסראָטונג געהאַלטן אין שטרענגער געהיימעניש. אַפֿילו אין די געהיימע דאָקומענטן האָט מען פֿאַרהוילן דעם ציל פֿון דער אָנגעהויבענער פֿעלקערמערדערישער אַקציע. אַלס בולטער באַווייז דערפֿון איז די פֿאַראָרדענונג פֿון אַלפֿרעד ראָזענבערג. אין יוני 1941 האָט ראָזענבערג — אַלס מיניסטער פֿון די מזרח=געביטן — אַרויסגעגעבן דירעקטיוון פֿאַר די מאַכט=אָרגאַנען אין די ענינים פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג („ריכטליניעס פֿאַר באַהאַנדלען די יידן=פֿראַגע"). די דאָזיקע דירעקטיוון זענען פֿאָרמולירט געוואָרן אויף אַזאַ אופֿן, ווי ס'וואָלט באמת געגאַנגען וועגן רעגולירן דאָס לעבן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. אין דער זעלבער צייט זענען שוין די אָפּעראַציע=גרופּן פֿון ס.ס. צוגעטרעטן צום מאַסנווייזן אויסשיסן די יידן. מ'דאַרף אויך דערמאָנען, אַז די אויבנדערמאָנטע דירעקטיוון פֿון יוני 1941 זענען געווען אַ באַשטאַנדטייל פֿון די אַלגעמיינע דירעקטיוון א. נ. „פּאָליטישע ריכטליניעס פֿאַר דער פֿאַרוואַלטונג פֿון די באַזעצטע מזרח=געביטן", וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך ראָזענבערגן און זענען אַריין אַלס באַשטאַנד פֿון דעם ערשטן טייל פֿון דער געהיימער זאַמלונג, די אַזוי=גערופֿענע „גרינע טעקע".[4]

וואָס האָבן אַנטהאַלטן ראָזענבערגס פֿאַרמאַסקירטע אינסטרוקציעס? ראָזענבערג האָט אינעם אַרייַנפֿיר אונטערגעשטראָכן, אַז די דירעקטיוון האָבן אַן איבערגאַנגס=כאַראַקטער. ער האָט צביעותדיק דערקלערט, אַז די פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפֿעלקערונג אויף די אָקופּירטע מזרח=געביטן וועט אָנגעווענדעט ווערן אין הסכם מיט דעם פּרינציפּ, אַז דאָס יידן=פּראָבלעם וועט נאָך דער מלחמה פֿולקאָם געלעזט ווערן. אונטערן באַגריף „פֿולקאָם געלעזט ווערן" האָט ראָזענבערג פֿאַרשטאַנען די פֿולשטענדיקע יידן=עקסטערמינאַציע. חוץ דעם, האָט ער באַטאָנט, אַז אַלע פֿאַראָרדענונגען דאַרף מען טראַקטירן, ווי אַן „איבערגאַנגס=מיטל", וואָס דאַרף זיין אין הסכם מיט די פֿריערדיקע דעציזיעס אין דער דאָזיקער פֿראַגע", ד. ה. מיט די דורכגעפֿירטע דורך די אָפּעראַציע=גרופּן פֿון דער שופּאָ מאַסן=ליקווידאַציע פֿון די יידן.

ראָזענבערגס דירעקטיוון זענען דער עיקר געווען נוגע צום קען=צייכן פֿון יידן, צו דער פֿולשטענדיקער איזאָלאַציע אין די געטאָס, צו דער קאָנפֿיסקאַציע

---

[4] וועגן דער „גרינער טעקע" פֿג"ל „דער פּראָצעס", ב. XXXVI, ז. 332—343, דאָקום. ע.צ. — 347.

פון זייער פאַרמעגן, צו צוואַנגס=אַרבעט, צום פולשטענדיקן באַזייטיקן זיי פונעם ווירטשאַפטלעכן לעבן אאַז. זיי האָבן אַרומגענומען די זעלבע ענינים, וואָס אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן. ס'איז נישטאָ קיין איין וואָרט וועגן „ספּעציעלן באַהאַנדלען" צענדליקער טויזנטער יידן, ד. ה. וועגן דעם אויסשיסן זיי מאַסנוויז. ראָזענבערג האָט אויך נישט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן, אַז די ביזאַיציקע דערפאַרונגען אויף די געביטן פונעם ראַטנפאַרבאַנד וועלן האָבן אַ פּרינציפּיעלע באַדייטונג פאַר דער גענעראַלער לעזונג פונעם יידן=פּראָבלעם.[5]

די רייכס=קאָמיסאַרן פון „אָסטלאַנד" און „אוקראַינע" האָבן אויפן סמך פון ראָזענבערגס דירעקטיוון אַרויסגעגעבן געהיימע אינסטרוקציעס פאַר די קאָמיסאַרן פון באַזונדערע ראַיאָנען. אין די דאָזיקע אינסטרוקציעס זעט מען שוין גענוי די גרויזאַמקייט פון די פעלקערמערדערישע פּלענער, ווייל זיי טראָגן אויף זיך דעם סטעמפּל פון דער עסעסישער זיכערהייטס=מאַכט, וועלכער רעדט אָפן וועגן דער פולשטענדיקער יידן=ליקווידאַציע. אַזוי, למשל, האָט לאָזע, דער רייכס=קאָמיסאַר איבערן „אָסטלאַנד", אַרויסשיקנדיק „צייטווייליקע דירעקטיוון וועגן אופן פון באַהאַנדלען יידן" אין זיין אונטערגעאָרדנטן קאָמיסאַריאַט, אונטערגעשטראָכן, אַז „די דאָזיקע צייטווייליקע דירעקטיוון דאַרפן פאַרזיכערן די אויספירונג פון די פאַראָרדענונגען פון די רייכס= אָדער ראַיאָן=קאָמיסאַרן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועט נישט זיין קיין מעגלעכקייט ענדגילטיק צו לעזן די יידן=פראגע".[6] דאָס איז שוין אַן אָפענע דערקלערונג, וואָס נייטיקט זיך נישט אין קיין קאָמענטאַרן. לאָזע האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אין פּרינציפּ פאַרפליכטן אויף ווייטער זיינע אינסטרוקציעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ענדגילטיקער לעזונג פון דער יידן=פראגע, וועלכע ער האָט דעם 24=טן יוני אַרויסגעגעבן אין קאָוונע, אויב די זיכערהייטס=פּאָליציי האָט אין צווישנצייט נישט אָנגעווענדעט קיין אַנדערע מיטלען.

צווישן די פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן אויפן נירנבערגער פּראָצעס געפינט זיך, חוץ די „אינסטרוקציעס" פון ראָזענבערגן, אַ צווייטער, מער אויספירלעכער וואַריאַנט פון דער דאָזיקער „ריכטליניע".[7] דער אינהאַלט פונעם דאָזיקן דאָקומענט איז מער ענלעך צו די אינסטרוקציעס פון לאָזען. ער איז וואַרשיינלעך פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן דורך די רסה"א צו זיינע עקספּאָזיטורן אויף די אָקופּירטע געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד. דער אַריינפיר צו דער „ריכטליניע" אַנטהאַלט אַ כאַראַקטעריסטישן פּאַסוס:

---

[5] דצ"ו.

[6] „נאַצי קאָנספּירוויש", ב. III, ז. 800, דאָקום. פּ.ס. — 1138 פון 13 אויגוסט 1941.

[7] „דער פּראָצעס", ב. XXV, ז. 302, דאָקום. פּ.ס. — 212.

„די קאָמפּעטענצן פון שופּאָ און עסעס=אָנפירער, אַלס באַפולמעכטיקטע פאַר די ענינים פון לעזן דאָס יידן=פּראָבלעם אין אייראָפּע, נעמען אויך אַרום די אָקופּירטע געביטן אויפן מזרח. אין איינקלאַנג מיט דעם זענען די אים אונטערליגנדיקע שופּאָ=אָרגאַנען קאָמפּעטענט זיך צו פאַרנעמען מיטן יידן=פּראָבלעם“.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די „ענדגילטיקע לעזונג“ — דאָס דערשיסן הונדערטער טויזנטער יידן. דאָס זענען געווען פּלאַנירטע, סיסטעמאַטישע און זאָרגפעליק צוגעגרייטע אַקציעס, וועלכע זענען אין צענטראַלן מאַסשטאַב אָנגעפירט געוואָרן דורך היידריכן און מילערן, וועלכע האָבן, לויט אָלענדאָרפס דערקלערונגען, דערהאַלטן ראַפּאָרטן וועגן זייער פאַרלויף דורך ספּעציעלע שליחים אָדער דורכן ראַדיאָ.

אָלענדאָרף האָט אויך דערקלערט, אַז ביים מאַסנווייזן אויסשיסן יידן און די באַפעלקערונג פון ראַטנפאַרבאַנד האָט מען זיך באַנוצט מיט גאַנצע אָפּטיילונגען („קאָמאַנדאָם“), בכדי אויף אַזאַ אופן „פאַרמינערן די פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די מיטגלידער“ פון די אָפּעראַציע=גרופּן. אין הסכם מיט הימלערם און היידריכם באַפעלן — ווי ערווין שולץ האָט דערקלערט [8] — האָט מען אין פּרינציפּ באַדאַרפט אויסשיסן אַלע יידן, אויך פרויען און קינדער, „בכדי ס'זאָלן נישט אַנטשטיין קיין נקמה=נעמער“. אָבער צוליב ווירטשאַפטלעכע באַדערפענישן פון דער אָקופּאַציע=מאַכט און דער דייטשישער אַרמיי אויפן מזרח זענען די האַנדלונגען נישט תמיד געווען אַזוי שטרענג. דער עסעס=אָבערגרופּנפירער יעקעלן, דער העכערער אָנפירער פון עסעס און פּאָליציי אין „אָסטלאַנד“, האָט פאַראָרדנט, אַז „בעתן דערשיסן די יידן זאָל מען איבערלאָזן בלויז די, וועלכע זענען נייטיק צו דער אַרבעט“. [9]

די ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן פון דער אָקופּאַציע=מאַכט, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אַלס פּועל=יוצא פון דער מאַסנווייזער יידן=ליקווידאַציע, וועלן מיר נאָך שפּעטער באַהאַנדלען. מיר האַלטן אָבער פאַר וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז ס'זענען אויך אויסגעשאָסן געוואָרן יידישע מלחמה=געפאַנגענע פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער אַרמיי. די פאַראָרדענונג וועגן אויסמאָרדן די מלחמה=געפאַנגענע האָט זיך געשטיצט אויף היידריכם באַפעלן פונעם 28=טן יוני און 17=טן יולי 1941. היידריך רעכנט אוים אין זיינע באַפעלן די באַפעלקערונגס=גרופּן, וועלכע דאַרפן אַרונטערפאַלן א „ספּעציעלע באַהאַנדלונג“. „קודם=כל, — לייענען מיר אין היידריכם באַפעל, — דאַרף מען אויסגעפינען אַלע אָנגעזעענע מלוכהשע און

[8] נירענבערגער פּראָצעס נר. IX, ב. I, דאָקום. נ.אָ. — 3644, גבית=עדות פון שולץ ערווין, שעף פון איינזאַץ=קאָמאַנדאָ 5, אַז יעקעלן האָט דערהאַלטן די באַפעלן פון הימלערן אין אויגוסט 1941.

[9] דצ"ו.

פּאַרטיי=פונקציאָנערן, אַלע פאָלקס=קאָמיסאַרן פון דער רויטער אַרמיי, אָנפירנדיקע מלוכה=פּערזענלעכקייטן... די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן פונעם אינדוסטריע=סעקטאָר, די ראַטנפאַרבאַנדישע אינטעליגענץ, אַלע יידן, אַלע אַגיטאַטאָרן און קאָמוניסטן... די עקזעקוציעס דאַרפן נישט אויסגעפירט ווערן אין לאַגער גופא, נאָר בשכנות, אויסערן לאַגער...“[10]

די פעלקערמערדערישע טעטיקייט פון די פאַרשידענע אָפּעראַציע=גרופּן האָט גאָר אין קורצן געפינען איר אויסדרוק אין דער מאָנסטרועלער צאָל פון די אויסגעפירטע מאָרדן. היידריכס באַריכטן, וואָס זענען באַקאַנט געוואָרן אויפן נירנבערגער פּראָצעס, זענען צוגעגרייט געוואָרן אויפן סמך פון די באַריכטן פון די באַזונדערע אָפּעראַציע=גרופּן. אין איינעם פון זיינע באַריכטן, וואָס באַציט זיך צו דער טעטיקייט פון די שופּאָ און ס.ד.=גרופּן אויפן געביט פון די אָקופּירטע לענדער, שרייבט היידריך, אַז אין דריי חדשים אַרום „איז דאָ אַ האָפענונג פולשטענדיק אָפּצורייניקן „אָסטלאַנד“ פון יידן“. עסטלאַנד איז שוין פולשטענדיק יידן=ריין, אין לעטלאַנד זענען נאָך פאַראַן בלויז 2500 יידן, און אין ליטע, באַזונדערס אין ווילנע, זענען שוין ליקווידירט געוואָרן גרויסע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין רעזולטאַט זענען אין ליטע געבליבן בלויז קליינע גרופּן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע זענען נייטיק צו דער אַרבעט פאַר די אַרמיי=באַדערפענישן.[11] אויך ווייסרוסלאַנד „דאַרף פולשטענדיק אָפּגערייניקט ווערן פון יידן“. אין משך פון עטלעכע חדשים — שרייבט היידריך — זענען ליקווידירט געוואָרן 139.000, און אין צווישנצייט האָבן די גרופּן פון שופּאָ און עסעס ליקווידירט נאָך 32.210 יידן.

מאַסנווייזע דערשיסונגען זענען אויך פאָרגעקומען אין כאַרקאָוו, אָדעס קיעוו און אין אַנדערע שטעט אין אוקראַינע. בלויז אין קיעוו אַליין האָט מען דעם 29=טן און 30=טן סעפּטעמבער 1941 אויסגעשאָסן אַן ערך 34.000 יידן.[12] אָלענדאָרפס איינזאַץ=גרופּע, וועלכע איז טעטיק געווען אין דרום=סעקטאָר, האָט אין דער זעלבער צייט אומגעבראַכט אַן ערך 90.000 מענטשן.[13]

---

[10] „נאַצי קאָנספּיריישי“, ב. III, ז. 123, דאָקום. פּ.ס. — 078; פּג“ל היידריכס שנעלבריוו פון 17 יולי 1941, דאָקום. נ.אָ. — 3414; פּג“ל ז. לוקאַשקעוויטש: „די פּאַרטיליקונג פון די סאָוויעטישע קריגס=געפאַנגענע אין די לאַגערן“, „ביולעטין“ ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. V, ז. 131.

[11] נירענבערגער פּראָצעס, נר. IX, ב. A V, דאָקום. פּ.ס. — 3876, היידריכס ראַפּאָרט פון 27 פעברואַר 1942, אויך דאָקום. ל. — 180, ר. — 102.

[12] נירענבערגער פּראָצעס , נר. IX, ב. I, דאָקום. נ.אָ. — 3140, ראַפּאָרט פון 8 אָקט. 1941.

[13] „דער פּראָצעס“, ב. XXXI, ז. 41, דאָקום. פּ.ס. — 2620.

די פאַרברעכערישע אַקציעס זענען דורך דער אָפּעראַציע-גרופּע דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרשטענדיקונג מיט די באַוואָפנטע דייטשישע כוחות. דער באַפעל פון קייטעלן, דעם שעף פון אָ. ק. וו. פונעם 12-טן סעפטעמבער 1941, וועלכער האָט פולקאָם אונטערגעשטיצט די פעלקערמערדערישע טעטיקייט פון די איינזאַץ-גרופּן פון דער שופּאָ און ס.ד., האָט זיך אָנגעהויבן פון די ווערטער: „דער קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס פאָדערט אַ ריקזיכטלאָזע און ענערגישע האַנדלונג קודם-כל לגבי יידן, די הויפּט-פאַרשפּרייטער פונעם באָלשעוויזם“.[14]

די ענגע מיטאַרבעט פון די באַזונדערע ווערמאַכט-דיוויזיעס מיט די איינזאַץ-גרופּן פון ס.ס. האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט נאָכן 7-טן אָקטאָבער 1941, ווען ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער אָפּמאַך צווישן אָ. ק. וו. און היידריכן.[15] אין שייכות מיט דער דאָזיקער קאָאָרדינירטער טעטיקייט אויף די געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד האָט דער פעלדמאַרשאַל פאָן רייכענוי, דער אָנפירער פון דער 6-טער אַרמיי, דעם 10-טן אָקטאָבער 1941 אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו זיינע אָפּטיילונגען, אין וועלכן ער האָט אויפגעקלערט, אַז איינער פון די צילן פון די קריגס-אָפּעראַציעס, וואָס ווערן געפירט אויף די דאָזיקע געביטן, איז די פולשטענדיקע אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.[16]

די ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דערשיסונגען, ווי אויך אין ספּעציעלע אויטאָבוסן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד. די אויטאָבוסן-גאַזקאַמערן האָבן באַקומען די באַטאַליאָנען פון שופּאָ און עסעס, וועלכע זענען שוין טעטיק געווען אויפן מזרח פון סעפּטעמבער 1941.[17] דאָס פאַרסמען מיט גאַז, אַלס מעטאָד פון מאַסנווייזער ליקווידאַציע פון דער באַפעלקערונג, איז פון דעמלט אָן באַנוצט געוואָרן אין אַלץ מער ברייטערן מאַסשטאַב. דעם דאָזיקן מעטאָד האָט איינגעפירט דער אונדז שוין באַקאַנטער וו. בראַק, ווען ער איז נאָך געווען דער הויפּט-לייטער פון היטלערס פאַרטיי-קאַנצעלאַריע. דער קאָמיסאַר לאָזע האָט דעם 4-טן אָקטאָבער 1941 באַריכטעט דעם מיניסטער ראָזענבערג וועגן גאַנג פון דער ליקווידאַציע-אַקציע און פאַרלאַנגט — אין שייכות מיט דעם אָנקומען פון אַ נייער פאַרטיע יידן קיין „אָסטלאַנד“ — מ'זאָל אים צושיקן נאָך אויטאָבוסן-גאַזקאַמערן. דער לייטער פון דער באַראַטונגס-

---

[14] „נאַצי קאָנספּירייִשי“, ב. III, ז. 636, דאָקום. פּ.ס. — 878.

[15] נירענבערגער פּראָצעס, נר. IX, ב. I, דאָקום. נ. אָ. — 3422.

[16] מ. ווײַנרייך, דצ"ו, ז. 157, 277.

[17] וועגן די אויטאָס-גאַזקאַמערן פּג"ל דאָקום. נ.אָ. — 3824, 4314 אין נירענבערג. פּראָצעס נר. IX; „נאַצי קאָנספּירייִשי“, ב. III, ז. 418, פּ.ס. — 501, געהיימער באַריכט פון ס.ס.-אונטערשטורמפירער בעקער פון קיעוו, 16 מאַי 1942 איבערגעשיקט קיין בערלין, וועגן באַנוצן זיך מיט די גאַז-אויטאָס דורך די איינזאַץ-גרופּן צ. און ד. ביי דער ליקווידאַציע פון יידן אין אוקראַינע.

צענטראַלע פונעם אַמט פאַר ראַסן=פּאָליטיק ביי דער נ.ס.ד.אַ.פּ., וועצעל, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיטן מיניסטעריום פאַר די מזרח=געביטן, האָט דעם 25טן אָקטאָבער 1941 געמאָלדן לאָזען, אַז „בראַק... האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט מיטצואַרבעטן ביים אויפשטעלן די נייטיקע באַראַקן און גאַז=אַפּאַראַטן. אין איצטיקן מאָמענט דיספּאָנירן מיר נישט מיט קיין גענוגנדיקער צאָל אַפּאַראַטן. קודם=כל דאַרף מען זיי אויפבויען. בראַק האַלט, — שרייבט ווייטער וועצעל — אַז ס'וואָלט לייכטער געווען זיי אויפצובויען אויפן אָרט, איידער אין רייך. אַמבעסטן וואָלט געווען אַרויסשיקן אונדזער פּערסאָנאַל קיין ריגע, איבערהויפּט אונדזער כעמיקער, דאָקטאָר קאַלמייער, וועלכער וואָלט זיך מיט אַלץ פאַרנומען...“ ער עצהט דעריבער לאָזען, ער זאָל זיך ווענדן דירעקט צו בראַקן דורך דער פאַרמיטלונג פונעם העכערן עסעס= און פּאָליציי=פירער פון זיין פּראָווינץ. דאָקטאָר וועצעל שרייבט אונטער: „כ'דערלויב זיך אייך אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז אייכמאַן, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט דער יידן=פראַגע אין דער רסה“א, האָט אויף דעם אויסגעדריקט זיין הסכם. אייכמאַן האָט מיר געמאָלדן, אַז יידן=לאַגערן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין ריגע און אין מינסק. אַהין וועט מען קאָנען פירן די יידן פון רייך. אין געגעבענעם מאָמענט זידלט מען איבער די יידן פון רייך קיין לאָדזש און אין אַנדערע לאַגערן, פונוואַנען זיי וועלן איבערגעפירט ווערן אויף מזרח...“ (דאָס הייסט אויף אומקום).[18]

לסוף באַרויִקט וועצעל לאָזען. „כ'האַלט, אַז אין דער איצטיקער סיטואַציע דאַרפן מיר נישט האָבן קיינע סקרופּולן צו ליקווידירן די נישט=אַרבעטספעיִקע יידן לויט די מעטאָדן פון בראַקן“.

וועצעלס בריוו באַשטעטיקט נאָכאַמאָל די ענגע צוזאַמענאַרבעט פון ראָזענבערגס מיניסטעריום און די גאַולייטערס פון די באַזונדערע פּראָווינצן מיט אייכמאַנען און מיטן רסה“א. דאָס געפינט זיין אויסדרוק אינעם געמיינזאַמען פּלאַנירן, צוגרייטן און אויספירן די פאַרברעכערישע ליקווידאַציע=אַקציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין הסכם מיט וועצעלס פאָרויסזאָגונגען און מיט די אַלגעמיינע באַפעלן פון שעף פון דער אָרדענונגס=פּאָליציי אין דער רסה“א פונעם 24=טן סעפּטעמבער 1941, האָבן אויף דער טעריטאָריע פון ווייסרוסלאַנד, ליטע און לעטלאַנד אָנגעהויבן אָנקומען טראַנספּאָרטן מיט יידן פון דייטשלאַנד. פון זיי איז אַ טייל תיכף ליקווידירט געוואָרן, און די רעשט איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די לאַגערן פון קאָוונע און מינסק אויף שקלאַפישער אַרבעט.[19]

---

[18] דאָקומ. נ.אָ. — 365, וועצעלס באַריכט צו לאָהזע פון 25 אָקט. 1941.

[19] „נירנבערגער פּראָצעס“, נר. IX, דאָקומ. נ.אָ. — 3257, מעלדונגען פון 5 יאַנואַר 1942 וועגן דער ליקווידאַציע פון טראַנספּאָרטן מיט דייטשישע יידן.

אַזוי האָט אויסגעזען אין אַלגעמיינע שטריכן דער פאַרלויף פון דער פעלקערמערדערישער אַקציע אויף די געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד אין די ערשטע אָקופּאַציע-חדשים. ענלעכע מאַסן-דערשיסונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען דורכגעפירט געוואָרן זומער און האַרבסט 1941 דורך די אָפּעראַציע-גרופּן עסעס און ווערמאַכט אין גאַליציישן דיסטריקט, וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו דער גענעראַל-גובערניע, און אויך אין ביאַליסטאָקער קרייז, וואָס איז געווען איינגעגלידערט צום רייך.

די מאַסן-דערשיסונגען פון יידן אויף די ערשט-באַזעצטע געביטן איז געווען בלויז אַ פּרעלודיע צו די געפּלאַנטע גרויסע פעלקערמערדערישע אַקציעס אין אייראָפּעישן מאַסשטאַב. אין גאַנג פון די דורכגעפירטע מערדערישע אַקציעס בעת די מלחמה-אָפּעראַציעס אויפן ראַטנפאַרבאַנדישן פראָנט, האָבן די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען דערוואָרבן דערפאַרונגען אין זין פון טעכנישע אויסבעסערונגען און צואיילן דעם פּראָצעס פון מאַסנווייזן אויסראָטן די סלאַווישע פעלקער.

די ראַטנפאַרבאַנדישע רעגירונג האָט געוואָרנט פאַר דער געפאַר, וואָס דראָט דער גאַנצער מענטשהייט מצד דעם דייטשישן פאַשיזם און מאָביליזירט די פעלקער צום באַפרייונגס-קאַמף. „אין דער דאָזיקער מלחמה, וואָס איז פאַנאַנדערגעפלאַקערט געוואָרן דורכן היטלעריישן פאַשיזם קעגן די דעמאָקראַטישע לענדער, — לייענען מיר אין דער דעקלאַראַציע פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער רעגירונג פון סעפּטעמבער 1941, — ווערט אויף צענדליקער יאָרן אַנטשיידן דער גורל פון אייראָפּע און פון דער גאַנצער מענטשהייט. ס'טאָר נישט דערלאָזט ווערן, אַז דער גורל פון די שלום- און פרייהייט-ליבנדיקע פעלקער זאָל באַדראָט ווערן פונעם היטלערישן יאָך, אַז אַ שטאַרק באַוואָפנטע באַנדע פון היטלערישע מערדער, וואָס האַלטן זיך פאַר אַ העכערער ראַסע, זאָלן שטראָפלאָז חרוב מאַכן שטעט און דערפער און אויסראָטן הונדערטער טויזנטער פון דער ציווילער באַפעלקערונג אין נאָמען פון רעאַליזירן זייער משוגענע אידעע פון הערשן איבער דער גאַנצער וועלט“.[20]

די היטלערישע מאַכט, פאַרשיכורט פון די צייטווייליקע נצחונות, באַרייכערט מיט דערפאַרונגען פון עטלעכע חדשים, האָט מיט דער הילף פון נייע מעטאָדן און מיטלען קאָנטינואירט איר פעלקערמערדערישע טעטיקייט אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן.

צו יענער צייט האָבן די היטלערישע פעלקערמערדער שוין געפּלאַנט אויסצופירן אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן און אין גאַנץ אייראָפּע די ליקווידאַציע

[20] דעקלאַראַציע פון דער סאָוויעטישער רעגירונג אויף דער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, דעם 24 סעפּטעמבער 1941. „די אויסלענדישע פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד“ (רוסיש), מאָסקווע 1946, ב. I, ז. 164.

פון די יידן. דער דאָזיקער פאַרברעכערישער פּלאַן און אויך מאָטיוון פון אינער־לעכער פּאָליטיק האָבן געווירקט, אַז די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך באַמיט אויסצומאָרדן די יידישע באַפעלקערונג אין שטרענגער געהיימעניש. צו דעם צוועק האָבן זיי אויפגעבויט ספּעציעלע לאַגערן — טויט־קאָמבינאַטן.

2. די טעכנישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע צוגרייטונגען צו דער יידן-אויסראָטונג אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן

שוין אין פרילינג 1941, ערב דער אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד און פון צו־גרייטן די פּלענער פון פאַרניכטן די סאָוויעטישע באַפעלקערונג, זענען געמאַכט געוואָרן די ווירטשאַפטלעכע און די אָרגאַניזאַציאָנעל־טעכנישע צוגרייטונגען צו דער יידן־אויסראָטונג אין אייראָפּע. דעם ערשטן אָביעקט פונעם פאַרברעכערישן פּלאַן האָט געבילדעט די יידישע באַפעלקערונג אויף די צייטווייליק אָקופּירטע סאָוויעטישע געביטן, וואָס איז מאַסנווייז אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די ס.ס.־ישע איינזאַץ־גרופּן. די היטלעריסטן זענען געקומען צום באַשלוס, אַז אין אָקופּירטן פּוילן וועלן זיי צוליב טאַקטישע טעמים פון אינערן־פּאָליטיק נישט קאָנען דורכפירן די מאַסן־ליקווידאַציע פון יידן אויף דעם אופן, ווי בעת די מלחמה־אָפּעראַציעס אויפן מזרח־פראָנט. זיי זענען דעריבער גלייך צוגעטראָטן צו בויען אויף די פּוילישע געביטן גרויסע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואָס האָבן געדאַרפט אויספירן גלייכצייטיק 2 פונקציעס: זיין טויט־קאָמבינאַטן און אויך רעזערוואַרן פון קאָטאָרזשנער אַרבעטס־קראַפט פאַר דער דייטשישער מלחמה־ווירטשאַפט.

אויף דער אָקופּירטער פּוילישער ערד זענען אויפגעבויט געוואָרן אַזעלכע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין אָשוויענטשים און אין מאַידאַנעק, וואָס זענען געוואָרן סינאָנימען פון היטלעריסטישן פעלקערמאָרד.

דאָס פאַנאַנדערבויען דעם אָשוויענטשימער קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן אָנהייב פרילינג 1941. אָנהייב מערץ איז — לויטן עדות־זאָגן פון קאָמענדאַנט העס[1] — הימלער געקומען קיין אָשוויענטשים, און נאָך אַ גענויער לוסטראַציע פון לאַגער־שטח האָט ער פאַראָרדנט פאַנאַנדערצובויען דעם אַלטן און אויפבויען אַ נייעם לאַגער פאַר 100.000 אַסורים.[2] אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס דער כעמישער קאָנצערן אַ.ג. פאַרבענאינדוסטריע איז צוגעטרעטן צו בויען אינ־

[1] העס איז געווען לאַגער־קאָמענדאַנט אין אָשוויענטשים פון מאַי 1940 ביז נאָוועמבער 1943.

[2] פּראָצעס פון העסן, ב. XXI, ז. 32; פּראָצעס פון אָ. פּאָהל, דאָקומ. נ.אָ. — 0334.

דוסטריעלע אונטערנעמונגען אין שכנות פון לאַגערן,[3] האָט הימלער באַפוילן העסן צוצושטעלן דעם קאָנצערן 10.000 אַסורים אויף צו בויען די באַוואָפענונגס־פאַבריקן אין הוואַרקי (בונאַ).

העס דערמאָנט אויך אין זיין גבית־עדות פאַרן פוילישן געריכט, אַז זומער 1941, ווען ער איז אַרויסגערופן געוואָרן קיין בערלין, האָט אים הימלער דערקלערט: „דער פירער האָט באַפוילן ענדגילטיק לעזן די יידן־פראַגע. מיר, די עסעס, דאַרפן דעם באַפעל דורכפירן. מיט דער הילף פון די פאַרניכטונגס־פונקטן אויף מזרח וועלן מיר נישט קאָנען דורכפירן די פּלאַנירטע גרויסע אַקציעס. איך האָב דעריבער באַשטימט אָשוויענטשים, ערשטנס, צוליב זיין גינסטיקער קאָמוניקאַציע לאַגע און, צווייטנס, ווייל דעם געביט קאָן מען לייכט איזאָלירן און מאַסקירן".[4] הימלער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט העסן, אַז דער ענין מוז געהאַלטן ווערן בסוד סודות, אַז וויי־טערדיקע ידיעות וועט ער באַקומען פון אייכמאַנען פון רסה"א, וועלכער וועט אין קורצן צו אים קומען.

העס האָט אויפגעקלערט פאַרן געריכט, אַז די „ענדגילטיקע לעזונג פון דער יידנפראַגע", וועגן וועלכער עס האָט גערעדט הימלער, האָט באַדייט די פולשטענ־דיקע אויסראָטונג פון די יידן אין אייראָפּע — „אַלע פאַר אונדז דערגרייכבאַרע יידן דאַרפן אָן אויסנאַם בעת דער מלחמה אויסגעראָטן ווערן".[5]

אין קורצן איז אייכמאַן אָנגעקומען אין אָשוויענטשים און האָט פאָרגעשטעלט העסן די פּלענער פון די פאַרניכטונגס־אַקציעס אין די באַזונדערע לענדער, אַפילו זייער ריי. די ערשטע טראַנספּאָרטן מיט יידן האָבן געדאַרפט אָנקומען פון אוי־בערשלעזיע, פון דייטשלאַנד, ווייטער פון טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד אאַוו. אייכמאַנס פאַרברעכערישע פּלענער האָבן בכן אַרומגענומען מיליאָ־ניקע מאַסן יידן. וואָס נוגע די מעטאָדן פון זייער פאַרניכטונג האָט מען גענומען אין אַכט — ווי העס האָט דערקלערט — בלויז גאַז, ווייל דערשיסן אַזעלכע מאַסן מענטשן האָט מען געהאַלטן פאַר אוממעגלעך. אייכמאַן האָט נאָך אויפגעקלערט העסן, אַז דאָ קומען אויך נישט אין באַטראַכט די מעטאָדן פון ליקווידאַציע דורך פאַרגאַזעווען אין די אויטאָמאַשינען, מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט אויפן מזרח. דאָ דאַרפן אויפגעשטעלט ווערן אַנדערע מאָרד־איינריכטונגען, וואָס וועלן

---

[3] בריוו פון גערינגן צו הימלערן דעם 18 יולי 1941 וועגן אויסזידלען די יידישע באַפעלקערונג פון אָשוויענטשים און אומגעבונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּאַנאַנדער־בויען די בונאַ־אונטערנעמונגען. פּראָצעס פון פּאָהלן, דאָקום. נ.אָ. — 1240.

[4] פּראָצעס פון העסן, ב. XXI, ז. 160—181, קאַפּיטל: „די ענדלעזונג פון דער יודנפראַגע אין קאָנצלאַגער אַושוויץ".

[5] „דער פּראָצעס", ב. XIX, ז. 561.

זיך באַנוצן מיט אַ זייער שטיקנדיקן גאַז. „דערווייל איז נאָך אַלץ אין אַ סטאַדיע פון צוגרייטונג, — האָט דערקלערט אײַכמאַן העסן — און דער רייכס־פירער הימלער האָט נאָך נישט געגעבן דעם באַפעל אָנצוהייבן די אַקציע“.

די דערמאָנטע פאַקטן באַשטעטיקן, אַז אין פרילינג 1941, נאָך דעם ווי עס איז געפאַלן די דעציזיע פון אויסראָטן די אייראָפּעישע יידן, האָבן זיך די היטלעריסטן פלאַנמעסיק און סיסטעמאַטיש גענומען דורכצופירן די מאַסן־מאָרדן אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן. וועגן דעם זאָגט אויך עדות דער פאַקט, אַז זומער 1941 איז מען צוגעטרעטן פאַנאַנדערצובויען דעם צווייטן גרויסן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין מאַידאַנעק ביי לובלין. דער דאָזיקער לאַגער האָט אויסגעפירט די פונקציע פון אַ צענטראַלן פאַרניכטונגס־לאַגער אין דער גענ.־גובערניע.

נאָכן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד האָט היטלער אין באַפעל פון 17־טן יולי 1941 אָנפאַרטרויט הימלערן „די זיכערונג פון די נייע מזרח־געביטן“.[6] שוין אין דעם 21־טן יולי 1941 האָט הימלער נאָך אַ באַראַטונג מיט גלאָבאָצניקן אין לובלין אויך אין זאַמאָשטש אים באַשטימט אַלס ספּעציעלן באַפולמעכטיקטן, וואָס האָט אויך די אויפגאַבע צו פאַרנעמען זיך מיט „דער שאַפונג פון די עסעס־און פּאָליציי־שטיצפונקטן אין נייעם מזרח־געביט“.[7] אין הסכם מיט דעם באַפעל דאַרף גלאָבאָצניק ביז האַרבסט אויפבויען אַ גיגאַנטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר אַן ערך 50.000 אַסורים. ביים לאַגער דאַרפן אַנטשטיין פאַרשידענע מעכאַנישע וואַרשטאַטן, אין וועלכע ס׳וועלן אַרבעטן די „העפטלינגע“. זייער פּראָדוקציע דאַרף באַפרידיקן די באַדערפענישן פון אַלע מיליטערישע און פּאָליצייאישע פאָרמאַציעס פון דער ס.ס.[8]

גלאָבאָצניק איז בכן אין דער צווייטער העלפט 1941 צוגעטראָטן צו בויען אין מאַידאַנעק אַ קאָלאָסאַלן קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר דער גאַנצער גענעראַל־גובערניע. דאָ, אין לובלין, האָט זיך געפונען אַ וויכטיקער דיספּאָזיציע־פונקט צום קאַמף מיטן פּוילישן פאָלק, און דער הויפּט־שטאַב פון דער „ריינהאַרד־אַקציע“. אין פרילינג 1942 יאָר האָט די פאַנאַנדערבויונג פון די ווירטשאַפטלעכע אָביעקטן אין לובלינער קאָנצענטראַציע־לאַגער אָנגעטראָפן אויף געוויסע שוועריקייטן, אָבער נישט געקוקט אויף דעם, איז זי פאָרגעקומען אָן איבעררייס. ווי עס ווייזט זיך ארויס פון דער שריפט פון רייכסקאָמוניקאַציע־מיניסטעריום, האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אויפ־

---

[6] בריוו פון הימלערן פון 14 אַפּריל 1942 צום רייכס־באַן־מיניסטער. אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., אַקטן ד.צ. 212, דאָקום. 550.

[7] וועגן דער פאַנאַנדערבויונג פון לאַגער אין מאַידאַנעק פג“ל די נאָטיץ פון 21 יולי 1941 בנוגע הימלערס באַפעל. אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ. דצ. 196, דאָקום. 522.

[8] אורטייל אין פאָהלס פּראָצעס, ז. 7972.

בויען באַראַקן פאַר 150 טויזנט מענטשן. דעם גאַנצן פּלאַן פון דער פאַנאַנדערבויונג פון דעם לאַגער האָט די עסעס גערופן „פּראָגראַם היינריך“.[9]

אין דער העלפט 1941 איז מען דעריבער צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן א פאַרצווייגטע נעץ פון לאַגערן — דאָס אָרט פון די שפּעטערדיקע מאַסן־מאָרדן. אין דער ערשטער צייט זענען די לאַגערן געווען אַן עקזעקוציע־אָרט פאַר די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, ווייל נישט געקוקט דערויף, וואָס פאַר זיי האָט מען אויפגעבויט סיי אויף די סאָוויעטישע געביטן, סיי אין דער גובערניע ספּעציעלע לאַגערן (סטאַלאַגן),[10] האָט מען אויך דערצו אויסגענוצט די זיך בויענדיקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

גלייכצייטיק מיט די דערמאָנטע פלקערמערדערישע פּלענער פון די צענטראַלע פאַקטאָרן האָבן אויך די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען אין דער צייט אַרויסגערוקט אַנאַלאָגישע פּלענער.

מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן דער באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 16־טן יולי 1941 אין דער פויזנער שטאַטהאַלטעריי וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין „וואַרטע־לאַנד“. עס זענען דאָ אַרויסגערוקט געוואָרן פאַרשידענע פאַרברעכערישע פּראָיעקטן און קאָנצעפּציעס. העפּנער, רעאַסומירנדיק די אַלע פאָרשלאַגן, האָט דערקלערט: „...מען דאַרף זיך ערנסט פאַרטראַכטן, צי וואָלט א לעזונג פון דער יידן־פראַגע, — אויב זיי וואָלטן נישט געווען פעיק צו אַרבעטן, — דורך אַ שנעל ווירקנדיק מיטל נישט געווען מער מענטשלעכער, יעדנפאַלס וואָלט דאָס געווען אָנגענעמער, ווי לאָזן זיי אויסשטאַרבן פון הונגער“.[11]

חוץ דעם, ווי מיר האָבן דערמאָנט, האָט מען אַרויסגערוקט פּראָיעקטן צו סטעריליזירן אַלע יידישע פרויען.

דעם זעלבן טאָג האָט העפּנער מודיע געווען אייכמאַנען אין בערלין וועגן די אַרויסגערוקטע פּראָיעקטן און פאַרענדיקט זיין בריוו מיט די ווערטער: „דער ענין קלינגט אַ ביסל פאַנטאַסטיש, אָבער לויט מיין מיינונג איז דאָס אינגאַנצן מעגלעך צו רעאַליזירן...“[12] אייכמאַן האָט אָן ספק אפּראָבירט די פּראָיעקטן פון

---

[9] בריוו פון קאָמוניקאַציע־רייכסמיניסטער פון 7 מערץ 1942 צו הימלערן וועגן די טראַנספּאָרט־שוועריקייטן פון צושטעלן מאַטעריאַלן פאַרן לובלינער לאַגער. אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ. דצ. 212, דאָקום. 550.

[10] באַפעל פון ר.ז.ה.אַ. פון 21 אויגוסט 1941 רעכנט אויס עטלעכע סאַטלאַגן אין גענ.־גובערניע, נירענבערגער פּראָצעס, נר. IX, דאָקום. נ.אָ. — 3414.

[11] אַקטן פון גרייזערס פּראָצעס, ב. III, ז. 567; אורטייל אין העפּנערס פּראָצעס, ז. 24.

[12] דצ"ו; פג"ל העפּנערס בריוו צו אייכמאַנען פון 16 יולי 1941. גרייזערס פּראָצעס, ז. 310.

העפּנער און אַנדערע פּאַרטיי-לייטער אין פּויזן. שוין אין בערלין איז באַשטימט געוואָרן דאָס אָרט, וווּ עס דאַרף פונקציאָנירן דער ספּעציעלער טויט-לאַגער פאַר „וואַרטע-לאַנד“. דער לאַגער אין כעלמנאָ האָט אָנגעהויבן זיין פּעלקערמערדערישע טעטיקייט אין אָנהייב דעצעמבער 1941 יאָר.[13]

יולי 1941 איז אַלזאָ געווען דער דעציידירנדיקער חודש — עס זענען דעמאָלט באַשטימט געוואָרן די מעטאָדן און אופנים פון דורכפירן די יידן-אויסראָטונג. כדי צו צענטראַליזירן און קאָאָרדינירן אַלע אָנגעצייכנטע פּלענער, האָט גערינג, אַלס פאָרזיצער פון מיניסטאָרן-ראַט פאַר מלוכה-פּאַרטיידיקונג, באַאויפטראַגט היידריכן דעם 31-טן יולי 1941 „צו מאַכן אַלע נייטיקע צוגרייטונגען צו אַן אַלגעמיינער לעזונג פון דער יידן-פראַגע אין דער דייטשישער השפעה-ספערע אין אייראָפּע“. די אַרבעטן דאַרף ער דורכפירן אין אַן ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע צענטראַלע מאַכט-אָרגאַנען. ער דאַרף אין קורצן פאָרלייגן גערינגן „אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע, זאַכלעכע און מאַטעריעלע מאָס-מיטלען, כדי דורכצופירן די ענדגילטיקע לעזונג פון דער יידן-פראַגע“.[14]

גערינגס באַפעל איז געווען אַ פאָרמעלע סאַנקציאָנירונג פון אַ פריערדיקן באַשלוס, וואָס האָט באַשטימט ענדגילטיק אויסצוראָטן די יידן. ער האָט אָבער גלייכצייטיק באַדייט, אַז די היטלעריסטישע צענטראַלע מאַכט איז שוין פּראַקטיש צוגעטרעטן דורכצופירן די פעלקערמערדערישע פּלענער נישט בלויז לגבי די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אין גאַנץ אייראָפּע, און דאָס קודם-כל אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן.

היידריך האָט טאַקע מיט דער הילף פון אייכמאַנען און זיין שטאַב צוגעגרייט די קאָנקרעטע פּלענער פון דער יידן-אויסראָטונג.[15]

נאָך פאַרן פאַרענדיקן דאָס בויען די קאָנצענטראַציע- און טויט-לאַגערן האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן-דעפּאָרטאַציע פון די יידן פון דייטשלאַנד און פון די אָקופּירטע מערב-אייראָפּעישע לענדער אויף מזרח. פון 16-טן אָקטאָבער ביזן 4-טן נאָוועמבער 1941 זענען אין לאָדזשער געטאָ אָנגעקומען 20 טראַנספּאָרטן מיט 20.000 יידן פון בערלין, ווין, פּראָג, האַמבורג, לוקסעמבורג אא. שטעט.[16]

---

[13] וועגן טויט-לאַגער שרייבט אויספירלעך וול. בעדנאַזש: פאַרניכטונגס-לאַגער כעלמנאָ אין „בולעטין“, הק.פ.ה.פ., ב. I, ז. 147—164.

[14] נירענב. דאָקום. פּ.ס. — 710.

[15] „La persécution des Juifs en France et dans les autres pays de l'ouest presentée par la France à Nuremberg“, Paris 1947, p. 358, פּג״ל היידריכס בריוו פון 6 נאָוועמבער 1941 צו דער אָ.ק.וו., ווי אויך דאַנעקערס בריוו פון 22 פעברואַר 1942.

[16] אויספירלעכער אין „לאָדזשער געטאָ“, ז. 195—205.

זייער גאַנץ פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן, זיי האָבן געמעגט מיטנעמען מיט זיך בלויז 50 קג. אויף אַ פּערזאָן. אין נאָוועמבער זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן מיט מערב־אייראָפּעישע יידן אין וואַרשעווער געטאָ און אָשוויענטשים, אין די לאַגערן און פונקטן אין די באַלטישע לענדער און אין אַנדערע סאָוויעטישע און פוילישע אָקופּירטע געביטן.

ערשט אין גאַנג פון די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס האָט דער שעף פון הויפּטאַמט פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי דאַלוגע אַרויסגעשיקט דעם 24־טן אָקטאָבער 1941 אַ באַפעל צו אַלע אים אונטערגעאָרדנטע פּאָליציי־אָרגאַנען, אַז אין משך פון נאָוועמבער וועלן דעפּאָרטירט ווערן 50 טויזנט יידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און די לאַגערן פון ריגע און מינסק.[17] כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צביעותדיקער טאַקטיק פון דער היטלעריסטישער מאַכט איז דער פאַקט, אַז צוליב טאַקטישע טעמים האָט דאָס אינערן־מיניסטעריום אָפּגענומען ביי די יידן זייער מלוכה־צוגעהעריקייט ערשט אין מאָמענט, ווען זיי האָבן זיך געפונען מחוץ דייטשלאַנד. דאָס האָט אויטאָמאַטיש גורם געווען אויך אַ קאָנפיסקאַציע פון זייער פאַרמעגן.[18] אָנהייב יאַנואַר 1942 האָט דאָס היטלעריסטישע אינערן־מיניסטעריום אַרויסגעגעבן אַ נייע פאַראָרדענונג, לויט וועלכער די דעפּאָרטירטע דייטשישע יידן ווערן שטאַטלאָז, ד. ה. זיי ווערן רעכטלעך אויסגעגליכט מיט די פוילישע יידן.[19] דער צירקוליאַר איז אויך געווען נוגע יידן דעפּאָרטירטע פון אַנדערע לענדער.

די דאָזיקע דעפּאָרטאַציעס פון די מיטל־ און מערב־אייראָפּעישע יידן, וואָס זענען שוין געווען אַן אָנהייב פון דער מאַסן־פאַרטיליקונג, זענען פאָרגעקומען ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון פרעכע רעדעס פון היטלערן און געבעלסן. אין זיינע אַרויסטרעטונגען פון 2־טן און 3־טן אָקטאָבער 1941[20] האָט היטלער איבערגעחזרט די פריערדיקע פּלוידערייען וועגן דעם, אַז יידן זענען „אינטערנאַציאָנאַלע וועלטפיינד“, אַז די איצטיקע מלחמה איז אַ קאַמף סיי „קעגן די יידיש־באָלשעוויסטישע מאַכטהאָבער פון קרעמל“ און „סיי קעגן דער יידישער פּלוטאָקראַטיע פון ענגלאַנד“. דאָס זעלבע האָט היטלער איבערגעחזרט דעם 8־טן נאָוועמבער 1941.[21]

געבעלס ווידער האָט אין זיינע אַרטיקלען און אַרויסטרעטונגען נישט נאָר אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון פולשטענדיקער יידן־אויסראָטונג, נאָר דערקלערט,

---

[17] „דער פּראָצעס“, ב. XXXIII, ז. 534—536, דאָקומ. פּ.ס. — 3921, צירקוליאַר פון העכערן ס.ס.־ און פּאָליציי־פירער אין ווין פון 27 אָקטאָבער 1941 וועגן דעם ענין.

[18] אַרכיוו פון י.ה.א., כתב־ידן פון שטעט, טעקע 40, ז. 416.

[19] דצ"ו, ז. 416.

[20] היטלערס רעדעס, ב. III, ז. 67, 73.

[21] דצ"ו, ז. 91—92.

אַז ס'איז שוין געקומען די צייט, ווען דער לאָזונג ווערט רעאַליזירט. דעם 1=טן דעצעמבער האָט געבעלס אין אַ רעדע אין בערלינער אוניווערסיטעט אין דער אַנוועזנהייט פון פּרעסע=פאָרשטייער און דיפּלאָמאַטן דערקלערט, אַז „מיר לעבן איצט דורך די רעאַליזירונג פון דער נביאות", וועלכע היטלער האָט אָנגעזאָגט אין יאַנואַר 1941. דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז „דעם קאַמף וועלן מיר פירן ביזן=סוף, אַז מיר ווילן נישט און וועלן זיך נישט צוריקציען".[22]

ראָזענבערג האָט אין זיין דעמאָלטיקער אַרויסטרעטונג אויפן בערלינער ספּאָרט=פּלאַץ נישט דערמאָנט דאָס יידישע פּראָבלעם צוליב אויסערפּאָליטישע טעמים. און דעם פּרט האָט ראָזענבערג, ווי ער באַטאָנט אין זיינע נאָטיצן, געהאַנדלט אין הסכם מיט היטלערס עצה, לויט וועלכער ראָזענבערג האָט נישט געטאָרפט רעדן וועגן דער יידן=פאַרטיליקונג.[23]

דער גענעראַל=גובערנאַטאָר פראַנק האָט אויף אַ געהיימער זיצונג דעם 16=טן דעצעמבער 1941 דערקלערט, אַז אין קורצן וועט מען צוטרעטן צו דער מאַסן=ליקווידאַציע פון די יידן. „איך ווייס, — האָט געזאָגט פראַנק, — אַז אין דייטשלאַנד קריטיקירט מען פיל פאַראָרדענונגען קעגן יידן... מען רעדט פיל וועגן אַכזריות, גרויזאַמקייטן אא"וו. איך וויל אייך בעטן: זייט מסכים מיט מיר אויף איין פאָרמולע — מיטגעפיל וועלן מיר איינהאַלטן בלויז פאַרן דייטשישן פאָלק... די יידן וועלן פאַרשווינדן. זיי מוזן זיך אַרויסטראָגן. איך האָב שוין אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן אַרויסשטויסן זיי אויף מזרח. אין יאַנואַר וועט אין בערלין וועגן דעם פאָרקומען אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער איך וועל שיקן דעם שטאַט=קאָמיסאַר בילער... און וואָס דאַרף געשען מיט די יידן? אין בערלין האָט מען מיר געזאָגט: מאַכט נישט קיין קונצן, ליקווידירט זיי... מיר מוזן פאַרניכטן אַלע יידן, וו נאָר מיר וועלן זיי אָנטרעפן... מיר מוזן געפינען אַ וועג, וואָס פירט צום ציל... אין דער גובערניע האָבן מיר אַן ערך 2,5 מיליאָן יידן... מיר קאָנען זיי נישט דערשיסן, מיר קאָנען זיי נישט אויססמען, מיר מוזן אָבער אָנווענדן אַזעלכע מיטלען, וואָס זאָלן דערפירן צו זייער אויסראָטונג און דאָס אין אַ גאָר ברייטן מאַסשטאַב. די גענ.=גובערניע מוז באַפרייט ווערן פון יידן".[24]

אין דער צווישנצייט האָבן די צענטראַלע פּאָליציי=אָרגאַנען אָנגענומען ווייטערדיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט. סוף נאָוועמבער 1941 איז ביי אייכמאַנען — לויט דער עדות=דערקלערונג פון העסן — פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די רע=

---

[22] „דאַס רייך" פון 16 נאָוועמבער 1941, אַרטיקל: „די יודען זינד שולד".

[23] „דער פּראָצעס", ב. XXVII, ז. 270, דאָקום. פּ.ס. — 1517, ראָזענבערגס נאָטיצן וועגן זיין געשפּרעך מיט היטלערן בנוגע זיין רעדע אויפן ספּאָרט=פּלאַץ.

[24] פראַנקס טאָגבוך, „בולעטין" ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. II, ז. 40.


Ausfertigungen
Ausfertigung

...okoll.

... am 20.1.1942 in Berlin, Am Großen ...

די ערשטע זייט פון פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ אין רזה״א וועגן דער־
פאַרטיליקונג פון די אייראָפּעישע ייִדן

פּערענטן פאַר יידישע ענינים ביי די זיכערהייטס־פּאָליציי־אָרגאַנען פון די באַזונדערע אָקופּירטע לענדער. זיי האָבן דאָרט אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן גאַנג פון דער פאַרניכטונגס־אַקציע, וועגן די אַנטשטאַנענע שוועריקייטן, וועגן צושטעלן באַנען אאַז״וו.[25] נאָך דער צוגרייטונגס־באַראַטונג האָט היידריך דעם 23־טן נאָוועמבער צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ, געווידמעט דער „ענדגילטיקער לעזונג פון דער יידן־פראַגע“. היידריך פאַרופט זיך אויף די פולמאַכטן, וועלכע ער האָט באַקומען פון גערינגן און איז מודיע, אַז „צוליב דער אויסעראָרדנטלעכער באַדייטונג פון די ענינים... און כדי צו דערגרייכן אַן איינהייטלעכע שטעלונג פון אַלע צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס אַרבעטן צוזאַמען ביי דער ענדגילטיקער לעזונג פון דער „יידן־פראַגע“, רופט ער צונויף די קאָנפערענץ אויפן 9־טן דעצעמבער 1941.[26]

צוליב אַ ריי וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן האָט די קאָנפערענץ געמוזט אָפּגעלייגט ווערן. דעם 6־טן דעצעמבער האָט זיך אָנגעהויבן די קאָנטראָפענסיווע פון דער סאָוועטישער אַרמיי אונטער מאָסקווע און צומאָרגנס איז יאַפּאַן אָנגעפאַלן אויף דער גרעסטער אַמעריקאַנער ים־באַזע אויפן פּאַציפיק, אויפן פּאָרט פּערל־האַרבאָר; גלייכצייטיק מיט יאַפּאַן זענען די פאַשיסטישע מלוכות — דריי־טשלאַנד און איטאַליע — אריינגעטראָטן אין אַ מלחמה מיט די פאראייניקטע שטאַטן. אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן, וואָס זענען דער אָנהייב פון אַ נייעם עטאַפּ אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן אַ ריי איינגעלאַדענע נישט געקאָנט זיין אַנוועזנד אויף דער קאָנפערענץ.[27]

דאָס אָפּלייגן די קאָנפערענץ האָט נאַטירלעך נישט באַדייט, אַז עס ווערט אָפּגעלייגט די פאַרניכטונגס־אַקציע. פאַרקערט, די היטלעריסטן האָבן געהאַלטן, אַז עס איז די אַנטשפּרעכנדיקסטע צייט דורכצופירן גרויסע פעלקערמערדערישע אַקציעס, און דאָס צוליב דער גינסטיקער אַנטוויקלונג פון די מיליטערישע אָפּעראַציעס אין האַרבסט 1941, און צוליב דעם, וואָס עס זענען שוין געווען די אַנטשפּרעכנדיקע פאַרניכטונגס־לאַגערן. צוליב די מאָמענטן זענען הימלערס עקספּאַזיטורן צוגעטראָטן קאָנקרעט אויסצואַרבעטן דעם „גענעראַל־פּלאַן מזרח“, וואָס האָט פאָרויסגעזען צו דעפּאָרטירן אויף סיביר 50 מיליאָן סלאַוון, אין דעם 85% פון אַלע פּאָליאַקן.

---

[25] פּראָצעס פון העסן, ב. XXI, ז. 180.

[26] פּראָצעס פון גענ. סטראָאָפּ, אַקטן, ב. I, ז. 127—128, דאָקומ. פּ.ס. — 709.

[27] דאָקומ. פּ.ס. 709, אין צווייטן בריוו צו האָפמאַנען פון 8 יאַנואַר 1942 קלערט היידריך אויף די סיבות פון אָפּלייגן די קאָנפערענץ. פּג״ל אויך „בולעטין“ ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. II, ז. 39.

די לאַנג אָנגעזאָגטע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 20=טן יאַנואַר 1942.[28] עס האָבן אין איר אָנטײלגענומען פאָרשטײדענע פאָרשטײער פון אַ גאַנצער רײ מיניסטעריומס (באַקאַנטע קריגס=פאַרברעכער, וואָס זענען באַפרײט געוואָרן דורך דער ענגליש=אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט אין מערב=דײטשלאַנד): אויסערן=ענינים (לוטער), אינערן=ענינים (שטוקאַרט), יוסטיץ (פרײזלער), מזרח=געביטן (מײער, לײבראַנד), אַמט פאַרן 4=יאָר=פּלאַן (נײמאַן), גענעראַל=גובערניע (ביהלער), פּאַרטײ=קאַנצעלאַריע (קלאָפּפער), רײכס=קאַנצעלאַריע (קריצינגער), צענטראַלע ס.ס.=ישע אַמטן (האָפמאַן, מילער, אײכמאַן) אאַ. עס זענען אַלזאָ געווען אָנוועזנד פאָרשטײער פון אַלע צענטראַלע און פּראָווינציעלע אַמטן.

לויט דעם פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ[29] האָט זי געטראָגן אַן אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער. הײדריכס רעפעראַט, וואָס האָט אויסגעפילט כמעט די גאַנצע קאָנפערענץ, ברענגט נישט אַרײן קײן נײע עלעמענטן אין די אונדז באַקאַנטע באַשלוסן וועגן דער יידן=אויסראָטונג. ער דערלויבט אונדז בלויז צו דערקענען דעם פאַרנעם פונעם היטלעריסטישן פעלקערמאָרד בנוגע יידן. אויף די אָקופּירטע געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד און פון פּוילן האָבן זיך די אַקציעס פאַקטיש שוין אָנגעהויבן. גיכער איז געגאַנגען אינעם באַריקזיכטיקן די אינטערעסן פון אַלע פאַראינטערעסירטע אַמטן און אינסטאַנצן. הײדריך האָט אויפגעקלערט פאַר די באַטײליקטע, אַז דער ענין פון אַזאַ ברײטן פאַרנעם „פאַרלאַנגט — צוליב דער נויטווענדיקײט פון קאָאָרדינירטער אָנפירונג — אַ פריערדיקע, געמײנזאַמע באַראַטונג וועגן אַלע פּראָבלעמען דירעקט דורך די צענטראַלע מאַכט=אָרגאַנען, וועלכע זענען אין דעם פאַראינטערעסירט“.

הײדריך, רעפערירנדיק וועגן דעם פאַרלויף פונעם ביזאיצטיקן קאַמף קעגן די יידן, האָט באַטאָנט, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע איז געווען „דאָס אַרויסשטויסן די יידישע באַפעלקערונג פון די באַזונדערע לעבנס=געביטן און אויך פונעם לעבנסרוים פונעם דײטשישן פאָלק“. ווײטער האָט הײדריך אינפאָרמירט, אַז איצט ווערן די יידן אַרויסגעשיקט — מיט היטלערס הסכם — „אויף מזרח“, ווו זײ ווערן אײנגעאָרדנט אין „אַזוי גערופענע איבערגאַנגס=געטאָס, פונוואַנען זײ וועלן אָפּגעשיקט ווערן ווײטער“. די ווערטער „אויף מזרח“ זענען דעמלט געווען אַ קריפּטאָנים, וואָס האָבן, ווי די ווערטער „זאָנדער=באַהאַנדלונג“, „זאָנדער=מאַסנאַהמע“ אאַ., באַצײכנט אויסראָטונג. די יידן=טראַנספּאָרטן אויף מזרח „דאַרפן טראַקטירט ווערן אַלס דרינגענדיקע נויטווענדיקײט, — האָט הײדריך דערקלערט, — זײ האָבן אָבער גלײכצײטיק אַ וויכטיקע באַדײטונג, ווײל דערבײ

---

[28] דעם 8 יאַנואַר 1942 האָט הײדריך אַרויסגעשיקט אַ צווײטע אײנלאַדונג.

[29] נירענב. דאָקום. נ.ג. — 2586, פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ דעם 20 יאַנואַר 1942, קאָפּיע אין אַרכיוו פון יי.ה.א.

ווערן געמאַכט פּראַקטישע דערפאַרונגען, וועלכע האָבן אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער צוקונפטיקער ענדגילטיקער לייזונג פונעם יידן־פּראָבלעם".

ווייטער האָט היידריך אינפאָרמירט, אַז אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג וועט אויף אַ געוויסער צייט קאָנצענטרירט ווערן אין אַרבעטס־לאַגערן. דאָס רוב פון זיי — האָט היידריך צוגעגעבן — וועט אומקומען ביי דער שקלאַפן־אַרבעט, און „די איבעריקע וועלן מוזן ספּעציעל טראַקטירט ווערן (זאָנדערבאַהאַנדלט), ווייל מיר האָבן דאָ אָן ספק צו טאָן מיט אַן עקשנותדיקן עלעמענט, וואָס וואָלט נאָכן באַפרייען אים געוואָרן דער קערן פון נייעם יידישן אויפקום". פאַר אַלע באַטייליקטע אין דער קאָנפערענץ איז אַזוי־אַרום קלאָר געוואָרן, אַז ס'ווערט פּלאַנירט די פיזישע אויסראָטונג פון אַלע יידן אין אייראָפּע.

היידריך האָט חוץ דעם אינפאָרמירט, אַז די „לייזונג" דאַרף אַרומנעמען גאַנץ אייראָפּע מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון 11 מיליאָן נפשות. אין גאַנג פונעם אָפּרייניקן אייראָפּע פון די 11 מיליאָן יידן — האָט ווייטער היידריך דערקלערט — וועלן לויט דער ריי אַלע לענדער פון מערב אויף מזרח „דורכגעקעמט" ווערן

היידריך, באַטאָנענדיק די נויטווענדיקייט פון מיטאַרבעט אויפן דאָזיקן געביט צווישן אויסערן־מיניסטעריום מיט דער זיכערהייטס־פּאָליציי, האָט אויך דערמאָנט „די גינסטיקע באַדינגונגען" און אויך די עווענטועלע שוועריקייטן אין סלאָוואַקיע, רומעניע, אונגאַרן, איטאַליע, פראַנקרייך אאַוו. דער אונטערשטאַטס־קאָמיסאַר לוטער האָט דעמאָלט אויפגעקלערט, אַז דאָס אויסערן־מיניסטעריום זעט נישט קיינע שוועריקייטן ביים דורכפירן די דאָזיקע אַקציעס אין די לענדער פון דרום־ און מערב־אייראָפּע. שוועריקייטן זעען זיך פאָרויס אין די לענדער פון צפון־אייראָפּע, ד. ה. אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. אָבער די קליינע צאָל יידן, וואָס געפינען זיך אין די דאָזיקע לענדער, שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין באַדייטנדיקע שטערונג.

דער אָנטייל און די אַרויסטריטן אויף דער דערמאָנטער קאָנפערענץ הן פון לוטערן און הן פון פאָרשטייער פון אַנדערע מיניסטעריומס דאַרף באַטאָנט ווערן באַטש צוליב דעם אַליין, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונאַל אין נירנבערג — טראָץ די פאָדערונגען פונעם פּראָקוראָר, טראָץ אַנדערע באַווייזן, וואָס זענען גענומען געוואָרן פון די געהיימע דייטשישע דאָקומענטן, — האָט נישט אָנערקענט די רייכס־רעגירונג אַלס פאַרברעכערישע אָרגאַניזאַציע. דער סאָוועטישער מיטגליד פון טריבונאַל, ניקיטשענקאָ, האָט ביינעלייגט קעגן דעם אַ וואָטום־סעפּאַראַטום.

ס'דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז דעם 8־טן דעצעמבער, מיט אַ טאָג פריער איידער די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן, האָט לוטער שוין געהאַט צוגעגרייט



Wünsche und Ideen des Auswärtigen Amts

zu der vorgesehenen Gesamtlösung der Judenfrage in Europa

1. Abschiebung aller im Deutschen Reich ansässigen Juden deutscher Staatsangehörigkeit unter Einbeziehung der kroatischen, slovakischen und rumänischen Juden nach dem Osten.

2. Abschiebung aller in den von uns besetzten Gebieten lebenden durch die jüngste Verordnung zum Reichsbürgergesetz staatenlos gewordenen Juden früherer deutscher Staatsangehörigkeit.

3. Abschiebung aller serbischen Juden.

4. Abschiebung der uns von der ungarischen Regierung übergebenen Juden.

5. Erklärung unserer Bereitwilligkeit [illegible] slovakischen, kroatischen, [illegible] die in diesen Ländern [illegible] den Juden ebenfalls nach dem Osten [illegible]

6. Einwirkung auf die [illegible] Regierung, Judengesetze nach Nürnberger Vorbild zu erlassen.

7. [illegible]

באמערקונגען פון היטלעריסטישן אויסערן-מיניסטעריום פון 1941.XII.8 צום פּלאַן פון אויסראָטן די אייראָפּעישע ייִדן

אַ נאָטיץ, וואָס האָט אַנטהאַלטן „וווּנטשן און אידעען פונעם אויסערן־מיניסטעריום אין שייכות מיט דער פאָרויסגעזעצטער אַלגעמיינער לעזונג פון דער ייִדן־פראַגע אין אייראָפּע".[30] אין דער נאָטיץ ווערט אויפגעקלערט, אַז אין דער מלחמה איז אַנטשטאַנען אַ געלעגנהייט „ענדגילטיק צו לעזן" די ייִדן־פראַגע אין אייראָפּע, אַז מען וואָלט זיך באַדאַרפט צוגרייטן צו דער דראַסטישער אָפּעראַציע אויף אַזאַ אופן, אַז די אייראָפּעישע מלוכות זאָלן — אונטערן פּאָליציייִשן און דיפּלאָמאַטישן דרוק — איינפירן ביי זיך די היטלעריסטישע אַנטי־ייִדישע געזעצגעבונג, און אויפן סמך פון די דראַסטישע פאַראָרדענונגען זאָלן זיי צוגרייטן די דעפּאָרטאַציע פון די ייִדן אויף מזרח. לוטער האָט פאָרגעזען די שטופנווייזע ייִדן־אויסזידלונג פון דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, סערביע, רומעניע, פראַנקרייך, און ער האָט אויך באַטאָנט, אַז מ׳וועט דאַרפן מאַכן אַ דרוק אויף די רעגירונגען פון בולגאַריע, אונגאַרן און אַנדערע סאַטעליטן, אַז זיי זאָלן מיטאַרבעטן ביים אויסזידלען די דאָרטיקע ייִדישע באַפעלקערונג. נאָכדעם דאַרפן פאָרקומען די ייִדן־אויסזידלונגען פון אַנדערע אייראָפּעישע לענדער.

אין שייכות מיט דער קאָנפערענץ אין רסה"א האָט אַלברעכט (אַ העכערער באַאַמטער אין אויסערן־מיניסטעריום) סוף דעצעמבער 1941 אין דער זעלבער פראַגע פאַרגעשטעלט וויכטיקערע און אויספירלעכן מעמאָריאַל. ער האָט סוגערירט, אַז אין דער פראַגע פון ייִדן „אויסזידלונג" זאָל צוגעגרייט ווערן אַ קאָלעקטיווע פאַרשטענדיקונג, וואָס וועט אַרומנעמען אַלע אָקופּירטע לענדער און די סאַטעליטן פון דייטשלאַנד.[31]

די פּאָליטישע שוועריקייטן ביים דערגרייכן אַזאַ „אַלגעמיינע פאַרשטענדיקונג" זענען דעמאָלט דאָך געווען קאָלאָסאַלע, און די היטלעריסטישע רעגירונג האָט זיך געמוזט מיט דעם ערנסט רעכענען. מ׳האָט זיך דעריבער געמוזט באַגרענעצן צום מאַכן אַ דרוק אויף די רעגירונגען פון די געגעבענע מלוכות.

אויפן סמך פון אַנדערע דאָקומענטן איז באַקאַנט, אַז דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט די דאָזיקע ענינים אויף אַ דיפּלאָמאַטישן וועג געהעריק צוגעגרייט ביי די רעגירונגען פון די סאַטעליטן־מלוכות. אין דער העלפט אויגוסט 1941, נאָכן אָקופּירן בוקאָווינע און בעסאַראַביע, האָט די דייטשישע אַמבאַסאַדע אין בוקאַרעשט מיטגעטיילט קיין בערלין, אַז מ׳איז שוין צוגעטרעטן צו דער אויס־

[30] דאָקום. נ.ג. — 2586. די נאָטיץ האָט צוגעגרייט ראַדעמאַכער, דער רעפערענט III אין אויסערן־מיניסטעריום; וועגן ראַדעמאַכערן און זיין פאַרברעכערישער טעטיקייט אויספירלעך ביי א. אייזנבאַך: „וועגן דער ראָל פון היטלעריסטישן אויסערן־מיניסטעריום אין דער עקסטערמינאַציע פון ייִדן", „בולעטין" פון יי.ה.א. 1952, נר. 4, ז. 304—289.

[31] דאָקום. נ.ג. — 2586, אַלברעכטס נאָטיץ פון 23 דעצעמבער 1941.

זידלונג פון 110.000 ייִדן אין די וועלדער ביים בוג (דרומדיקער). „דער ציל פון דער אַקציע, — לייענען מיר אין דער נאָטיץ פון בוקאַרעשט, — איז די ליקווידאַציע פון די ייִדן".[32] אינעם געהיימען אָפּמאַך צווישן די רעגירונגען פונעם רייך און רומעניע פונעם 30-טן אויגוסט 1941, אינעם פונקט 7 געפינט זיך א קלאַוזולע, וואָס זעט פאָר, אַז די „דעפּאָרטאַציע פון די ייִדן וועט אויך קאָנטינואירט ווערן נאָכן פאַרענדיקן די קריגס-אָפּעראַציעס.[33]

די ענגע צוזאַמענאַרבעט פון רסה"א מיטן אויסערן-מיניסטעריום האָט אויך ארומגענומען — ווי ס'דרינגט פון די געהיימע דייטשישע דאָקומענטן פון א שפּעטערדיקן פעריאָד — פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע און אַנדערע לענדער. לוטער, דערמאָנענדיק אין זיין געהיימען באריכט פון יולי 1942 די יאַנואר-קאָנפערענץ, באַטאָנט, אַז היידריכס אלע צוזאָגן — וועגן די פריערדיקע אָפּגעשטימטע אנטי=יידישע אקציעס אין אויסלאַנד — זענען לאָיאַל דורכגעפירט געוואָרן, אַז די האַרמאָנישע מיטאַרבעט מיט דער רסה"א האָבן קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שטערונגען[34].

לוטערס דערמאָנטע נאָטיץ פונעם 8-טן דעצעמבער זאָגט עדות, אַז דאָס אויסערן-מיניסטעריום און זיכער אויך אַנדערע מיניסטעריומס האָבן זיך זייער זאָרגפעליק צוגעגרייט צו דער קאָנפערענץ אין רסה"א. לוטער האָט אפילו באַריכטעט דעם וויצע-מיניסטער ווייצזעקער וועגן פאַרלויף פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ.

אומקערנדיק זיך נאָך צו דער קאָנפערענץ אין רסה"א דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז היידריך האָט אויפגעקלערט די פראַגע וועגן טערמין פון צוטרעטן צו דער אקציע אין די לענדער פון מערב- און דרום-אייראָפּע, נעמלעך, אַז דאָס „אָנהייבן די באַזונדערע אויסזידלונגס-אקציעס איז אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון דער מיליטערישער אקציע". די אויפקלערונגען פונעם שעף פון דער רסה"א באַשטעטיקט נאָכאַמאָל, אַז צווישן דער היטלעריסטישער פּאָליטיק פון ייִדן-אויסראָטונג און דער אגרעסיווער מלחמה, וואָס דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד האָט צעפלאַקערט, איז געווען אַן ענגער שייכות.

יאָזעף בילער, שטאַטס-סעקרעטאַר אין דער רעגירונג פון דער גענעראַל-גובערניע, איז ארויסגעטראָטן אויף דער קאָנפערענץ מיט א פאָדערונג צוצואיילן די פיזישע עקסטערמינאַציע פון די ייִדן אין דער גענעראַל-גובערניע. זיינע רעזידעראַטן האָט בילער זיך באַמיט אונטערצושטיצן מיט דעם, וואָס 2,5 מיליאָן ייִדן

32 „דער פּראָצעס", ב. XXXII, ז. 184, דאָקומ. פּ.ס. — 3319.

33 דצ"ו, ז. 193, קאָרעספּאָנדענץ פון בראַוטיגאַם צום אויסערן-מיניסטעריום.

34 לוטערס באַריכט פון 21 אויגוסט 1942, דאָקומ. נ.ג. — 2586. לוטער שטרייכט אונטער זיין ענגע צוזאַמענאַרבעט מיט היידריכן און בכלל מיטן ר.ז.ה.אַ.

אין דער גובערניע זענען — לויט זיין מיינונג — שוין סיווי נישט פעיק צו קיין ארבעט [35]. אנדערע האָבן אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט דורכצופירן פּלאַנמעסיקע אקציעס „אויף אזא אופן, וואָס וועט נישט ארויסרופן קיין באאומרואיקונג צווישן דער אָרטיקער באפעלקערונג“.

צוליב דער ווירטשאפטלעכער באדייטונג פונעם יידן=פּראָבלעם האָט מען אויף דער קאָנפערענץ געמוזט זיך פארטראכטן וועגן די פאָלגן פונעם באזייטיקן די יידן פון ווירטשאפטלעכן לעבן. דער מיניסטער נוימאן, גערינגס פאָרשטייער אלס באפולמעכטיקטער פונעם פיריאָרפּלאן, האָט דערקלערט, אז „די יידן, וואָס זענען באשעפטיקט אין וויכטיקע אונטערנעמונגען פון דער קריגס=אינדוסטריע, וועלן נישט קענען עוואקואירט ווערן, ביז ס׳וועט נישט זיין קיין פארטרעטערישער עלעמענט“.

היידריך, בכדי צו בארואיקן די פאָרשטייער פון די ווירטשאפטלעכע ספערן, האָט דערקלערט, אז „אין הסכם מיט זיינע אָנווייזונגען וועגן דער יידן=אויסזידלונג, וועלן די יידן, וואָס זענען באשעפטיקט אין די אונטערנעמונגען פון דער קריגס=אינדוסטריע, נישט ווערן אויסגעזידלט“.

דער דאָזיקער פאקט באווייזט, אז נוימאן און אנדערע פאָרשטייער פון די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטן האָבן אויסגעדריקט זייער פולן הסכם אויפן אומברענגען די גאנצע יידישע באפעלקערונג. זיי האָבן בלויז ארויסגערוקט דעזידעראטן פון אויפהאלטן א באשטימטע קאטעגאָריע יידישע ארבעטס=כוחות אויף א געוויסער צייט, כדי צו פארזיכערן די אינטערעסן פון דייטשישן קאפּיטאל. היידריך האָט צוגעזאָגט צו נעמען אין אכט די דעזידעראטן פון די דייטשישע קאפּיטאליסטן, און פאקטיש זענען טאקע אין די שפּעטערדיקע הדשים פארן אומברענגען דורכגעפירט געוואָרן סעלעקציעס פון דער באפעלקערונג.

ווי ס׳דרינגט פונעם פּראָטאָקאָל, האָט היידריך אויך גערעדט וועגן דער שאַפונג אין טערעזין אַן „אלטערסגעטאָ“, וואָס איז געווען באשטימט פאר יידן עלטערע פון 65 יאָר. דאָס געטאָ אין טערעזין האָט באדארפט שאפן א שיין — ווי מיר וועלן ווייטער באווייזן — אז די היטלערישע מאכט ליקווידירט נישט אלע יידן. מ׳האָט אויך פיל גערעדט וועגן עווענטועלער סטעריליזאציע פון מישלינגער פון 1=טער און 2=טער מדרגה. אויף דער יאנואר=קאָנפערענץ אין דער רסה״א האָט זיך היידריכן איינגעגעבן צו קומען צו א הסכם מיט די צענטראלע דייטשישע מאכט=אָרגאנען וועגן אָנהייבן די פעלקערמערדערישע אקציע, און אויף אזא אופן האָט ער אויסגעמיטן עווענטועלע רייבונגען און מחלוקותן וועגן פּרעסטיזשפראגן בעת די פארניכטונגס=אקציעס.

---

[35] דאָקום. נ.ג. — 2586; פג״ל אויך: „די צעשטערונג פון ווארשע“, ז. 234/36.

קורץ נאָך דעם איז אין רסה״א ביי אייכמאַנען פאָרגעקומען א באַראַטונג פון רעפערענטן פאר די יידישע ענינים ביי דער שופאָ אין די אָקופּירטע לענדער. שפּעטער זענען אויך פאָרגעקומען צווישנמיניסטעריאַלע קאָנפערענצן „איבער ענדלייזונג פון דער יידן=פראַגע“ [36]. אייכמאַן האָט גערופן די קאָנפערענץ, ווייל ס'איז אומבאַדינגט נייטיק געווען א גרינטלעכע באַהאַנדלונג, ווי מ'דאַרף צוגרייטן און אין דער פּראַקטיק דורכפירן די פּלענער פון יידן פאַרניכטונג אין די לענדער פון מערב= און דרום=אייראָפּע.

3. די מאַסן-פאַרטיליקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג

די ערשטע שוועריקייטן פון דער אָקופּאַציע-מאַכט און רעזולטאַט פון דער מאַסן-פאַרניכטונג פון יידן

נאָכן פאַרענדיקן אַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע און טעכנישע צוגרייטונגען האָט זיך אָנגעהויבן אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן א גרויסע פעלקערמערדערישע אַקציע, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און האָט געדויערט אָן איבעררייס ביזן סוף פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

אין שלעזיע האָט מען די פאַרניכטונגס=אַקציע דורכגעפירט זינט דער העלפט 1941, גלייכצייטיק מיטן פאַנאַנדערבויען דעם אָשוויענטשימער לאַגער [1].

אין „וואַרטעגאַו“ האָט מען אָנגעהויבן די מאַסן=פאַרטיליקונג אָנהייב דעצעמבער 1941 אין טויט=לאַגער כעלמנאָ ביים נער [2]. דער כעלמנער לאַגער איז געווען דער עיקר באַשטימט פאַר די יידן פון די מערבדיקע פּוילישע געביטן, וואָס זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין רייך. דער גאַולייטער גרייזער האָט באַקומען א ספּעציעלן באַפעל פון הימלערן (וואָס האָט אויך געהאַט די צושטימונג פון הײדריכן) וועגן ליקווידירן אין „וואַרטע=לאַנד“ 100.000 יידן אין די ערשטע חדשים 1942. אין הסכם מיטן דאָזיקן באַפעל האָט גרייזער אַרויסגעגעבן דעם 2=טן יאַנואַר 1942 א געהיימען דעקרעט „וועגן דער אַנטיידישונג פון וואַרטע=

---

[36] דצ״ו, דאָקומענט וועגן דער באַראַטונג אָנהייב מערץ 1942; באַריכט פון לוטער פון 21 אויגוסט 1942; אָפיציעלע נאָטיץ פון דאַנעקער פון 10 מערץ 1942, „נאַצי קאָנספירייש“, ב. I, ז. 955.

[1] „דער פּראָצעס“ פון העסן, ב. XXI, ז. 2—4.

[2] אויספירלעכער אין דער אַרבעט פון וול. בעדנאַזש וועגן כעלמנער לאַגער, „בולעטין“ הק.פ.ה.פ., ב. I.

לאנד" [3]. און שוין אין דער העלפט מאי 1942 האָט גרייזער געמאָלדן הימלערן, אז זיין באפעל וועט בקרוב אויסגעפירט ווערן [4].

אין דער גענעראל-גובערניע האָט זיך די פארטיליקונגס-אקציע פון די יידן אָנגעהויבן אין די ערשטע וואָכן פון פרילינג 1942 יאָר. דאָס ערשטע אָרט פון מאסן-פארניכטונג איז געווען דער לאגער אין בעלזשעץ [5]. דער דאָזיקער לאגער איז דער עיקר געווען באשטימט פאר די דרום-מזרחדיקע געגנטן, אלזאָ, פאר די יידן פון לובלינער און גאליצישן דיסטריקט פון דער גענעראל-גובערניע. שוין אין די ערשטע חדשים פון 1942 יאָר זענען אין בעלזשעצער לאגער אומגעקומען עטלעכע צענדליק טויזנט יידן פון די דערמאָנטע געביטן.

די איבערזידלונגס-אקציע פון יידן פון אנדערע לענדער אין די לאגערן פון פוילן האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער העלפט סעפטעמבער 1941. דער ערשטער טראנספּאָרט יידן איז אָנגעקומען פון דייטשלאנד, אין די ווייטערדיקע חדשים זענען אָנגעקומען טראנספּאָרטן פון טשעכאָסלאָוואקיע און אנדערע לענדער. זינט אָנהייב 1942 שטעלן מיר פעסט א פארשטארקונג פון די אויסזידלונגס-אקציעס און אן אויסברייטערונג פון זייער טעריטאָריעלן פארנעם. דעם 26-טן יאנואַר 1942 יאָר האָט הימלער מודיע געווען דעם שעף פון די קאָנצענטראציע-לאגערן, דעם עסעס-בריגאדע-פירער גליק, אז אין דער נאָענטסטער צייט דארף מען דערווארטן דאָס אָנקומען אין די לאגערן גרעסערע טראנספּאָרטן יידן פון רייך. במשך פון די נאָענטסטע פיר וואָכן — שרייבט הימלער — וועט מען ארויסשיקן אין די קאָנצלאגערן הונדערט טויזנט יידישע מענער און פופציק טויזנט פרויען [6].

אין גאנג פון דורכפירן די פעלקערמערדערישע אקציעס אויף די אָקופּירטע פוילישע געביטן האָבן זיך שוין אין די ערשטע חדשים אנטפּלעקט געוויסע חלוקי-דעות צווישן די מיליטעריש-ווירטשאפטלעכע ספערן אין רייך און הימלערן און די עסעס. דער אָביעקט פון די רייבונגען איז געווען דער עיקר דער פּרימאט פון עקספּלאָאטאציע פון שקלאפערישער יידישער ארבעטס-קראפט פאר דער דייטשישער באוואָפענונגס-אינדוסטריע. דאָס בענטערע באקענען זיך מיט די דאָזיקע רייבונגען, וואָס זענען ארויסגעוואקסן אויפן באָדן פון דער דעמלטיקער

---

[3] אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן ג.פ. 40/41, גרייזערס בריוו צום אויבערבירגערמייסטער פון לאָדזש פון 13 דעצעמבער 1942.

[4] אַרכיוו פון דער ה.ק.פ.ה.פ., דצ. — 4, דאָקום. 14, גרייזערס בריוו צו הימלערן פון 1 מאַי 1942.

[5] אויספירלעכער וועגן טויט-לאַגער אין בעלזשעץ שרייבט ע. שרויט אין „ביולע-טין" ה.ק.פ.ה.פ., ב. II.

[6] קרופּס פּראָצעס (נר 10), ב. II (פאַרטיידיקונג), דאָקום. נר. 34; סטראָאָפּס פּראָ-צעס, טעקע באַווייזן.

ווירטשאַפטלעכער ווירקלעכקייט פון רייך, איז אַן אומבאַדינגטער תנאי פאַר דעם געהעריקן תופס זיין די באַזונדערע עטאַפּן פון דער יידן=פאַרטיליקונג אין פוילן.

* * *

די צענטראַלע מאַכט=אָרגאַנען האָבן זיך געמוזט רעכענען מיט דער ראָל, וועלכע די יידן האָבן געשפּילט ביזן 1939 יאָר אין ווירטשאַפטלעכן לעבן בכלל און בפרט אין פוילן. דערפאַר האָבן זיי אין אייניקע דירעקטיוון פאַר די לאָקאַלע אויספיר=אָרגאַנען באַפוילן, אַז די עקסטערמינאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג דאַרף דורכגעפירט ווערן שטופנווייז, כדי צו פאַרהיטן די דייטשישע מלחמה=ווירטשאַפט פון עווענטועלע שאָדנס. אין זיין טעלעפאָנאָגראַמע פון 21=טן סעפּטעמבער 1939 יאָר האָט היידריך באַטאָנט, אַז ביים דורכפירן אַלע נייטיקע מאָסמיטלען קעגן יידן דאַרף מען נעמען אין אַכט, „אַז דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון די אָקופּירטע געביטן זאָל נישט ליידן קיין שאָדן“[7].

דער היטלעריסטישער עקאָנאָמיסט פּ. ה. זעראַפים האָט די פראַגע אויספירלעך באַהאַנדלט אויף דער פראַנקפורטער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען סוף מערץ 1941. אַנאַליזירנדיק די „באַפעלקערונגס= און ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון אַן אַלגעמיינער לעזונג פון דער יידן=פראַגע אין אייראָפּע“, האָט זעראַפים געהאַלטן פאַר נייטיק צו וואָרענען, אַז „דאָס יידישע פּראָבלעם איז נישט אַזוי ווייט אַן עטניש=פּאָליטיש, ווי קודם=כל אַ ווירטשאַפטלעך פּראָבלעם פון ערשטקלאַסיקער וואָג“. ווייטער טייטשט אויס זעראַפים, אַז „די ווירטשאַפטלעכע באַדייטונג פון דער יידן=פראַגע איז נוגע אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס אַלע מלוכות פון אייראָפּע, איז בכן אַן אַלגעמיין=אייראָפּעיש פּראָבלעם“.

די ספּעציפישקייט פון דעם ראָזיקן ווירטשאַפטלעכן פּראָבלעם באַשטייט דערין — טייטשט אויס זעראַפים — „אַז אין ערגעץ אין אייראָפּע איז דער ייד אין ווירטשאַפטלעכער הינזיכט נישט פאַרבונדן מיטן באָדן“, אַז די יידן זענען קאָנצענטרירט און דאָמינירן אין באַשטימטע צווייגן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן. כדי נישט אַרויסצורופן קיין אויפטרייסלונגען אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די אָקופּירטע געביטן, האַלט זעראַפים, אַז „מען דאַרף די יידן עלימינירן פון די געביטן אָדער שטעט אין דער מאָס, אויף וויפל עס וועלן זיך געפינען קוואַליפיצירטע כוחות פון צווישן דער אָרטיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעל=

---

[7] אין דער אינסטרוקציע לייענען מיר:

„Bei der Wahrung der deutschen Wirtschaftsinteressen in den Besetzten Gebieten ist es selbstverständlich, dass jüdische Lebens-Kriegs — oder für den Jahresplan wichtige Industriezweige und Betribe zunaechst erhalten bleiben müssen Auch in diesen Faellen ist die alsbaldige Arisierung anzustreben und die Auswanderung der Juden nachzuholen“ (Schnellbrief I, 2).

קערונג, וועלכע וועלן זיין בכוח איבערצונעמען די אויסגעפירטע ביז איצט דורך די יידן ווירטשאפטלעכע פונקציעס"[8].

זעראפים האָט זיך אומגעקערט צום דאָזיקן ענין עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען ער האָט פארנומען דעם אמט פון ראטגעבער פאר יידישע ענינים ביי דער הויפּט־קאָמענדאנטור פון דער דייטשישער ארמיי אין אוקראינע. ער איז דעמלט געווען אן עדות פון מאסן־דערשיסונגען פון יידן. ער שרייבט וועגן דעם אין א געהיימען באריכט, וואָס איז (דעם 2־טן דעצעמבער 1941) איבערגעשיקט געוואָרן צום הויפּט־שעף פון דעם באוואָפענונגס־אינספעקטאָראט ביי דער אויבערקאָמאַנדע פון דער ווערמאכט, אז „דער פארגעם פון דער אַקציע איז געווען אזא גיגאַנטישער, אז עס איז נישט געווען קיין ענלעכס אויף דעם גאנצן שטח פון ראטנפארבאנד"[9], אז מען האָט אויסגעמאָרדעט 200.000 יידן. גלייכצייטיק אָבער האָט זעראפים אונטערגעשטראָכן, אז די ספּעציפישקייט פון דער מלחמה־ווירטשאפט האָט געבראכט צו סתירות מיט די פּאָליטישע פּלענער. „דורך אויסמאָרדן די יידן, — שרייבט זעראפים, — האָט מען פארניכטעט דעם רוב האנטווערקער און דערמיט געבראכט שאָדן די אינטערעסן פון דער דייטשישער ארמיי". צום סוף פון זיינע אויספירן וואָרנט זעראפים, אז די פארטיליקונג פון די יידן אויף אוקראינע וועט האָבן „ווייטגייענדיקע ווירטשאפטלעכע, אפילו קריגס־ווירטשאפטלעכע פאָלגן"[10].

דעם זעלבן קאָנפליקט שטעלן מיר אויך פעסט אין צווייטן קאָמיסאריאט „אָסטלאנד", וואָס איז באשטאנען פון די אָקופּירטע סאָוויעטישע ווייסרוסישע, ליטווישע, לעטישע און עסטאָנישע רעפּובליקן. דער רייכס־קאָמיסאר פאר אָסטלאַנד גאולייטער לאָהזע האָט אונטערגעשטראָכן אין זיין בריוו פון 15־טן נאָוועמבער 1941 יאָר צום מיניסטער פון די אָקופּירטע מזרח־געביטן ראָזענבערג, אז הגם דאָס אָפּרייניקן אָסטלאנד פון יידן איז א גאנץ פארשטענדלעכער און דרינגענדיקער ענין, מוז מען אָבער ביי דער רעאליזירונג „נעמען אין אכט די נויטן פון דער מלחמה־ווירטשאפט"[11]. לאָהזעס שטעלונג איז געווען א רעזולטאט פון די אָפטע אינטערווענצן מצד דעם גענעראל ברעמער, דעם שעף פון דער אינטענדענטור ביי דער מיליטער־אָנפירונג אין אָסטלאנד. אין צוזאמענהאנג דערמיט האָט לאָהזע ארויסגעגעבן דעם 14־טן דעצעמבער 1941 יאָר אן אלגע־

8 P. H. Seraphim: Bevölkerungs- und wirtschaftliche Probleme einer europäischen Gesamtlösung der Judenfrage, München 1943, p. 6, 15, „Weltkampf" 1941, I.

9 זעראפימס באריכט אין אַרכיוו פון יי.ה.א. (קאָפּיע); „נאַצי קאָנספּיראַסי", ב. I, ז. 1002; ב. V, ז. 994.

10 דצ"ו.

11 מ. ווײַנרייך: היטלערס פּראָפעסאָרן, ז. 162

מיינעם באפעל צו די אים אונטערגעאָרדנטע פּאָליציייאישע און אדמיניסטראטיווע מאכט־אָרגאנען אין גאנצן קאָמיסאריאט אויפצוהאלטן דערהוויל די ליקווידאציע פון די יידישע פּאַכלייט, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די באוואָפענונגס־וואַר־שטאַטן און אונטערנעמונגען, ווי אין עלעמענט, וואָס האָט אויסצופירן א דרינ־גענדיקע אויפגאבע פאר דער ארמיי און קאָן לעת־עתה נישט פארטראָטן ווערן דורך דער אַרטיקער באפעלקערונג [12].

די ידיעות וועגן די מיינונגס־פארשידנהייטן זענען דערגאנגען קיין בערלין. אין רעזולטאט פון דער אינטערווענץ פון זיכערהייטס־אמט האָט ראָזענבערג גע־געבן א קאטעגאָרישע נעגאטיווע תשובה און זיין געהיימער אינסטרוקציע פון 18־טן דעצעמבער 1941 יאָר, שרייבנדיק „אז די ווירטשאפטלעכע אינטערעסן דארפן נישט גענומען ווערן אין באטראכט ביים לעזן די יידן־פראגע" אויפן מזרח [13]. עס האָבן, אלזא, דעצידירט די פּאָליטישע מאָמענטן. ראָזענבערגס פאר־ברעכערישער באפעל איז געווען א בולטער אויסדרוק פון דעם.

די מאסן־ליקווידאציע פון יידן איז ווייטער דורכגעפירט געוואָרן אין אוק־ראינע, ווייסרוסלאנד און די באלטישע לענדער. די באדערפענישן פון דער קריגס־אינדוסטריע האָבן אָבער דיקטירט דער אָקופאציע־מאכט איינצוהאלטן און בא־שעפטיקן אויף אן איבערגאנגס־צייט האנטווערקער און אנדערע פאכלייט אין די אונטערנעמונגען, וואָס ארבעטן פאר דער ווערמאכט. די דערמאָנטע פאקטן זאָגן עדות דערויף, אז די ערשטע מאסן־דערשיסונגען פון יידן אויף די סאָוועטישע טעריטאָריעס האָבן פארשאפט געוויסע שוועריקייטן, וואָס וועלן אָנוואקסן אין גאנג פון דער עקסטערמינאציע פון דער יידישער באפעלקערונג.

4. דער דוחק פון ארבעטס־כוחות אין רייך און די אינטערעסן פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל

אין היטלעריסטישן דייטשלאנד איז נאָך לאנג פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה — ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט — פאָרגעקומען א פּראָצעס פון צוואנגס־צענטראליזאציע פון קאפיטאל. ביי דער אונטערשטיצונג פון דער מלו־כה־מאכט האָבן די מאָנאָפּאָלן דורכגעפירט די ליקווידאציע פון קלענערע אונ־טערנעמונגען אין א צוואנגס־פאראייניקונג פון קארטעלן. אויף אזא אופן האָט

[12] דצ"וו, ז. 164, געהיימער בריוו פון רייכסקאָמיסאר פון „אָסטלאַנד" פון 13 דעצעמבער 1941.

[13] דצ"וו, ז. 169 („ווירטשאפטלעכע אינטערעסן דארף מען פרינציפיעל נישט נע־מען אין אכט ביים רעגולירן... [די יידן־פראגע]".

דער פינאַנס-קאַפּיטאַל פאַרשטאַרקט זיינע פּאָזיציעס. גלייכצייטיק מיטן אויסערגעוויינלעכן וווּקס פון זיין מאַכט-פּאָזיציע האָט דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל נאָך שטאַרקער אונטערגעאָרדנט זיך דעם מלוכה-אַפּאַראַט. היטלער-דייטשלאַנד איז דעמאָלט געווען אַ טיפּיש לאַנד פון מלוכהש-מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם.

מיטן מאָמענט פון מלחמה-אויסברוך איז פאָרגעקומען אַ נאָך ענגערע צונויפוואַקסן זיך פון די באַזונדערע מלוכהשע אינדוסטריע-גרופּן מיט די קאַרטעלן און די א. ג. רייכס-פאַרבאַנדן. די לעצטע זענען געווען די העכסטע מלוכה-אָרגאַנען אין געגעבענעם אינדוסטריע-צווייג. אין זיי האָבן זיך די טרעסטן און קאַרטעלן פאַרזיכערט אַ דעצידירנדיקע איבערהאַנט. פאָרמעל זענען זיי געווען אונטער דער השגחה פון גערינגען און ווירטשאַפטס-מיניסטער פונק, פאַקטיש זענען זיי שוין פון דער העלפט 1942 געווען אונטערגעאָרדנט שפּערן, דעם מיניסטער פאַר באַוואָפענונג און אַמוניציע.

דאָס מיניסטעריום פאַר באַוואָפענונגס-פּראָדוקציע איז אַנטשטאַנען אין מערץ 1940 און זיין ערשטער לייטער איז געווען ד"ר פריץ טאָדט.[1] דאָס ניי-אַנטשטאַנענע מיניסטעריום האָט קודם-כל קאָאָרדינירט די טעטיקייט פון די מלוכה-אַמטן און אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטן פאַר דער מלחמה-אינדוסטריע און באַדערפעניש פון דער אַרמיי. אין פעברואַר 1942, נאָך טאָדטס טויט, ווען שפּער איז געוואָרן באַוואָפענונגס-מיניסטער און גלייכצייטיק געווען דער „באַפולמעכטיקטער פאַר די ענינים פון באַוואָפענונג אינעם פיר-יאָריקן פּלאַן", האָט דאָס מיניסטעריום איבערגענומען אַלע וויכטיקסטע אויפגאַבן און פונקציעס פון ווירטשאַפטס-מיניסטעריום און פון ווירטשאַפטס-באַוואָפענונגס-אַמט ביי דער אָבערקאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט.[2] אינעם דאָזיקן מיניסטעריום האָבן צוזאַמענגעאַרבעט פאָרשטייער פון דער דייטשישער גענעראַליציע און די „אַלטע" קאָנצערנען און טרעסטן, די פאָרשטייער פון ניי-אַנטשטאַנענעם גערינג-קאָנצערן און די רעפּרעזענטאַנטן פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי. שפּער האָט אין דער צענטראַלער רעגירונג רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל. היטלער ווידער האָט באַטראַכט שפּערן, ווי זיין פאַרטרויונגס-מאַן אין אַלע ווירטשאַפטלעכע ענינים פון רייך. שפּער איז געווען היטלערס אַ פּערזענלע-

[1] ר.ג.-בל. 1940, ב. I, ז. 513—515. היטלערס דעקרעטן פון 17 און 20 מערץ 1940 וועגן שאַפן אַ מיניסטעריום פאַר באַוואָפענונג און אַמוניציע; טאָדט האָט געשאַפן די אָרגאַניזציע „טאָדט".

[2] גענעראַל טאָמאַס איז ווייטער געבליבן שעף פון „ריסטונגס-אַמט", נאָך זיין אינקאָרפּאָראַציע אין שפּערס מיניסטעריום. גערינגס אונטערנעמונגען האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערוואַקסן זינט 1937 און שוין נאָך עטלעכע יאָר האָט דער גערינג-קאָנצערן איינגעשלונגען אין זיך עטלעכע הונדערט אינדוסטריע- און בוי-אונטערנעמונגען.

כער פריינד נאָך פון פריִער פאַרן איינשטעלן די פאַשיסטישע דיקטאַטור. שפער איז געווען אַ מיטגליד פון דער נ.ס.ד.אַ.פ., פון דער ס.ס. און ס.אַ. און האָט געהערט צו דער פערזענלעכער גוואַרדיע פון היטלערן, ער איז געווען איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון גערינגען און העסן.[3] דורך רויב פון רוישטאָפן און אַנדערע רעסורסן פון די אָקופירטע לענדער, דורך אומרחמנותדיקער עקספלאָאַטאַציע פון דער אונטעריאָכטער באַפעלקערונג און פון די קריגס־געפאַנגענע האָט שפער פאַרגרעסערט די פראָדוקציע פון אַמוניציע־מאַטעריאַל און געהויבן דעם קריגס־פאָטענציאַל פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד.

* * *

שוין פרילינג 1942 האָט די ווירטשאַפטלעכע און מיליטערישע לאַגע פון דייטשלאַנד באַדייטנדיק זיך פאַרערגערט. די זיך פאַרשלעפנדיקע מלחמה האָט ארויסגערופן א מאנגל פון ארבעטס־כוחות אין דער באוואָפענונגס־פראָדוקציע. די מענטשלעכע אַרבעטס־רעזערוון, וועלכע מען האָט נאָך געקאָנט אויסנוצן אין רייך, זענען געווען נישט גענוגנדיק צוליב דער פריערדיקער טאָטאַלער מאָביליזאַציע צו דער וועהרמאַכט. נאָך אין 1940 האָט די היטלעריסטישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ ריי פאַראָרדענונגען וועגן פאַרמאַכן הונדערטער אונטערנעמונגען, כדי „ראַציאָנעלער“ אויסצונוצן די פאַראַנענע אַרבעטס־כוחות. דער פראָצעס פון „דורכזיפן“ די קלענערע אונטערנעמונגען איז פאָרגעקומען כסדר אָן הפסקה אין הסכם מיט דער פאַראָרדענונג פון רייכס־אַרבעטס־מיניסטער. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער קאָנטראָל פון אונטערנעמונגען האָט מען אין רייך איבערגעוואָרפן אין 1940 יאָר 480 טויזנט אַרבעטער פון די „פרידלעכע“ ווירטשאַפטס־צווייגן צו דער באַוואָפענונגס־אינדוסטריע.[4]

די היטלעריסטישע רעגירונג האָט אויסגענוצט אַלע נאָך עקזיסטירנדיקע מענטשלעכע רעזערוון אויף די אָקופירטע געביטן, כדי צו שטאַרקן דעם קריגס־ווירטשאַפטלעכן פאָטענציאַל פון דייטשלאַנד. אַ מאָביליזאַציע פון אַלע מעגלעכע אַרבעטס־רעזערוון איז איצט געוואָרן אַ ברענענדיקע פראַגע. היטלער האָט מיטן דעקרעט פון 21 מערץ 1942 געשאַפן אַ ספעציעלן אַמט פון אַ „גענעראַל־באַפולמעכטיקטן פאַר די ענינים פון באַשעפטיקונג“ און אַלס זיין לייטער האָט ער באַשטימט דעם גאַולייטער זאַוקעל.[5]

[3] אָפיציעלע נאָטיץ פון 24 מערץ 1942 וועגן דער באַראַטונג ביים שעף פון באַוואָפענונגס־אַמט אין אָ.ק.וו. וועגן ווירטשאַפטלעכע ענינים; „דער פראָצעס“, ב. XXVII, ז. 219.

[4] א. נאָרדען, דצ"וו, ז. 130; „דער פראָצעס“, ב. XV, ז. 179, דאָקומ. או.ס.ס.ר. — 467.

[5] ר.ג.־בל., 1942, I, 179.

זאַוקעל האָט אויפֿן סמך פֿון די דערהאַלטענע פֿולמאַכטן אַרויסגעגעבן דעם 20 אַפּריל אַ פֿאַראָרדענונג, אין וועלכער ער האָט פֿאָרמולירט די פּרינציפּן פֿון דער אַרבעטס-מאָביליזאַציע אין פֿאָלגנדיקן אופֿן:

„די נייע גיגאַנטישע מאָביליזאַציע דאַרף אויסנוצן אַלע קאָלאָסאַלע און רייכע אוצרות, וואָס זענען דעראָבערט און פֿאַרזיכערט געוואָרן דורך אונדזערע מיליטערישע כּוחות לטובת דער באַוואָפֿענונג און אַפּראָוויזאַציע פֿון לאַנד. אַלע רוישטאָפֿן און פּראָדוקטן פֿון די אָקופּירטע געביטן און די אַרבעטס-כּוחות דאַרפֿן פֿולשטענדיק עקספּלאָאַטירט ווערן לטובת דייטשלאַנד. די פֿולשטענדיקע אויסנוצונג פֿון אַלע קריגס-געפֿאַנגענע און די גרויסע צאָל אויסלענדישע אַרבעטער — מענער און פֿרויען — איז איצט געוואָרן... אַ נויטווענדיקייט ביים רעאַליזירן דעם פּלאַן פֿון אַרבעטס-מאָביליזאַציע אין דער איצטיקער מלחמה“.[6]

זאַוקעל אינסטרואירט ווייטער, אַז די אַרבעטס-כּוחות דאַרף מען אַזוי דערנערן און טראַקטירן, אַז מען זאָל זיי קאָנען וואָס בעסער און ביליקער עקספּלאָאַטירן.[7]

אין הסכּם מיט די דערהאַלטענע פֿולמאַכטן האָט זאַוקעל אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט דער רסה“א אָרגאַניזירט דעפּאָרטאַציעס פֿון מיליאָנען מענטשן אויף צוואַנגס-אַרבעט אין רייך. זאַוקעל האָט אַליין דערקלערט אויפֿן נירענבערגער פּראָצעס, אַז אויף 5 מיליאָן דעפּאָרטירטע אין רייך פֿרעמדע אַרבעטער זענען אַפֿילו קיין 200 טויזנט נישט געפֿאָרן אייגנוויליק.

מען דאַרף דערמאָנען, אַז זאַוקעלס צענטראַלער אַמט האָט ביזן סוף פֿון דער מלחמה רעגולירט אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן באַזאָרגן אַרבעטס-כּוחות פֿאַר די באַזונדערע אינדוסטריע-צווייגן פֿון רייך.

כּדי צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט פֿון אַלעווירטשאַפֿטס-סעקטאָרן איז אין אַפּריל 1942 געשאַפֿן געוואָרן אַ „צענטראַלע פּלאַנירונגס-ביוראָ“. אָפֿיציעל איז עס געווען אַן אַמט פֿון פֿיריעריקן ווירטשאַפֿטס-פּלאַן, פֿאַקטיש אָבער איז עס געווען אַ מלוכה-אָרגאַן, מיט דער פֿאַרמיטלונג פֿון וועלכן די דייטשישע קאָנצערנען האָבן קאָנטראָלירט כּמעט די גאַנצע דייטשישע מלוכה-ווירטשאַפֿט אין די יאָרן 1942—1945. צום טעטיקייטס-געביט פֿון דייטשישן צענטראַלן „פּלאַנירונגס-ביוראָ“ האָט דער עיקר געהערט: דאָס רעגולירן די פֿאַנאַנדערטיילונג און פֿאַרווענדונג פֿון רוישטאָפֿן, וואָס זענען אומבאַדינגט נייטיק צו פֿירן די מלחמה און

---

[6] „נירענבערגער מאַטעריאַלן“ (פּויליש), ז. 227.

[7] דצ“ו, ז. 225. גערינג, אונטערשטיצנדיק זאַוקעלס אַקציע, האָט דעם 30 אַפּריל 1942 אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, לויט וועלכן ער פֿאַרבאָט צו באַשעפֿטיקן אַרבעטער, ספּעציעל פֿאַכלייט, אין דער פּראָדוקציע, וועלכע האָט נישט קיין גרעסערע באַדייטונג פֿאַר דער קריגס-ווירטשאַפֿט. פֿג“ל שפּערס פֿאַראָרדענונג פֿון דער העלפֿט 1942, ר.ג.-בל., 1942, ב. I, ז. 239.

די צוטיילונג פון אַרבעטס־כּוחות פאַר די עיקרדיקע צווייגן פון דער באַוואָפענונגס־פּראָדוקציע.[8] צום דאָזיקן ביוראָ האָבן געהערט: מיניסטער שפּער, פעלדמאַרשאַל מילך און אַ פאָרשטייער פון די דייטשישע מאָנאָפּאָלן — קערנער. אין די באַראַטונגען פון פּלאַנירונגס־ביוראָ האָבן אויך אָנטיילגענומען (חוץ מיניסטער פונק און זאַוקעל) פאָרשטייער פון די הויפּט־צווייגן פון דער אינדוסטריע און האָבן געהאַט אַ דעצידירנדיקע השפּעה אויף זייערע באַשלוסן. אין אַלע ענינים, וואָס זענען נוגע דער דיסטריבוציע פון רוישטאָפן און אַרבעטס־כּוחות, כּדי צו פאַרזיכערן גרעסערע פּראָפיטן פאַר די דייטשישע מאָנאָפּאָלן.

* * *

בעת די דייטשישע מאָנאָפּאָלן האָבן אין רעזולטאַט פון אונטעראָרדענען זיך דעם היטלעריסטישן מלוכה־אַפּאַראַט און מיט זיין הילף געשאַפן עטלעכע צענטראַלע אָמטן צו קאָנטראָלירן די דייטשישע מלחמה־ווירטשאַפט, זענען אַנטשטאַנען אין רייך, און בפרט אויף די אָקופּירטע געביטן, קאַרטעלן פון אַ נייעם מין, אָרגאַניזירטע דורך די צענטראַלע אָרגאַנען פון ס.ס. דאָס איז געווען אַ גרויסע נעץ פון אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן מיט זייער טעטיקייט אַרומגענומען אַ קאָלאָסאַלן שטח — פון האָלאַנד ביז אונגאַרן און פּוילן.

די געגנטן פון די נייע עסעסישע קאַרטעלן האָט מען זוכן אין די אויסערגעוויינלעכע פולמאַכטן, וועלכע הימלער האָט באַקומען דורך היטלערס געהיימען דעקרעט פון 7 אָקטאָבער 1939. הימלער, וואָס האָט דערפילט די פונקציע פון „רייכסקאָמיסאַר פאַר פאַרפעסטיקן די דייטשישע פאָלקסשאַפט", האָט באַקומען אומבאַגרענעצטע רעכט צו פאַרניכטן אַלע באַפעלקערונגס־גרופּן, וועלכע זענען באַטראַכט געוואָרן — אין הסכּם מיט דער היטלעריסטישער אידעאָלאָגיע — אַלס געפערלעכער עלעמענט פאַר דער דייטשישער מלוכה. הימלער האָט באַקומען אומבאַגרענעצטע רעכט דורכצופירן מאַסן־איבערזידלונגען פון דער באַפעלקערונג און קאָנפיסקירן זייער פאַרמעגן.[9]

אין רעזולטאַט פון די דורכגעפירטע דורך די ס.ס. און פּאָליציי קאָנפיסקאַציעס סיי אויף די פּוילישע שטחים, סיי אין אַנדערע אָקופּירטע לענדער,[10] איז

---

[8] „קרופּס פּראָצעס", ב. I.

[9] „גרייזערס פּראָצעס", ז. 378/79, דאָרט זענען פאַרעפנטלעכט פראַגמענטן פון היטלערס דעקרעט פון 7 אָקטאָבער 1939.

[10] הימלער, אַלס רייכסקאָמיסאַר צו באַפעסטיקן דאָס דייטשישע פאָלקסטום, האָט דעם 10 נאָוועמבער 1939 אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וואָס זעט פאַר די קאָנפיסקאַציע פון לאַנדווירטשאַפטלעכע גיטער לטובת דער ס.ס. „גרייזערס פּראָצעס"", ז. 380.

פֿאָרגעקומען אַ ווייטערדיקע מעכטיקע קאָנצענטראַציע פֿון אונטערנעמונגען און
קאַפּיטאַלן אין די הענט פֿון די ס.ס. אויף דער באַזע פֿון די צוגערויבטע אונטער=
נעמונגען זענען אַנטשטאַנען די עס־עס־ישע קאַרטעלן. די דאָזיקע אונטערנעמונגען
זענען נאָך דער רעאָרגאַניזאַציע פֿון די צענטראַלע אָרגאַנען פֿון ס.ס. געווען אונ=
טערגעאָרדנט דער 5=טער סעקציע פֿון הויפּט=אַמט ווירטשאַפֿטס=פֿאַרוואַלטונג
(ווּ.פּ.ה.א.)[11] דעם שטאַב „וו“ („ווירטשאַפֿטס=בעטריבע“), וועמענס שעף ס'איז
געווען דער באַקאַנטער קריגס=פֿאַרברעכער, ס.ס.=כטאַנדאַרטענפֿירער האָכבערג.[12]

אינעם מעמאָריאַל פֿון 19 סעפּטעמבער 1941 האָט האָכבערג אַזוי פֿאָרמו=
לירט צוו. אנד. דעם כאַראַקטער און די ראָל פֿון די ס.ס.־ישע אינדוסטריע=אונטער=
נעמונגען:

„מיין הויפּט=אַמט (ס.ס.) איז אונטערגעאָרדנט אַ באַדייטנדיקע צאָל פֿאַר=
שידענע געזעלשאַפֿטן. זייערע אַלע פֿאַיען געפֿינען זיך אין די „דייטשישע ווירט=
שאַפֿטס=אונטערנעמונגען“, אקציע=געזעלשאַפֿט מב"ה, וואָס איז אויך אונטערגע=
אָרדנט מיין הויפּט=אַמט... דער פֿירער=פּרינציפּ, וואָס ווערט אַזוי שטאַרק אָפּגע=
היטן אינעם אַדמיניסטראַטיוון סעקטאָר פֿון ס.ס., ווערט אויך ניט ווייניקער
שטרענג אָנגעווענדעט אין די אונטערנעמונגען פֿון ס.ס.... דער קאָנטאַקט צווישן
די מוטער=געזעלשאַפֿטן און זייערע פֿיליעס איז אַזאַ ענגער, אַז אין ווירטשאַפֿט=
לעכן זין בילדן זיי אין אַ געוויסער מאָס אָפּטיילונגען פֿון דער דאָזיקער מוטער=
אינסטיטוציע... דער טעטיקייטס=פֿאַרנעם פֿון די אונטערנעמונגען איז זייער אַ
פֿאַרשידנאַרטיקער“.[13] באמת, די ס.ס.=אָרגאַנען האָבן איבערגענומען שטיינהאַ=
קערייען, ציגל=פֿאַבריקן, צעמענט=פֿאַבריקן, פֿאַרמאַצעווטישע פֿאַבריקן, בוי=אונ=
טערנעמונגען, דרוקערייען, איינבינדערייען, פּראָדוקציע פֿון בוי=מאַטעריאַלן, פֿון
פֿאָרצעליי און צעראַמיק, מעבל=פֿאַבריקן, אונטערנעמונגען פֿון לעדער= אויס=
אַרבעטונגען, מעטאַל=אינדוסטריע און אנד.[14]

---

[11] לויט פּאָהלס פֿאַראָרדענונג פֿון 17 יאַנואַר 1942 איז די רעאָרגאַניזאַציע פֿון די
אַמטן פֿון ווּ.פּ.ה.אַ. דורכגעפֿירט געוואָרן במשך פֿון פֿעברואַר און מערץ. „קרופּס פּראָ=
צעס“, דאָקום. נר. I, 15, ז. 16.

[12] אין אויגוסט 1943 האָט די לייטונג פֿון שטאַב „וו“ איבערגענומען בייער.
„פּאָהלס פּראָצעס“, אורטייל. ז. 8063. — פֿראַנק, לערנער און האָכבערג זענען אַלס קריגס=
פֿאַרברעכער פֿאַרמשפּט געוואָרן דורכן נירענבערגער טריבונאַל אויף לאַנגע יאָרן תּפֿיסה,
אָבער שוין אין פֿרילינג 1951 זענען זיי רעהאַביליטירט און באַפֿרייט געוואָרן דורך
דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט.

[13] פּג"ל האָכבערגס בריוו צום רייכס=פּרייז=קאָמיסאַר, פֿאַרעפֿנטלעכט אין „ענעליזיס
נאַצי קרימינעל אָרגאַניזיישן“ 1948.

[14] „פּאָהלס פּראָצעס“, אורטייל, ז. 7950.

אין אַ דאָקומענט פון דעם זעלבן האָכבערג פון אַ שפּעטערדיקער צייט לייענען מיר צוו. אַנד.:

„די ס.ס. איז אין ווירטשאַפטלעכער הינזיכט אַן אייגנטימער פון די מוטער־אונטערנעמונגען פון די „דייטשישע ווירטשאַפטס־בעטריבע", א"ג מב"ה. דער הויפּט־אַמט פון דער ווירטשאַפטס־פּאַרוואַלטונג האָט טאָפּלטע פונקציעס: מלוכהשע און פּאַרטייאישע. אין די ראַמען פון מלוכה־סעקטאָר פאַרנעמט ער זיך מיט די ענינים פון די ס.ס.־דיוויזיעס און פון אינערן־מיניסטעריום, וועלכע קאָנען אויף דעם אָרט נענטער נישט באַהאַנדלט ווערן. אין די ראַמען ווידער פון פּאַרטייאישן סעקטאָר דערליידיקט ער ענינים פון אַדמיניסטראַטיוון כאַראַקטער; דאָ געהערט אויך צוו. אַנד. די השגחה איבער די ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען פון ס.ס., אין וועלכע עס ווערן באַשעפטיקט על־פּי־רוב לאַגער־אַסורים... ער האָט אויפזיכט איבער די לאַגער־אַסורים און דערפילט דערמיט מלוכהשע פונקציעס. ער פירט די אַדמיניסטראַציע פון די אונטערנעמונגען און דערפילט פּאַרטייאישע פונקציעס... דאָס פאַרמעגן פון דער ס.ס. איז דאָס אייגנטום פון דער פּאַרטיי. אויך דאָס אייגנטום, וואָס איז „פאַראַנקערט" אין די „ד.וו.־בעטריבע" איז אַן אייגנטום פון דער פּאַרטיי. דאָס איז אַ באַשטאַנדטייל פון ספּעציעלן פּאַרטיי־פאַרמעגן, היות דער הויפּט־פינאַנס־לייטער פון נסדאַ"פּ האָט איבערגעגעבן די „ד.וו.ב." און די אַפּילירטע אונטערנעמונגען אונטער דער פּערזענלעכער השגחה פון הימלערן. פּאָהל, ווי דער שעף פון ווּפּה"א, איז פאָרמעל דער אויסשליסלעכער באַלעבאָס פון די „ד.וו.־בעטריבע", ער היט אָפּ אַלע פאַיען, ווי אַ פאַרטרויונגס־מאַן פון רייכספירער ס.ס. הימלער ווידער טרעט אַרויס, ווי דער פאַרטרויונגס־מאַן פון דער פּאַרטיי".[15]

אין גאַנצן סעקטאָר האָט פּאַרפליכטעט דער פּרינציפּ פון שטרענגער צענטראַליזאַציע. אַלע ווירטשאַפטלעכע איינסן זענען געווען אָפּהענגיק פון איין צענטראַלן אָרגאַן, זענען געווען אונטערגעאָרדנט דעם שטאַב „W", וואָס האָט געהאַט די השגחה און קאָנטראָלירט אַלע אונטערנעמונגען, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט אַנדערע אַמטן, דיספּאָנירט מיט די פינאַנסן אאוו.

וואָס האָט באַוויגן די ס.ס. צו פירן אַ ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט אין אַזאַ ברייטן פאַרנעם? אויף דער פראַגע געפינען מיר אַ כאַראַקטעריסטישע תשובה אינעם צירקוליאַר פון עסעישן ווירטשאַפטס־שטאַב: „ביים שטודירן די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער גרופּע „W" וועט אַרויסשווימען די פראַגע, פאַרוואָס פאַרנעמט זיך די ס.ס. מיט ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט? די דאָזיקע פראַגע איז געשטעלט געוואָרן קודם־כל דורך די קרייזן, וואָס טראַכטן מיט קאַפּי־

[15] האָכבערגס בריוו פון 3 מאַי 1943 צום בערלינער פינאַנסאַמט, אין „ענעליזיס נאַצי קרימינעל אָרגאַניזיישן".

טאַליסטישע קאַטעגאָריעס און זעען נישט גערן, ווען עס אַנטשטייען מלוכה=אונטערנעמונגען, אָדער לכל הפחות אַזעלכע, וואָס טראָגן אַ כאַראַקטער פון מלוכה=אונטערנעמונגען. אין דער צייט פון ווירטשאַפטלעכן ליבעראַליזם האָט דאָמינירט דער פרימאַט פון עקאָנאָמיק, ד. ה. אויפן ערשטן פלאַן איז געווען די ווירטשאַפט און שפעטער — די מלוכה. להיפוך צו דעם גייט אַרויס די נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון דער הנחה, אַז די מלוכה האָט די אויבערהאַנט איבער דער ווירטשאַפט, די מלוכה איז נישט פאַר דער ווירטשאַפט, נאָר די ווירטשאַפט פאַר דער מלוכה".[16]

פון דער צביעותדיקער ענונציאַציע דאַרף מען אָבער לחלוטין נישט דרינגען, אַז די היטלעריסטישע פאַרטיי און אירע עסעסישע באַיוווקעס זענען אין דער אמתן געווען פאַר דער פאַרמלוכהשונג פון דער אינדוסטריע און פון די פראָדוציר=מיטלען. די גאַנצע פראַקטיק פון היטלעריסטישן רעזשים איז אַן אָפּלייקענונג דערפון. עס איז דאָך נישט קיין צופאַל, אַז דווקא אין דער צייט פון דער ממשלה פון דער היטלעריסטישער פאַרטיי איז פאָרגעקומען די גיגאַנטישע קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און דער קאָלאָסאַלער וווּקס פון דער מאַכט=פּאָזיציע פון די דייטשישע מאָנאָפּאָלן. אין זייער רשות האָט די היטלעריסטישע פאַרטיי איבערגעגעבן דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע און שפעטער אויך דאָס צוגערויבטע פאַרמעגן פון די אייראָפּעישע לענדער. אויף דער באַזע פון צוזאַמענאַרבעט פון דער היטלעריסטישער פאַרטיי מיט די מאָנאָפּאָלן איז אויסגעוואַקסן די דייטשישע מלחמה=אינדוסטריע, וואָס האָט פאַרזיכערט די מיליטערישע מעכטיקייט פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד.

אמת, דער היטלעריסטישער פאַרטיי=פּראָגראַם פון די צוואָנציקער יאָרן האָט צוליב דעמאַגאָגישע מאָטיוון געפאָדערט דאָס פאַרמלוכהשן פון גרויסע אונטערנעמונגען,[17] אָבער שוין די פירושים צום דאָזיקן פּראָגראַם (פון 1928), און ספּעציעל דער פּראָגראַם פון 1932, האָט — פאַר דער ברייטער הילף פון פינאַנס=קאַפּיטאַל — אָפן דערקלערט: „דער נאַציאָנאַל=סאָציאַליזם וועט נישט באַטראַכטן די גרעסטע אַפילו אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען אַ פּריוואַט=אייגנטום, ווי סתירותדיקע מיט די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט".[18]

די אויבן=ציטירטע ענונציאַציע פון עסעסישן שטאַב „W" פון 1942 איז אַ צביעותדיק, דעמאַגאָגיש פּראָפּאַגאַנדע=שפּיל. די אַנטשטייונג און אַנטוויק=

---

[16] דאָקום. נ.אָ. — 1018, פאַרעפנטלעכט אין סטענאָגראַם פון קרופּס פּראָצעס, דאָקום. I 16.

[17] דער 13 פאַראַגר. פון היטלעריסטישן פאַרטיי=פּראָגראַם האָט צוגעזאָגט צו פאַרמלוכהשן די טרעסטן.

[18] א. נאָרדען, דצ"ו, ז. 91, 216.

לונג פון די באַזונדערע עסעסישע קאַרטעלן דאַרף מען פאָרשן אין ענגן צוזאַמענ־האַנג מיט דער שטרעבונג פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי צו סטאַביל פאַנאַנ־דערבויען דעם סיסטעם פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן און צו מאַכן זיך פינאַנסיעל אומאָפּהענגיק פון די מאָנאָפּאָלן.[19] הימלער האָט באַטראַכט די ווירטשאַפטלעכע לאַגער־אונטערנעמונגען אַלס וויכטיקער טעטיקייטס־געביט; וועגן דעם זאָגט עדות הימלערס רעדע אין מעץ, בעת וועלכער ער האָט צוו. אַנד. דערקלערט: „אָן די דאָזיקע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען וואָלטן מיר נישט געווען בכוח צו עקזיסטירן“.[20] דער צירקוליאַר פון שטאַב „W“ דערקלערט קלאָר, אַז „דאָס מאַסנהאַפטיקע באַשעפטיקן פון לאַגער־אַסורים אין די קאָנצלאַגערן דורך דער ר.פ.ס.ס. איז קודם־כל דאָס ווערק פון נסדאַ“פּ, ווי אַ דינאַמישער עלעמענט אין דער מלוכה“.[21]

נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין ווייטערדיקע פּרטימדיקע חקירות וועגן דער טעטיקייט פון די עסעסישע קאַרטעלן, ווילן מיר אויפמערקזאַם מאַכן, אַז זיי האָבן זיך געשטיצט אויסשליסלעך אויף דער אַרבעטס־קראַפט פון די לאַגער־אַסורים, זענען געווען אָרגאַניזירט בשכנות פון די קאָנצלאַגערן און בכלל געווען ענג פאַרבונדן מיטן לאַגער־סיסטעם.[22]

אַ וויכטיקע ראָל האָט אין די אַלע עניגים געשפּילט די פּערזענלעכע מאַטע־ריעלע פאַראינטערעסירונג פון די היטלעריסטישע פירער. די שקלאַפישע אַרבעט פון די לאַגער־אַסורים אין די אונטערנעמונגען איז געווען פאַר זיי אַ קוואַל פון קאָלאָסאַלע פּראָפיטן. פּאָהל און זיינע מיטאַרבעטער, ווי לערנער, אויגוסט פראַנק, האָכבערג, באַיער, פאָלק, באָבערמאַן, מימענטי און אַנדערע קריגס־פאַר־ברעכער (די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט אין מערב־דייטשלאַנד האָט זיי אין פעברואַר 1951 אַרויסגעלאָזט פון תפיסה), האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ קאָלאָ־סאַל פאַרמעגן אַלס שותפים, סינדיקן און מיטגלידער פון אויפזיכטס־ראַטן פון

[19] וועגן דער פינאַנסיעלער הילף פון דייטשישע מאָנאָפּאָליסטן פאַר דער ס.ס. פג“ל גבית־עדות פון באנקיר פאָן שרעדער דעם 5 דעצ. 1945, נאַרדען, דצ“וו, ז. 166.

[20] „פּאָהלס פּראָצעס“, אורטייל, ז. 8059.

[21] נירענב. דאָקום. נ.אָ.—342 („אויפגאַבן, אָרגאַניזאַציע און פינאַנסיעלע פּלענער פון שטאַב „וו“ אין וו.פּ.ה.א.“), „קרופּס פּראָצעס“, דאָקומ. II, 43; אויך נירענב. דאָקום. נ.אָ.—1016.

[22] ס.ס.־ישע אונטערנעמונגען האָבן שוין אין 1942 עקזיסטירט אין פאָלגנדיקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן: דאַכאַו, בוכענוואַלד, לובלין, אָשוויענטשים, אָריאַניענבורג, זאַק־סענהאַוזען, ראַווענסבריק, שטוטהאָף, פויערסטוואַלדע. שפּעטער זענען אָרגאַניזירט גע־וואָרן אונטערנעמונגען אין פלאָסענבורג, מאַטהאַוזען, גראָס־ראָזען, ווײַמאַר, נעצווײַלער, בליזשין, פּלאַשאָוו, און פיל אַנדערע. „פּאָהלס פּראָצעס“, אורטייל, ז. 8077, דאָקום. נ.אָ.—554.

די עסעסישע אונטערנעמונגען.[23] מען דאַרף נאָך דאָ אויפקלערן, אַז כדי צו פאַרמאַסקירן דעם כאַראַקטער פון די לאַגער=אונטערנעמונגען, האָט מען זיי אָרגאַניזירט ווי אַקציע=געזעלשאַפטן, אָדער געז. מיט באַגר. האַפטונג (מ.ב.ה.). אַלע אונטערנעמונגען זענען געווען צענטראַליזירט אין שטאַב „W“ און גרופּירט אין 8 אַמטן.[24]

דער עסעסישער שטאַב „W“ האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער ווירטשאַפטלעכער עקספּלאָאַטאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר איר אויסמאָרדונג. דאָס צוגערויבטע יידישע פאַרמעגן בעת די פאַרטיליקונגס=אַקציעס איז דורך די ס.ס. אויסגענוצט געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס צו בויען קאָנצענטראַציע=לאַגערן און לאַגער=אונטערנעמונגען. וועגן די ענינים שרייבן מיר אויספירלעך אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

* * *

פאַראַלעל מיט דער שאַפונג פון צענטראַלן אַמט צו מאָביליזירן ארבעטס=כוחות (זאוקעל) האָט פאָהל אָנגעהויבן אַן אַקציע פאַר אַ פולער און מער „ראַציאָנעלער“, ווי ביז איצט, עקספּלאָאַטאַציע פון דער שקלאַפן=ארבעט פון די לאַגער=אסורים אין די אונטערנעמונגען פון די מאָנאָפּאָליסטישע פירמעס און אייגענע עסעסישע ווירטשאַפטלעכע פּלאַצוווקעס. צוגעהאָלפן דערצו האָט נאָך דער פאַקט, וואָס גראָד דעמלט זענען אין די קאָנצלאַגערן אָנגעקומען מאַסן=טראַנספּאָרטן מיט מענטשן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פאָרויסגעזעענעם צופלוס פון ארבעטס=עלעמענט אין די קאָנצלאַגערן איז אין היטלערס הויפּט=קוואַרטיר אין דער העלפט מערץ 1942 פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ וועגן די ענינים[25]. אין הסכם מיטן דאָרט אָנגענומענעם באשלוס, האָט מען ארויסגעגעבן אַן אינסטרוקציע וועגן דער גויטיקייט פון דורכפירן אַ סעלעקציע פון די מענטשן=טראַנספּאָרטן, וואָס קומען אָן אין די לאַגערן. מען דאַרף אויסקלויבן „ארבעטער, האַנטווערקער, — לייענען מיר אין דער אַמטלעכער נאָטיץ, — וואָס וועלן צוגעטיילט ווערן צו די לאַגערן, וועלכע נעמען אויף מענטשן פון קרובישע פאַכן“. גלייכצייטיק האָט הימ=

[23] אורטייל אין פאָהלס פּראָצעס, ז. 8010, 8077, 8073; „דער פּראָצעס“, ב. XXXVIII ז. 225.

[24] פאָהלס גבית=עדות פאַר דער אַליאַנטישער קאָמיסיע, דאָקום. נ.אָ. — 2672, אין פאָהלס דערקלערונג האָבן מיר גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון די ווירטשאַפטס=אַמטן, דער צאָל, כאַראַקטער פון די אונטערנעמונגען לויט באַזונדערע בראַנזשעס.

[25] פג"ל די נאָטיץ וועגן דער קאָנפערענץ אין זוירערס ביוראָ (פון 16 מערץ 1942) וועגן אָרגאַניזירן באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען אין די קאָנצענטראַציע=לאַגערן. „קרופּס פּראָצעס“, פאַרטיידיקונגס=אַקטן, דאָקום. II, 36.

לער ארויסגעגעבן א פאראָרדענונג, לויט וועלכער פירמעס, וואָס ארבעטן פאר דער באוואָפענונגס=אינדוסטריע און ווילן געניסן פון די לאגער=אסירים, מוזן אָרגאניזירן זייערע אונטערנעמונגען אויפן געביט פון קאָנצענטראציע=לאגער[26].

די דערמאָנטע פאראָרדענונג פון הימלערן האָט באצוועקט נישט נאָר צו ציען גרויסע רווחים פון דער שקלאפן=ארבעט, נאָר אויך אויסצושפרייטן א געוויסע קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון די אונטערנעמונגען, וואָס געניסן פון דער ארבעט פון די לאגער=אסירים. הימלער האָט גערעכנט, אז געוויסע מאָנאָפּאָליסטישע פירמעס וועלן זיך נישט וועלן אונטערווארפן די דערמאָנטע פאראָרדענונגען, און אזוי=ארום וועלן די כסדר זיך פאנאנדערבויענדיקע ווירטשאפטלעכע עסעס=אונטערנעמונגען באקומען גרעסערע רעזערוון פון ארבעטס=כוחות[27].

די האָל פון די ס.ס.ישע אונטערנעמונגען אין דער באוואָפענונגס=פּראָדוקציע וועט זיין דאן כסדר וואקסן. דאָ דארף מען זוכן די סיבה פון קנאה=געפיל מצד די מאָנאָפּאָלן. די דייטשישע קארטעלן און טרעסטן, ווי אי. ג. פארבען, קרופּ, גערינג=ווערקע, האסאג, בראבאג א. א., וואָס האָבן צוזאמענגעארבעט מיט דער עס.עס, האָבן זיך פארזיכערט א פאָרצוג ביים צוטיילן לאגער=אסירים פאר זייערע אונטערנעמונגען. די קאָנצלאגערן פארוואנדלען זיך פון דעם מאָמענט אָן, אומאָפּהענגיק פון זייער ראָל אלס אינסטרומענט פון פעלקער=מאָרד, אין א גרויסן רעזערוואר פון ארבעטס=כוחות פאר דער דייטשישער מלחמה=ווירטשאפט. אין שייכות מיט די דאָזיקע פונקציעס פון די לאגערן האָט פּאָהל געשריבן צו הימלערן אין אפּריל 1942: „די השגחה איבער די לאגער=אסירים אויסשליסלעך צוליב מאָטיוון פון זיכערקייט און דערציונג אָדער פּראָפילאקטישע טעמים האָט שוין איצט נישט קיין ערשטקלאסיקע באדייטונג. דאקעגן רוקט זיך איצט אלץ מער ארויס אויפן פאָדערפלאן די מאָביליזאציע פון לאגער=אסירים פאר מלחמה=אויפגאבן און אין דער ווייטערדיקער פערספּעקטיוו פארן שלום=פעריאָד“[28].

פּאָהל האָט אפילו ארויסגעגעבן א באפעל אלע קאָמענדאנטן פון די קאָנצלאגערן, אז מען זאָל אלע אסירים, באפרייטע דורך דער ר.ס.ה“א., וואָס זענען פעיק צו ארבעטן אין די לאגער=אונטערנעמונגען, ווייטער פארהאלטן אין די לאגערן אפילו ביזן סוף פון דער מלחמה[29].

---

[26] דצ“ו, דאָקום. II, 56, וועגן דער נויטווענדיקייט פון פאר=בילדונג פון די לאגער=אסירים און זייער באשעפטיקונג אין די באוואָפענונגס=אונטערנעמונגען.

[27] גבית=עדות פון פּאָהלן פון 25 אויגוסט 1946, דאָקום. נ. אָ. — 382.

[28] אורטייל אין פּאָלס פּראָצעס, ז. 7974.

[29] דצ“ו. אין לאַגער בוכענוואַלד איז שוין דעם 21 מאַי 1941 אַרויסגעגעבן געוואָרן א באפעל, אז די ארבעטנדיקע אסירים זאָל מען נישט באפרייען ביז צום סוף פון דער מלחמה, נירענב. דאָקום. נ.אָ. — 1927.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואָס פון זינט פרילינג 1942 וואקסט דער קריזיס פון ארבעטער־כוחות, האָט זיך נאָך מער פארשארפט די ריוואליזאציע צווישן די „אלטע“ מאָנאָפּאָלן און די קארטעלן פון ס.ס.־ישן סעקטאָר. אגב, זיי פירן אויס געמיינזאם דעם פּראָגראם פון דער באוואָפענונגס־אינדוסטריע און פארזאָרגונג פון דער ארמיי, אָבער טאקע אין צוזאמענהאנג דערמיט זענען אנטשטאַנען צווישן זיי קאָנקורענץ־שטרייטן וועגן א גינסטיקערער עקספּלאָאַטאַציע פון ארבעטס־קראפט, בעסערער צוטיילונג פון באשטעלונגען און גרעסערע רווחים פון דער קריגס־פּראָדוקציע, וואָס האָט צום טייל געפונען אן אויסדרוק אין דער פּאָליטיק פון דער אָקופּאציע־מאכט בנוגע דער יידישער באפעלקערונג.

5. די ערשטע סעלעקציעס צווישן דער יידישער באפעלקערונג

די צאָלמעסיקייט פון די יידישע ארבעטס־כוחות

נאָך די אלגעמיינע באמערקונגען וועגן די כוחות־פארהעלטענישן אין דער דעמלטיקער דייטשישער ווירטשאפט קאָנען מיר צוטרעטן צו אונדזערע ווייטערדיקע באטראכטונגען איבער דער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק פון דער היטלעריסטישער אָקופּאציע־מאכט לגבי דער יידישער באפעלקערונג. מיר גלייבן, אז אויפן פאָן פון די אויבן סקיצירטע ווירטשאפטלעכע פארהעלטענישן וועט זיין לייכטער צו באנעמען די גרענעצן פון א ריי נישט אויפגעקלערטע ביז איצט פראַגמענטן פון דעם אזוי טראַגישן נאָענטן יידישן עבר.

ווי שטעלט זיך, אלזאָ, פאָר דער ווייטערדיקער פארלויף פון דער פארטיליקונגס־אקציע פון יידן אין אָקופּירטן פוילן?

די ציטירטע פאָראָרדענונג וועגן דער עקספּלאָאטאציע פון אלע מענטשן־רעזערוון האָבן געמוזט, פריער אָדער שפּעטער, האָבן א השפּעה אויפן גאנג פון דער יידן־ליקווידאציע. דער פּרינציפּ פון סעלעקציאָנירן די לאַגער־אסורים, וועלכע מען האָט אָנגעווענדט זינט פרילינג 1942 לגבי די אסורים פון די קאָנצלאַגערן, האָט זיך בדרך כלל נישט באצויגן צו יידן, ווייל לגבי זיי האָט פארפליכטעט דער פּרינציפּ פון טאָטאַלער פארטיליקונג. איבעריקנס, די יידישע מאַסן־טראַנספּאָרטן האָט מען דעמלט געשיקט אין די ספּעציעלע טויט־לאַגערן — קיין כעלמנאָ און בעלזשעץ. עס לאָזן זיך אָבער פעסטשטעלן געוויסע פרוון פון סעלעקציאָנירן די יידישע באפעלקערונג. צי האָבן זיי זיך געשטיצט אויף אן

אינסטרוקציע פון דער צענטראַלער מאַכט? מיר האָבן דאָס דערווייל נישט געקאָנט פעסטשטעלן[1].

עס איז אָבער זיכער, אַז דער עסעס=הויפּטשטורמפירער העפלע, דער שפּעטערדיקער שטאַב=שעף פון דער אָפּעראַציע „ריינהאַרד“, האָט שוין אין דער העלפט מערץ 1942 רעקאָמענדירט דורכצופירן אַ סעלעקציע פון די דעפּאָרטירטע יידן אויף פעיקע און נישט פעיקע צו אַרבעט. די דאָזיקע סעלעקציע האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן אויף דער אַרויספאָר=סטאַציע פון טראַנספּאָרט, אָדער גלייך נאָכן אָנקומען פון טראַנספּאָרט קיין לובלין. העפלע פּראָיעקטירט „צו שאַפן אַ גרויסן לאַגער, אין וועלכן די אַרבעטספעיקע יידן זאָלן קאָנצענטרירט און איינגעטיילט ווערן אין פּראָפעסיע=גרופּעס. פון דעם לאַגער וועלן זיי אַרויסגעפאָדערט ווערן אין די באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען“[2]. העפלע האָט וואַרשיינלעך דעמלט אַרויסגעגעבן געוויסע אינסטרוקציעס דער אָפּעראַטיווער עסעס=קאָמאַנדע, ווייל פאַקטיש זענען אין מיידאַנעק פאָרגעקומען סעלעקציעס פון יידן פון אַפּריל 1942[3].

אַן אַנאַלאָגישע סיטואַציע איז געווען אין אַנדערע דיסטריקטן פון דער גענ. גובערניע. אין דיסטריקט גאַליציע, למשל, האָט די אָקופּאַציע=מאַכט געמוזט דורכפירן די ליקווידאַציע=אַקציעס — צוליב דער באַדייטנדיקער ראָל פון יידן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן — לאַנגזאַמער, בכדי נישט צו שאַטן דער קריגס=ווירטשאַפט. קאַצמאַן, דער עסעס= און פּאָליציי=פירער פון גאַליציש דיסטריקט, האָט אין זיין ראַפּאָרט צו קריגערן אונטערגעשטראָכן, אַז „צוליב דער איינגאַרט, וואָס 90% פון האַנטווערקערטום איז באַשטאַנען פון יידן, האָט די אָנפּאַרטרויטע אויפגאַבע געקאָנט געלייזט ווערן נאָר שטופנווייז, ווייל אַ תיכפדיקע באַזייטיקונג פון יידן וואָלט געבראַכט שאַטן די אינטערעסן פון דער קריגס=ווירטשאַפט“[4].

אויך אין „וואַרטע=לאַנד“, וווּ די מאַסן=ליקווידאַציע פון יידן האָט אין פּרילינג 1942 אַרומגענומען כמעט די גאַנצע פּראָווינץ, זענען פאָרגעקומען טיילווייזע סעלעקציעס פון יידן. דער פאַקט לאָזט זיך אויפקלערן מיטן פאַרגרעסערטן

---

[1] אורטייל אין פּאָהלס פּראָצעס, ז. 8032, 8074. פג"ל אינעהלעכע קאָרעספּאָנדענץ אין וו.פ.ה.א. פון אָנהייב מערץ 1942 וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ גרעסערער באַשעפטיקונג פון אסורים, אויך יידן, ביים בויען ס.ס.=אונטערנעמונגען.

[2] „אַקציעס און אויסזידלונגען“ (אויסג. פון ייה"א), ז. 32, אמטל. נאָטיץ פון 17 מערץ 1942 וועגן דער קאָנפערענץ פון אַדמיניסט. מאַכט=אָרגאַנען אין לובלינער דיסטריקט מיט העפלע.

[3] וועגן סעלעקציאָנירן אַרבעטס=פעיקע יידן פון די אָנגעקומענע קיין מיידאַנעק טראַנספּאָרטן, פג"ל גבית=עדות פון ס.ס.=מאַנשאַפט=מיטגליד ס.ס.=אָבערשאַרפירער ע. מוספעלדט, „ביולעטין“ ה.ק.פ.ה.פ., ב. IV, ז. 100.

[4] ראַפּאָרט פון גענ. קאַצמאַן, ז. 5; „נאַצי קאָנספּיריישי“, ב. VII, ז. 755.

געברויך פון ארבעטס-כוחות אין לאָדזשער אינדוסטריע-צענטער. דאָס לאָדזשער געטאָ, הגם שטארק פארקלענערט, האָט דערווייל געזאָלט פארבלייבן אין דער פּראָווינץ ווי א צענטראלער ארבעטס-לאַגער מיט יידישער ארבעטס-קראַפט, וואָס ווערט אדמיניסטרירט דורכן לאָדזשער אויבערבירגערמייסטער אונטער גרייזערס קאָנטראָל[5]. דעם 18-טן מערץ האָט גרייזער ארויסגעגעבן א צווייטן געהיימען צירקולאַר בנוגע דער ליקווידאַציע פון דער „ארבעטס-אומפעיקער יידישער באַפעלקערונג" אין „וואַרטע-לאַנד"[6]. אויף דעם יסוד האָט דער רעגירונגס-פּרעזידענט איבעלהער ארויסגעגעבן דעם 28-טן מערץ 1942 א געהיימע אויספיר-פאַראָרדענונג[7]. אין הסכם מיט דער פאַראָרדענונג האָבן די ארבעטס-פעיקע יידישע האַנטווערקער, וואָס ווערן אויסגעסעלעקציאָנירט פון די טראַנספּאָרטן קיין כעלמנאָ, געזאָלט קאָנצענטרירט ווערן אין לאָדזשער געטאָ.

אין לאָדזשער געטאָ האָבן געזאָלט איבערגעפירט ווערן מאַשינען און אַנדערע פאַבריקס-איינריכטונגען, וועלכע זענען פארבליבן אין די ליקווידירטע געטאָס. די אלע ענינים זענען אָפּגעשטימט געוואָרן מיטן שעף פון דער ס.ס.-זאָנדערקאָמאַנדע לאַנגע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער פארטיליקונגס-אַקציע אין דער וואַרטע-פּראָווינץ. אויף דעם יסוד האָט ביבאָוו, דער שעף פון דער געטאָ-פארוואַלטונג, געפאָדערט פון עסעס-זאָנדערקאָמאַנדע, אַז די יידישע האַנטווערקער פון אלע ליקווידירטע יידישע ישובים זאָלן איבערגעפירט ווערן אין געטאָ צוזאַמען מיט זייער גאַנצן מאַשינען-לאַגער[8].

פאַקטיש האָט מען שוין אין דער העלפט מאי 1942, פּאַראַלעל מיט דער מאַסנהאַפטער פארטיליקונגס-אַקציע, דעפּאָרטירט אין לאָדזשער געטאָ קליינע גרופּן יידישע האַנטווערקער און פאַכלייט. עס זענען בכן אָנגעקומען טראַנספּאָרטן פון פּאַביאַניץ, בזשעזשין, אָזאָרקאָוו, בעלכאַטאָוו, זעלאָוו און אַנדערע שטעט; אין מאי 1942 — 7046 יידן, יוני — 516, יולי — 635, אויגוסט — 6244[9]. דאָס איז געווען דיקטירט קודם-כל דורך דער נויטווענדיקייט אויסצונוצן יידישע פאַכלייט אין דער באַוואָפענונגס-אינדוסטריע.

[5] אין הסכם מיט גרייזערס דעקרעט פון 2 יאַנואַר 1942 וועגן „ענטיודן דעס וואַרטעגאַועס", פּג"ל אַקטן ג.פּ. 40/41. אַרכיוו פון יי.ה.א.

[6] גרייזערס דעקרעט פון 18 מערץ 1942 און גרייזערס בריוו צו דער ג. פּ. אַרכיוו פון יי. ה. א., אַקטן ג.פּ. IV, 27, ז. 489.

[7] וועגן דער „עוואַקואירונג פון נישט אַרבעטספעיקע יידן" און קאָנפיסקאַציע פון זייער פאַרמעגן, פּג"ל דעם בריוו פון קראָשנעוויצער קאָמיסאַר צום קוטנער לאַנדראַט. אַקטן ג.פּ. XVI/5, ז. 53.

[8] וועגן גרייזערס באַפעל און סעלעקציע פון יידן מיט דער הסכמה פון דער געסטאַפּאָ. אַקטן ג.פּ. XI, 6, ז. 410.

[9] אַקטן-נאָטיץ פון 9 סעפּטעמבער 1942, אַקטן ג.פּ. 34—80 (בעל. 515).

* * *

כדי געהעריק צו באַנעמען די ווידערשפּרוכן צווישן די היטלעריסטישע פּלענער פון יידן=אויסראָטונג און דער וואַקסנדיקער נאָכפראַגע פון דער דייטשישער מלחמה=ווירטשאַפט אויף יידישע אַרבעטס=כוחות, מוזן מיר כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן פאַרשטעלן די וואָגיקייט פון יידישן אַרבעטס=עלעמענט אין ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס פון דער גענ=גובערניע און אַנדערע אָקופּירטע פּוילישע פּראָווינצן.

מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, אַז אין דער צווייטער העלפט 1940, ווען די אָקופּאַציע=מאַכט האָט פעסטגעשטעלט אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן די יידישע האַנטווערקער פאַר פּראָדוקטיווע צוועקן, איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער באַציונג צו דער אַרבעט, וועלכע די יידן האָבן אויסגעפירט. די ענדערונג האָט געפונען איר אויסדרוק אין אַ ריי פאַראָרדענונגען פון דער אָקופּאַציע=מאַכט, און אויך אין דעם, וואָס מען האָט אָנגעהויבן אַלץ מער צו באַשעפטיקן יידן אין אַלע צווייגן פון דער באַוואָפענונגס=אינדוסטריע. די צאָל צוואַנגס=באַשעפטיקטע יידן איז זינט אָנהייב 1941 יאָר כסדר געוואַקסן.

אין שייכות דערמיט דאַרף מען דערמאָנען, אַז פון דער העלפט 1940 איז פאָרגעקומען אַ דעפּאָרטאַציע פון פּוילישע אַרבעטער אויף אַרבעט אין רייך. די צאָל דעפּאָרטירטע איז כסדר געוואַקסן, בפרט פון יענעם מאָמענט, ווען זאַוקעל האָט איבערגענומען דעם אַמט פון „גענעראַל=באַפולמעכטיקטן פאַר די עניינים פון באַשעפטיקונג“. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז לויט די דייטשישע אַמטלעכע ידיעות זענען אויפן שטח פון רייך געווען באַשעפטיקט דעם 31=טן יאַנואַר 1941 — 798.000 פּאָליאַקן[10]. בלויז פון דער גענ.=גובערניע האָט מען ביז דער העלפט 1942 אַרויסגעשיקט אין רייך — לויט אָפיציעלע קוועלן — 800.000 פּוילישע אַרבעטער. אין דער העלפט אויגוסט 1942 האָט זאַוקעל פאַראָרדנט אַרויסצושיקן אין רייך פון ג. ג. — מיט דער הסכמה פון פראַנקן — ווייטערדיקע 140.000 אַרבעטער[11].

אַלס פועל=יוצא פון די אומאויפהערלעכע דעפּאָרטאַציעס האָבן זיך אין לאַנד פאַרקלענערט די אַרבעטס=רעזערוון, בפרט פון פאַכלייט. דאָס האָט ווייטער געצוווּנגען די אָקופּאַציע=מאַכט אַריינצוציען די יידן אין ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס, אין קעגנזאַץ צום פּרינציפּ, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן פון אָנהייב אָקופּאַציע וועגן פולשטענדיקן עלימינירן יידן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן. דער וואַקסנדיקער אינטערעס פון די דייטשישע באַוואָפענונגס=פירמעס פאַר די יידי=

[10] י. קוטשינסקי: די געשיכטע פון דער לאַגע פון אַרבעטער אין דייטשלאַנד, בערלין 1947, סאָוויעט. אויסגאַבע, ב. II, ז. 218. פּאָליאַקן האָבן געבילדעט 55% פון דער אַלגעמיינער צאָל אויסלענדישע אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין דייטשלאַנד.

[11] פראַנקס טאָגבוך, אין „ביולעטין“ ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. II, ז. 28.

שע פּראָדוציר=כוחות האָט פון דער אַנדערער זייט אַרויסגערופן געוויסע אילוזיעס ביי אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. ביי אייניקע גרופן פון דער באַפעלקערונג, וואָס זענען געווען פאַרשלאָסן אין געטאָס, גענצלעך דעקלאַסירט, באַרויבט פון אַלע פּרנסה=קוואַלן, זענען אַנטשטאַנען אילוזיעס וועגן נייע לעבנס=מעגלעכקייטן. באַדראָט דורך אַרויסשיקונגען אין די אַרבעטס=לאַגערן, און פון 1942 — אין די טויט=לאַגערן, האָבן זיי אין דער אַרבעטס=לעגיטימאַציע געזען אַ געוויסן שאַנס אָפּצוראַטעווען זיך פון טויט. די דאָזיקע גרופן האָבן געגלייבט און זיך געניאַרט, אַז די אָקופּאַציע=מאַכט איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין זייער אַרבעט און דער פּראָדוקציע, און דעריבער וועט זי דאָך נישט אַרויסשיקן די אַרבעטנדיקע יידישע באַפעלקערונג אין די פאַרטיליקונגס=לאַגערן.

צום אַנטשטיין און פאַרשפּרייטן זיך פון אַזעלכע פאַלשע און שעדלעכע אילוזיעס האָבן נישט ווייניק צוגעהאָלפן די יודענראַטן מיט זייערע קאָלאַבאָראַציאָניסטישע איינשטעלונגען. די יודענראַטן — סערוויליסטישע לגבי דער אָקופּאַציע=מאַכט — האָבן אַרויסגערוקט אין דער ערשטער העלפט 1942, אַלזאָ, ווען די היטלעריסטן האָבן רעאַליזירט דעם פיזישן אויסראָטונגס=פּלאַן לגבי יידן, — דעם לאָזונג, אַז „אַרבעט וועט ראַטעווען פון טויט“. אַזאַ איינשטעלונג פון די יודענראַטן האָט איינגעשלעפערט די וואַכזאַמקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט געבוירן אילוזאָרישע האָפענונגען און אָפּגעווענדעט איר אויפמערקזאַמקייט פון דער אויסזידלונגס=אַקציע.

בלויז די אַנטיפאַשיסטישע און פּרישע עלעמענטן אין די געטאָס האָבן נישט געגלייבט די צביעותדיקע דערקלערונגען פון די היטלעריסטן, ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין אילוזיעס בנוגע די אמתע צילן פון יידישן „אַרבעטס=איינזאַץ“. די אַנטיפאַשיסטישע באַוועגונג, דעמאַסקירנדיק די יודענראַטן, ווי אַן עקספּאָזיטור, וואָס העלפט די היטלעריסטן אויספירן די פאַרניכטונג פון אייגענעם פאָלק, האָט געוועקט דעם באַוווסטזיין און גערופן צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן בלוטדורשטיקן אָקופּאַנט.

די אָקופּאַציע=מאַכט האָט אונטערגעשטיצט די באַמיונגען פון געוויסע יודענראַטן און קאָלאַבאָראַציאָניסטישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן אין די געטאָס קאָלעקטיווע פּראָדוציר=וואַרשטאַטן, וועלכע האָבן על פּי רוב געאַרבעט מיטן פאַרלאַגס=סיסטעם פאַר דייטשישע פירמעס. אין דער העלפט 1942 האָבן עקזיסטירט אַזעלכע האַנטווערקער=קאָלעקטיוון אין אַלע גרעסערע געטאָס אין דער ג.ג., ענלעכע קאָלעקטיווע וואַרשטאַטן האָבן עקזיסטירט אין פיל שטעט פון „וואַרטע=לאַנד“, שלעזיע און אין ביאַליסטאָק.

אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע אַרבעטער איז געווען באַשעפטיקט — אומאָפּהענגיק פון די דערמאָנטע קאָלעקטיווע וואַרשטאַטן און שאָפּן אין די געטאָס — אויף אַ. ג. פּלאַצוווקעס, וואָס האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ. אין דער ערש=

טער העלפט 1942 פאַרצייכענען די אַרבעטס־אַמטן אַ באַדייטנדיקע נאָכפראַגע אויף יידישע פאַכלייט, וועלכע זיי באַמיען זיך אַרויסצובאַקומען פון די געטאָס און באַשעפטיקן אין פאַרשידענע צווייגן פון דער מלחמה־ווירטשאַפט.[12] אין גאַנג פון דער אויסזידלונגס־אַקציע האָבן אייניקע אַרבעטס־אַמטן און סטאַראָסטעס געמאַכט באַמיונגען אַרויסצונעמען פון די טראַנספאָרטן קוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטער און צוטיילן זיי צו באַוואָפענונגס־אונטערנעמונגען פון זייער ראַיאָן.[13]

חוץ דייטשישע פירמעס, וואָס האָבן געצויגן גרויסע רווחים פון אויספירן באַשטעלונגען פאַר דער אַרמיי מיט דער הילף פון ביליקער יידישער אַרבעטס־קראַפט, זענען אין איינהאַלטן די יידישע וואַרשטאַטן געווען פאַראינטערעסירט אויך העכערע היטלעריסטישע אָנפירער. זיי האָבן אַרויסגערוקט דעם אַרגו־מענט וועגן דער נויטווענדיקייט פון השגחה און קאָנטראָל איבער די אַרבעטס־וואַרשטאַטן, פון וועלכע זיי האָבן, אגב, אויך געצויגן גרויסע פראָפיטן און גלייכ־צייטיק באַרעכטיקט זייער באַפרייונג פון אַקטיוון מיליטער־דינסט.

* * *

ווי גרויס איז געווען די צאָל יידישע אַרבעטער אין אָקופּירטן פּוילן, וואָס זענען צוואַנגסווייז געווען באַשעפטיקט אין דער דייטשישער מלחמה־ווירטשאַפט? קיין גענויע ציפערן פאַר דער באַהאַנדלטער צייט באַזיצן מיר נישט. עס האָט זיך אָבער אָפּגעהיט אַ פראַגמענטאַרישער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל, וואָס גיט די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן געוויסע אָריענטיר־דאַטעס אין דער פראַגע.

נאָך סוף 1941 האָבן די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען אין דער ג.ג. — אין שייכות מיט די הכנות צו דער מאַסן־פאַרטיליקונג פון יידן — אָנגעהויבן זאַמלען ציפערן־מאַטעריאַל וועגן דעם באַשעפטיקונגס־צושטאַנד פון יידן. דער גובערנאַטאָר פון לובלינער דיסטריקט צערנער האָט אין צירקוליאַר פון 4־טן דעצעמבער 1941 באַפוילן אַלע אַרבעטס־אַמטן אים איבערצושיקן במשך פון 4 טעג רשימות פון יידישע אַרבעטער, וואָס מוזן נאָך ווייטער באַשעפטיקט ווערן, ווייל מען קאָן זיי נאָך נישט פאַרטרעטן. אין די ענטפערס האָט מען אויך געדאַרפט אָנגעבן, ווו דער באַטרעפנדיקער אַרבעטער איז באַשעפטיקט. וועלכע פונקציע ער דערפילט, צי ער איז פאַרהייראַט, וויפל משפחה־מיטגלידער ער

[12] וועגן די ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן אין צוזאַמענהאַנג מיטן פעלן פון אַר־בעטס־כוחות אין לובלינער געגנט, ראַפּאָרטירן כמעט אַלע אַרבעטס־אַמטן; פג"ל די באַ־ריכטן פון כעלמער, לוקאָווער, לובלינער אַרבעטס־אַמטן. אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן א— 13, ז. 44; א — 58, ז. 4—7.

[13] קאָרעספּאָנדענץ פון לובלינער גובערנאַטאָר פון 13 מאַי 1942 צום ס.ס.־ און פּאָליציי־פירער אין לובלין וועגן דעם, אַז די סטאַראָסטעס פאַרלאַנגען איינצוהאַלטן יידי־שע אַרבעטער, וועלכע זענען זיי נייטיק, אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן 2/50. ז. 269.

האָט אַאַוו. [14] אין אַ פיל ברייטערן פאַרנעם האָט אויך דער לאַנדעס=אַרבעטס=אַמט אין „וואַרטע=לאַנד“ אין האַרבסט 1941 געזאַמלט מאַטעריאַלן וועגן דעם באַשעפטיקונגס=צושטאַנד פון ייִדן.[15]

אין פרילינג 1942, ווען עס האָט זיך אויסגעברייטערט די פּאַרטיליקונגס=אַקציע אין לובלינער און אין גאַליציע=דיסטריקט, האָט די רעגירונג פון דער גענ.=גובערניע באַשלאָסן צונויפצוזאַמלען סטאַטיסטישן מאַטעריאַל פון גאַנצן געביט, כדי צו באַקומען אויספירלעכע ציפערן וועגן דער באַשעפטיקונג פון ייִדן. צוויי הויפּט=אָפּטיילונגען ביי דער ג.=ג.=רעגירונג, ווי „דער הויפּט=אַרבעטס=אַמט“ און די „אָפּטיילונג פאַר באַפעלקערונגס=וועזן און סאָציאַלער הילף“ (ביי דער הויפּט=אָפּטיילונג פון אינערלעכע ענינים), זענען גלייכצייטיק דעם 9=טן מאַי 1942 צוגעטראָטן צו זאַמלען מאַטעריאַלן. אינעם צירקוליאַר פון הויפּט=אַרבעטס=אַמט, וואָס איז פאַראַנדערגעשיקט געוואָרן צו אַלע אַרבעטס=אָפּטיילונגען ביי די דיסטריקט=שעפן און אַרבעטס=אַמטן, ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז „ספּעציעלע טעמים רופן אַרויס די נויטווענדיקייט פון צונויפזאַמלען סטאַטיסטישע ידיעות בנוגע דער צאָל און מין באַשעפטיקונג פון ייִדן אין איצטיקן מאָמענט“.[16] דער ענין איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ זייער דרינגענדיקער, ווייל די באַריכטן פון די אַרבעטס=אַמטן האָבן געזאָלט צוגעשיקט ווערן קיין קראָקע שפּעטסטנס ביז דעם 20=טן מאַי 1942.

אַן ענלעכער איז אין תוך'נגעווען דער צירקוליאַר פון דער „אָפּטיילונג פאַר באַפעלקערונגס=וועזן און סאָציאַלער הילף“,[17] וואָס האָט געפאָדערט צוצושיקן די מאַטעריאַלן ביזן 16=טן מאַי. אין צירקוליאַר ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז „דאָס אָפּהיטן דעם טערמין איז אומבאַדינגט נייטיק צוליב די באַזונדערס וויכטיקע מלחמה=הצטרכותן“.[18]

די פרווון פעסטצושטעלן די צאָל באַשעפטיקטע ייִדן, ווי בכלל דאָס צונויפזאַמלען אַנטשפּרעכנדיקן ציפערן=מאַטעריאַל, האָט אָנגעטראָפן אויף פיל שוועריקייטן. גראָד איז עס געווען אַ צייט, ווען די אָקופּאַציע=מאַכט האָט קאָנצענטרירט די ייִדן אין עטלעכע צענדליק קנופּ=פונקטן, אַרויסגעשיקט זיי אין בעלזשעצער טויט=לאַגער און גלייכצייטיק איבערגעזידלט אויף זייער אָרט ייִדן פון

---

[14] ארכיוו פון יי.ה.א., אַקטן א—48, ז. 336, צערנערס צירקוליאַר פון 4 דעצעמבער 1941.

[15] אַקטן ג.פ. IV, 28, ז. 95, צירקוליאַר=בריוו וועגן „אַרבעטס=איינזאַץ“ פון ייִדן.

[16] אַקטן א—50, ז. 54 צירקוליאַר פון הויפּט=אַרבעטס=אַמט אין קראָקע, 9 מאַי 1942.

[17] דאָרט, ז. 45, 282.

[18] דאָרט. די סטאַראָסטעס און בירגערמייסטער האָבן געדאַרפט צוציען צו דער אַרבעט די יודענראַטן און הילפס=קאָמיטעטן.

רייך און פּראָטעקטאָראַט.[19] נישט געקוקט אָבער אויף די מניעות, האָט מען דעם מאַטעריאַל אויף די ערטער צונויפגעזאַמלט און איבערגעשיקט דער רעגירונג אין קראָקע.[20]

די סטאַטיסטישע טאַבעלן פון אַלע דיסטריקטן האָבן זיך, וואַרשיינלעך, נישט אָפּגעראַטעוועט. אין אונדזער באַזיץ געפינען זיך קאָפּיעס פון באַריכטן פון פיר אַרבעטס־אַמטן אין לובלינער דיסטריקט: זאַמאָשטשער, לוקאָווער, ביאַלאַ־פּאָדלאַסקער און לובלינער. די דאָזיקע באַריכטן קאָנען אונדז דינען ווי אַן אָריענטיר־מאַטעריאַל פאַר אונדזער פּראָבלעם.[21]

די דאָזיקע באַריכטן באַווייזן, אַז אפילו אין אַזאַ שוואַך אינדוסטריאַליזירטער געגנט ווי דער לובלינער דיסטריקט האָט דעמאָלט די צאָל יידן, „וועלכע זענען באַשעפטיקט ביי באַזונדערס וויכטיקע אַרבעטן פאַר מלחמה־באַדערפענישן און אויף וועלכע מען קאָן בשום אופן נישט מוותר זיין", באַטראָפן 26 טויזנט פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַררעגיסטרירטע 42.625 יידישע אַרבעטער.[22] אין לובלינער דיסטריקט האָבן דאַן געלעבט אַן ערך 200.000 יידן.

צוליב מאַנגל פון גענויע ידיעות פאַרן גאַנצן ג.ג.־שטח, וועלן מיר דאָ ברענגען געוויסע אַלגעמיינע ציפערן, וועלכע שטאַמען אויך פון אַן אָפיציעלן דייטשישן מקור. אין זייער ליכט וועלן מיר בעסער פאַרשטיין די באַדייטונג פון די יידישע פּראָדוציר־כוחות אין די דעמאָלטיקע ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין דער ג.ג. און דערביי בעסער באַנעמען די שוועריקייטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון עלימינירן זיי פון ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס.

די צאָל אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין די אינדוסטריע־צווייגן פון דער ווערמאַכט־פאַרזאָרגונג, האָט אין דער העלפט 1942 — לויט אָפיציעלע ידיעות פון הויפּט־אַרבעטס־אַמט — באַטראָפן אין דער ג.ג. איבער אַ מיליאָן, צווישן זיי 300 טויזנט יידן, פון וועלכע 100 טויזנט זענען געווען פאַכלייט.[23] אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט דעמאָלט געציילט העכער 400 טויזנט נפשות, האָט די צאָל אַרבעטנדיקע יידן באַטראָפן — לויט אָפיציעלע מקורים — אַן ערך 90 טויזנט.[24]

---

[19] פג"ל די קאָרעספּאָנדענץ פון די סטאַראָסטעס און אַרבעטס־אַמטן וועגן די שוועריקייטן פון זאַמלען סטאַטיסט. מאַטעריאַלן צוליב די אָפטע איבערזידלונגען, אַרכיוו פון י.ה.א., אַקטן א—50.

[20] ד.צ. אַקטן, א—50, ז. 61—69, 248, 396 א. וו.

[21] דאָרט, ז. 56, 62—64.

[22] עס האָבן זיך אויפגעהיט פראַגמענטן פון די סטאַטיסט. באַריכטן פון לובלינער דיסטריקט, אַקטן א—48, ז. 146—154, 256; אַקטן א—30, ז. 2.

[23] פון געהיימען מעמאָריאַל פון מיליטערישן אינטענדענט אין דער גענ.־גובערניע צום אָ.ק.וו. אין בערלין (18 סעפּטעמבער 1942).

[24] אַרכיוו פון י.ה.א., אַקטן יאָוס, נר. 471, אַמטלעכע נאָטיץ פון 26 יוני 1942.

אין די באַזונדערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך פאַר דער ווערמאַכט, האָט דער פּראָצענט פון יידן צווישן די פאַבלייט זיך געוואַקלט צווישן 25 און 100; אין די טעקסטיל־אונטערנעמונגען, וואָס פּראָדוצירן ווינטער־קליידער פאַר דער אַרמיי, אַרבעטן אויסשליסלעך יידן. כּדאי נאָך צו דערמאָנען, אַז — לויט די זעלבע מקורים — אין די פּריוואַטע דייטשישע פירמעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרריכטן מיליטערישע מונדירן, זענען געווען באַשעפטיקט דעמלט 22.700 אַרבעטער, צווישן זיי 22.000 יידן, פון וועלכע 16.000 זענען געווען פאַבלייט פון דער טעקסטיל־ און לעדער־בראַנזשע. אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונג, וואָס האָט באַשעפטיקט 168 פאַבלייט (אויסשליסלעך יידן) איז געווען די פאַבריק פון באַשלעגן צו געשפּאַנען. פון דער דאָזיקער פּראָדוקציע איז געווען אָפּהענגיק דאָס פולקאָמע אויסעגדיקן די פערד־געשפּאַנען אין דער גענ.־גובערניע, אוקראַינע און טיילווייז אין רייך.[25]

כּדי צו דערגאַנצן דאָס בילד וועגן דער באַשעפטיקונג פון יידן אין די באַוואָפענונגס־אַנשטאַלטן און אַנדערע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער אַרמיי, און כּדי בולטער אַרויסברענגען די וואָגיקייט פון דאָזיקן עלעמענט, וועלן מיר אָנגעבן נאָך עטלעכע ציפערן וועגן די יידישע אַרבעטס־כּוחות אויפן שטח פון רייך און אין די פוילישע געביטן, וואָס זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין רייך. לויט אָפיציעלע ידיעות פון סטאַטיסטישן אינספּעקטאָריאַט ביים אַמט פון רפס"ם האָבן אין סוף 1942 געאַרבעט אין די אונטערנעמונגען פון דער מלחמה־אינדוסטריע אויף די דאָזיקע געביטן 185.776 יידן.[26] נעמלעך:

אויפן געביט פון זיכערהייטס־פּאָליצײַ אין רייך — 21.659 יידן,[27]
אויפן געביט פון זיכערהייטס־פּאָליצײַ אין קעניגסבערג — 18.435 יידן,
אויפן געביט פון זיכערהייטס־פּאָליצײַ אין פּויזן
(געטאָ, לאַגערן) — 95.112 יידן,
אויפן געביט פון דער שמעלט־אָרגאַניזאַציע (שלעזיע) — 50.570 יידן.

דאָס זענען אַלץ אָפיציעלע ציפערן. דאָ זענען אַריינגערעכנט אויך די יידן, וואָס האָבן אין פיל געטאָס געקויפט אָדער געפעלשט אַרבעטס־קאַרטן, גלויבנדיק, אַז דאָס וועט זיי העלפן אָפּצוראַטעווען זיך פון אַרויסגעשיקט ווערן אין

[25] גביות־עדות פון קאָנראַדן, שעף פון דער „ווערטערפאַסונג“ אין וואַרשעווער געטאָ, וועגן דער פירמע טעבענס, וואָס פּראָדוצירט פאַר דער ווערמאַכט, אויסנוצנדיק דערביי יידישע אַרבעטס־כּוחות. אַרכיוו פון יי.ה.א., קאָנראַדס ג"ע, ז. 56.

[26] ראַפּאָרט פון קאָרהערן, דעם אינספּעקטאָר פון סטאַטיסט. אַמטייל. וועגן דער „ענדלעזונג פון דער יידן־פראַגע אין אייראָפּע“, צוגעגרייט אויף הימלערס באַפעל פון 18 יאַנואַר 1943, אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. I, ז. 150.

[27] אין בערלין — 15.000, ווין — 1226, ווראָצלאַוו — 2451, דרעזדן — 485, די איבעריקע אין מינכען, האַמבורג, דיסעלדאָרף א.א. שטעט.

לאַגער (פּיל ביישפּילן וועגן דעם ברענגט דער האַפּאָרט פון ס.ס.-און פּאָליציי-פירער קאַצמאַן פון 30-טן יוני 1943). דאָ זענען אויך אַריינגערעכנט געוואָרן די ייִדן, וואָס האָבן אין די וואַרשטאַטן געפירט אַן אויפקלערונגס-אַרבעט, אויסגעפירט דאָרט סאַבאָטאַזש-אַקטן און אָרגאַניזירט די דאָרט באַשעפטיקטע ייִדן צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן דער אָקופּאַציע-מאַכט. די דאָזיקע פעסטשטעלונג באַשטעטיקן פיל פאַקטן פון וואַרשעווער, קראָקעווער, טשענסטאָכאָווער, סאָסנאָווצער, ביאַליסטאָקער, לעמבערגער א. אַנד. געטאָס.

רינגעלבלום דערמאָנט אין זיינע נאָטיצן וועגן סאַבאָטאַזש-אַקטן, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ ביים אויסאַרבעטן מונדירן פאַרן מיליטער. אין חודש סעפּטעמבער 1941 האָבן די ייִדישע אַרבעטער אַזוי אויפגענייט אַ טראַנספּאָרט מיליטערישע מלבושים, אַז ער איז אינגאַנצן צוריקגעשיקט געוואָרן פון בערלין, ווייל די מלבושים זענען לגמרי נישט געווען צום באַנוצן.[28]

אין קראָקע זענען די ייִדישע קעמפער אָנגעפאַלן אויף די דייטשישע באַקליידונגס-וואַרשטאַטן („אָפּטימאַ"), קאָנפיסקירט א גרויסע צאָל סוועטערס, שיך, העמטשקעס, וואָס זיי האָבן שפּעטער איבערגעגעבן די פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונגען פון דער פאָלקס-גוואַרדיע.[29] אין קראָקע זענען אויך אונטערגעצונדן געוואָרן די מיליטערישע מאַגאַזינען, וואָס האָבן געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע „טאָדט". ס'זענען אויך פאַרניכטעט געוואָרן די מאַגאַזינען מיט אויטאָס און מעכנישע מכשירים.[30]

אין באָכניע האָבן די ייִדישע קעמפער אָרגאַניזירט אַן אָנפאַל אויף דער באַן-קאַסע, בכדי צו באַקומען מיטלען אויף איינצוקויפן געווער.[31]

די ייִדישע אַסורים האָבן דורכגעפירט פאַרשידענע סאַבאָטאַזש-אַקטן אין די סטאַראַכאָוויצער אַמוניציע-פאַבריקן, צעשטערנדיק די מאַשינען, די פאַבריק-איינריכטונגען און די אויסגעאַרבעטע אַמוניציע און געווער.[32]

די סאַבאָטאַזש-אַקטן אין די שלעזישע אונטערנעמונגען, אין וועלכע ס'האָבן געאַרבעט ייִדישע און אַנדערע אַסורים, זענען געווען אַ מאַסן-דערשיינונג. אין מיסלאָוויץ זענען סיסטעמאַטיש צעשטערט געוואָרן די הארמאַטן, די אַעראָפּלאַן-מיילן און די מאַשינען.[33] אין סאָסנאָוויץ האָבן די אַסורים צעשטערט די קאַבלען, אין באָלטשנע זענען צעשטערט געוואָרן די באַן-ליניעס, אין בלאַכאָוו-

---

[28] ע. רינגעלבלום: נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ, וואַרשע 1952, ז. 168, 171.

[29] אַרכיוו פון י.ה.א., גבית-עדות 4797.

[30] דאָרט, גבית-עדות 1160, 479.

[31] גבית-עדות 4591.

[32] גבית-עדות 1172.

[33] באַליצקים כתב-יד וועגן שלעזישע לאַגערן אין אַרכיוו פון י.ה.א.

ניע זענען צעשטערט געוואָרן די עלעקטרישע קאַבלען, די פאַבריק־אינסטאַלאַציעס, ס׳זענען אונטערגעצונדן געוואָרן בענזין־פעסלער. אין קלעטענדאָרף זענען צעשטערט געוואָרן די בעטאָן־רערן און בעטאָן־פּליטן און זעק מיט צעמענט. די אסורים האָבן אין די מאַגאַזינען פון „טאָדט" צעשטערט די מיליטערישע קיך־טערמאָסן און צעקלאַפּט די פעסלער מיט סמאָלע. אין די „טעלעפונקען"־אונטערנעמונגען זענען דורכגעפירט געוואָרן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין דער פּראָדוקציע פון פּרעציזיע־אַפּאַראַטן, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר דער ווערמאַכט. מיר ווייסן אויך וועגן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין די רעמאָנט־וואַרשטאַטן פון אויטאָס און טראַקטאָרן, וואָס האָבן געהערט צו דער „לופטוואַפע".

די יידישע קעמפער האָבן פאַרבונדן זייערע סאַבאָטאַזש־אַקציעס מיט דער אַנטיפאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. די יידישע אַסורים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די שיך־וואַרשטאַטן אין סאָסנאָוויעץ, האָבן אַריינגעלייגט אין די שיך אויפרופן צו די דייטשישע זעלנער, אַז זיי זאָלן „נישט קעמפן קעגן די, וואָס באַפרייען די באַפעלקערונג פון היטלערישן יאָך".[34]

די יידישע צוואַנגס־אַרבעטער, וועלכע האָבן געמוזט אַרבעטן דירעקט אין די אַמוניציע־פאַבריקן, האָבן שוין אין ערשטן ליקווידאַציע־טעמפּ פאַרשאַפט דער היטלערישער מאַכט גרויסע שוועריקייטן. מיט דער פאַרערגערונג פון דער ווירטשאַפטלעכער סיטואַציע און דער נויטווענדיקייט אויסצונוצן די פאַכמענערישע אַרבעטס־כוחות, איז די היטלערישע מאַכט צוגעטראָטן צו באַנוצן זיך מיט אַנדערע מעטאָדן פון מאַסן־פאַרניכטונג פון יידן און פון אַנדערע אונטערייאָכטע פעלקער.

6. די מיליטערישע אָפּעראַציעס און די רעאַליזאַציע פון פעלקערמערדערישן „גענעראַל־פּלאַן מזרח"

אין דער העלפט 1942 האָט די ווערמאַכט אָנגעהויבן אַ נייע גיגאַנטישע אָפענסיווע אויפן מזרח־פראָנט. אויסנוצנדיק די סיטואַציע, וואָס עס האָט זיך נישט געעפנט דער צווייטער פראָנט אין אייראָפּע, וועלכן די רעאַקציאָנערע קליקעס פון ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן בכיוון אָפּגעשלעפּט, האָט די דייטשישע אויבערקאָמאַנדע געוואָרפן אַלע מעגלעכע רעזערוון אויפן מזרח־פראָנט. די היטלעריסטישע אַרמיי האָט אין אַ קורצער צייט דער־

[34] כתב־יד פון באַליצקין.

גרייכט אַ באַדייטנדיקן טאַקטישן דערפֿאָלג און איז דערגאַנגען ביז דער וואָלגע און קאַווקאַז.

דער הויפּט־ציל פֿון דער היטלעריסטישער אָפֿענסיווע — ווי דאָס האָט אויפֿגעקלערט י. סטאַלין — איז געווען נישט בלויז די דעראָבערונג פֿון די קאַווקאַזישע נאַפֿט־געביטן, נאָר דאָס אָפּרייסן מאָסקווע פֿון אוראַלישן הינטערלאַנד, כדי דעסטאָ בעסער צו אַטאַקירן מאָסקווע. נישט קאָנענדיק פֿאַרנעמען מאָסקווע אין פֿראָנטאַלן אַטאַק, האָט די דייטשישע אַרמיי געוואָלט זי פֿאַרנעמען דורך אַרומקרייזנדיקע מאַנעוורן. דער ערשטער ציל פֿון דער מיליטערישער אָפּעראַציע איז געווען סטאַלינגראַד, וועלכן זיי האָבן געוואָלט פֿאַרנעמען שוין דעם 25־טן יולי 1942.[1] די היטלעריסטישע רעגירונג האָט נאָך דער סטראַטעגישער אָפּעראַציע גערעכנט אויף שנעלע דערפֿאָלגן, אויף פֿאַרנעמען מאָסקווע און אַ זיגרייכע פֿאַרענדיקונג פֿון דער מלחמה.[2]

אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּלענער פֿון אַ שנעלן זיג און פֿון דעראָבערן אומענדלעכע שטחים פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט די היטלעריסטישע רעגירונג געהאַלטן, אַז עס זענען אַנטשטאַנען נישט בלויז פּאָליטישע פֿאַרהנחות, נאָר אויך פּאַקטישע מעגלעכקייטן אויסצומאָרדן די סלאַווישע פֿעלקער און פֿולשטענדיק צו פֿאַרטיליקן די יידישע באַפֿעלקערונג אין אייראָפּע.

איידער מיר וועלן צוטרעטן גענוי פֿעסטצושטעלן די פֿעלקערמערדערישע פּאָליטיק לגבי יידן אויף דעם עטאַפּ פֿון דער וועלט־מלחמה, האַלטן מיר פֿאַר וויכטיק אָפּצושטעלן זיך אויף דעם פּלאַן פֿון פֿאַרניכטן די סלאַווישע פֿעלקער.

דעם פֿאַרברעכערישן פּלאַן פֿון פֿאַרניכטן די סלאַווישע פֿעלקער, דעם א. ג. „גענעראַל־פּלאַן מזרח", האָט צוגעגרייט דער רייכסזיכערקייט־הויפּטאַמט שוין אין האַרבסט 1941, אין שייכות מיט די האָפֿענונגען פֿון אַ בליץ־זיג ביי מאָסקווע.[3] מיטן צוגרייטן דעם פּלאַן האָבן זיך פֿאַרנומען נאָך אַנדערע פּאַרטייאישע אָרגאַנען און עקספּאָזיטורן פֿון ס.ס., ווי אויך דער היטלעריסטישער „אינסטיטוט פֿאַר אַגראַר־וועזן און אַגראַר־פּאָליטיק". די שטעלונג פֿון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי צום דערמאָנטן „גענעראַל־פּלאַן מזרח" איז באַלויכטן געוואָרן אין קאָמענטאַר, וועלכן עס האָבן צוגעגרייט וועצעל און העכט, די מיטאַרבעטער

---

1 י. סטאַלין: וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד (פּויליש), ווארשע 1945, ז. 44.

2 דצ"ו, סטאַלינס רעפּעראַט אויף דער פֿייערלעכער אַקאַדעמיע דעם 6 נאָוועמבער 1942.

3 וועצעל דערמאָנט אין זיין קאָמענטאַר צום „גענעראַל־פּלאַן מזרח", אַז שוין אין נאָוועמבער 1941 האָט מען אין ר.ז.ה.א. געגרייט דעם פֿעלקערמערדערישן פּלאַן. „ביולעטין" ה.ק.פ.ה.פּ., ב. V, ז. 211.

פון אַמט פאַר ראַסן=פּאָליטישע ענינים ביי דער היטלעריסטישער פּאַרטיי=אָנ=
פירונג.[4]

דער פּלאַן האָט פאָרויסגעזען די איבערזידלונג פון 50 מיליאָן פּאָליאַקן,
טשעכן, אוקראַינער און ווייסרוסן אויף סיביר, כדי צו שאַפן קאָלאָניזאַציע=
שטחים פאַר דייטשן. די פּאָליאַקן, וואָס האָבן אין 80—85 פּראָצענט געזאָלט
דעפּאָרטירט ווערן אויף סיביר, האָבן אַזויאַרום געזאָלט פאַרשווינדן פון דער
פּוילישער ערד.[5]

מען האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון דערפון, אַז „אַ צוואַנגס=איבערזיד=
לונג פון 20 מיליאָן פּאָליאַקן אויף מערב=סיביר אין אַ קאָמפּאַקטער מאַסע וואָלט
אָן ספק געווען אַ גרויסע געפאַר פאַרן סיבירישן שטח און אַ צענטער פון אַ
כסדרדיקן בונט קעגן דער דייטשישער מאַכט". דערפאַר האָט וועטצעל סוגערירט
נאָך אַנדערע פאָרמען פון „לעזן די פּוילישע פראַגע". די רעאַליזאַציע פון דאָזיקן
פּלאַן, וואָס איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער געאָפּאָליטיק פון דייטשישן
אימפּעריאַליזם, וואָלט באַדייט די פאַרניכטונג פון פּוילישן פאָלק. דערביי האָבן
די היטלעריסטן ביי דער איבערזידלונג פון די סלאַווישע פעלקער אויף מזרח
פאַרפאָלגט נאָך אַ ציל: דורך אויסשפּילן קעגנאַנאַנדער די פאַרשידענע באַפעל=
קערונגס=גרופּן פאַרשאַרפן די נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען. „סיבעריען און די סי=
בעריער, — שרייבט וועטצעל, — וועלן פאַר אונדז דייטשן זיין אַ דעסטאַ גרע=
סערער שטיצפּונקט קעגן דער מעגלעכער פאַרשטאַרקונג פון די רוסן, אויף וויפל
עס וועט זיך אונדז איינגעבן אַריינשטופּן דאָרט נישט=רוסישע עלעמענטן, באַ=
וועזן זיי צעוואָרפן און אַזויאַרום דערפירן צו אַ פאַרשידנאַרטיקן באַפעלקערונגס=
צוזאַמענשטעל..."[6]

וועטצעל האָט דערביי באַטאָנט, אַז לגבי פּאָליאַקן קאָן מען דערווייל נאָך
נישט אָנווענדן די מעטאָדן פון מאַסן=פאַרניכטונג, וועלכע זענען אויסגעפּרוווט
געוואָרן אויף דער יידישער באַפעלקערונג. געשטערט דערצו האָבן גאַטירלעך
נישט הומאַניטאַרע, נאָר פּאָליטישע מאָטיוון.[7] וועטצעל האָט דעריבער סוגע=
רירט, אַז צוליב טאַקטישע טעמים זאָלן לגבי פּאָליאַקן אָנגעווענדעט ווערן אַנ=
דערע עקסטערמינאַציע=מעטאָדן, וואָס זאָלן אָבער דערפירן צום זעלבן ציל —
צו דער ליקווידאַציע פון פאָלק.

---

[4] נירענב. פּראָצעס נר. VIII, דאָקום. נ.אָ. — 2585; וועצעלס קאָמענטאַר פאַר=
עפנטלעכט אין „בולעטין" ה.ק.פ.ה.פ., ב. V, ז. 209—242, דאָקום. נ.ג. — 2325; פג"ל
אויך דאָקום. נ.אָ. — 2255 „גענעראַל=פּלאַן אָסט, רעכטלעכע, ווירטשאַפטלעכע און רוימ=
לעכע גרונדלאַגן דעס אָסטאַופבאַועס" פון 28 מאי 1942.

[5] אַנאַלאָגישע זענען געווען די היטלערישע פּלענער בנוגע טשעכאָסלאָוואַקיע.

[6] „בולעטין" ה.ק.פ.ה.פ., ב. V, ז. 224.

[7] דצ"ו, ז. 223.

נישט געקוקט אָבער אויף די פּאָליטישע שטערונגען, איז די היטלעריסטישע אָקופּאַציע־מאַכט — אומאָפּהענגיק פון די איבערזידלונגס־פּלענער אויף סיביר — צוגעטראָטן צו אַ מאַסן־ליקווידאַציע פון פּאָליאַקן מיט פאַרניכטונגס־מעטאָדן, וואָס זענען שוין אויסגעפּרווט געוואָרן לגבי יידן. עס קאָנען וועגן דעם עדות זאָגן דער געהיימער בריוו פון גאַולייטער גרייזער פון 1־טן מאַי 1942 צו הימלערן. גרייזער איז מודיע הימלערן, אַז אין קורצן וועט ער פאַרענדיקן דעם ערשטן עטאַפּ פון דער יידן־ליקווידאַציע אין זיין פּראָווינץ און בעט אים אַ דערלויבעניש דורכצופירן אין צווייטן עטאַפּ די ליקווידאַציע פון אַ האַלבן מיליאָן פּאָליאַקן. „איך בעט אייך אַ דערלויבעניש, — שרייבט גרייזער, — אַז מיט דער הילף פון דער איינגעאַרבעטער זאָנדערקאָמאַנדע זאָל איך נאָך דער יידן־אַקציע קאָנען די פּראָווינץ באַפרייען פון דער געפאַר, וואָס נעמט יעדע וואָך אָן אַלץ מער קאַטאַסטראָפאַלע פאָרמען... צוליב דער דרינגלעכקייט פון ענין, — שרייבט ווייטער גרייזער, — בעט איך וואָס שנעלער אייער פּרינציפּיעלע הסכמה, אַז מען זאָל איצט, אין לויף פון דער יידן־אַקציע, מאַכן מיט אַלע פאָרזיכטס־מיטלען צוגרייטונגען צו דער נאָכפאָלגנדיקער אַקציע קעגן פּאָליאַקן...“[8]

הימלער און היידריך האָבן אין זייער ענטפער צו גרייזערן פון 9־טן יולי 1942 בפירוש דערקלערט, אַז זיי האָבן נישט קיין שום באַוואָרענישן בנוגע דער דורכפירונג פון דער אַקציע, אויב באַטירלעך זי וועט נאָר געהאַלטן ווערן בסוד סודות.[9]

אין אַן אַנדערן דאָקומענט, וואָס איז אין 1942 יאָר אַרויסגעשיקט געוואָרן פון גרייזערס קאַנצעלאַריע, לייענען מיר: „אונדזער באַפעלקערונגס־פּאָליטיק לגבי די פּאָליאַקן איז אין אצטיקן מאָמענט נישט קיין מאַכט־פּאָליטיק, נאָר אַ ביאָלאָגישע אַנטשיידונג...“[10]

די היטלעריסטישע פּאָליטיק לגבי די סלאַווישע פעלקער האָט אין קורצע ווערטער פאָרמולירט באָרמאַן אין אַ בריוו פון 23־טן יולי 1942: „די דייטשן זענען די ערשטע און מוזן אַלץ באַקומען. פון דעם, וואָס ס'וועט איבערבלייבן, קאָנען די סלאַוון באַקומען אַזויפיל, וויפל דאָס איז זיי אומבאַדינגט נייטיק. די סלאַוון מוזן אַרבעטן, קאָנען שטאַרבן, ווען זיי וועלן שוין נישט זיין נייטיק די דייטשן. מעדיצינישע הילף איז דעריבער פאַר סלאַוון איבעריק. די צאָלמעסיקע פאַרגרעסערונג פון סלאַוון איז בכלל נישט געוונטשן... בילדונג פאַר זיי שאַפט

---

[8] דער פּראָצעס פון היטלעריסטישע דאָקטוירים פג"ל
„Das Diktat der Menschenvernichtung". Eine Dokumentation von Aleksander Mitscherlich und Fried Mielke, Heidelberg 1947, p. 102.

[9] דצ"ו.

[10] „ביאָלאָגישער קאַמף פון III רייך קעגן פּוילישן פאָלק". דייטשישע דאָקומענטן, פאַרעפנטלעכט אין „בוילעטין" ה.ק.פ.ה.פ., ב. III, ז. 130.

אַ געפאַר. יעדער געבילדעטער סלאַוו איז אַ צוקונפטיקער שונא פון דייטשלאַנד“.[11]

דער דערמאָנטער פאַקט באַשטעטיקט, אַז טעאָרעטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל זענען די פעלקערמערדערישע פּלענער לגבי פּאָליאַקן שוין לאַנג צוגעגרייט געוואָרן, בלויז זייער דורכפירונג איז געווען אָפּהענגיק פון די רעזולטאַטן פון דער זומער-קאַמפּאַניע אויפן מזרח-פראָנט.

עס איז אויך באַוווּסט, אַז אין דער ערשטער ריי האָט געזאָלט אויסגעזידלט ווערן די פּוילישע באַפעלקערונג פון דער גענ.-גובערניע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט גרייפעלדט, „דער באַפולמעכטיקטער פון קאָמיסאַר צו באַפעסטיקן דאָס דייטשישע פאָלקסטום“, זיך געווענדעט דעם 3-טן יולי 1942 צו הימלערן מיט אַ פאָרשלאַג צו באַשטימען די גענ.-גובערניע אַלס אַ באַזעצונגס-שטח פאַר פאָלקס-דייטשן. „צוליב דעם, וואָס געוויסע קאַטעגאָריעס פּאָליאַקן, — שרייבט גרייפעלדט, — וועלן שוין אין האַרבסט דעפּאָרטירט ווערן פון דער גובערניע“, בעט ער הימלערן אַ שנעלערע רעציזיע.[12] גלייכצייטיק איז ער מודיע הימלערן, אַז ער איז געקומען מיט קריגערן צו אַ פולער הסכמה וועגן דעם, אַז אין דער ערשטער ריי וועלן אָפּגערייניקט ווערן די לובלינער און כעלמער קרייזן, וואָס וועלן זיין באַשטימט פאַר די בוקאָווינער און בעסאַראַבער פאָלקס-דייטשן. אַלע אונטערנעמונגען און וואַרשטאַטן אויף די געביטן בלייבן אויפן אָרט און וועלן איבערגענומען ווערן דורך די נייע קאָלאָניסטן.[13]

אין די זומער-חדשים זענען אָבער אויפן מזרח-דרומדיקן פראָנט געגאַנגען אומצאָליקע טראַנספּאָרטן פון דייטשישע דיוויזיעס מיט טעכנישע מאַטעריאַלן און אַמוניציע. די באַנען האָבן קודם-כּל באַדינט דעם פראָנט.[14] מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס איז גראָד געווען אַ צייט פון אַ פאַרשטאַרקטער פאַרניכטונגס-אַקציע פון יידן און דעפּאָרטאַציעס אין די טויט-לאַגערן. דאָ דאַרף מען זוכן די סיבות, פאַרוואָס די אָקופּאַציע-מאַכט, נישט געקוקט אויף די גרונטיקע צוגרייטונגען, איז זומער-צייט נאָך נישט צוגעטראָטן צו דער אויסזידלונג פון פּאָליאַקן.

ערשט אין אָקטאָבער 1942, ווען די היטלעריסטן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי זענען נאָענט פון נצחון, ווייל זייערע אַרמייען זענען דעמאָלט געשטאַנען אין די פאָרשטעט פון סטאַלינגראַד און 120 קמ. פון מאָסקווע, האָט דער שעף פון דער סיפּ“אָ מודיע געווען דעם 26-טן אָקטאָבער דער רעגירונג פון דער גובערניע, אַז אין נאָוועמבער וועט זיך אָנהייבן די דעפּאָרטאַציע פון פּאָליאַקן

[11] אַקטן פון ביהלערס פּראָצעס, ב. VII, ז. 73.

[12] נירענבערגער פּראָצעס נר. VIII, דאָקום. נ.אָ. — 4876.

[13] דאָרט, דאָקום. נ.אָ. — 4877.

[14] „בולעטין“ ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. II, ז. 40, פראַנקס טאָגבוך.

פון לובלינער דיסטריקט.[15] און פּאַקטיש, ווי מיר ווייסן, האָט זיך די פאַרברעכע־רישע אויסזידלונגס־אַקציע פון פּאָליאַקן פון זאַמאָשטשער, טאָמאַשאָווער, הרו־ביעשאָווער קרייזן אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט נאָוועמבער 1942.[16]

7. די פאַרברעכערישע אויפגאַבן פון דער „אָפּעראַציע ריינהאַרד"

זומער און האַרבסט 1942 יאָר, ווען די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט איז געווען געווענדעט אויפן מזרח־פראָנט, האָט די אָקופּאַציע־מאַכט פאַרשטאַרקט די מאַסן־ליקווידאַציע פון יידן. די דאָזיקע מערדערישע אַקציעס, וואָס זענען זינט אָנהייב 1942 געפירט געוואָרן אויף די אָקופּירטע פּוילישע גע־ביטן, האָבן אין דער העלפט יאָר אַרומגענומען כמעט אַלע אָקופּירטע דורך די דייטשן לענדער אין אייראָפּע. געבעלס האָט אַפילו אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די אויסראָטונגס־אַקציעס וועלן אַרומנעמען נישט בלויז אייראָפּע, נאָר אויך לענדער פון אַנדערע קאָנטינענטן.[1]

אין דער זעלבער צייט לאָזט זיך אויך פעסטשטעלן אַן אינטענסיווע טע־טיקייט פון אויסערן־מיניסטעריום, וואָס האָט באַאויפטראַגט זיינע דיפּלאָמאַטי־שע פאַרשטייער אין פאַרשידענע אָפּהענגיקע פון דייטשלאַנד לענדער, זיי זאָלן צואיילן די דעפּאָרטאַציע פון די דאָרטיקע יידן אין די לאַגערן אויף די אָקו־פּירטע פּוילישע געביטן. דאָס היטלעריסטישע אויסערן־מיניסטעריום האָט אויף דעם אָפּשניט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיטן רסה"אַ, באַזונדערס דער לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר דער יידן־פראַגע (IV.B.4.a) אַדאָלף אייכמאַן האָט אָפט אַליין באַזוכט אָדער אַרויסגעשיקט זיינע מיטאַרבעטער אין די לענדער, אין וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט די אויסזידלונגס־אַקציעס.[2] זינט דער העלפט 1942 קומען אָן קיין פּוילן טראַנספּאָרטן יידן פון טשעכיע, סלאָוואַקיע, דייטשלאַנד, פראַנק־

---

[15] „נאַצי קאָנספּיראַסי", ב. VII, ז. 816, דאָקום. ל — 61.

[16] ז. קלוקאָווסקי: דייטשישע פאַרברעכנס אין זאַמאָשטשער געגנט, „ביולעטין", ב. II, ז. 49.

[1] „דאַס רייך" (דייטש) פון 14 יוני 1942, אַרטיקל פון געבעלסן.

[2] „פּראָצעס פון העסן", ב. XXI, ז. 188, מיסליצעני איז געווען אין סלאָוואַקיע, בולגאַריע, אונגאַרן, גריכנלאַנד; העס (דער קאָמענדאַנט פון אָשוויענטשימער לאַגער) איז אין 1944 (אַלס אַמטסלייטער אין דער צענטראַלע פון די קאָנצלאַגערן אין אָראַנ־יענבורג) עטלעכע מאָל געווען אין בודאַפּעשט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מאַסן־אויס־זידלונג פון יידן, דאַנעקער האָט געוישעוועט אין פראַנקרייך.

רייך, בעלגיע, האָלאַנד און ווערן געשיקט אין אָשוויענטשים, מאַידאַנעק אָדער אין די ספּעציעלע טויט־לאַגערן.

די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון יידן פון די מיטל־ און מערב־אייראָפּעישע לענדער האָבן נאַטירלעך דער אָקופּאַציע־מאַכט פאַרשאַפט נישט ווייניק שוועריקייטן. חוץ די פּאָליטישע מאָמענטן, האָבן דאָ נישט ווייניק דאגות פאַרשאַפט די צאָלרייכע אין די דאָזיקע לענדער געמישטע חתונות און דאָס פּראָבלעם פון מישלינגען פון 1־טן און 2־טן גראַד. די פראַגן זענען אַפילו באַהאַנדלט געוואָרן אויף די קאָנפערענצן אין רסה"אַ דעם 20־טן יאַנואַר און 6־טן מערץ 1942, אָבער דערווייל זענען נאָך אין די ענינים נישט געפאַלן קיין ענדגילטיקע דעציזיעס. עס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן פאַרשידענע פּראָיעקטן, צוו. אַנד. — וועגן סטעריליזאַציע פון אַלע מישלינגען אין רייך (70 טויזנט), אָדער קאָנצענטרירן זיי אין איין שטאָט אין דייטשלאַנד אָדער אין דער גובערניע אַאַוו.[3]

ווען דער עס־עס־גענעראַל בערגער, דער שעף פון עסעסישן הויפּט־אַמט, האָט געוואָלט די פראַגע וועגן מישלינגען רעגולירן אויפן יורידישן וועג דורך אַרויסגעבן אַן אָפיציעלע פאַראָרדענונג, האָט הימלער קאַטעגאָריש זיך קעגנגעשטעלט, מאָטיווירנדיק, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג פון יידישער אָפּשטאַמונג וועט ליקווידירט ווערן. „איך בעט אייך, — שרייבט הימלער צו בערגערן דעם 26־טן יולי 1942, — נישט צו פאַרעפנטלעכן קיין פאַראָרדענונגען וועגן דעם באַגריף „ייד". דאָס זענען אַלץ נאַרישע פאָרמולירונגען, וואָס בינדן אונדז די הענט"[4].

הימלער האָט אין דעם זעלבן געהיימען בריוו אויפגעקלערט די הויפּט־אויפגאַבן פון די עס־עס־אָרגאַנען. „די מזרח־געביטן וועלן אָפּגערייניקט ווערן פון אַלע עלעמענטן פון יידישער אָפּשטאַמונג, — שרייבט הימלער, — דער פירער האָט באַאויפטראַגט דורכצופירן די זייער שווערע אויפגאַבע. איך נעם אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך וויל נישט קיין שום דיסקוסיע...[5]".

צום רעאַליזירן די פעלקערמערדערישע אויפגאַבע האָט מען זיך צוגעגרייט סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק. אין פרילינג האָט מען אָנגעהויבן בויען אַ נייעם טויט־לאַגער אין סאָביבאָר, אין יוני איז מען צוגעטראָטן בויען דעם לאַגער טרעבלינקע II. אין סוף 1942 האָבן שוין ביידע טויט־לאַגערן פאַר יידן, דער עיקר פון די מיטל־ און מערב־אייראָפּעישע לענדער, אָנגעהויבן זייער פאַרניכטונגס־טעטיקייט. זומער 1942 האָט מען שנעל אויסגעענדיקט די פאַנאַנדער־

---

[3] וועגן דער קאָנפערענץ אין ר.ז.ה.אַ. דעם 6 מערץ 1942 און קאָרעספּאָנדענץ פון יוסטיץ־, אויסערן־ און אינערן־מיניסטער וועגן די ענינים — אין די אַקטן נ.ג. — 2586.

[4] הימלערס בריוו צו בערגערן, דאָקום. נ.אָ. — 626.

[5] רצ"ו.

בויונג פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין מיידאַנעק, אז ער האָט אויף די פינף „פעלדער" געקאָנט אַריינגעמען אַן ערך 100.000 אַסורים.[6]

דער ענין פון פאַנאַנדערבויען דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לובלין און זיינע פאַרשיידענע פיליעס אויפן געביט פון דיסטריקט איז געווען, ווי מיר ווייסן שוין היינט, אַן ענין פון א פרעסטיזש־שטרייט צווישן דעם גובערנאַטאָר פון לובלינער דיסטריקט צערנער און דעם עס־עס־ און פאָליציי־פירער גלאָבאָצניק. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק, ביי וועלכן צערנער האָט נישט איינמאָל אינטערוועגירט[7], איז, קענענדיק גלאָבאָצניקס פאָזיציע ביי הימלערן און די אָנפאַרטרויטע אים אויפגאַבע אין דער אקציע פון פאַרניכטן די יידן אין דער גענ.־גובערניע, איינגאַנצן געווען אויף דער זייט פון עס־עס־ און פאָליציי־פירער[8]. גלאָבאָצניקס פאָזיציע איז דעמלט געווען אזוי שטאַרק, אז שוין דעם 5־טן מערץ 1942, אויף דער קאָנפערענץ אין הימלערס הויפט־קוואַרטיר אין דער אָנוועזנהייט פון לאַמערסן, באָרמאַנען, הימלערן און פראַנקן איז באַשלאָסן געוואָרן, אז דער גובערנאַטאָר צערנער זאָל אראָפּגענומען ווערן פונעם אמט, ווען עס וועט נאָר זיין די מעגלעכקייט אים אַנטשפּרעכנדיק אויסצונוצן, און גלאָבאָצניק זאָל גלייכצייטיק זיין גובערנאַטאָר און פאָליציי־פירער אין איין פּערזאָן[9].

די העכסטע פאַרטיי־ און מלוכה־אינסטאַנצן האָבן באַשאָנקען גלאָבאָצניקן מיטן גרעסטן צוטרוי, און טאַקע אונטער זיין אָנפירונג און השגחה איז געפירט געוואָרן די פעלקערמערדערישע אקציע פון יידן־פאַרטיליקונג אין דער גענ.־גובערניע; אין די אָפיציעלע דייטשישע דאָקומענטן ווערט זי אָנגערופן „אָפּעראַציע ריינהאַרד", אויפן נאָמען פון ריינהאַרד היידריך, דעם שעף פון דער רייכס־זיכערקייט־הויפּט־אמט, וועלכן די טשעכישע פּאַטריאָטן האָבן ליקווידירט[10]. גלאָבאָצניק איז געווען דער שטאַב־שעף פון דער „אָפּעראַציע־ריינהאַרד", וואָס האָט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין לובלין. דערפאַר האָבן זיך אונטער זיין אויפזיכט געפונען די ספּעציעלע טויט־לאַגערן פאַר יידן אין בעלזשעץ, טרעבלינקע, סאָביבאָר און דער קאָנצלאַגער אין מיידאַנעק מיט זיינע פיליעס.

---

[6] פג"ל די אַרבעטן פון ז. לוקאַשעוויטש וועגן די לאַגערן אין סאָביבאָר, טרעבלינקע און מאַידאַנעק אין „ביולעטין" ה.ק.פ.ה.פ., ב. I, ז. 134, III, 49, IV, 67.

[7] „די צעשטערונג פון וואַרשע" (פויליש), וואַרשע 1946, ז. 266, גבית־עדות פון ביהלערן אין נירענבערג (26 פעברואַר 1946).

[8] גבית־עדות פון לאַגערניק ס. טורקעלטאַוב וועגן די פרעסטיזש־שטרייטן צווישן צערנער און גלאָבאָצניק, אַרכיוו פון יי.ה.א., גבית־עדות נר. 728.

[9] קאָפּיע פון פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ אין לאַמערס שלאָף־וואַגאָן, דעם 5 מערץ 1942, אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., אַקטן ד.צ. — 662.

[10] אורטייל אין פּאָהלס פּראָצעס, ז. 7963; אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. IV, ז. 820.

די „אָפּעראַציע ריינהאַרד" האָט חוץ דער פיזישער פאַרטיליקונגס־אַקציע אַרומגענומען ווירטשאַפטלעכע ענינים, נעמלעך דאָס איבערנעמען און פאַר־ווערטן דעם רעשט פון באַוועגלעכן פאַרמעגן פון דער ליקווידירטער יידישער באַפעלקערונג, וועגן וואָס מיר שרייבן אונטן אויספירלעך.

גלאָבאָצניק האָט ביים רעאַליזירן די פעלקערמערדערישע אויפגאַבן באַ־קומען די אונטערשטיצונג פון די העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנצן אין רייך. גלאָ־באָצניקן זענען אפילו עטלעכע מאָל צוגעטיילט געוואָרן ספּעציעלע איינזאַץ־גרופּן — ווי עס פאַרזיכערט וועגן דעם הימלערן וויקטאָר בראַק, דער אָבער־דינסטלייטער אין דער העכסטער פּאַרטיי־קאַנצעלאַריע [11].

דאָס שנעלע פאַנאַנדערבויען די טויט־לאַגערן אין דער גענ.־גובערניע און אין די אָקופּירטע געביטן (אָשוויענטשים, כעלמנאָ) זאָגט עדות וועגן דעם, אַז די היטלעריסטן האָבן געוואָלט דורכפירן די פאַרטיליקונגס־אַקציע פון יידן נאָך פאַרן פאַרענדיקן די מיליטערישע אָפּעראַציעס אויפן מזרח. אין זיין בריוו צו הימלערן שרייבט בראַק: „בריגאַדעפירער גלאָבאָצניק האַלט, אַז די גאַנצע אַקציע קעגן יידן דאַרף מען דורכפירן וואָס שנעלער, ווייל עווענטועלע שוועריקייטן קאָ־נען פאַרבלאָקירן די גאַנצע אַקציע בכלל, און דעמלט וואָלטן מיר געבליבן שטעקן אינמיטן. איר, רייכס־פירער, — שרייבט וויקטאָר בראַק צו הימלערן, — האָט נישט איינמאָל אויסגעדריקט לגבי מיר די מיינונג וועגן אַ שנעלן דורכ־פירן די אַרבעט צוליב דער נויטווענדיקייט פון מאַסקירן זי. איך האַלט ביידע שטאַנדפּונקטן — אין ליכט פון מיין פערזענלעכער דערפאַרונג — פאַר באַרעכ־טיקטע" [12].

צוגרייטנדיק זיך צו דער פעלקערמערדערישער זומער־אַקציע האָט מען אויך אַרויסגענומען די יידישע באַפעלקערונג פון אונטער דער השגחה פון דער אַדמי־ניסטראַטיווער מאַכט און אונטערגעאָרדנט דער יוריסדיקציע פון דער עס־עס און זיכערהייטס־פּאָליציי [13].

אין צווישן זענען אין דער גובערניע דורכגעפירט געוואָרן אַלע טעכנישע צוגרייטונגען. די עסעס־ און פּאָליציי־פירער פון די באַזונדערע דיסטריקטן האָבן וועגן דעם געמאָלדן קריגערן אויף אַ באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 18־טן יוני 1942, אין וועלכער עס האָבן אויך אָנטיילגענומען פאַרשטייער פון דער רעגירונג און אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען אין די דיסטריקטן [14].

---

[11] נירענב. דאָקום. נ.אָ. — 205.

[12] ד.צ.־אַקטן.

[13] די יידישע ענינים זענען אין איינקלאַנג מיט פראַנקס דעקרעט פון 3 יוני 1942 איבערגעגעבן געוואָרן דער זיכערהייטס־פּאָליציי. „בולעטין" פון ה.ק.פ.ה.פ., ב. III, ז. 188.

[14] פראַנקס טאָגבוך, ב. XXIII, ז. 120—154.

קאצמאן האָט אינפאָרמירט אויף דער באראטונג, אז פון גאליציען דיסטריקט זענען שוין „דעפּאָרטירט געוואָרן גרויסע מאסן יידן“ און אז אין קורצן וועלן פאָרקומען ווייטערדיקע אויסזידלונגען. ד״ר הומעל פון ווארשעווער דיסטריקט (פישערס פארטרעטער) האָט אָנגעזאָגט א גרויסע אויסזידלונגס=אקציע פון ווארשע. אויך דער אויבערראט ענגלער האָט געמאָלדן, אז פון לובלינער דיסטריקט האָט מען אויסגעזידלט עטלעכע צענדליק טויזנט יידן און אז אין קורצן וועט דער דיסטריקט זיין „יודען=ריין“ [15]. פאָרשטייער פון ווארשעווער און ראַדאָמער דיסטריקטן האָבן געמאָלדן, אז אלע צוגרייטונגען צו דער אקציע זענען שוין פאַרענדיקט. אויך קריגער האָט אויף דער אָנפראַגע פון שטאַטס=סעקרעטאַר ביהלער אויפגעקלערט, אז דער איינציקער שטער, וואָס איז נאָך פארבליבן, איז די טראנספּאָרט=פראגע [16]. ער האָט געמאָלדן, אז דער באן=פארקער איז דערווייל אָפּגעשלאָסן אויף 14 טעג (ווארשיינלעך צוליבן איבערוואַרפן דייטשישע דיוויזיעס אויפן מזרח=פראָנט), אָבער דער פרעזידענט גערטיים האָט אים פארזיכערט צוצושטעלן באנען דעמאלט, ווען די אנטי=יידישע אקציעס וועלן פארשטארקט ווערן.

נאָכן פארענדיקן אלע טעכנישע און אָרגאניזאציאָנעלע צוגרייטונגען האָט הימלער פערזענלעך דורכגעפירט אין יולי 1942 אן אינספּעקציע אין די לאַגערן און ארומגערעדט מיט גלאָבאָצניקן אלע איינצלהייטן פון דורכפירן דעם פעלקערמערדערישן פּלאַן אין דער גען.=גובערניע. אין רעזולטאַט פון די דורכגעפירטע געשפּרעכן האָט הימלער ארויסגעגעבן אין לובלין דעם 19=טן יולי 1942 א געהיימען באפעל צו קריגערן [17], אין וועלכן ער האָט באשטימט דעם 31=טן דעצעמבער 1942 אלס דעם לעצטן טערמין, ביז וועלכן יידן קאָנען זיך נאָך געפינען אין דער גובערניע. „נאָך דעם דאָזיקן טערמין, — לייענען מיר אין הימלערס באפעל, — קאָנען די יידן נישט זיין מער אויף דער טעריטאָריע פון דער גובערניע, אחוץ אין די פארמאכטע לאַגערן אין ווארשע, קראָקע, טשענסטאָכאָוו, ראדאָם און לובלין“. בלויז אין די אויסגערעכנטע ערטער וועט קאָנען פארבלייבן די אויסעלעקציאָנירטע יידישע באפעלקערונג, וואָס ארבעט פאר די באדערפענישן פון דער ארמיי. אין שייכות הערמיט מוזן אלע ארבעטס=אנשטאלטן אין אנדערע שטעט, וואָס באשעפטיקן יידישע ארבעטס=כוחות, ווערן ביזן באשטימטן טערמין ליקווידירט, און אויב זייער ליקווידאציע איז נישט מעגלעך, מוזן זיי איבערגעטראָגן ווערן אין איינעם פון די דאָזיקע לאַגערן.

---

[15] דצ״ו, ז. 127; XXIII, ז. 477, זיצונג ביים גובערנאַטאָר אין לובלין.

[16] פראַנקס טאָגבוך, ב. XXIII, ז. 147—149.

[17] הימלערס באַפעל פון 19 יולי 1942 (אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., אַקטן ד. צ. — 21).

אין דאָזיקן בלוטיקן דאָקומענט, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן א טויט-אורטייל אויף מיליאָנען יידן, האָט הימלער „באַגרינדעט“ די נויטווענדיקייט אָפּצורייניקן די גובערניע פון יידן אויף פאָלגנדיקן אופן: „די פאָראָרדענונגען זענען א נויטווענדיקייט סיי פון שטאַנדפּונקט פון א נייער אייראָפּעישער אָרדענונג, וואָס איז אָפּהענגיק פון דער עטנישער איזאָלירונג פון ראַסן און פעלקער, סיי אין די אינטערעסן פון זיכערקייט און ראַסן-ריינקייט פון דייטשישן רייך און זיינע השפּעה-ספערן. יעדער דורכברוך אין דאָזיקן פּרינציפּ טראָגט אין זיך א געפאַר פאַר דער רו און אָרדענונג פון אַלע געביטן, וואָס געפינען זיך אין דייטשישן ווירקונגס-קרייז, איז אויך א שטיצפּונקט פאַר דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג און קאָן ווערן א נעסט פון מאָראַלישער און פיזישער פּעסט. צוליב די אַלע סיבות אַנטשטייט א נויטווענדיקייט פון טאָטאַלער אָפּרייניקונג פון יידן אין דער גובערניע און צוליב דעם מוזן זיי אויסגעפירט ווערן...“[18].

ווי א פועל-יוצא פון ציטירטן באַפעל איז געקומען אין די חדשים אויגוסט, סעפּטעמבער, אָקטאָבער 1942 די גרעסטע פאַרשטאַרקונג פון די פעלקערמערדערישע אויסזידלונגס-אַקציעס, וואָס האָבן געבראַכט אומצאָליקע קרבנות אין די אויבן דערמאָנטע טויט-לאַגערן.

דער אָנהייב פון דער „אַקציע“ אין די באַזונדערע שטעט כאַראַקטעריזירט א שטרענגע געהיימנישפולקייט, נישט זיכערקייט און נישט קענען סיי די היטלעריסטישע פּלענער און סיי דעם טערמין פון פאַרענדיקן די אַקציעס. דער מאָמענט פון אומגעריכטן איבערפאַל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מיליטערישער און אפילו דיפּלאָמאַטישער טאַקטיק פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד, איז אויך אין דעם פאַל אָנגעווענדט געוואָרן. די געטאָס זענען בעת די אַקציעס הערמעטיש פאַרמאַכט געוואָרן, ספּעציעלע אָפּטיילונגען פון אָרדנונגס-פּאָליציי און עסעס האָבן אַרומגערינגלט די געטאָס און געהיט, אַז קיין ייד זאָל זיך נישט אַרויסבאַקומען אויף דער „אַרישער“ זייט. אויף אַזאַ אופן האָט מען ביי די באַזונדערע ישובים אַוועקגענומען די מעגלעכקייט צו פאַרשטענדיקן זיך צווישן זיך. די אָקופּאַציע-מאַכט האָט אַוואַרום פאַרהיט, אַז די ידיעות וועגן דער יידן-ליקווידאַציע זאָל זיך נישט אַריבערטראָגן פון איין שטאָט אָדער דיסטריקט אין אַנדערע.

כדי צו דעזאָריענטירן די יידן, האָט די אָקופּאַציע-מאַכט פאַרן צוטרעטן צו די מערדערישע אַקציעס אַרויסגעגעבן א רייע „פּאָזיטיווע“ פאַראָרדענונגען. אַזוי, למשל, האָט אין וואַרשע, קורץ פאַר דער אויסזידלונג דער יודענראַט באַ-

[18] ד.צ.-אַקטן.



Abschrift.

Lublin, den 19. Juli 1942.

An den
Höheren SS- und Polizeiführer Ost
SS-Obergruppenführer K r ü g e r,
K r a k a u.

Ich ordne an, dass die Umsiedlung der gesamten jüdischen Bevölkerung des Generalgouvernements bis 31. Dezember 1942 durchgeführt und beendet ist.

Mit dem 31. Dezember 1942 dürfen sich keinerlei Personen jüdischer Herkunft mehr im Generalgouvernement aufhalten. Es sei denn, dass sie sich in den Sammellagern Warschau, Krakau, Tschenstochau, Radom, Lublin aufhalten. Alle anderen Arbeitsvorkommen, die jüdische Arbeitskräfte beschäftigen, haben bis dorthin beendet zu sein, oder, falls ihre Beendigung nicht möglich ist, in eines der Sammellager verlegt zu sein.

Diese Maßnahmen sind zu der im Sinne der Neuordnung Europas notwendigen ethnischen Scheidung von Rassen und Völkern, sowie im Interesse der Sicherheit und Sauberkeit des deutschen Reiches und seiner Interessengebiete erforderlich. Jede Durchbrechung dieser Regelung bedeutet eine Gefahr für die Ruhe und Ordnung des deutschen Gesamtinteressengebietes, einen Ansatzpunkt für die Widerstandsbewegung und einen moralischen und physischen Seuchenherd.

Aus all diesen Gründen ist die totale Bereinigung notwendig und daher durchzuführen. Voraussichtliche Terminüberschreitungen sind mir rechtzeitig zu melden, sodass ich früh genug für Abhilfe sorgen kann. Alle Gesuche anderer Dienststellen um Abänderung oder Ausnahmegenehmigung sind mir persönlich vorzulegen.

Heil Hitler!

F.d.R.d.A.:

gez. H. H i m m l e r.

SS-Sturmbannführer

הימלערס באַפֿעל פֿון VII.19 1942 וועגן פֿאַרענדיקן ביז סוף יאָר די ליקווידאַציע
פֿון די ייִדן אין דער גענעראַל־גובערניע

קומען דאָס רעכט צו עפענען נייע עלעמענטארע שולן, טעכנישע קורסן און קינדער־גערטנער. די מאכט האָט באַוווסטזיניק איבערגעלאָזט אין א ריי שטעט (וואַרשע, לאָדזש א. אנד.) גרעסערע גרופן יידן פון דייטשלאַנד, וואָס האָט גע־שאַפן א שיין פון סטאבילקייט פון דער געטאָ־אינסטיטוציע. כדי אריינצוציען אין דער פאַרברעכערישער אַקציע די יודנראַטן, די געטאָ־פּאָליציי און מיט־גלידער פון דער יידישער אַליינהילף, האָבן די מאכט־אָרגאַנען דערוווייל באַפרייט די פונקציאָנאַרן פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס פון דער דעפּאָרטאציע, איבער־לאָזנדיק זיי ביזן סוף פון דער אויסזידלונג [19].

די גרעסטע פאַרברעכערישע אַקציע בעת די זומער־חדשים איז געווען די דעפּאָרטאציע פון יידן פון וואַרשעווער געטאָ. פון 22־טן יולי ביזן 21־טן סעפּ־טעמבער האָט מען אַרויסגעשיקט אין טרעבלינקע העכער 300.000 יידן, וואָס האָבן דאָרט געפונען דעם טויט אין אומטענטשלעכע יסורים. די אַקציע האָט דורכגעפירט די לובלינער עסעס־זאָנדערקאָמאַנדע אונטער דער אָנפירונג פון עסעס־הויפּטשטורמפירער העפלע, דעם שטאַב־שעף פון „ריינהאַרד". דער ראַ־פּאָרט פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאציעס אין וואַרשעווער געטאָ פון 15־טן נאָוועמבער 1942 א. נ. „די ליקווידאַציע פון יידישן וואַרשע" באַשרייבט דאָס פאַרברעכן אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„די היינטצייטיקע הונען האָבן אין משך פון קוים צוויי חדשים אויסגע־פירט א פאַרברעכן, וועמענס גרויל עס לאָזט זיך מיט קיין שום זאַך נישט פאַר־גלייכן. פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט האָט מען אין משך פון זומער 1942 אַרויסגעפירט 300.000 וואַרשעווער יידן און לכל הפּחות איין מיליאָן יידן פון דער פּראָווינץ, פון דער א. נ. גענ.־גובערניע, אין טרעבלינקע, ווו אַלע, אַלע, פון זויג־קינדער ביז זקנים זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דערשטיקן אין גאַז־קאַמערן. עס איז שווער צו באַגרייפן די גאַנצע בעסטיאַלישקייט פון דער צייט. האַנדלט זיך אַ געשפּענסט און דאָך אַווירקלעכקייט. דאָס פאַרברעכן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט און פּרעציזקייט, האָט געפּאָ־דערט אַן אידעאַלע צוזאַמענאַרבעט פון די לייטנדיקע, אויספירנדיקע, און טעכ־נישע פאַקטאָרן..." [20].

---

[19] דעפּעשע פון דער רעגירונג פון דער גענ.־גובערניע צו די מאַכט־אָרגאַנען פון לובלינער דיסטריקט פון אַפּריל 1942 וועגן דעפּאָרטירן די מיטגלידער פון דער יס"אַ ערשט נאָכן פאַרענדיקן די גאַנצע אויסזידלונגס־אַקציע. פג"ל: „אַקציעס און אויסזיד־לונגען", ז. 50—52.

[20] דער ראַפּאָרט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „בולעטין" פון יי.ה.א. (1951), ז. 60.

נאָכן פֿאַרענדיקן די גרויזאַמע זומער־אַקציע זענען פֿאַרבליבן אין וואַרשע אַן ערך 60.000 ייִדן, כּמעט אויסשליסלעך אַן עלעמענט, וואָס איז געווען באַשעפֿטיקט אין די באַוואָפֿענונגס־אונטערנעמונגען [21].

די אויבן־ציטירטע פֿאַראָרדענונג פֿון הימלערן פֿאַרדינט אַ ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמקייט. דאָס באַשטימען דורך הימלערן די זאַמל־לאַגערן, אין וועלכע די ייִדישע אַרבעטער וועלן אויך נאָכן 31־טן דעצעמבער 1942 קאָנען זײַן באַשעפֿטיקט אין די באַוואָפֿענונגס־אונטערנעמונגען, האָט באַדײַט, אַז די אָקופּאַציע־מאַכט האָט צוליב דרינגענדיקע באַדערפֿענישן פֿון דער דײַטשישער קריגס־ווירטשאַפֿט געמוזט איינהאַלטן געוויסע גרופּן ייִדישע אַרבעטער, וואָס זענען אויסעלעקציאָנירט געוואָרן פֿון דער אַלגעמיינער מאַסע ייִדן, וואָס זענען פֿאַרמישפּט געוואָרן אויף פֿאַרטיליקונג. די פּאָליטישע מאָמענטן האָבן אָבער, טראָץ די ווירטשאַפֿטלעכע באַדערפֿענישן פֿון רייך און גענ.־גובערניע, ווײַטער דעצידירט און באַשטימט די פּרינציפּיעלע באַציִונג פֿון אָקופּאַנט צו דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. מיר שטעלן אָבער גלײַכצײַטיק פֿעסט, אַז די אָקופּאַציע־מאַכט האָט געזוכט אַן אויסוועג פֿון דער סתּירה אויף אַזאַ אופֿן, אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג זאָל פֿאַר דער פֿאַרטיליקונג עקספּלאָאַטירט ווערן לטובֿת דער היטלעריסטישער מלחמה־אינדוסטריע.

8. די פֿאַרניכטונג פֿון די ייִדישע אַרבעטס־כּוחות און די שוועריקייטן פֿון דער היטלעריסטישער מלחמה־ווירטשאַפֿט

די ליקווידירונגס־אַקציעס אין די זומער־ און האַרבסט־חדשים פֿון 1942 האָבן — צוליבן שטאַרקן אָפּפֿלוס פֿון ייִדישע אַרבעטס־כּוחות — אַרויסגערופֿן ערנסטע פֿאָלגן אין דער ווירטשאַפֿט פֿון די אָקופּירטע פּוילישע געביטן. שוין אין דער העלפֿט 1942 איז געווען אַ שטאַרקער דוחק אין אַרבעטס־כּוחות. די סיבה דערפֿון איז געווען, פֿון איין זײַט, די גרויסע מענטשן־פֿאַרלוסטן אויפֿן פֿראָנט, פֿון דער אַנדערער זײַט, די פּערמאַנענטע מאָביליזאַציע צום מיליטער־דינסט, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ כּסדרדיקע פֿאַרקלענערונג פֿון דער צאָל אַרבעטער אין די דײַטשישע אונטערנעמונגען. די היטלעריסטישע אָפֿענסיווע זומער

[21] לויטן באַריכט פֿון וואַרשעווער גובערנאַטאָר איז נאָך דער גרויסער אויסזידלונג דורכגעפֿירט געוואָרן אַ ציילונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. לויט דער ציילונג זענען דאַן אין וואַרשע געווען 34.969 ייִדן. פֿאַקטיש איז די צאָל ייִדן אין האַרבסט 1942 געווען פֿיל גרעסער; אויפֿן סמך פֿון די מאַטעריאַלן פֿון דער אָפֿיציעלער ציילונג איז אין געטאָ צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַן אַרבעט: „די דעמאָגראַפֿישע סטרוקטור פֿון דער איבערגעבליבענער אין וואַרשע ייִדישער באַפֿעלקערונג“. אַרכיוו פֿון ייִ.ה.אַ.

1942 האָט נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אָפּגעצויגן די מענטשן־רעזערוון צו דער ווערמאַכט, דאַקעגן די פאַנאַנדערבויונג פון דער באַוואָפענונגס־אינדוסטריע האָט נייטיק געדאַרפט נייע אַרבעטס־כוחות.

די אַלע מאָמענטן האָבן גורם געווען, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס מען איז צוגעטראָטן צו דער רעאַליזאַציע פון אויסגעאַרבעטן אין אַלע פּרטים פּלאַן פון אויסראָטן מיליאָנען אייראָפּעישע יידן, האָט מען זיך אומגעקערט צום אַלטן פּראָיעקט פון סטעריליזירן די יידן. די פּלענער האָט אַרויסגערוקט דער רייכסליטער בויהלער (פון הימלערס הויפּט־פּאַרטיי־קאַנצעלאַריע). עס איז באַוווסט, אַז זיין מיטאַרבעטער וויקטאָר בראַק האָט נאָך אין מערץ 1941 פאָרגעלייגט הימלערן אַ פּראָיעקט דורכצופירן עקספּערימענטן, כדי אויסצופאָרשן די מעגלעכקייט פון אַ מאַסן־קאַסטראַציע אָדער סטעריליזאַציע פון מענטשן מיט דער הילף פון רענטגען־שטראַלן.[1] אַזעלכע פאַרברעכערישע עקספּערימענטן זענען לויטן אויפטראַג פון הימלערן דורכגעפירט געוואָרן אין 1941 אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אויפן נייעם מלחמה־עטאַפּ, צוליבן ברייטן אָנווענדן פון גיפט־גאַזן אין די טויט־לאַגערן, זענען בויהלערס פּראָיעקטן וועגן „לעזן די יידן־פראַגע דורך מאַסן־סטעריליזאַציע“ שוין נישט געווען אַקטועל.[2] דאַקעגן איז דאָס פּראָבלעם פון אַרבעטס־כוחות געשטאַנען איצט אַזוי שאַרף, אַז אין דער הויפּט־פּאַרטיי־קאַנצעלאַריע האָט מען אויפסניי באַטראַכט די פראַגע אין באַצוג צו אַ קליינעם טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין דער העלפט 1942 האָט דער דערמאָנטער בראַק פאָרגעלייגט הימלערן אַ נייעם פּראָיעקט צו סטעריליזירן עטלעכע מיליאָן יידן, כדי צו באַקומען נייע אַרבעטס־כוחות פאַר דער קריגס־אינדוסטריע. „צווישן די אַן ערך 10 מיליאָן אייראָפּעישע יידן, — שרייבט בראַק, — זענען לויט מיין מיינונג, פאַראַן 2—3 מיליאָן אַרבעטספעיקע מענער און פרויען. נעמענדיק אין אַכט די גרויסע שוועריקייטן אויפן אָפּשניט פון אַרבעטס־כוחות, בין איך אין דער מיינונג, אַז מען דאַרף אויף יעדן פאַל אויסקלויבן די 2—3 מיליאָן און זיי פאַרהאַלטן. דאָס איז אָבער פאַרבונדן מיט אַ באַדינג צו מאַכן זיי אומפּרוכטבאַר“.[3]

הימלער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט בראַקס פּראָיעקט. דעם 7־טן יולי 1942 איז פאָרגעקומען וועגן דער פראַגע ביי הימלערן אַ געהיימע באַראַטונג, אויף וועלכער חוץ הימלערס נאָענטע מיטאַרבעטער (בראַנדט, גליקס א. אנד.), זענען אויך געווען אָנוועזנדיק די פּראָפעסאָרן: געבהארדט, קלויבערג,

---

[1] נירנבערגער דאָקומענט נ.אָ. — 203.

[2] E. Kogon: Der SS-Staat, Berlin 1947, p. 173.

[3] אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., אַקטן ד.צ. — 811.

האָהלפעלדער. ווי עס דרינגט פון דער נאָטיץ וועגן דער קאָנפערענץ און פון הימלערס שפּעטערדיקער תשובה צו בראַקן (11 אויגוסט 1942), האָבן די פּראָפעסאָרן (בפרט קלויבערג) באַקומען אַן אויפטראַג דורכצופירן עקספּערימענטן „אויף מענטשן און חיות", כדי אויסצוגעפינען אַזאַ ווירקנדיקן סטעריליזאַציע-מעטאָד, אַז די געגעבענע פּערזאָן, וואָס ווערט סטעריליזירט, זאָל וועגן דעם נישט וויסן נישט בעת דער אָפּעראַציע און נישט שפּעטער.[4]

נישט אַריינלאָזנדיק זיך דאָ אין אַן אויספירלעכער באַהאַנדלונג פון די עקספּערימענטן, אין וועלכע עס איז אַגב געווען פאַראינטערעסירט די דייטשישע פאַרמאַצעווטישע אינדוסטריע, דאַרף מען אָבער באַטאָנען, אַז הימלערס פאַראָרדענונג פון 19-טן יולי, וואָס איז נוגע דעם צייטווייליקן אויפהאַלטן פון יידישע אַרבעטס-כוחות אין דער גענ.-גובערניע, איז וואַרשיינלעך געווען אין שייכות מיט די פּלענער פון אַ מאַסן-סטעריליזאַציע פון יידן.

אין רעזולטאַט פון דער נייער סיטואַציע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער גענ. גובערניע און אַנדערע אָקופּירטע פּוילישע געביטן, זענען די עניינים פון באַשעפטיקן יידן אויסגעטיילט געוואָרן פון די קאָמפּעטענצן פון די אַרבעטס-אַמטן. דער הויפּט-אַרבעטס-אַמט ביי דער ג.ג.-רעגירונג האָט אין דער פאַראָרדענונג פון 25-טן יולי 1942 יאָר מודיע געווען אַלע אַרבעטס-אַמטן, אַז פון „איצט קאָן מען באַשעפטיקן יידן נאָר אויפן סמך פון אַ דערלויבעניש, אַרויסגעגעבן דורכן ס.ס.- און פּאָליציי-פירער פון געגעבענעם דיסטריקט".[5] „מען דאַרף זיין גרייט דערויף, אַז אויף להבא וועט די פּאָליציי אַליין זיך פאַרנעמען מיט אויסנוצן יידישע אַרבעטס-כוחות, בפרט אין דער באַוואָפענונגס-אינדוסטריע. אין דעם פאַל ווערט די פאַרמיטלונג פון די אַרבעטס-אַמטן אַן איבעריקע..."[6]

עס זענען אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן די אַרבעטס-אַמטן ביי די יודענראַטן. און די ס.ס.- און פּאָליציי-פירער אין די באַזונדערע דיסטריקטן האָבן איבערגענומען די אויסשליסלעכע רעכט צו דיספּאָנירן מיט דער יידישער אַרבעטס-קראַפט. די ס.ס.- און פּאָליציי-אָרגאַנען האָבן נאָך דעמלט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע פאַראינטערעסירונג פאַר די יידישע אַרבעטס-כוחות. כאַראַקטעריסטיש זענען אָבער די צו יענער צייט פאַרשפּרייטע פּראָיעקטן פון אויסנוצן יידן אין די זיך פאַנאַנדערבויענדיקע עסעסישע באַוואָפענונגס-אונטערנעמונגען, בפרט אין לובלינער געגנט.

[4] ע. קאָגאָן דצ"ו, ז. 175.

[5] אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן א —50, צירקוליאַר פון הויפּט-אַרבעטס-אַמט אין ג.ג. פון 15 יוני 1942 צו פראַוענדאָרפער.

[6] ד.צ.-אַקטן.

די פּאָליציי=אָרגאַנען, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער ליקווידיר=אַקציע,
האָבן אָפּגענומען ביי די דייטשישע פירמעס די יידישע אַרבעטער, איבערלאָזנ=
דיק בלויז אין אייניקע באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען קלענערע גרופּן יידן אויף
דער איבערגאַנגס=צייט. דעריבער איז נישט איינמאָל דערגאַנגען צו אינטער=
ווענצן מצד די ווירטשאַפטלעכע און מיליטערישע קרייזן ביי די ס.ס.=פירער
אָדער ביי די אָנפירנדיקע מיט דער ליקווידירונגס=אַקציע וועגן איבערלאָזן ל ע ת
ע ת ה יידישע אַרבעטער אין די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן, וואָס אַרבעטן
פאַר די באַדערפענישן פון דער אַרמיי. אַזוי, למשל, בשעת דער גרויסער
„אַקציע“ אין וואַרשע זומער 1942 האָבן טייל דייטשישע פירמעס פּאַרלאַנגט
איבערצולאָזן די יידישע אַרבעטער אין געטאָ, ווייל אָן זיי האָבן זיי נישט די
מעגלעכקייט אויסצופירן די דרינגענדיקע באַשטעלונגען פאַר דער אַרמיי.[7]

וועגן די אינטערווענצן פון עטלעכע דייטשישע פירמעס אין לובלינער דיס=
טריקט דערוויסן מיר זיך פון די געהיימע באַריכטן פון לובלינער אַרבעטס=אַמט
„צוליב דעם, וואָס לעצטנס, — לייענען מיר אין אַזאַ באַריכט, — זענען אויף
מיליטערישע און פּאָליצייאישע אַרבעטס=פּלעצער געווען באַשעפטיקט כמעט
אויסשליסלעך יידן... טראָטץ אַרויס די געהעריקע מאַכט=אָרגאַנען, אין שייכות
מיט די דורכגעפירטע אַרויסשיקונגען, מיט אַ פאָדערונג צום אַרבעטס=אַמט צו=
צושטעלן זיי גלייך אַנדערע מענטשן... אַזוי מעלדעט מיר די בעלמער דעלעגאַ=
טור, אַז דאָרט איז נייטיק צוצושטעלן אויפן אָרט פון די אַרויסגעשיקטע יידן
עטלעכע טויזנט אַרבעטער. די דעלעגאַטור אין קראַשניק האָט געמוזט אויפן
אָרט פון די אַרויסגעשיקטע יידן צושטעלן 600 אַרבעטער אויף צו פאַרטרעטן
זיי אין די מיליטערישע אונטערנעמונגען און אין מלוכהשן תבואה=מאַגאַזין“.[8]

די באַריכטן אינפאָרמירן אויך וועגן דעם גרויסן מאַנגל פון אַרבעטס=כוחות,
וואָס עס האָט אַרויסגערופן אין דעם דיסטריקט דאָס אַרויסשיקן יידן. „די
אַרויסשיקונגען פון יידן האָבן גורם געווען צו אַ שטאַרקער נאָכפראַגע אויף קוואַ=
ליפיצירטע מעטאַל=אַרבעטער פאַר די מיליטערישע אונטערנעמונגען און פאַרן
באַן=וועזן. די באַן=וואַרשטאַטן אין כעלם, וואָס באַשעפטיקן איצט 158 יידישע
ספּעציאַליסטן, דראָט אין פאַל פון זייער אַרויסשיקונג, אַז זיי זאָלן אינגאַנצן
אָפּגעשטעלט ווערן, אויב עס וועלן נישט צוגעשטעלט ווערן די נייטיקע כוחות,
וואָס זאָלן זיי פאַרטרעטן... כדי אויפסניי צו לאָזן אין גאַנג די טאַרטאַקן, דאַרף
מען צושטעלן אַרבעטס=כוחות אויף צו פאַרטרעטן די אַרויסגעשיקטע יידן“.[9]

---

[7] אורטייל אין פּאָהלס פּראָצעס, ז. 7978; גבית=עדות פון גובערנאַטאָר פישער, אַקטן
פון פישערס פּראָצעס.

[8] אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן א—48, ז. 79, געהיימער ראַפּאָרט פון לובלינער אַרבעטס=
אַמט, X 1942.

[9] דאָרט, ז. 82.

ווייטער מעלדעט דער אַרבעטס־אַמט, אַז אין שייכות מיט די אַרויסשיקונגען לאָזט זיך פֿילן אַ שטאַרקער דוחק פֿון אַרבעטער אין די טישלער־, שניידער־ וואַרשטאַטן און אין די שיך־פֿאַבריקן, וואָס פֿירן אויס דרינגענדיקע באַשטעלונגען פֿאַר דער אַרמיי.[10]

אויך אין די ראַפּאָרטן צו דער רעגירונג פֿון דער גענ.־גובערניע מעלדעט דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר וועגן די שוועריקייטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען צוליב דער אויסזידלונג פֿון ייִדן פֿון וואַרשע. „נישט תמיד האָט זיך אונדז איינ־געגעבן צו פֿאַרבייטן די ייִדישע אַרבעטס־כּוחות דורך פּוילישע, — לייענען מיר אין ראַפּאָרט פֿון דעצעמבער 1942, — עס האָט זיך דעריבער שטאַרק פֿאַרקלע־נערט די צאָל אַרבעטער אין די אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטן פֿאַר די באַדער־פֿענישן פֿון דער אַרמיי“. עס איז שטאַרק געפֿאַלן די פּראָדוקציע אין דער באַ־קלייד־אינדוסטריע. אויב אין יולי 1942 האָט די פּראָדוקציע נאָך באַטראָפֿן 44 מיליאָן זל., איז זי שוין אין אָקטאָבער געפֿאַלן אויף 2,5 מליאָן זל. „די סיבה דערפֿון איז די באַזייטיקונג פֿון ייִדישע פּאַכלייט“ — שרייבט דער גובער־נאַטאָר פֿישער.[11]

עס איז אויך באַוווּסט, אַז אין ענין פֿון די ייִדישע אַרבעטער, וואָס האָבן גע־אַרבעט אין די נאַפֿט־ראַפֿינעריעס, האָט מען אינטערווענירט ביי הימלערן. אויף זיין אָנווייזונג האָט די אָפּטיילונג IV.B.4, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער אַקציע פֿון אָפּרייניקן אייראָפּע פֿון ייִדן, מודיע געווען אין דער העלפֿט סעפּ־טעמבער 1942 יאָר דעם לייטער פֿון דער זיכערהייטס־ און ס.ד.־פּאָליציי אין קראָ־קע, אַז די „אַרויסשיקונג פֿון די דאָזיקע ייִדן דאַרף פֿאָרקומען נאָר אין דער מאָס, אין וועלכער מען וועט געפֿינען פֿאַרטרעטערישע כּוחות“.[12]

אויך אין דער פּראָווינץ וואַרטע איז געקומען צו אינטערווענצן — אמת זעלטענע — אין שייכות מיט די אַרויסשיקונגען פֿון ייִדישע אַרבעטער. אַזוי, למשל, ווענדעט זיך די צענטראַלע פֿון Wehrmachts-Beschafungsamt אין בערלין דעם 15־טן אויגוסט 1942 יאָר צום גאַולייטער גרייזער אין פּויזן, אַז די באַשעפֿטיקטע ייִדישע אַרבעטער אין די באַוואָפֿענונגס־פֿאַבריקן פֿון דער פֿירמע ק. קלאָזע אין בעלכאַטאָוו און וואַרטע זאָל מען לעת עתה נישט אַרויסשיקן, ביזן אויספֿירן זייער דרינגענדיקע באַשטעלונגען פֿאַר דער אַרמיי.[13]

---

[10] מאָנאַטסבאַריכטן פֿון וואַרשעווער גובערנאַטאָר פֿישער פֿאַר דעצ. 1941 און יאַנואַר 1943, ז. 3; קאָפּיע אין אַרכיוו פֿון י.ה.א.

[11] מאָנאַטסבאַריכטן פֿאַר די חדשים אָקט. און נאָוועמ. 1942, ז. 8.

[12] אַמטלעכע קאָרעספּאָנדענץ פֿון אייכמאַנען צום ס.ס.־אָבערגרופּנפֿירער וואָלף פֿון 17 סעפּט. 1942, אַרכיוו פֿון ה.ק.פּ.ה.פּ., אַקטן ד.צ. — 21.

[13] אַרכיוו פֿון י.ה.א., אַקטן ג.פּ. IV, 60, ז. 255.

על פי רוב האָבן די דאָזיקע אינטערווענצן, בפרט ביי דער לאָקאַלער מאַכט, נישט געהאַט קיין פעולה. די סיבה דערפאַר דאַרף מען זוכן אין דער איינשטעלונג, וואָס די פּאָליציי־אָרגאַנען און די אָפּעראַטיווע גרופּן אין געביט האָבן באַקומען פון שטאַטס־סעקרעטאַר פאַר זיכערהייטס־ענינים קריגער, אין הסכם מיט הימלערס באַפעל פון 19־טן יולי 1942 יאָר. אינעם דאָזיקן באַפעל האָט הימלער אָפן און קלאָר אויפגעקלערט, אַז די פאַרטיליקונג פון יידן איז אַ דרינגענדיקער פּאָליטישער ענין. אין איינקלאַנג דערמיט האָט דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר פישער, ראַפּאָרטירנדיק זיין אויבערמאַכט אין קראָקע וועגן דער לאַגע, באַטאָנט, אַז „מען קאָן נאָך לעת עתה נישט פעסטשטעלן, וואָסערע עקאָנאָמישע פאָלגן עס וועט האָבן דאָס אַרויסשיקן בערך 400 טויזנט יידן... אַז אַ סך אונטערנעמונגען האָבן געהאַט באַדייטנדיקע היזקות צוליבן אַוועקגיין פון 100 טויזנט יידן. מיט די דאָזיקע אַלע ווירטשאַפטלעכע היזקות דאַרף מען אָבער שלום מאַכן, ווייל די פאַרטיליקונג פון די יידן איז צוליב פּאָליטישע סיבות אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט“.[14]

אויך אין די געהיימע ראַפּאָרטן, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט פון גאַליציישן דיסטריקט צום מינ. געבעלס, לייענען מיר צוו. אַנד.: „מען דאַרף שלום מאַכן מיט דער ירידה אין דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אויף די אַרומגענומענע (דורך דער אַקציע) געביטן. מען קאָן לכתחילה פאָרויסזען, אַז אין גאַליציישן דיסטריקט וועלן זיך די דאָזיקע פאָלגן לאָזן שטאַרקער פילן... אָבער דאָס עיקרדיקע פּראָבלעם, צי דאַרפן די פּאָליטישע מאָטיוון ביים באַזייטיקן די יידן אָפּטרעטן צוליב די טעמים פון מלחמה־ווירטשאַפט, איז, זעט אויס, דורך די העכסטע מאַכט־אָרגאַנען געלעזט געוואָרן לטובת דעם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט“.[15]

אַן אַנאַלאָגישע סיטואַציע שטעלן מיר פעסט אין ווייסרוסלאַנד. דאָ האָט מען די פאַרטיליקונגס־אַקציע געפירט מיט אַ באַזונדערער העפטיקייט. דער גענעראַל־קאָמיסאַר פאַר ווייסרוסלאַנד קובע טייטשט דאָס אויס אין זיין ראַפּאָרט פון 31־טן יולי 1942 יאָר צום רייכסקאָמיסאַר פאַר אָסטלאַנד לאָהזע מיט דעם פאַקט, אַז „אין אַלע צוזאַמענשטויסן מיט די פּאַרטיזאַנער אין ווייסרוסלאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סיי אין דעם פּוילישן און סיי אין דעם סאָוויעטישן טייל פון גענעראַל־קאָמיסאַריאַט זענען די יידן צוזאַמען מיט דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אויפן דרום און מיט דער סאָוויעטישער אויפן צפון געווען דער שטאַרקסטער שטיצפּונקט פאַר דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. דעריבער איז דאָס באַהאַנדלען די יידן אין ווייסרוסלאַנד, צוליב דער סכנה פאַר דער

[14] ראַפּאָרט פון גובערנאַטאָר פון וואַרשעווער דיסטריקט פון 15 אָקט. 1942, ז. 4.

[15] ווײַנרייך, ד.צ.וו., ז. 182, באַריכט פון פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל פון גאַליציישן דיסטריקט פון סוף אויגוסט 1942.

אַלגעמיינער ווירטשאַפט, אַז ערנסט פּאָליטיש פּראָבלעם, וואָס מוז בכן געלעזט ווערן נישט פון ווירטשאַפטלעכן, נאָר פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט".[16] „בלויז במשך פון די לעצטע צען וואָכן, — אינפאָרמירט ווייטער קובע, — זענען ליקווידירט געוואָרן 55 טויזנט יידן". נישט געקוקט דערויף, וועט „אין מינסק פאַרבלייבן אויך אין דער צוקונפט אַ גרעסערע צאָל אַרבעטנדיקע יידן, — שרייבט קובע, — ווייל די קאָנצענטראַציע פון דער באַוואָפענונגס-אינדוסטריע, ווי אויך די נויטן פון באַן-וועזן מאַכן עס נויטווענדיק".[17]

אין אַ צווייטן געהיימען ראַפּאָרט אינפאָרמירט קובע, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין ווייסרוסלאַנד, רעדוצירט ביז 30 טויזנט נפשות, איז קאָנצענטרירט אין עטלעכע גרעסערע שטעט און „באַשטייט אויסשליסלעך פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער און אַרבעטס-כוחות, וואָס קאָנען לעת-עתה נישט פאַרביטן ווערן דורך די אָרטיקע אַרבעטער. די יידישע האַנטווערקער און קוואַליפיצירטע אַרבעטער זענען באַשעפטיקט אין מלוכהשע און מיליטערישע אונטערנעמונגען".[18]

שוין די אויבן געבראַכטע ביישפּילן פון די פאַרשידענע אָקופּירטע געביטן גיבן אַ גענוג בולטע פאַרשטעלונג וועגן דעם. וואָס פאַרא גרויסע ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן און אינערלעכע סתירות עס האָט ארויסגערופן די ליקווידאַציע פון די יידישע אַרבעטס-כוחות. דער באַוואָפענונגס-אינספּעקטאָר, וואָס האָט געהאַט די השגחה מצד דעם באַוואָפענונגס- און אמוניציע-מיניסטעריום איבער דער באַוואָפענונגס-אינדוסטריע אין דער ג"ג, האָט נישט איינמאָל אינטערווענירט ביי די געהעריקע מאַכט-אָרגאַנען לטובת די דייטשישע פירמעס, וואָס אַרבעטן פאַר די באַדערפענישן פון דער אַרמיי. די דאָזיקע אינטערווענצן האָבן נישט געהאַט קיין שום פּעולה. נישט קאָנענדיק קומען צום קיין שום הסכם מיט דער גענ.-גוב.-רעגירונג און מיט דעם העכערן ס.ס.- און פּאָליציי-פירער, וואָס האָט זיך געריכטעט אין די דאָזיקע ענינים אויסשליסלעך לויט די אָנווייזונגען פון הויפּט-זיכערהייטס-אַמט פון רייך, האָט דער קאָמענדאַנט פון מיליטער-קרייז אין ג.-ג. געהאַלטן פאַר נייטיק צו ווענדן זיך צו דער הויפּט-אָנפירונג פון דער דייטשישער אַרמיי (אָ.ק.וו.) מיט אַ געהיימען מעמאָריאַל אין דעם דערמאָנטן ענין. דער מעמאָריאַל איז דאַטירט פון דער הויפּט-קוואַרטיר דעם 18-טן סעפּטעמבער 1942 יאָר.

אין דער הקדמה ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די אויסזידלונג פון יידן האָט אַרויסגערופן שוועריקייטן אין דער פאַרזאָרגונג פון דער אַרמיי און האָט

---

[16] ווײנרייך, ד.צ.וו., ז. 206, פאָטאָקאָפּיע פון קובעס בריוו פון 31 יולי 1942.

[17] ד.צ.וו.

[18] ד.צ.וו., ז. 210, קובעס בריוו פון 23 נאָוועמב. 1942.

גורם געווען אַ פאַרשפּעטיקונג אין אויספירן וויכטיקע דרינגענדיקע באַשטעלונגען.

„די ווייטערדיקע באַלדיקע ארויסשיקונג פון די יידן, — שרייבט דער קאָמענדאַנט — וואָלט געהאַט די פאָלגן, אַז דער מלחמה-פּאָטענציאַל פון רייך וואָלט שטאַרק געוואָרן אָפּגעשוואַכט [19] און דאָס באַזאָרגן פונעם פראָנט און פון מיליטער אין דער ג.-ג. וועט איצט אָנטרעפן לכל הפחות אויף ערנסטע שוועריקייטן.

1. אין דער באַוואָפענונגס-אינדוסטריע וועט קומען צו אַ ירידה פון דער פּראָדוקציע, אין די גרענעצן פון 25 ביז 100 פּראָצענט.

2. אין די רעפּאַראַטור-וואַרשטאַטן און אין די וואַרשטאַטן, וווּ עס ווערט אויסגעפּארטיקט די מונדירונג, וועט די פּראָדוקציע פאַלן מינימום אויף 25 פּראָצענט.

3. אויף צו פאַרזיכערן די פאַרזאָרגונג פון דער אַרמיי, וואָלטן געדאַרפט אריינגעפירט ווערן ערזאַץ-אָפּטיילונגען".

די נישט-קוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטער, — שרייבט אונטער דער קאָמענדאַנט, — וואָלטן טיילווייז געקאָנט פאַרטראָטן ווערן דורך פּאָליאַקן, אָבער בתנאַי, אַז דער גענ.-באַפולמעכטיקטער זאַוקעל וועט רעזיגנירן פון צושטעלן 140.000 פּאָליאַקן פאַרן רייך, און דער פּאָליציי וועט זיך איינגעבן צו כאַפּן אַזאַ צאָל פּאָליאַקן. אויך די האַלב-קוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטער וואָלטן טיילווייז געקאָנט פאַרטראָטן ווערן דורך די שילער פון די עפנטלעכע פּראָפעסיאָנעלע שולן אין דער גענ.-גובערניע, די יידישע פאַכלייט אָבער קאָן מען דערווייל נישט פאַרטרעטן, ביז מען וועט אויסשולן נייע כוחות.

די אינטערוועניץ פון מיליטערישן קרייז-קאָמענדאַנט אין ג.-ג. ביי דער העכערער מאַכט אין בערלין דאַרף מען נישט פאַרשטיין אין דעם זין, אַז ער זאָל זיך האָבן כלומרשט אַנטקעגנגעשטעלט די פּלענער פון דער יידן-פאַרטיליקונג, וואָס זענען אים געווען גוט באַקאַנט. דער קאָמענדאַנט באַהאַנדלט דעם ענין אויסשליסלעך פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון דער מלחמה-ווירטשאַפט און בפרט פון דער באַוואָפענונגס-אינדוסטריע. איז זיין געהיימער קאָרעספּאָנדענץ צום אָ.ק.וו. שרייבט ער אונטער: „כדי די מלחמה-ווירטשאַפט זאָל נישט ליידן, וועלן די יידן קאָנען ערשט נאָך דער אויסשולונג פון פאַרטרעטונגס-קאַדרען, ד. ה. בהדרגה באַפרייט ווערן. דער דאָזיקער ענין קאָן געלעזט ווערן אויסשליסלעך אויפן אָרט, עס וואָלט אָבער געדאַרפט געשאַפן ווערן אַ צענטראַלער אַמט. וואָס

---

[19] אַרכיוו פון ה.ק.פּ.ה.פּ., ד.צ. 236, דאָקומ. 606. אין מעמאָריאַל פון מיליטערישן גענעראַל-אינטענדענט צום אָ.ק.וו. פון 18 סעפּט. 1942 לייענען מיר:

„...Sofortige Entfernung der Juden haette zur Folge, dass das Kriegspotenzial des Reiches erheblich gedrückt..."

וועט רעגולירן דעם דאָזיקן ענין אין פאַרשטענדיקונג מיט דעם העכערן ס.ס.- און פּאָליציי-פירער".

צום סוף פון זיין אויספירלעכן מעמאָריאַל שרייבט דער קאָמענדאַנט: „ווי עס איז געוואָרן פעסטגעשטעלט, פליסן איצט אַריין אין ג.-ג. פון פאַרשידענע מיליטערישע „פּלאַצוויקעס" אין רייך באַשטעלונגען, וויכטיקע פאַר דער מלחמה-ווירטשאַפט. די דאָזיקע באַשטעלונגען זענען אין דער העכסטער מאָס דרינגענדיקע. דאָס אויספירן אין טערמין די דאָזיקע אַרבעטן איז אוממעגלעך געוואָרן צוליב דער אַרויסשיקונג פון די יידן".

צוליב די אַלע טעמים בעט דער קריין-קאָמענדאַנט דעם הויפּט-אָנפירער פון דער דייטשישער אַרמיי, ער זאָל גורם זיין, אַז דאָס אַרויסשיקן די יידן, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, זאָל צייטווייליק אויפגעהאַלטן ווערן.

די דערמאָנטע פאַקטן זאָגן עדות, אַז אין פּראָצעס פון רעאַליזירן די פעלקערמערדערישע פּלענער בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג האָט מען אָנגעטראָפן — ווי מיר האָבן שוין אונטערגעשטראָכן — אויף ערנסטע שוועריקייטן, וואָס האָבן געפונען אַן אויסדרוק צוו. אנד. אין די מיינונגס-פאַרשידנקייטן בנוגע דעם טעמפּאָ פון ליקווידירן יידן. איינציקע פאַרטייאישע, ס.ס.ישע און רעגירונגס-פאַקטאָרן האָבן פאַרטראָטן אַ שטאַנדפּונקט פון תיכפדיקער, טאָטאַלער אויסראָטונג. אַנדערע ווידער, זייענדיק מסכים מיט פּרינציפּ פון פעלקער-מאָרד, האָבן געהאַלטן, אַז צוליב די דרינגענדיקע באַדערפענישן פון דער מלחמה-ווירטשאַפט דאַרף מען איבערלאָזן אויף אַן איבערגאַנגס-צייט יידישע אַרבעטער און עקספּלאָאַטירן זיי אין דער באַוואָפענונגס-אינדוסטריע. מנצח געווען האָבן די פאַקטאָרן, וואָס זענען געווען פאַר אַ תיכפדיקער און טאָטאַלער יידן-פאַרטיליקונג, האָבן בלויז געמאַכט הנחות בנוגע די באַדערפענישן פון דער באַוואָפענונגס-אינדוסטריע.

די דאָזיקע מיינונגס-פאַרשידנהייטן צווישן די היטלעריסטישע קליקעס, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון צווישן דער ווערמאַכט, ס.ס. און ווירטשאַפטלעכע קרייזן, בנוגע דעם טעמפּאָ פון אויסראָטן יידן און אַנדערע פעלקער — זענען אָן שום ספק אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט די באַדערפענישן פון דער דייטשישער מלחמה-ווירטשאַפט און דער שטרעבונג פון די מאָנאָפּאָלן צו פאַרזיכערן זיך ביליקע אַרבעטס-כוחות.

הימלערס באַשלוס פון מערץ 1942 יאָר, לויט וועלכן די לאַגער-אַסירים וועלן קאָנען ווערן אויסגענוצט פאַר דער מלחמה-אינדוסטריע בלויז אויפן שטח פון לאַגער, האָט אַרויסגערופן שוועריקייטן פאַר אייניקע קאַרטעלן און קלענערע פירמעס, וואָס האָבן פאַר זיי געאַרבעט. פרילינג 1942 האָבן די אונטערנעמונגען נאָך אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינעם פאַרנעם גענאָסן פון דער אַרבעט פון

די לאַגער-אַסורים, ווייל דאָס אָננעמען די דורך הימלערן דיקטירטע תנאים אין פּרט פון זייער עקספּלאָאַטאַציע, וואָלט באַדייט דאָס אונטערוואַרפן זיך דער עסעסישער קאָנטראָל. אונדז זענען באַקאַנט ביישפּילן, ווען דער גרויסער קאָנצערן הערמאַן-גערינג-ווערקע אין לינץ האָט געפירט אין יולי 1942 י. אונטערהאנדלונגען מיט דער אָפּטיילונג „וו“ אינעם ענין פון אויסנוצן די לאַגער-אַסורים פון קאָנצלאַגער מאַוטהאַוזען ביים בויען אַ נייע מעטאַל-פאַבריק פאַר דעם דאָזיקן קאָנצערן. עס איז אָבער דעמלט נישט געקומען צו קיין פאַרשטענדיקונג צוליב די הויכע פאָדערונגען פון ס.ס.[20]

אַ צווייטער כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל. דאָס באַוואָפענונגס- און אַמוניציע-מיניסטעריום האָט פּלאַנירט צו לאָזן אין גאַנג דריי פאַבריקן צו פּראָדוצירן זעניט-האַרמאַטן. צוליבן דוחק אין אַרבעטס-כוחות האָט דאָס מיניסטעריום געהאַט בדעה צו באַנוצן זיך אין די נייע פאַבריקן מיט לאַגער-אַסורים. די עסעס האָט געפאָדערט, אז די פאַבריקן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין קאָנצלאַגערן.[21]

דער דוחק אין אַרבעטס-קראַפט אויפן פרייען מאַרק און די באַגרענעצונגען ביים באַנוצן זיך מיט די לאַגער-אַסורים האָבן דעמלט געהאַמעוועט די טעטיקייט פון אַ סך אונטערנעמונגען, וואָס האָט פאַרקלענערט די רווחים פון די מאָנאָפּאָליסטן. איצט זענען צוגעקומען נייע שוועריקייטן, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער ליקווידירונג פון גרויסע מחנות יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געווען די איינציקע פאַכלייט אין דעם געגעבענעם פּראָדוקציע-צווייג אָדער בראַנזשע. דאַקעגן ווידער, פאַר די עסעסישע אונטערנעמונגען האָבן זיך דעמלט געעפנט הויכע מעגלעכקייטן פון אַ געוואַלדיקער אַנטוויקלונג. זיי האָבן געקאָנט אויסנוצן די גרויסע מחנות לאַגער-אַסורים, אין זייערע הענט זענען אַריינגעפאַלן די קאָלאָסאַלע רייכטימער און געלטער, אָנגערויבטע דורך דער פּאָליציי און עסעס, מאַשינען, רוישטאָפן און אַלע באַוועגלעכע גיטער פון די ליקווידירטע געטאָס אין דער גענעראַל-גובערניע.

אויף דעם באָדן איז געקומען צו קאָנקורענץ-רייבונגען צווישן די פאַראייניקטע קאַרטעלן און דער וואַקסנדיקערווירטשאַפטס-מאַכט פון עסעס. די אויבן אַרומגערעדטע אינטערווענצן ביי דער הויפּט-אָנפירונג פון דער דייטשישער אַרמיי (אָ.ק.וו.) וועגן איינהאַלטן דערווייל די יידישע פּראָדוציר-כוחות (נישט חלילה צוליב הומאַניטאַרע טעמים!) זענען געווען בלויז אַ פראַגמענט און אַן אויסדרוק פון דעם דאָזיקן קאָנקורענץ-קאַמף.

[20] „פאָהלס פּראָצעס“, דאָקום. נ.אָ. — 397, 1914, 1916, געהיימער בריוו פון האָכבערגן צו פּאָהלן פון 6 אויגוסט 1942.

[21] אַמטלעכע קאָרעספּאָנדענץ פון זוירערן צו פּאָהלן פון 19 סעפּט. 1942, אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., ד.צ. 218, דאָקום. 578.

אַ בולטע באַשטעטיקונג דערפון איז דער פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ פון די העכסטע היטלעריסטישע מאַכטהאָבער, וואָס איז פאָרגעקומען אין היטלערס אָנוועזנהייט אין די טעג צווישן 20=טן און 22=טן סעפטעמבער 1942 יאָר. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז געקומען צו אַ שאַרפן ווערטער=אויסטויש צווישן שפּעערן און הימלערן אין שייכות מיט דער עקספּלאָטאַציע פון ארבעטס=קראַפט בכלל.[22] שפּעער, וואָס האָט געשפּילט אין דער היטלעריסטישער רעגירונג אַליין אַ גרעסערע ראָל, האָט באַמיט זיך צו איבערצייגן הימלערן, אַז אין דער באַוואָפענונגס=אינדוסטריע קאָן דערגרייכט ווערן אַ הויכע פּראָדוקציע בלויז אין דעם פאַל, ווען די לאַגער=אַסורים וועלן אַרבעטן אין די באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען, וואָס שטייען אונטער דער קאָנטראָל פון זיין מיניסטעריום און נישט פון דער עסעס. היטלער האָט מסכים געווען, אַז די באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען, וואָס געניסן פון דער ארבעט פון די לאַגער=אסורים, מוזן נישט אויף להבא אָרגאַניזירט ווערן אין די קאָנצלאַגערן; די אַסורים וועלן איבערגעשיקט ווערן אין די עקזיסטירנדיקע אַמוניציע=פאַבריקן און באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען.[23]

כדי אָבער הימלער און די ס.ס. זאָלן האָבן געוויסע הכנסות פון דער עקספּלאָטאַציע פון דער שקלאַפן=אַרבעט, „האָט היטלער מסכים געווען דערויף, — לייענען מיר אין פּראָטאָקאָל פון דער סעפּטעמבער קאָנפערענץ, — אַז דער עסעס=רייכספירער זאָל דערפאַר באַקומען פאַר די עסעסישע דיוויזיעס אין דער הייך פון 3 ביז 5 פּראָצענט פון דער גלאָבאַלער פּראָדוקציע פון די אסורים“.[24]

דעם קאָנפליקט צווישן שפּעערן און הימלערן דאַרף מען לחלוטין נישט באַטראַכטן אַלס אַ קאַמף צווישן צוויי אַנטאַגאָניסטישע גרופּן אין היטלעריסטישן לאַגער. פּונקט ווי שפּעער, האָט אויך הימלער רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, און דער שטרייט צווישן זיי וועגן דער אומבאַגרענעצטער עקספּלאָטאַציע פון די לאַגער=אַסורים אין זייערע אונטערנעמונגען איז געווען בלויז אַן אויסדרוק פון קאָנקורענץ=קאַמף צווישן די „אַלטע“ מאָנאָפּאָלן און די נייע עסעסישע קאַרטעלן וועגן גרעסערע פּראָפיטן פון דער באַוואָפענונגס=פּראָדוקציע. אויף דעם עטאַפּ האָבן זיך די שטרייטן פאַרענדיקט מיט אַ קאָמפּראָמיס. ערשט אין 1943 האָבן זיי זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולן נצחון פון שפּעערן.

אויף דער זעלבער קאָנפערענץ איז אויך באַרירט געוואָרן — צוליב דער אינטערווענץ פון דער הויפּט=אָנפירונג פון דער דייטשישער אַרמיי בײַ שפּעערן

---

[22] „נאַצי קאָנספּירייִשי“, ב. I, 917, ב. VIII, 186, פראַגמענטן פון פּראָטאָקאָל פון דער סעפּטעמבער=קאָנפערענץ.

[23] ד.צ.וו., ב. I, ז. 939.

[24] ד.צ.וו., ב. VIII, ז. 186, דאָקום. ר—124.

און זאַוקעלן — דער ענין פון ווײַטערדיקן באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער. מיר קענען נישט דעם פאַרלויף פון דער דיסקוסיע וועגן דער פראַגע, אָבער ווי עס דרינגט אַרויס פון די פאַרעפנטלעכטע פראַגמענטן פון די פּראָטאָקאָלן פון דער דערמאָנטער קאָנפערענץ, האָט הימלער זיך געשטעלט אויף שפּעערס און זאַוקעלס שטאַנדפּונקט בנוגע דער נויטווענדיקייט פון אויסנוצן יעטוועדע אַרבעטסקראַפט פאַר דער באַוואָפענונגס־אינדוסטריע און האָט „מסכים געווען אויף זאַוקעלס פאָרשלאַג, לויט וועלכן יידישע אַרבעטער פאַכלייט אין דער גענ.־גובערניע מוזן נאָך צײַטווײַליק פאַרבלייבן”.[25] הימלער האָט גלײַכצײַטיק אונטערגעשטראָכן, אַז עס מוז אויפן געביט פון רייך (להיפוך צו דער גענ.־גובערניע) באַזײַטיקט ווערן דער יידישער עלעמענט פון די אינדוסטריעלע באַוואָפענונגס־אונטערנעמונגען.

הימלערס באַשלוס האָט באין אופן נישט באַדײַט, אַז די הימלעריסטישע רעגירונג האָט אָפּגעטראָטן פון די פּאָליטישע פּלענער פון דער פיזישער פאַרטיליקונג פון יידן און אַנדערע פעלקער, אָדער דערקלערט אַן איבעררייס אין זייער רעאַליזירונג. צווישן הימלערן און שפּעערן זענען לחלוטין נישט געווען קיין חלוקי־דעות בנוגע די עקסטערמינאַציע־פּלענער. הימלערס דעציזיע האָט אָבער באַדײַט, אַז אויפן געגעבענעם מלחמה־עטאַפּ, צוליב דער זיך פאַרערגערנדיקער ווירטשאַפטלעכער סיטואַציע פון רייך, איז אָנגענומען געוואָרן זאַוקעלס שטאַנדפּונקט, ווײַל צוליב דעם וואַקסנדיקן דוחק אין אַרבעטס־כוחות אין גאַנצן רייך איז געווען נייטיק דאָס אויסנוצן און, ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, דאָס צײַטווײַליקע איבערלאָזן יידישע קוואַליפיצירטע אַרבעטער. פון הימלערס דערקלערונג איז קלאָר, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ צײַטווײַליק מיטל, וואָס האָט אין פּרינציפּ נישט געענדערט זײַנע דעציזיעס וועגן דער פאַרטיליקונג פון יידן.

9. די פאַרברעכערישע פּאָליטיק פון „פאַרניכטן דורך אַרבעט”

האַרבסט־צײַט 1942 האָט זיך די סיטואַציע אויפן סאָוויעטיש־דײַטשישן פראָנט ראַדיקאַל געענדערט. אין העלפט אָקטאָבער איז די סאָוויעטישע אַרמיי איבערגעגאַנגען צו אַ נייער אָפענסיווע. דאָס פאַרציִען זיך פון דער מלחמה האָט איבערגעשטראָכן אַלע פּלענער פון דער דײַטשישער מיליטערישער הויפּט־אָנפירונג וועגן שנעלן פאַרענדיקן און אײַנשטעלן אַ „נייע אָרדענונג“ אין אייראָפּע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ניי־אַנטשטאַנענער מיליטערישער סיטואַציע האָבן זיך די הימלע־

[25] פראַגמענטן פון דער סעפּטעמבער־קאָנפערענץ מיט הימלערן, אין די אַקטן פון קרופּס פּראָצעס, פאַרטיידיקונג, דאָקום. II, 48.

רישע אָנפירנדיקע קרייזן קלאָר געמאַכט, אַז די פּלענער פון איבערזידלען צענדליקער מיליאָנען סלאַוון, און קודם=כל אַן ערך 15—20 מיליאָן פּאָליאַקן אויף סיביר, זענען נאָך ווייט פון רעאַליזירט ווערן. אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט מען דעריבער געגרייט אַן אַנדער אופן, וויאַזוי פּטור צו ווערן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געביטן.

מ'האָט ווידער אויסגענוצט די דערפאַרונגען, וועלכע מ'האָט באַקומען אין גאַנג פון דער מאַסנווייזער ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. אויב מ'קאָן נישט אויסזידלען די באַפעלקערונג פון אַ געגעבענעם געביט, דאַרף מען זי דעריבער אויסראָטן, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס דער מזרח=פראָנט האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער וועלט און דערווייל האָט מען געקאָנט שטראָפלאָז דורכפירן אַ פאַרניכטונגס=אַקציע אין א גרעסערן מאַסשטאַב. אויך דאָס מאָל האָט זיך באַשטעטיקט די טעזע, אַז די געאָפּאָליטיק פון ברוינעם פאַשיזם, וואָס איז געשטאַנען אין דינסט פון די עקספּאַנסיאָניסטישע שטרעבונגען פון דייטשישן אימפּעריאַליזם, איז תמיד אין די אונטעריאָכטע לענדער געווען אַ פּאָליטיק פון פעלקער=מאָרד.

אויף דער סעפּטעמבער=קאָנפערענץ ביי היטלערן און אויף די דערמאָנטע באַראַטונגען פון היטלערישן „פּלאַנונגס=ביוראָ" זענען אויפגעדעקט געוואָרן ערנסטע ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן, באַזונדערס אַ מאַנגל אין אַרבעטס=קרעפטן. ס'איז דעריבער אַנטשטאַנען אַ געוויסער ווידערשפּרוך צווישן דעם פּלאַן פון פאַרניכטן פעלקער=גרופּן, און קודם=כל פּאָליאַקן, מיט דער נויטווענדיקייט אויסצונוצן זייערע אַרבעטס=קרעפטן, בכדי אויפצוהאַלטן דעם קריגס=פּאָטענציאַל פון רייך.

די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען, בכדי צו קאָנטינואירן די פעלקער=אויסראָטונג און גלייכצייטיק אויפצוהאַלטן די מעגלעכקייטן פון צושטעלן פאַר דער קריגס=אינדוסטריע די נויטיקע קאָנטינגענטן פון אַרבעטס=קרעפטן, האָבן מאָדיפיצירט זייערע דעפּאָפּולאַציע=פּלענער. אין דער נייער ווירטשאַפטלעכער סיטואַציע איז אַרויסגערוקט געוואָרן דער לאָזונג פון „פאַרניכטן דורך אַרבעט". די שקלאַפן=אַרבעט האָט אין דער דערמאָנטער סיטואַציע באַדאַרפט ווערן דאָסווירקזאַמסטע מיטל פון פעלקער=פאַרניכטונג. די היטלעריסטן האָט זיך געדאַכט, אַז אין דאָזיקן מלחמה=עטאַפּ איז פּאָליטיש דער דאָזיקער מעטאָד ווייניקער געפערלעך, ווי די מאַסנווייזע ליקווידאַציע, און דאָס אויפהאַלטן דורך אַ געוויסער צייט מיליאָנען ביליקע אַרבעטס=קרעפטן וואָלט געברענגט קאָלאָסאַלע נוצן פאַר דער ווירטשאַפט.

נאָך אין העלפט חודש אויגוסט 1942, אין פעריאָד פון די גרויסע מיליטערישע דערפאָלגן, האָט היטלער געגעבן דעם יוסטיץ=מיניסטער טיראַק אויסערגעוויינלעכע פולמאַכטן אויפן געביט פון אַרויסגעבן אויסנאַם=געזעצן. „בכדי אויסצופירן די אויפגאַבן פונעם גרויסן רייך, — לייענען מיר אין היטלערס דעקרעט פון 20=טן אויגוסט 1942, — דאַרף מען אומבאַדינגט איינפירן שטרענגע שטראָפן.

דעריבער פאַרפליכטע איך און באַפולמעכטיק דעם יוסטיץ-מיניסטער פונעם רייך אײַנצופירן — אין הסכם מיט מײַנע דירעקטיוון און אָנווייזונגען, אין פאַרשטענדיקונג מיטן רייכס-מיניסטער און קאַנצעלאַריע-שעף (לאַמערסן), ווי אויך מיטן קאַנצעלאַריע-לייטער (באָרמאַנען) — א נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישן באַשטראָפונגס-אופן און זיך בנוצן מיט אַלע נייטיקע מיטלען, בכדי דעם דאָזיקן ציל צו דערגרייכן“.[1]

אויפן סמך פון דער דערמאָנטער באַפולמעכטיקונג איז טיראַק — אין פאַרשטענדיקונג מיט אַנדערע מיטגלידער פון דער היטלערישער רעגירונג — אַרויסגעטראָטן מיט אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגן דער עקסטערמינאַציע פון גאַנצע נאַציאָנאַלע גרופּן. אין זײַנעם אַ שפּעטערדיקן בריוו צו באָרמאַנען (פון 13-טן אָקטאָבער 1943) און אין גאַנג פון די געשפּרעכן, וואָס זענען געפירט געוואָרן וועגן אַ פּראָיעקט פון נייע אויסנאַם-געזעצן, האָט טיראַק מאָטיווירט זײַנע פּראָיעקטן אויף אַזאַ אופן:

„אין שייכות מיט דער אינטענץ צו באַפרייען דאָס דײַטשישע פאָלק פון פּאָליאַקן, רוסן, יידן און ציגיינער און אויך צו באַפרייען די אָנגעשלאָסענע צום רייך געביטן, וועלכע דאַרפן דינען אַלס דײַטשישער קאָלאָניזאַציע-געביט, פּלאַניר איך איבערצוגעבן דער רפס״ס (הימלערן) די שטראָף-אויספירונג קעגן פּאָליאַקן, רוסן, יידן און ציגיינער. כ׳גיי אַרויס פון שטאַנדפּונקט, אַז די יוסטיץ קאָן בלויז אין אַ קנאַפּער מאָס מיטהעלפן צו דער אויסראָטונג פון די דערמאָנטע נאַציאָנאַלע גרופּן. ס׳ווערן אָן ספק אַרויסגעטראָגן קעגן דעם דאָזיקן סאָרט מענטשן שווערע שטראָפן, אָבער דאָס איז נישט גענוגנדיק, כדי צו קאָנען דורכפירן די אָנגעצייכנטע פּלענער. ס׳איז אויך צוועקלאָז אויפצוהאַלטן די דאָזיקע נאַציאָנאַלע גרופּן אין די דײַטשישע תפיסות און אויסבעסערונגס-הייזער אין משך פון יאָרן, אַפילו אין דעם פאַל, ווען זייער אַרבעטס-קראַפט ווערט אויסגענוצט — ווי דאָס האָט איצט אָן אָרט — פאַר קריגס-צוועקן. כ׳גלייב אָבער, אַז דורך איבערגעבן די דאָזיקע פּערזאָנען דער פּאָליציי, וואָס איז נישט געבונדן מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מיטלען, מיט וועלכע זי באַנוצט זיך, וועט מען דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן. כ׳האַלט, אַז אין מלחמה-צייט זענען אַזעלכע מיטלען פולשטענדיק באַרעכטיקט, און אַז אייניקע דורך מיר אָנערקענטע שטאַנדפּונקטן וועלן ווערן אָפּגעהיט... אָן די דאָזיקע פאָרהנחות וואָלט די פּאָליציי נישט געקאָנט אויספירן קיין אורטיילן קעגן יידן און ציגיינער...“[2]

---

[1] ר.ג.-בל. 1942, I, ז. 535. היטלערס דעקרעט וועגן באַזונדערע פולמאַכטן פאַרן יוסטיץ-מיניסטער, פון 20 אויגוסט 1942.

[2] „נירענב. פּראָצעס“, נר. 4 (פּאָהל), דאָקום. נ.ג. — 558, אַמטלעכע קאָרעספּאָנדענץ פון טיראַקן צו באָרמאַנען.

די דאָזיקע פעלקערמערדערישע פּלענער האָט מען גענומען באהאנדלען נאָך אין דער ערשטער העלפט סעפטעמבער 1942. טיראַק האָט, אין שייכות מיט דער זיך אַליין פאַרערגערנדיקער סיטואַציע, אָנגעבונדן צו דער קאָנצעפּציע פון פאַרניכטן מיליאָנען „אַסאָציאַלע עלעמענטן“ דורך אַרבעט און האָט דורכגעפירט קאָנפערענצן מיט די לייטנדיקע פירער פון רייך וועגן רעאַליזירן די דאָזיקע פּלענער, — דעם 14=טן סעפטעמבער מיט געבעלסן, און אין עטלעכע טעג אַרום מיט הימלערן, לאַמערסן און אַנדערע.

ווי ס'דרינגט אַרויס פון אַ דייטשישן דאָקומענט, האָט געבעלס אויסגעדריקט זיין פולן הסכם אויף טיראַקס פּראָיעקט אויסצוראָטן די באַפעלקערונג דורך אַרבעט און אים אָנערקענט אַלס דעם פּאַסיקסטן אין די דעמלטיקע באַדינגונגען.[3]

דעם 18=טן סעפטעמבער 1942 האָט טיראַק אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט הימלערן אין זיין הויפּט=קוואַרטיר אין דער אָנוועזנהייט פון שטאַטס=סעקרעטאַר אין יוסטיץ=מיניסטעריום ד"ר ראָטענבערג, עס=עס=גרופּנפירער שטרעקענבאַך (דעפּאַרטאַמענט=שעף אין רסה"א) און עס=עס=אָבערגרופּנפירער בענדער פונעם שטאַב רפס"ס. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער באַראַטונג איז געשלאָסן געוואָרן אַ מין אָפּמאַך צווישן יוסטיץ=מיניסטער פון רייך מיט רפס"ס, פון וועלכן די וויכטיקסטע באַשלוסן האָבן זיך אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע פונקטן:

פונקט 2. „אויסשליסן די אַסאָציאַלע עלעמענטן פון דער אַלגעמיינער שטראָף=באהאנדלונג און זיי איבערגעבן דער רפס"ס צו פאַרניכטן דורך אַרבעט. ס'וועלן אַרויסגעגעבן ווערן אַלע אינטערנירטע יידן,[4] ציגיינער, רוסן און אוקראַאינער, ווייטער פּאָליאַקן, וואָס זענען פאַרמשפּט אויף מער ווי דריי יאָר, טשעכן אָדער דייטשן, וואָס זענען פאַרמשפּט אויף מער ווי אַכט יאָר, אָפּהענגיק פון דער דעציזיע פון יוסטיץ=מיניסטער. קודם=כל וועלן פון צווישן זיי אַרויסגעגעבן ווערן די ערגסטע אַסאָציאַלע עלעמענטן. וועגן דעם וועט מיטגעטיילט ווערן דעם פירער דורך דער פאַרמיטלונג פון רייכסלייטער באָרמאַן“.

פונקט 14. „אין שייכות מיט די צילן, וואָס זענען אָנגעמערקט געוואָרן דורך דער רעגירונג וועגן אָרדענען די מזרח=פּראָבלעמען, איז אָפּגעשטימט געוואָרן, אַז יידן, ציגיינער, רוסן, פּאָליאַקן און אוקראַאינער וועלן אין דער צוקונפט נישט גע=משפּט ווערן דורך נאָרמאַלע געריכטן אין פאַלן פון שטראָפבאַרע ענינים, נאָר זיי וועלן אַרונטערפאַלן די קאָמפּעטענצן פון רפס"ס. („דורך דער רפס"ס ערלייִדיקט ווערן“) [5].

---

[3] „נאַצי קאָנספּיראַסי“, ב. III, ז. 496, דאָקום. פּ.ס. — 682; ב. VII, ז. 997.

[4] עס רעדט זיך דאָ וועגן אינטערנירטע, אָבער די פעלקערמערדערישע פּלענער זענען פאַקטיש נוגע אַלע „אַסאָציאַלע“ עלעמענטן.

[5] פּאָהלס פּראָצעס, דאָקום. פּ.ס. — 654; „נאַצי קאָנספּיראַסי“, ב. III ז. 461—470, אנטהאַלט דעם טעקסט פון אָפּמאַך טיראַק—הימלער.

די דאָזיקע פאַרשטענדיקונג האָט געזאָלט דינען פאַרן צוגרייטן אַ געזעץ וועגן אויסראָטן די דערמאָנטע נאַציאָנאַלע גרופן.

דאָס אויסערן־מיניסטעריום, וואָס איז געווען אינפאָרמירט וועגן די נייע פעל־קערמערדערישע פּראָיעקטן, האָט אַרויסגערוקט געוויסע פאָרבאַהאַלטן וועגן דער צילמעסיקייט צו רעגולירן די דאָזיקע ענינים אויף אַ געזעצגעבערישן וועג. אין דער געהיימער נאָטיץ פונעם 16־טן סעפּטעמבער 1942 צו די שטאָטס־סעקרעטאַרן גאוס, ווערמאַן און לוטער האָט ראַדעמאַכער, דער רעפערענט פונעם דאָזיקן ענין, אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז „פון שטאַנדפּונקט פון דער אויסערן־פּאָליטיק וואָלט מען באַדאַרפט אָננעמען אַ מילדערע פאָרם פון לעזן די דאָזיקע פראַגע, בכדי א) אָפּצונעמען ביי דער פיינטלעכער פּראָפּאַגאַנדע אַ שטיצפּונקט, ב) צו פאַרלייכטערן אַנדערע אייראָפּעישע מלוכות אַ מיטאַרבעט מיט אונדז"[6].

טיראַק האָט, נאָכן אָפּשטימען די פּלענער מיט הימלערן און נאָכן מעלדן וועגן דעם דעם קאַנצעלאַריע־שעף לאַמערסן, זיך געווענדט צו באָרמאַנען מיט אַן אויספירלעכן בריוו, אין וועלכן ער האָט אַרומגערעדט די צילן פון זיין פּראָיעקט און געבעטן פאָרצושטעלן דאָס היטלערן און דאַן אים ענטפערן, צי היטלער האָט אויף דעם אויסגעדריקט זיין הסכם[7]. אויך הימלער האָט אינפאָרמירט באָרמאַנען וועגן די פּראָיעקטן פון „טראַקטירן די מזרח־פעלקער" און געבעטן פאָרצושטעלן דאָס היטלערן.

היטלער האָט זיך אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער ווירקלעך באַקענט מיט די דאָזיקע פּלענער און מיטן אָפּמאַך פון טיראַק—הימלער און זיי פולשטענ־דיק אַקצעפּטירט[8]. דעמלט האָט הימלער פאַראָרדנט, אַז דער רייכס־זיכערונגס־הויפּט־אַמט (רסה"א) זאָל אויסאַרבעטן אַ גענויע אינסטרוקציע פאַר די פּאָליציי־אָרגאַנען און אויך נייע געזעץ־פּראָיעקטן. דעם 15־טן נאָוועמבער 1942 האָט שטרע־קענבאַך אַרויסגעשיקט אַ געהיימען צירקולאַר צו אַלע פירער פון עס־עס און זי־כערהייטס־פּאָליציי, צו דער געסטאַפּאָ און קריפּאָ, אין וועלכן ער אינפאָרמירט, אַז אין הסכם מיטן אָפּמאַך צווישן רפס"ם מיטן יוסטיץ־מיניסטעריום וועלן די טריבונאַלן אָפּשטעלן די גאָרמאַלע שטראָף־פּראָצעדור בנוגע פּאָליאַקן און אַנדערע פעלקער, ווייל זיי וועלן איבערגעגעבן ווערן צו דער דיספּאָזיציע פון דער פּאָליציי. פון איצט אָן וועלן זיי באַהאַנדלט ווערן אויפן זעלבן אופן, ווי יידן און ציגיינער.

---

[6] געהיימע נאָטיץ פון 12 סעפּט. 1942 צווישן די דאָקום. נ.ג. — 2586.

[7] טיראַק בעשטעטיקט דאָס אין בריוו צו באָרמאַנען פון 13 אָקט. 1942, פגל. דאָ־קום. נ.ג. — 558. הימלער האָט אויך וועגן דעם ענין געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט באָרמאַנען און אינפאָרמירט וועגן דעם גרייזערן. אקטן פון מערב־אינסטיטוט אין פוילן, דאָקום. 221—I, ז. 4.

[8] פאַרגלייך „נאַצי קאָנספּיראַסי", ב. VII, ז. 976, 1104, דאָקום. ל. — 179, שטרעקענבאַכס צירקוליאַר פון 5 נאָוועמב. 1942.

אינעם צירקוליאַר איז אויך אָנגעגעבן געוואָרן, אַז היטלער האָט אויסגעדריקט זיין הסכם אויף דעם דאָזיקן אָפּמאַך, און ס'איז אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די גענויע פּראָצעדור=באַשטימונגען, וואָס וועלן אויסגעאַרבעט ווערן דורך דער רסה"א און דורכן יוסטיץ=מיניסטעריום, וועלן חל זיין פונעם 1=טן יאַנואַר 1943.[9] די געזעץ=פּראָיעקטן זענען פאַקטיש אויסגעאַרבעט געוואָרן. דעם 10=טן נאָוועמבער האָט שטרעקענבאַך זיי איבערגעשיקט צו הימלערן, בכדי ער זאָל זיי צושטעלן היטלערן צו אַקצעפּטירן.[10]

די פּאַרטיי= און רעגירונגס=פאַקטאָרן, באַזונדערס פון די אַזוי גערופענע „אָנגעשלאָסענע פּראָווינצן", האָבן, קעגן די שוין אָפּגעשטימטע פּלענער פון די צענטראַלע היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען, אַרויסגערוקט אַ ריי פאָרבאַהאַלטן, האַלטנדיק, אַז די דאָזיקע פּראָיעקטן זענען נאָך פריצייטיקע, אַז די פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע סיטואַציע איז פאָרלויפיק נישט פּאַסיק אויף אַרויסצוגעבן אַ פאָרמעל געזעץ וועגן דער עקסטערמינאַציע פון פעלקער אין אַזאַ ברייטן פאַרנעם.

די פאָרבאַהאַלטן קעגן די דאָזיקע פּלענער, וואָס זענען אויף פּילצאָליקע באַראַטונגען אין יוסטיץ=מיניסטעריום אַרויסגערוקט געוואָרן דורך די גאַולייטערס גרייזער און פאָרסטער (פון די פּראָווינצן „וואַרטע=לאַנד" און „גדאַנסק—מערב=פּרייסן"), האָבן געצווונגען טיראַקן צו רופן אַן אויסגעברייטערטע קאָנפערענץ, בכדי גענוי און גרינטלעך דורכצודיסקוטירן די דאָזיקע פּראָבלעמען. אזא קאָנפערענץ איז אונטערן פאָרזיץ פון טיראַקן פאָרגעקומען דעם 13=טן נאָוועמבער מיט דער באַטייליקונג פון די גאַולייטערס (אָדער זייערע פאָרשטייער) פון פיר פּראָווינצן: „וואַרטע=לאַנד", גדאַנסק=מערב=פּרייסן, מזרח=פּרייסן און אויבערשלעזיע.[11] אויסער דעם, זענען אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ פאַרבעטן געוואָרן שטוקאַרט, דער שטאַטס=סעקרעטאַר אין אינערן=מיניסטעריום (וואָס האָט אָנטיילגענומען אין געשפּרעכן אויף דער דאָזיקער טעמע שוין פון אָנהייב אָקטאָבער אָן), און אויך אַ פאָרשטייער פון מיניסטעריום פאַר די מזרח=געביטן.

זייערע פאָרבאַהאַלטן זענען געווען פון פאָלגנדיקן כאַראַקטער: 1) אינערלעך=פּאָליטישע, 2) ווירטשאַפטלעכע און 3) אויסערן=פּאָליטישע.

קודם=כל איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז אין די דאָזיקע פּראָווינצן עקזיסטירן ענגע באַציונגען צווישן פּאָליאַקן און דייטשן. דאָס אַרויסגעבן פאַראָרדענונגען וועגן ליקווידאַציע (זאָנדערבאַהאַנדלונג) פון פּאָליאַקן איז דעריבער אין איצטיקן מאָמענט נישט געווונטשן, ווייל די ידיעות קאָנען דערגיין צו די דייטשן און

[9] דאָקום. ל. — 179, 316.
[10] אַרכיוו ה.ק.פּ.ה.פּ., אקטן ד.צ. — 751, געזעץ=פּראָיעקטן.
[11] קאָרעספּאָנדענץ פון שטאַטס=סעקרעטאַר פאַר אינערן=עניינים שטוקאַרט צו הימלערן פון 20 נאָוועמב. 1942, פאָטאָקאָפּיע אין אַרכיוו פון יי.ה.א.

דאָס וואָלט אַרויסגערופן ערנסטע אומרועו. די פאָרגעשלאָגענע פראָיעקטן — האָבן דערקלערט די גאַולייטערס, — קאָנען אַרונטעררייסן די דייטשישע פאָליטישע פלענער, וואָס צילן, אַז די פאָליאַקן זאָלן זיך אונטעראָרדענען דער היטלערישער מאַכט.

די גאַולייטערס האָבן אויך אַרגומענטירט, אַז די דייטשישעווירטשאַפט וועט נאָך פיל יאָרן זיין געצוווּנגען צו געניסן פון פוילישער אַרבעטס־קראַפט. אויב אָבער די פאָליאַקן וועלן ווערן אַרויסגענומען פון דער נאָרמאַלער יוריסדיקציע, וועט זייער ארבעטס־קראפט זיך שטאַרק פאַרקלענערן. מ׳דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז ס׳וועט זיך אָפשטעלן די „פרייוויליקע" רעקרוטירונג פון אַרבעטער פון די דאָזיקע פראָווינצן אין רייך, און די עווענטועלע דעפאָרטאַציע אויף אַרבעט וועט נישט בלויז אַראָפּנידעריקן די אַרבעטס־פראָדוקטיווקייט, נאָר וועט אַרויסרופן אַן ערנסטן פערמענט צווישן די אויסגעזידלטע און צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג. דעריבער האַלטן די אָנוועזנדיקע גאַולייטערס אויף דער קאָנפערענץ „פאַר נישט געוווּנטשן, אַז אין מאָמענט, ווען די מלחמה דאַרף געווינען ווערן אויך אַדאַנק דעם באַנוצן זיך מיט פרעמדע אַרבעטער, זאָל מען דערלאָזן צום אַראָפּנידעריקן די פראָדוקטיווקייט פון די דאָזיקע אַרבעטס־כוחות".

לסוף זענען אַרויסגערוקט געוואָרן מאָמענטן פון אויסערן־פאָליטישן כאַראַקטער. דאָס פאָרמעלע איבערגעבן צו די פאָליציי־אָרגאַנען די יוריסדיקציע איבער די סלאַווישע פעלקער אינעם דאָזיקן מלחמה־פעריאָד, — האָבן די גאַולייטערס געהאַלטן, — איז דאָס זעלבע, ווי באַוואָפענען דעם שונא מיט אַ ניי קאַמפס־מיטל. די אַנטיפאַשיסטישע פראָפּאַגאַנדע וועט דאָס אויסנוצן אין איר קאַמף קעגן רייך. „דער אָפקלאַנג אין אויסלאַנד וועט דעריבער זיין אַ נעגאַטיווער און דעריבער איז איצט נישט די צייט אויף דעם".[12]

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געשאַפענער סיטואַציע, האָט טיראַק געמאָלדן הימלערן, אַז פאָרלויפיק רעזיגנירט ער פונעם פאָרמעלן דערליידיקן דעם דאָזיקן ענין בלויז אין באַצוג צו פאָליאַקן און רוסן, ביז די גאַולייטערס וועלן פאָרשלאָגן היטלערן נייע פראָיעקטן. ער האָט אָבער נישט קיין פאַרבאַהאַלטן וועגן דעם תיכפדיקן איבערגעבן דער זיכערהייטס־פאָליציי די קאָמפעטענצן איבער יידן און ציגיינער.[13]

דער דאָזיקער לעצטער פאַסוס האָט פאַקטיש נישט איינגעפירט קיין וועזנטלעכע ענדערונגען. די מאַסנווייזע ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די פאָליציייאישע מאַכט־אָרגאַנען שוין פון אָנ־

---

[12] וועגן פאָרסטערס בריוו הערמאַנט שטוקאַרט אין ציטירטן בריוו צו הימלערן.

[13] בריוו פון טיראַקן צו הימלערן פון 16 נאָוועמבער 1942, פאָטאָקאָפיע אין אַרכיוו פון יי.ה.א.

הייב 1942, האָט ארומגענומען כמעט אַלע אָקופּירטע לענדער. זי איז דורכגעפירט געוואָרן ביים אָנווענדן אַלע מעגלעכע בעסטיאַלישע מיטלען און אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. טיראַקס לעצטע באַמערקונג וועגן יידן האָט געהאַט דעם ציל, אַז היטלער זאָל ארויסגעבן אַ געהיימען דעקרעט, וואָס זאָל פאָרמעל סאַנקציאָנירן די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון די יידן.

רעזומירנדיק די אַלע אויספירן שטעלן מיר פעסט, אַז אַלע אקציעס, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין די ראַמען פון דער היטלערישער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן, זענען קאָאָרדינירט געוואָרן דורך די צענטראַלע און אָרטיקע אַדמיניסטראַציע־אָרגאַנען, דורך די פּאָליציי־אָרגאַנען און פּאַרטייאישע פאַקטאָרן. מיר שטעלן פעסט, אַז פאַקטיש איז צווישן זיי אין די פּרינציפּיעלע פראַגן נישט געווען קיין מיינונגס־פאַרשידנהייטן, און די פּאָר ארויסגערוקטע פאָרבאַהאַלטן זענען געווען נוגע בלויז דער צוועקמעסיקייט פון פאָרמעלגעזעצלעכן רעגולירן די דאָזיקע פלענער אויפן דאָזיקן מלחמה־עטאַפּ. פון דעם שוין דערמאָנטן דריגנט, אַז די פאַשיסטישע מלוכה־מענער האָבן פאָרלויפיק זיך צוריקגעצויגן פון דורכפירן אַ פולשטענדיקע עקסטערמינאַציע פון פּאָליאַקן און אַנדערע סלאַווישע פעלקער, וואָס איז געווען דיקטירט נישט דורך מאָראַלישע סקרופּולן און נישט דורך הומאַניטאַרע געפילן. זיי האָבן דאָך אויך ווייטער זיך באַנוצט מיט בלוטיקן טעראָר, זיי האָבן דעפּאָרטירט הונדערטער טויזנטער פּאָליאַקן אויף צוואַנגס־אַרבעט און האָבן אויך ווייטער קאָנסעקווענט קאָנטינוּאירט די אויסראָטונג פון פּוילישן פאָלק. די היטלעריסטן וואָלטן זיך נישט געוואַקלט אויסצוראָטן דאָס פּוילישע פאָלק מיט מעטאָדן, וואָס זענען אויסגעפּרוּווט געוואָרן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, ווען דאָס וואָלט נישט געווען צום שאָדן פאַר די אינטערעסן פון דער דייטשישער קריגס־ווירטשאַפט, און צוליב מורא, אַז דאָס וועט אַרונטעררייסן די זיכערקייט פון דער מאַכט אין אָקופּירטן לאַנד. ס'איז לגמרי נישט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ גורל ס'וואָלט געטראָפן צענדליקער מיליאָנען סלאַוון, און קודם־כל פּאָליאַקן, ווען נישט די מיליטערישע מפּלה, וואָס די דייטשישע פאַשיסטן האָבן געליטן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי זינט דער העלפט נאָוועמבער 1942 און ווען נישט די ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן, וואָס זענען אַדאַנק דעם אַנטשטאַנען, דער מאַנגל פון אַרבעטס־קרעפטן, דער פּחד פאַרן אויסברייטערן זיך פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג א.אַז.וו.

און ווי האָט אין דעם פּרט אויסגעזען די סיטואַציע אין דער גענעראַל־גובערניע, וועמענס פאָרשטייער זענען נישט געווען אָנוועזנדיק אויף דער קאָנפערענץ אין יוסטיץ־מיניסטעריום? די אָקופּאַציע־מאַכט אין דער גענעראַל־גובערניע — פּונקט ווי אין וואַרטעלאַנד און אויף אַנדערע צום רייך אָנגעשלאָסענע געביטן — האָט אויף אַלע לעבנס־געביטן געפירט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן פּוילישן פאָלק. די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע פון דער באַפעלקערונג אין דער גענעראַל־גובערניע האָט

זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון דער סיטואַציע אויף אַנדערע אָקופּירטע
פּוילישע געביטן. די היטלערישע מאַכט איז דאָ, פריער ווי אין אַנדערע פּראָווינצן,
צוגעטראָטן צו רעאַליזירן אירע פעלקערמערדערישע פּלענער. אַלס גענוגנדיקער
באַווייז זענען די מאַסן=אויסזידלונגען פון פּאָליאַקן פון לובליגער דיסטריקט, וואָס
האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט נאָוועמבער 1942. מיט דער דאָזי=
קער באַרבאַרישער אַקציע האָט אָנגעפירט אָדיל גלאָבאָצניק, דער שעף פון דער
אַזוי באַקאַנטער פעלקערמערדערישער „ריינהארד=אָפּעראַציע“. צוערשט האָט די
אויסזידלונג אַרומגענומען דעם זאַמאָשטשער פּאָוויאַט און שפּעטער די שכנות=
דיקע פּאָוויאַטן: בילגאָראַיער, טאָמאַשאָווער און הרוביעשאָווער. אין זאַמאָשטשער
געגנט האָט דער אָקופּאַנט דורכגעפירט די אויסזידלונגען מיט די זעלבע בעסטיאַ=
לישע און מערדערלעכע מעטאָדן, ווי בעתן אויסזידלען די יידישע באַפעלקערונג
אין די פאַרניכטונגס=לאַגערן. די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען האָבן אויף אַ בעס=
טיאַלישן אופן אַרויסגעיאָגט די פּוילישע פּויערים פון זייערע ווירטשאַפטן, צוגע=
נומען ביי זיי די קינדער און זיי אַרויסגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.
מ'האָט פאַרניכטעט פאַמיליעס: מענער און פרויען זענען אויסגעזידלט געוואָרן
אין פאַרשידענע ערטער. דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון די פּויערים איז צוגערויבט
געוואָרן. די דעפּאָרטאַציע איז פאָרגעקומען אין שרעקלעכע באַדינגונגען: בעת די
שטאַרקסטע פרעסט און אין נישט באַהייצטע וואַגאָנען. די מערדערלעכע אַקציע
האָט אַרומגענומען העכער 110.000 פּערזאָן פון אַן ערך 300 גראָמאַדעס. די דאָ=
זיקע אויסזידלונגען האָבן אַרויסגערופן אַזאַ אַלגעמיינע, שטאַרקע ווידערשטאַנד=
באַוועגונג, אַז די אָרטיקע דייטשישע מאַכט=אָרגאַנען זענען געווען געצוווּנגען צו
אַליאַרמירן דער רעגירונג פון דער גענעראַל=גובערניע, אַז זי זאָל דערווייל איבער=
רייסן די אויסזידלונגס=אַקציע, ווייל די אַזוי אויך קלאָגעדיקע פּאָליטישע סיטוא=
ציע אין לאַנד האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט [14].

די אויסזידלונגען פון דער גענעראַל=גובערניע, ווי אויך די פּלענער פון דער
אָקופּאַציע=מאַכט וועגן אומברענגען אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער באַפעלקערונג
אין דער גענעראַל=גובערניע, האָבן צו יענער צייט אויפגעדעקט אַ ריי ווידער=
שפּרוכן, וואָס האָבן דעמלט געהאַט אַן אָרט אין דער היטלערישער פּאָליטיק. דאָס
האָט דער גענעראַל=גובערנאַטאָר פראַנק אַליין געמוזט מודה זיין אויף דער פאַר=

---

[14] אין חודש=באַריכט פון וואַרשעווער גובערנאַטאָר ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז
צוליב דער פאַרערגערונג פון דער זיכערהייטס=לאַגע פאַרלאַנגען אַלע מאַכט=אָרגאַנען אין
די קרייזן אָפּצושטעלן דערווייל די אויסזידלונגס=אַקציעס, „ווייל זיי רופן אַרויס אומ=
רו צווישן דער באַפעלקערונג“. „מאָנאַטסבאַריכט“ פון גובערנאַטאָר פאַר דעצעמבער 1942
און יאַנואַר 1943, ז. 2—3.

זאמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 14־טן דעצעמבער 1942 מיט דער באַטײ־ליקונג פון די פּאָליטישע לײטערס פון דער נסדא"פּ אין דער גענ.־גובערניע.[15]

„מ'דאַרף זיך קלאָר מאַכן, — פּירט אויס פראַנק, — אין וואָס פאַר אַ ריכטונג דאַרף גיין אונדזער פּאָליטיק: פאַרניכטן צי בויען, אָפּגעבן די אַרבעטער אָדער זײ דאָ פאַרהאַלטן, אויסהונגערן די פּאָליאַקן אָדער זײ דערנערן?"

די פעסטשטעלונגען פון די דאָזיקע אומקאָנסעקווענטקייטן האָט לגמרי נישט געהאַט קײן אײנפלוס אויף דער ענדערונג פון דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי דער פּױלישער באַפעלקערונג, וועלכע פראַנק און די „רעגירונג" פון דער גענעראַל־גובערניע האָבן געפירט.

מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען דער פראָנט האָט זיך איבערגערוקט אויף מערב אַזש צום דניעפּער, און דיווירטשאַפטלעכע לאַגע פון דײטשלאַנד האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט, האָט פראַנק פאַרנאָטירט אין זײן טאָגבוך די כאַראַקטעריסטישע ווערטער, וואָס דערמאָנען אונדז די אַרויסזאָגונגען פון די גאַולײטערס פון די מערב־פּראָווינצן פון נאָוועמבער 1942. „...ווען מיר וואָלטן שוין געווינען די מלח־מה, — לײענען מיר אינעם טאָגבוך, — איז, אויב ס'האַנדלט זיך וועגן מיר, וואָלט מען פון די פּאָליאַקן, אוקראַינער און פון אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָ, געקאָנט מאַכן אַ שחיטה! זאָל געשען, וואָס עס דאַרף געשען! איצט האַנדלט זיך אָבער בלויז אין דעם, צי ס'וועט זיך אײנגעבן אײנצוהאַלטן אין רואיקײט, אין אָרדענונג, בײ אַרבעט און דיסציפּלין 15 מיליאָן פון אַ פײנטלעך פאָלק, וואָס אָרגאַניזירט זיך קעגן אונדז. אויב דאָס וועט זיך נישט אײנגעבן, וועל איך קאָנען זאָגן מיט טריומף: כ'האָב דערמאָרדעט 2 מיליאָן פּאָליאַקן, צי וועלן אָבער דעמלט די באַנען גײן אויפן מזרח־פראָנט, צי וועלן דעמלט די מאַנאָפּאָל־אונטערנעמונגען, וואָס שטעלן צו חודשלעך 50.000 ליטער בראָנפן און אַזויפיל מיליאָן פּאַפּיראָסן, קאָנען אַר־בעטן, צי וועט פאַרזיכערט זײן די פּראָוויאַנטירונג, די לאַנדווירטשאַפט, פון וועל־כער מיר האָבן צוגעשטעלט פאַרן רײך 450.000 טאָן תבואה?..."[16]

די אַלע דערמאָנטע אַרויסזאָגונגען באַשטעטיקן, אַז צווישן דער עקסטערמי־נאַציע־פּאָליטיק לגבי דער פּױלישער באַפעלקערונג און דער טענדענץ צו גערמאַניזירן אַ געוויסע צאָל פּאָליאַקן, אָדער זײ אויסנוצן אַלס אַרבעטס־קראַפט און גלײכצײטיק פאַרזיכערן דו אינעם אָקופּירטן לאַנד זענען אַנטשטאַנען ווידער־שפּרוכן, וועלכע זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ווירקלעכקײט פון היט־לערישן דײטשלאַנד. וואָס מער די מיליטערישע און ווירטשאַפטלעכע סיטואַציע האָט זיך פאַרערגערט, אַלץ מער האָבן זיך די ווידערשפּרוכן פאַרשאַרפט און פאַר־טיפט.

[15] פראַנקס טאָגבוך, זיצונג פון די פּאָליט. לײטערס פון דער נ.ס.ד.א.פּ. אין דער גענ.־גובערניע.

[16] פראַנקס טאָגבוך, „בוליעטין" ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. II, ז. 18—19.

אַלס בולטער ביישפּיל פון די דאָזיקע ווידערשפּרוכן איז געווען די פּאָליטיק פון אויסהונגערן די באַזיגטע פעלקער. די פּאָליטיק פון אויסהונגערן די פּוילישע און יידישע באַפעלקערונג אין דער גענעראַל=גובערניע און אויך אין אַנדערע אָקופּירטע פּראָווינצן איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פונעם באַרבאַרישן סיסטעם פון פעלקער=מאָרד. דער היטלערישער מעדיציניש=ער ראַטגעבער אין דער גענעראַל=גובערניע ד"ר וואָלבאַום האָט געמוזט מודה זיין (דעם 6=טן סעפּטעמבער 1941), אַז „דאָס רוב פּאָליאַקן באַקומען בלויז 600 קאַלאָריעס (טעגלעך), ווען די נאָרמאַלע באַדערפעניש פון מענטשן מאַכט אויס 2.200 קאַלאָריעס. די פּוילישע באַפעלקערונג איז שוין אַזוי אויסגעשעפּט, אַז זי וועט ווערן אַ לייכטער אָביעקט פון פלעק=טיפוס" [17].

פיל ערגער איז געווען די סיטואַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער באַרבאַרישער אָקופּאַנט האָט זי תיכף פאַרמשפּט אויף הונגער=טויט. „כ'וויל בלויז פעסטשטעלן אויפן מאַרגינעס, — האָט פראַנק געזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג דעם 24=טן אויגוסט 1942, — אַז מיר פאַרמשפּטן 1,2 מיליאָן יידן אויף הונגער=טויט... דער פאַקט, וואָס די יידן קומען נישט אום מיט קיין הונגער=טויט, וועט בלויז צואיילן... די אַנטי=יידישע פאַראָרדענונגען" [18].

ווירקלעך איז אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג טאַקע אומגעקומען פון הונגער. אין דער זעלבער צייט אָבער, ווען די יידישע און פּוילישע באַפעלקערונג איז אויסגעהונגערט געוואָרן, האָט דער אָקופּאַנט אַרויסגעפירט פון פּוילן הונדערטער טויזנטער טאָן תבואה, פלייש, פעטס און אַנדערע שפּייז=פּראָדוקטן. אין רעזולטאַט האָט די דאָזיקע סיטואַציע גורם געווען, אַז די אַרבעטס=פּראָדוקטיווקייט אין דער באַוואָפענונגס=אינדוסטריע זאָל פאַלן. די דאָזיקע באַאומרואיקנדיקע סיטואַציע האָט דערפירט צו דעם, אַז די אָקופּאַציע=מאַכט האָט דורכגעפירט ספּעציעלע פאָרשונגען, בכדי אויסצוגעפינען די סיבות פון דער פּראָדוקציע=אַראָפּגידערונג.

עס זענען באַקאַנט די רעזולטאַטן פון די אַנקעטע=פאָרשונגען, וואָס זענען אין יאָר 1942 דורכגעפירט געוואָרן אין לאָדזשער געגנט דורך דער שופּאָ און ס. ד. עס זענען אויך באַקאַנט די ספּעציעלע אָבסערוואַציעס, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין לאָדזש דורך דער געסטאַפּאָ און דורך דער דייטשישער געטאָ=פאַרוואַלטונג.[19] אויפן סמך פון די רעזולטאַטן פון די דאָזיקע פאָרשונגען איז אין יאָר

---

[17] דצ"וו, ז. 33.

[18] דצ"וו.

[19] ארכיוו פון מערב=אינסטיטוט אין פּויזן, אקטן I—148, ז. 13; וו. רוסינסקי: די לאגע פון די פּוילישע ארבעטער בעת דער מלחמה (פּויליש), פּויזן 1949, ב. I, ז. 307, ארכיוו פון יה"א., אקטן ג.פ. IV/38 — קאָרעספּאָנדענץ וועגן די סיבות פון דער

1942 אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער „צענטראַלע פאַר די אָנגעהעריקע צו די מזרח־פעלקער" אַ ברייטער מעמאָריאַל וועגן דעם „קעגנוואַרטיקן באַשטאַנד פון דער מזרח־אַרבעטער־פראַגע".[20] ס'דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן אַ דאָקומענט פון אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד — וועגן באַקאַנטן אַזוי גערופענעם שלעזישן מעמאָריאַל, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די באַאָבאַכטונגען (פון יאָר 1943) וועגן דער סיטואַציע פון די פּוילישע אַרבעטער אין אויבערשלעזיע און זאַגלעמביע.[21]

די ציטירטע דאָקומענטן באַשטעטיקן, אַז דאָס הייבן די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט אין דער קריגס־ווירטשאַפט קאָן געשען בלויז דאַן, ווען ס'וועט פאַרבעסערט ווערן די אַפּראָוויזאַציע־לאַגע, די באַקליידונג און דער לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטער. די אויטאָרן באַוואָרענען זיך, אַז זיי „ווילן בכלל נישט פאַרשפּרייטן רחמנות־פּראָפּאַגאַנדע". „פאַרקערט, די פאָרשונגען זענען פריי פון יעדער הומאַניטאַרער טענדענץ. זייער שטאַנדפּונקט האָט אין זינען אויסשליסלעך די טובה פון דער דייטשישער מלחמה־ווירטשאַפט".[22]

נישט אָפּשטעלנדיק זיך לענגער אויפן דאָזיקן פּראָבלעם, ווילן מיר בלויז אונטערשטרייכן, אַז אין דאָזיקן פאַל שטעלן מיר פעסט אַ ווידערשפּרוך צווישן דער היטלערישער אויסהונגערונגס־פּאָליטיק, וואָס האָט געדינט אַלס אינסטרומענט פאַרן פיזישן אויסראָטן די באַפעלקערונג אויף די פּוילישע געביטן, און די באַדערפעענישן פון דער קריגס־ווירטשאַפט, וואָס האָט זיך גענייטיקט אין אויפהאַלטן דעם פיזישן צושטאַנד פון די באַשעפטיקטע אַרבעטער, בכדי צו קאָנען אויספירן צום טערמין די קריגס־באַשטעלונגען.

אומקערנדיק זיך צו דער פריער דערמאָנטער דיסקוסיע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יוסטיץ־מיניסטעריום, דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז טיראַק — אין הסכם מיט זיין בריוו פונעם 16־טן נאָוועמבער — האָט פאָרלויפיק רעזיגנירט פון רעגולירן די פראַגע פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אויף אַ געזעצגעבערישן וועג. די צענטראַלע היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן דאָך אָבער די דאָזיקע פראַגע געהאַלטן פאַר אַן אָפּגעמשפּטע. ס'איז בלויז געגאַנגען וועגן אויסוויילן און אָנווענדן אינעם דאָזיקן מלחמה־פּעריאָד די פּאַסיקסטע טאַקטיק ביים רעאַליזירן די פעלקער־מערדערישע פּאָליטיק. הימלער, שטיצנדיק זיך אויף דער דעציזיע פון היטלערן גופא און אויף דער פולער אונטערשטיצונג פון באָרמאַנען, געבעלסן, טיראַקן און פון אַנדערע גדולים פון היטלערישן דייטשלאַנד, האָט מיט דער מיטהילף פונעם

פּראָדוקציע־פאַרקלענערונג אין געטאָ, פאַרגלייך אויך „לאָדזשער געטאָ" (פּויליש), ז. 243.

[20] „נירענב. פּראָצעס", נר. IV (פּאָהל), דאָקום. פּ.ס. — 084.

[21] א.ג. שלעזישער מעמאָריאַל, איבערגעדרוקט אין „דאָקומענטאַ אָקופּאַציאָניס טעוטאָניצע", ב. I.

[22] דצ"ו, ב. I, ז. 15.

פאַנאַנדערגעבויטן עס=עס=אַפּאַראַט קאָנטינואירט זיין אַרבעט פון פעלקער=פאַרניכטונג.

די אַקציע האָט מען אָנגעהויבן מיט אַ העסלעכער פרעסע=פּראָפּאַגאַנדע. די היטלערישע פרעסע איז געשטאַנען פולשטענדיק אין דינסט פון דער דייטשישער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק.

כמעט אין דער זעלבער צייט, דעם 14=טן דעצעמבער 1942, האָט הימלער באַפוילן דער רסה"א אַרויסצושיקן מינימום 35.000 פּערזאָן — און דאָס אַלס ערשטע פּאַרטיע — אין די קאָנצענטראַציע=לאַגערן. אויפן סמך פון דעם האָט מילער, דער שעף פון דער זיכערהייטס=פּאָליציי און ס. ד., אַרויסגעשיקט אַ געהיימען צירקוליאַר צו אַלע אָנפירער און אינספּעקטאָרן פון דער שופּאָ, צו די קאָמענדאַנטן פון די קאָנצענטראַציע=לאַגערן און אַנדערע, אין וועלכן ער האָט זיי מיטגעטיילט וועגן הימלערס דעציזיע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט ער זיי באַפוילן אַרויסצושיקן אַלע אַרבעטספעיקע פּאָליאַקן, וואָס געפינען זיך אין פאַרשידענע תפיסות און אין קאָנצענטראַציע=לאַגערן.[23]

דער געהיימער בריוו, וואָס ד"ר בערנדאָרף האָט אַרויסגעשיקט (פון אַמט 2. צע. IV אין רסה"א) דעם 31=טן דעצעמבער 1942 צו פּאָהלן, דעם שעף פון אַלע קאָנצענטראַציע=לאַגערן, וועט אונדז פאַרלייכטערן צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון מילערס צירקוליאַר. בערנדאָרף האָט אויפגעקלערט, אַז אין הסכם מיטן דערהאַלטענעם בריוו פון היטלערס קאַנצעלאַריע וועט בקרוב זיך הייבן די צאָל פון די אסורים אין די קאָנצענטראַציע=לאַגערן. דער יוסטיץ=מיניסטער, — שטרייכט בערנדאָרף אונטער, — האָט מסכים געווען אַרויסצושיקן אין קאָנצענטראַציע=לאַגערן אַלע „אַסאָציאַלע עלעמענטן“, קודם=כל פּאָליאַקן, וואָס וועלן איבערגעפירט ווערן אין די לאַגערן פון פאַרשידענע תפיסות.[24]

די אָרגאַנען פון דער זיכערקייטס=פּאָליציי האָבן — אין הסכם מיט מילערס צירקוליאַר — אָרגאַניזירט אַ מאַסן=דעפּאָרטאַציע פון פּאָליאַקן אין די קאָנצענטראַציע=לאַגערן. אין דער זעלבער צייט, אין משך פון חודש דעצעמבער 1942 און יאַנואַר 1943, האָט דער שטאַב פון גלאָבאָצניקן דורכגעפירט אַ באַרבאַרישע מאַסן=אויסזידלונג פון פּוילישע פּויערים פון די פּאָוויאַטן: זאַמאָשטשער, טאָמאַשאָווער און הרוביעשאָווער.[25] פון „וואַרטע=לאַנד“ זענען אויסגעזידלט געוואָרן טויזנטער פּוילישע פאַמיליעס, וועלכע זענען נאָכדעם קאָנצענטרירט געוואָרן אין

---

[23] מילערס צירקוליאַר פון 17 דעצעמב. 1942, דאָקום. פּ.ס. — 1063 ד., „נאַצי קאָנספּיראַסי“, ב. III, ז. 778.

[24] „נירענב. פּראָצעס“, נר. IV, דאָקום. נ.אָ. — 1523.

[25] קלוקאָווסקי: „דייטשישע פאַרברעכנס אין זאַמאָשטשער געגנט“ (פּויליש), „ביולעטין“ ה.ק.פּ.ה.פּ. II, ז. 45.

ספּעציעל=אָרגאַניזירטע „פּוילישע רעזערוואַטן“ אין קאַלישער, וויעלונער און אָסטראָווער פּאָוויאַטן.[26]

די אַלע דערמאָנטע פאַקטן זאָגן עדות, אַז די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען האָבן געפירט אַן אַקציע פון פאַרניכטן דאָס פּוילישע פאָלק אויף אַ פּלאַנמעסיקן און סיסטעמאַטישן אופן, באַנוצנדיק זיך מיט די זעלבע מעטאָדן, וואָס זענען באַנוצט געוואָרן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

* * *

נאָך גרויזאַמער און בעסטיאַלישער איז געווען די עקסטערמינאַציע=פּאָליטיק פון די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן אויך בעתן רעאַליזירן זייערע פעלקערמערדערישע פּלענער נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שטערונגען פון פּאָליטישן כאַראַקטער. אינעם ענין פון יידן=אויסראָטונג האָבן זיך די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען נישט גערעכנט מיט קיין עפנטלעכער מיינונג.

אין פּעריאָד פון דער גרויסער זומער= און האַרבסט=אָפענסיווע האָבן די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען, אויסנוצנדיק דעם מאָמענט פון די אָנגעשטרענגטע גרויסע שלאַכטן אויפן מזרח=פראָנט, פאַרשטאַרקט זייער אויסראָטונגס=אַקציע אין פּוילן.

דאָס היטלערישע אויסערן=מיניסטעריום, גלייבנדיק אינעם פולשטענדיקן און ענדגילטיקן מיליטערישן נצחון, האָט אין דער העלפט יאָר 1942 אויפגעהויבן אַ גרויסע דיפּלאָמאַטישע קאַמפּאַניע אין פאַרשידענע וואַסאַלישע לענדער. די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט געצילט צוצואיילן די יידן=דעפּאָרטאַציע אויף „מזרח“. אויפן נירענבערגער פּראָצעס זענען אויפגעדעקט געוואָרן געהיימע דאָקומענטן פונעם אויסערן=מיניסטעריום, וואָס באַווייזן, אַז מיט דער דאָזיקער אַקציע האָט אָנגעפירט ריבענטראָפּ ביי דער מיטהילף פון די היטלערישע דיפּלאָמאַטן: ווייצזעקער, לוטהער, ווערמאַן, ראַדעמאַכער און אַנדערע[27]. מ'דאַרף באַטאָנען, אַז פאָן רינטעלען, דער פאַרשטייער פון דער ווערמאַכט ביי דער אויבער=קאָמאַנדע פון דעם איטאַליענישן מיליטער, וואָס האָט איינצייטיק מיטגעאַרבעט מיט דער פּאָליטישער אָפּטיילונג ביים אויסערן=מיניסטעריום, האָט אינפאָרמירט לוטהערן (סוף אויגוסט 1942) וועגן אופן פון האַנדלען אינעם דאָזיקן מלחמה=פּעריאָד — אין הסכם מיט ריבענטראָפּס פאַראָרדענונגען — אין באַצוג צו די לענדער: אונגאַרן,

[26] ארכיוו פון מערב=אינסטיטוט אין פּויזן, אקטן I — 374, ז. 78, באריכט פון דער לאָדזשער אָפּטיילונג פון „אומוואַנדערונגס=צענטראַלע“ פון 31 דעצ. 1942 (קאַפּיטל: „פּאָלענרעזערוואַטע“).

[27] נירענב. דאָקומענטן נ.ג. — 2586, קאָרעספּאָנדענץ פון אונטערשטאַאטס=סעקרעטאַר לוטער פון אויגוסט און סעפּטעמבער 1942.

רומעניע, בולגאַריע, איטאַליע און אַנדערע, בכדי אַרויסצובאַקומען אַ הסכם פון זייערע רעגירונגען אויף אויסצוזידלען די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער „אויסערן־פּאָליטיק" זענען פון די דערמאָנטע לענדער אַרויסגעפירט געוואָרן הונדערטער טויזנטער יידן אין די היטלערישע לאַגערן.

ווי ווייט די היטלערישע מאַכט האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער מיינונג פון אויסלאַנד ביים אויסראָטן די יידן, ווייסן מיר אויך פון דער געשיכטע פון דער „ייד. אונטערשטיצונגס־שטעלע". ווי ס'איז באַוווסט, האָט אין דער גענעראַל־גובערניע עקזיסטירט זינט דער העלפט 1940 אַ צענטראַלע יידישע אינסטיטוציע א. נ. „יידישע סאָציאַלע אַליינהילף" (י.ס.א.), וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָלאַבאָראַציאָניסטישער אינסטיטוציע און האָט געשפּילט אַ ראָל פון אַן עקספּאָזיטור פון דער אָקופּאַציע־מאַכט. די דאָזיקע אינסטיטוציע — אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צואיילונג פון דער אַקציע פון יידן־אויסראָטונג — איז אין חודש יולי 1942, אויפן באַשלוס פון דער רעגירונג אין דער גענעראַל־גובערניע, ליקווידירט געוואָרן. בכדי איינצושלעפערן די עפנטלעכע יידישע מיינונג אין אויסלאַנד און צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז אין לאַנד עקזיסטירט אַ יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציע, האָט די אָפּטיילונג פאַר באַפעלקערונגס־ענינים און עפנטלעכער הילף ביי דער רעגירונג פון דער גענעראַל־גובערניע באַשלאָסן מיט דער פאַראָרדענונג פונעם 16־טן אָקטאָבער 1942 צו באַנייען די טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע א. נ. „הילפס־צענטראַלע פאַר יידן אין דער גענעראַל־גובערניע" („יוס"). דער שעף פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי און ס. ד. האָט אין אַ בריוו פונעם 18־טן נאָוועמבער 1942, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו דער רעגירונג פון דער גענעראַל־גובערניע, פאַרווערט די טעטיקייט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, מאָטיווירנדיק זיין דעציזיע מיט דעם, אַז מיטן אויסנאַם פון ספּעציעלע עס־עסישע לאַגערן זענען די יידן „פאַרשוווּנדן" פון דער גענעראַל־גובערגיע. דעריבער איז די טעטיקייט פון אַזאַ אינסטיטוציע אַן איבעריקע. „טעמים פון אויסלענדישע כאַראַקטער דאַרפן נישט האָבן קיין איינפלוס, ביים שנעלן פאַרענדיקן די יידן־אַקציעס, אויף דער טעטיקייט פון דער יידישער הילפס־צענטראַלע. ס'וועט זיך נישט איינגעבן אָפּצולייקענען (ווען אויסלאַנד וועט זיך בקרוב דערוויסן), אַז אין דער גענ.־גובערניע זענען שוין נישטאָ קיין יידן, וואָס נייטיקן זיך אין הילף"...[28]

די רעגירונגען פון די מערב־מלוכות האָבן שוין פון לאַנג געוווּסט וועגן דער מאַסנווייזער ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָ דאַרף מען זיך דערמאָנען, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג האָט מיט אַ נאָטע פון אויסערן־מיניסטער

[28] אַרכיוו פון י.ה.א., אַקטן פון געזעלש. געריכט נר. 18, בריוו פון סיפּ"אָ און ס"ד פון 18 נאָוועמ. 1942.

מאָלאָטאָוו פונעם 27־טן אַפּריל 1942, וואָס איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו די מלוכות, מיט וועלכע זי האָט אָנגעהאַלטן דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, אויף אַ קאַטע־גאָרישן אופן פאַרויסגעזאָגט, אַז די היטלערישע פאַרברעכער וועלן נאָכן קריג שטרענג באַשטראָפט ווערן פאַר אַלע פאַרברעכנס, וואָס זיי באַגייען לגבי דער באַפעלקערונג [29]. מאָלאָטאָווס נאָטע פונעם 14־טן אָקטאָבער 1942 האָט אַנט־האַלטן אַן אַנאַלאָגישע וואָרענונג.[30] דעם 18־טן דעצעמבער 1942 האָט די סאָוויע־טישע רעגירונג פאַרעפנטלעכט אַ דעקלאַראַציע וועגן דער מאַסנווייזער יידן־עקס־טערמינאַציע. די דאָזיקע דעקלאַראַציע איז געווען דערגענצט מיט אַ קאָמוניקאַט פון אויסערן־מיניסטער אונטערן קעפּל: „די היטלערישע מאַכט רעאַליזירט דעם פּלאַן פון פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג אין אייראָפּע“. אין דער דאָזיקער דעקלאַראַציע האָט זיך שוין גערעדט וועגן שטרענגע שטראָפן פאַר די היטלערישע קריגס־פאַרברעכער. [31] אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג האָבן די רעגי־רונגען פון אַמעריקע, ענגלאַנד און אַנדערע מלוכות אויך פאַרעפנטלעכט אַן אַנאַ־לאָגישע דעקלאַראַציע.

ס'איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמע־ריקע האָבן שוין זומער 1942 געהאַט אינפאָרמאַציעס וועגן דער יידן־עקסטערמי־נאַציע.

אויך דער דעמלטיקער פינאַנס־מיניסטער אין אַמעריקע הענרי מאָרגענטוי דערמאָנט אין זיין טאָגבוך (פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1947), אַז אין חודש אויגוסט האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג געהאַט גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דער מאַסן־ליקווידאַציע און פאַרניכטונגס־פּלענער פון אַלע יידן אין אייראָפּע. מאָרגענטוי, וואָס איז מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פאַרברעכערישער פּאַסיווקייט לגבי די קרבנות פון פאַשיזם, איז געצוווּנגען מודה צו זיין, אַז די רעגירונגס־פאַקטאָרן האָבן אין משך פון אַ לענגערער צייט פאַרהוילן די שוידערלעכע ידיעות פאַר דער עפנטלעכקייט, בכדי נישט צו זיין געצוווּנגען אונטער איר דרוק אונטערצונעמען שריט אין שוץ פון די יידן, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף אומקום.[32]

אויך אַנדערע מקורים באַשטעטיקן, אַז די ענגליש־אַמעריקאַנער רעגירונגס־פאַקטאָרן און די געוועזענע פּוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן האָבן סוף נאָוועמבער 1942 געהאַט אין זייער באַזיץ באַריכטן און ראַפּאָרטן, וואָס די אַנטיפאַשיסטישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ האָבן געהאַט אַרויסגעשיקט

---

[29] „Wnieschnaja Politika Sowietskowo Sojuza w perijod oteczestwien-noj wojny“. t. I, Moskwa 1946, p. 228—269.

[30] דצ"ון, ז. 314—319.

[31] דצ"ון, ז. 328—336.

[32] „Unity in Dispersion“, New York 1948, p. 159.

וועגן דער פאַרניכטונג פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן גערופן צום אָרגאַניזירן נקמה=אַקציעס קעגן די היטלערישע פעלקערמערדער.[33]

ווען מיט וואָכן שפּעטער זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, באַזונדערס דורך דער שווייץ, אַליאַרמירנדיקע ידיעות, אַז די היטלעריסטן מאָרדן ווייטער הונדערטער טויזנטער פּאַליאַקן און יידן אין אַשוויענטשים און אין אַנדערע פאַרניכטונגס=לאַגערן, האָט דאָס אויסערן=מיניסטעריום אין אַ דעפּעשע נר. 354 פונעם 10=טן פעברואַר 1943 פאַרווערט האַריסאָנען, דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין בערן, איבערצושיקן ווייטער די דאָזיקע גרויזאַמע ידיעות.[34]

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די האַנדלונגען פון די מערב=מלוכות איז די נאָטע פון דער ענגלישער רעגירונג פונעם 20=טן יאַנואַר 1943 צום אויסערן=מיניסטעריום פון אַמעריקע. די ענגלישע רעגירונג, פאַרשווייגנדיק די מאַסן=אויסראָטונג פון יידן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די היטלעריסטן, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרשלאַג צונויפצורופן אַ נישט=אָפיציעלע קאָנפערענץ, וועלכע זאָל אויספאָרשן די עקזיסטירנדיקע מעגלעכקייטן צו העלפן די יידישע פּליטים. די ענגלישע נאָטע, וואָס האָט אַנטהאַלטן פאַלשע צאָלן פון די פּליטים, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן אין די לענדער פון בריטישן אימפּעריום, שטעלט פעסט, אַז מען קאָן שוין מער נישט אויפנעמען קיין יידישע פּליטים. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט דעם 25=טן פעברואַר 1943 געענטפערט אויף דער דערמאָנטער נאָטע און אויך נישט דערמאָנט וועגן דער מאַסן=ליקווידאַציע פון די יידן. זי האָט אָבער יאָ דערמאָנט וועגן דער דערקלערונג פון מ. טיילאָר אויף דער עוויאַנער קאָנפערענץ אין חודש יולי 1938, אַז דער ענין פון יידן — פּליטים, איז אַ שטערונג אויפן וועג פון איינשטעלן אַן אינטערנאַציאָנאַלע מיטאַרבעט, ד. ה. מיטן היטלערישן דייטשלאַנד. אין דער דאָזיקער נאָטע איז אַזש צוויי מאָל אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז אַמעריקע קאָן מער גאָרנישט טאָן פאַר די יידישע פּליטים.[35] די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט פּראָפּאָנירט, אַז מיטן ענין פון יידישע פּליטים זאָל זיך ווייטער באַשעפטיקן דער עוויאַנער קאָמיטעט.

די פּאַקטישע באַציונג פון די רעגירנדיקע קרייזן אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד צום טראַגישן גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג אונטער דער היטלערי=

---

[33] ארכיוו פון יי.ה.א., ריונג. II, ראַפּאָרט פון 15 נאָוועמבער 1942, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ; דער אונטערערדישער „אינפאָרמאַטיווער ביולעטין" (פּויליש) פון 10 דעצ. 1942 האָט אויך באַשטעטיקט, אַז די געוו. לאָנדאָנער רעגירונג איז שוין אין סוף נאָוועמבער געווען גוט אינפאָרמירט וועגן די סיטואַציע אין אָקופּירטן פּוילן.

[34] „יונייטי אין דעספּערשן", ז. 160.

[35] ע. דיזשער: די צוגרייטונג צו דער בערמודער קאָנפערענץ, ייוואָ=בלעטער, ב. XXI (1943), ה. 1, ז. 20—5.

A b s c h r i f t.

Aufzeichnung über Aussprachen mit Mr. Bull und Mr. Roberts

In dem Zeitraum zwischen 15.1. und 3.4.43 fanden in Bern und Genf drei Unterredungen der Herren Pauls und Bauer mit Mr. Bull und Mr. Roberts statt, wobei Herr Pauls zwei Unterredungen allein führte. Die dritte Unterredung führte Herr Bauer. Ihr Ergebnis wurde im Anschluss daran nochmals kurz überprüft. Herr Pauls und Herr Bauer traten lediglich als gut informierte Privatleute auf.

Mr. Bull ist Sonderbeauftragter des Präsidenten für europäische Fragen und hat seinen Sitz in der Schweiz. Zu seiner Seite steht für wirtschaftliche Fragen als alter Mitteleuropakenner der etwas gesetztere, gebildete Mr. Roberts. Die amerikanische Gesandtschaft hat zugegebener Weise die Anweisung, die beiden Herren zu unterstützen und ihnen jede technische und politische Hilfe zu gewähren. Mr. Bull, ein sehr aktiver, sportlicher, aber nicht ungebildeter Typ in den besten Jahren, entwickelt eine emsige und großzügige Tätigkeit ohne viel Rücksicht auf ressortmäßige Bedenken seines Landes und der Alliierten zu nehmen. Er kann sich dies auch leisten, da er dem Präsidenten direkt berichtet. In derselben drastischen Weise, mit welcher er Argumenten entgegentritt oder sich über Probleme äussert, berichtet er auch in Washington ganz gleich, ob es geheim ist oder nicht. Dies hat verständlicher Weise zur Folge, dass Kritiken an seiner Person und seiner Arbeit nicht verstummen. Besonders aber England und englandhörige Kreise (Schweizer, Emigranten etc.) sind durch diese Tätigkeit beunruhigt und fürchten klare Berichte nach Washington. Daher versuchen sie

באריכט וועגן די געהיימע אונטערהאנדלונגען פון א. דאלעס מיט פארשטייער
פון דער היטלעריסטישער רעגירונג אין דער שווייץ.

שער אָקופּאַציע כאַראַקטעריזירט בולט די רעלאַציע פון שערוואָדן אין זיין פּובליקאַציע „רוזוועלט און האָפּקינס“. שערוואָד דערמאָנט, אַז דעם 27־טן מערץ 1943 איז אין וואַשינגטאָן פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ, אין וועלכער ס'האָבן אָנטייל־גענומען די אַמעריקאַנער מלוכה־מענער: רוזוועלט, האָפּקינס, דער מיניסטער העל, דער אונטערשטאַטס־סעקרעטאַר וועלעס און אויך פאָרשטייער פון ענגלאַנד: דער אויסערן־מיניסטער אידען, לאָרד האַליפאַקס און סטראַנג. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז צווישן אַנדערע אויך באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, צי די 60—70 טויזנט בולגאַרישע יידן, וועמען עס דראָט אַ דעפּאָרטאַציע און אומפאַרמיידלעכער אומקום אין די היטלערישע לאַגערן, דאַרף מען אַרויסהעלפן דורכן דערלויבן זיי צו עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע.[36]

דער מיניסטער אידען האָט זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגנגעשטעלט דעם פּלאַן פון ראַטעווען די בולגאַרישע יידן און די פאָרשטייער פון אַמעריקע האָבן אים אונטערגעשטיצט. זייער פאַרברעכערישע איינשטעלונג האָבן זיי באַרעכטיקט מיט דער פּערפּידער אַרגומענטאַציע, אַז אויב מ'וועט באַשליסן אָפּצוראַטעווען די בולגאַרישע יידן, וואָלט מען דעמלט געפאָדערט אַן ענלעכע האַנדלונג לגבי די יידן פון דייטשלאַנד, פּוילן און פון אַנדערע לענדער. „היטלער וואָלט עווענטועל אַזאַ פּראָיעקט אָנגענומען, — האָט אידען צביעותדיק צוגעגעבן, — מיר האָבן אָבער דאָך נישט די נייטיקע צאָל שיפן און טראַנספּאָרט־מיטלען אויף צו קאָנען דאָס דורכפירן“.

די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן צוליב זייערע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן — פּונקט ווי אין די פריערדיקע יאָרן — אָפּגעזאָגט זיך פון העלפן דער באַפעלקערונג פון די לענדער, וואָס זענען געווען באַדראָט אָדער אַרומגענומען פון דער פעלקערמערדערישער אַקציע, דורכן דערלויבן זיי צו עמיגרירן אין זייערע לענדער און דורך דעם זיי איבערגעלאָזט פאַר די היטלערישע מערדער צום פאַרניכטן.

אויף דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין חודש אַפּריל 1943 אויף די בערמודן־אינדזלען, זענען די פאָרשטייער פון די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע רעגירונגען געקומען צום אויספיר, אַז די ענינים, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן העלפן דעם רעשטל פון די פּוילישע יידן, ווי אויך דאָס פּליטים־פּראָבלעם מוזן בכלל אָפּגעלייגט ווערן ביז... נאָך דער מלחמה.[37]

---

[36] Sherwood: Roosevelt and Hopkins. New York 1949, p. 717.
וויליאם סטראַנג איז געווען שעף פון מיטל־אייראָפּעישן אָפּטייל און פאָרייִן אָפיס.

[37] „די יידן אין אייראָפּע“ (ענגל.), ז. 40; מיט איי‏ניקע חדשים שפּעטער האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג דעצידירט אונטערצונעמען געוויסע דיפּלאָמאַטישע שריט אין דער פראַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די סאַטעליטן־לענדער, האָט זי באַקומען אַן ענטפער פון פאָרייִן אָפיס: „אייִדער מיר באַשליסן אונטערצונעמען אַ געוויסע רע־

גאָר אַנדערש איז געווען די שטעלונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג, וועלכע האָט נישט בלויז אויפגענומען הונדערטער טויזנטער יידישע און פוילישע פליטים, נאָר זי האָט אויך באַפוילן די פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונגען, וועלכע זענען טעטיק געווען אויף די דורך די דייטשן אָקופּירטע סאָוויעטישע געביטן, אַז זיי זאָלן אַקטיוו העלפן דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס אַנטלויפט פון די געטאָס.[38]

די צביעותדיקע האַנדלונג פון די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע ווערט פאַרשטענדלעך ערשט אין צוזאַמענהאַנג מיט די דעמלטיקע אָנשטרענגונגען צו שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיטן היטלערישן דייטשלאַנד. ווי ס'איז באַקאַנט, איז אין חודש פעברואַר 1943 און שפּעטער געפירט געוואָרן געהיימע אונטערהאַנדלונגען דורך דער פאַרמיטלונג פון רוים און עסטרייך; דאָרט האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן פאַרבינדונגס-מענער פון די ענגליש-אַמעריקאַנער און היטלערישער רעגירונגען. אין דער זעלבער צייט האָט אין דער שווייץ אָנגעפירט מיט די געהיימע אונטערהאַנדלונגען אין נאָמען פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג — ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן — דער שעף פונעם אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש אין אייראָפּע, אַללאַן דאַלעס, און די היטלערישע רעגירונג האָט רעפּרעזענטירט דער פּרינץ האָהענלאָע.[39]

דאַללעס האָט צווישן אַנדערע באַרירט דאָס פּראָבלעם פון נאָכמלחמהדיקן „אויפבויען אייראָפּע", פאַרשטייענדיק דורך דעם דאָס אויפהיטן די דייטשישע אימפּעריאַליסטישע מלוכה. ער האָט גלייכצייטיק אַרומגערעדט די פּראָבלעמען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע מלוכות. דאַללעס האָט קלאָר דערקלערט, אַז „דורכן אויסברייטערן פּוילן אויף מזרח, דאָס אויפהאַלטן רומעניע און אַ שטאַרק אונגאַרן וועט מען פאַרשטאַרקן אַ סאַניטאַר-קאָרדאָן קעגן באָלשעוויזם און פּאַנסלאַוויזם".

די עיקר-טעמע פון די געשפּרעכן איז אָבער געווען דער ענין פון שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד. ס'איז אויך באַרירט געוואָרן די יידן-פראַגע. פון די אָפּגעראַטעוועטע דאָקומענטן [40] דרינגט, אַז אין קעגנזאַץ צו די אָפיציעלע דעקלאַראַציעס פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג האָט דאַללעס און „מר. ראָבערטס",

---

טונגס-אַקציע, מוזן מיר זיך פריער פאַרטראַכטן, צי עס איז דאָ אַ לאַנד, וווּ יידן קאָנען געפינען אַ מקום מקלט". אויספירלעך וועגן דער פאַרברעכערישער באַציונג פון דער אַמעריקאַנער און ענגלישער רעגירונג צום טראַגישן גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אַרבעט פון א. אייזענבאַך: „די געהיימע אונטערהאַנדלונגען פון די אַנגלאָ-אַמעריקאַנער רעגירונגען מיטן היטלעריסטישן דייטשלאַנד און דער גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג". — „ביולעטין" פון יי.ה.א., נר. (4) 2, ז. 195.

[38] ה. סמאָליאַר: „פון מינסקער געטאָ", מאָסקווע 1946.

[39] א. אייזענבאַך דצ"ו אין „ביולעטין" פון יי.ה.א., נר. (4) 2.

[40] אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., אַקטן ק.ג. — 319.

דער צווייטער אַמעריקאַנער דעלעגאַט, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין די געשפּרעכן, נישט אַרויסגעטראָטן קעגן דער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק פון דער היטלערישער רעגירונג. זיי האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט די היטלערישע פאַרשטייער, אַז מען האָט נישט געדאַרפט באַנוצן מעטאָדן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַן אויפרעגונג אויף דער גאַנצער וועלט, אָנשטאָט זיך צו באַנוצן מיט „אַנגלאָזאַקסישע מעטאָדן“, וואָס וואָלטן „אָן טומל דערפירט צו אַ פּראַקטישן רעזולטאַט“, ד. ה. צום פאַרטיליקן די יידישע באַפעלקערונג. די שטעלונג פונעם אַמעריקאַנער פאַרשטייער, די גרייטקייט מקריב צו זיין די יידן און אויך אַנדערע פעלקער, בכדי אויף אַ פאַרעטערישן אופן זיך צו פאַרשטענדיקן מיטן היטלערישן דייטשלאַנד, האָט איבערצייגט די פאַשיסטישע אויסוואורפן, אַז זיי קאָנען אומבאַשטראָפט קאָנטינואירן זייער פאַרברעכן.

אַללען דאַללעס האָט אין דער שווייץ אָנגעבונדן אַן ענגערן קאָנטאַקט מיט קאַלטענברונערס באַפולמעכטיקטע. סוף אַפּריל 1943 האָט ער אָפּגעהאַלטן געהיימע געשפּרעכן מיט ד״ר שידעקאָפּף און מיטן הויפּטשטורמפירער אהרענסען, דעם מיטאַרבעטער פון דער אויסלענדישער זיכערהייט־דינסט אין רסה״א.[41] דורך דער פאַרמיטלונג פון ווילי העטל, דעם מיטאַרבעטער פונעם VI דעפּאַרטאַמענט אין רסה״א, האָט דאַללעס אויך געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט דער הימלער־קוואַרטיר.[42]

אין ענגן שייכות מיט די דאָזיקע דיפּלאָמאַטישע מאַנעוורן האָט קריגער, דער מיניסטער פאַר זיכערהייטס־ענינים, אין חודש מערץ 1943 פאַראָרדנט צו באַנייען די טעטיקייט פון „יוס“ אין דער גענעראַל־גובערניע. דער קאָמיסאַר פון „יוס“ האָט אויפסניי אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די יידישע כאַריטאַטיווע אינסטיטוציעס אין דער שווייץ און אין אַנדערע „נייטראַלע“ לענדער, שאַפנדיק אויף אַזאַ אופן דעם איינדרוק, אַז אין דער גענ.־גוב. איז נאָך דאָ אַ יידישע באַפעלקערונג. די היטלערישע רעגירונג האָט אין איר פּראָפּאַגאַנדע פאַר אויסלאַנד אויסגענוצט די פאָרמעלע עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער קאָלאַבאָראַציאָניסטישער אינסטיטוציע.

די אַלע דערמאָנטע פאַקטן זענען נישט קיין אָפּגעריסענע, צופעליקע פּראָגמענטן, נאָר זיי האָבן צווישן זיך אַן ענגן שייכות. די אַנגלאָזאַקסישע רעגירונגען זענען באַוווּסטזיניק נישט צוגעטראָטן צום עפענען אַ צווייטן פראָנט אין אייראָפּע, הגם זיי האָבן נאָך פרילינג 1942 פייערלעך זיך פאַרפּליכטעט צו דעם און דער־

[41] רצ״ו, נאָטיץ פון אהרענסן, מיטאַרבעטער פון VI דעפּאַרטאַמענט אין רזה״א.

[42] מ. גוס: „אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן — איניציאַטאָרן פון דער מינכענער פּאָליטיק“ (רוסיש), מאָסקווע 1951, ז. 96; וועגן דער מיטאַרבעט פון ווילהעלם העטל (וו. האגען), דעם ס.ס.־שטורמבאַנפירער און מיטאַרבעטער פון VI דעפּאַרטאַמענט אין רזה״א, מיט א. אייכמאַן, דעם פאַקטישן לייטער פון דער פאַרברעכערישער אקציע פון פאַרניכטן די אייראָפּעישע יידן, פאַרגלייך „נאַצי קאָנספּיראַסי“, ב. V, ז. 380, דאָקום. פ.ס. — 2738.



VI B 3 B.Nr. 446 /43 g.Rs. Berlin, den 30. April 1943.

Geheime Reichssache

Eine Ausfertigung
1. Ausfertigung

An
VI D

im Hause

Betr.: D u l l e s , Sonderbeauftragter Roosevelts in der Schweiz.

Bezug: Besprechung zwischen Herrn Dr. S c h ü d d e - k o p f und SS-Hauptsturmführer A h r e n s .

Anlage: -1-.

Anliegend wird der Bericht des VM 144 / 7957 über seine Begegnung mit dem Sonderbeauftragten Roosevelts in der Schweiz, D u l l e s , abschriftlich zur Kenntnis gegeben.

Es wird gebeten, den Auszug über D u l l e s aus dem Nachschlagewerk "Who's Who" an VI B 3 zu geben.

Die Ermittlungen über D u l l e s werden von VI B 3 weitergeführt.

Im Auftrage:

SS - Hauptsturmführer i.V.

ערשטע זייט פון באַריכט וועגן די געשפּרעכן פון א. דאַלעס מיט פאַרשטייער פון היטלעריסטישן אויסלענדישן זיכערהייטס־דינסט

קלערט, אַז זיי וועלן עס טאָן האַרבסט-צייט דעם לויפנדיקן יאָר. דאָס עפּנען דעם צווייטן פראָנט צום באַשטימטן דורך די אַליאַנטן טערמין וואָלט צוגעאיילט די מפּלה פון היטלערישן דייטשלאַנד מיט אַ יאָר אָדער צוויי יאָר, דאָס וואָלט באַשיצט די פעלקער פון קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע און מענטשן-פאַרלוסטן און וואָלט אָפּגעראַטעוועט פון אומקום אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די פּאָליטיק פון אָפּשלעפּן מיטן עפענען אַ צווייטן פראָנט איז געווען אַ פּועל-יוצא פון די שטרעבונגען פון די רעאַקציאָנערע קרייזן אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד. די הערשנדיקע קרייזן אין די דאָזיקע מלוכות זענען נישט געווען פאַראינטערעסירט אינעם פולשטענדיקן צעקלאַפּן דעם דייטשישן פאַשיזם, נאָר בלויז אינעם אָפּשוואַכן דעם כוח פון דייטשלאַנד, אַלס דעם געפערלעכן קאָנקורענט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק. זייער באַטייליקן זיך אינעם קריג האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט די אויפגאַבן פון באַפרייונגס-קאַמף קעגן דייטשישן פאַשיזם.

די היטלערישע אָנפירער האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג פון דער צביעותדיקער פּאָליטיק פון די ענגליש-אַמעריקאַנער רעגירונגען. דעריבער טאַקע האָבן זיי אַלס ענטפער אויף דער דעצעמבער-דעקלאַראַציע פון די דריי מלוכות פאַרעפנטלעכט אַ נאָטע, אין וועלכער זיי לייקענען לגמרי נישט אָפּ די פאָרווורפן פון פעלקערמערדערישע פאַרברעכנס, זיי פאַרענטפערן זיך אָבער מיט דעם, אַז „די יידן פון די אייראָפּעישע לענדער האָבן געהאַט גענוג צייט און עמיגראַציע-מעגלעכקייטן, בכדי אין דער געהעריקער צייט צו פאַרלאָזן דעם לעבנס-רוים פון די דייטשן“. חוץ דעם פאַררופט זיך די נאָטע אויף היטלערס דראָענדיקע אַרויסזאָגונגען אין יאָר 1939, איבערחזרנדיק די פאַשיסטישע פּלוידערייען, אַז די יידן האָבן אַרויסגערופן די צווייטע וועלט-מלחמה און דעריבער מוזן זיי טראָגן די קאָנסעקווענצן פון זייער האַנדלונג.[43]

די דערמאָנטע פאַקטן באַשטעטיקן, אַז די היטלערישע רעגירונג האָט זיך שוין נישט גערעכנט מיט דער עפנטלעכער מיינונג אין אויסלאַנד ביים דורכפירן די פעלקערמערדערישע פאַרברעכנס איבער דער יידישער באַפעלקערונג. די דערמאָנטע פאַקטן באַשטעטיקן אויך, אַז די שטעלונג, וואָס עס האָבן פאַרנומען די אַנגלאָזאַקסישע רעגירונגען, האָט בלויז פאַרלייכטערט די היטלעריסטן צו רעאַליזירן זייערע פאַרברעכערישע פּלענער.

אויך אינערלעך-פּאָליטישע מאָמענטן אין די אָקופּירטע לענדער האָבן נישט געשאַפן פאַר די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען קיין ספּעציעלע שטערונגען און האָבן נישט געהאַמעוועט די פאַרניכטונגס-אַקציע פון יידן.

---

[43] ארכיוו פון יי.ה.א., קאָפּיע פון דער נאָטיץ אין דער פאַשיסטישער איטאַליענישער „Corriera Dell Sera“. פון 20 דעצעמבער 1942 („אָפיציעלע דייטשישע נאָטע וועגן יידישן פּראָבלעם“).

די מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון יידן פון די אייראָפּעישע לענדער, אויך דאָס אויסמאָרדן זיי אין די לאַגערן אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן איז פאָרגעקומען אויף די אויגן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. די גאַנצע וועלט האָט שוין געוווּסט וועגן דעם טראַגישן גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג און וועגן דעם פאַרנעם פון די היטלערישע פאַרברעכנס. די פּוילישע באַפעלקערונג האָט פאַרשטאַנען, אַז איר דראָט אַן ענלעכער גורל. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט פּאַנאַנדערגעבלאָזן אַ ווילדע פּראָפּאַגאַנדע קעגן די יידן, באַשולדיקנדיק זיי אויף אַן אומפאַרשעמטן אופן אין אַרויסרופן די מלחמה, אין אַ דורותדיק־לאַנגער שנאה צו דער אַרומיקער באַפעלקערונג, אינעם אַרויסרופן ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן א.אז.וו. די ליגנערישע און פערפידע פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע קעגן די יידן האָט געהאַט דעם ציל אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג פון דער פּאַקטישער סיטואַציע אין אָקופּירטן לאַנד און באַדאַרפט שאַפן די אילוזיע, אַז די פאַשיסטישע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק איז געווענדט אויסשליסלעך לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. די פּוילישע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט נאַרן פון דער דיווערסיע־פּראָפּאַגאַנדע פונעם אָקופּאַנט.

ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז די אָקופּאַציע־מאַכט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו פּראָפּאַגאַנדע, נאָר האָט גלייכצייטיק פאַרשטאַרקט דעם טעראָר לגבי דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס האָט געהאָלפן אָדער אויסבאַהאַלטן יידן. אויף אַזאַ אופן האָט דער אָקופּאַנט זיך באַמיט אָפּצורייסן פון די יידן זייער נאַטירלעכן פאַרבינדעטן אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען גרויזאַמען שונא.

די לאַנד־דעלעגאַטור פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן און אַלע רעאַקציאָנערע קרייזן האָבן נישט בלויז אַרויסגעוויזן אַ פאַרברעכערישע פּאַסיווקייט לגבי דער יידן־ליקווידאַציע, נאָר אין זייער ענגן נאַציאָנאַליזם און אַנטיסעמיטיזם האָבן זיי צוגעהאָלפן און אונטערגעשטיצט די היטלעריסטן אין זייערע פעלקערמערדערישע אַקציעס.[44]

בלויז די פּפּר האָט געוואָרנט די יידישע באַפעלקערונג, אַז די היטלעריסטישע ווערסיע וועגן כלומרשטער „אויסזידלונג אויף מזרח“ איז נישט מער ווי אַ פּערפידער אופן צו דעזאָריענטירן און איינשלעפערן די וואַכזאַמקייט פון די יידן, און האָט גערופן די יידן צו זעלבסטפאַרטיידיקונג. גלייכצייטיק האָט די פּפּר אויפגעפאָדערט די פּוילישע באַפעלקערונג צו העלפן די קרבנות פונעם בעסטיאַלישן היטלעריזם. „די פּוילישע באַפעלקערונג, אויך די פּויערים אין די דערפער — האָט געשריבן די „טריבונאַ כלאָפּסקאַ“, — מוזן טראָגן הילף די, וואָס אַנטלויפן, מוזן זיי אויסבאַהאַלטן און באַזאָרגן מיט שפּייז... די יידן, וואָס שטעלן אַ ווידער־

44 Fr. Jóźwiak: PPR w walce o wyzwolenie narodowe i społeczne, Warszawa 1952, p. 79.

שטאַנד, קעמפן אויך פאַרן לעבן פון דער פוילישער באַפעלקערונג, ווייל זיי דעזאָרגאַניזירן און שוואַכן אָפּ דעם מאָנסטרועלן מאָרד=אַפּאַראַט".[45] אין דער זעלבער צייט איז די פאָלקס=גוואַרדיע (ג.ל.) געקומען מיט רעאַלער הילף דורך צושטעלן געווער פאַר די אַנטיפאַשיסטישע קעמפער אין די געטאָס.

די פפּר האָט אין איר פּרעסע אָנגעוויזן, אַז דאָס ווירקזאַמסטע מיטל, וואָס קאָן אָפּראַטעווען מיליאָנען יידן און אַנדערע פעלקער פון פאַרניכטונג, וואָלט געווען דאָס עפענען דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע. די פפּר האָט געוואָרנט, אַז היינט מאָרדעט דער אָקופּאַנט יידן, און מאָרגן וועט ער אָנהייבן ליקווידירן פאָליאַקן. „דעריבער און צוליב דער געפאַר פון אומקום, — האָט געשריבן די „טריבונאַ וואָלנאָשטשי" פונעם 15=טן אויגוסט 1942 אונטערן באַקאַנטן קעפּל „דער צווייטער פראָנט תיכף!" — קאָנען מיר ווייטער נישט וואַרטן. די דאָזיקע פאַרברעכערישע פּלענער דאַרפן מיר קרייצן. דעריבער איז אין נאָמען פון די אויסגעמאַטערטע און געקאַטעוועטע אין די תפיסות און אין די לאַגערן, אין נאָמען פון די פוילישע אַרבעטער, וואָס פאַלן פון הונגער, אין נאָמען פונעם גאַנצן פאָלק פאָדערן מיר דעם צווייטן פראָנט".[46]

צוליבן דעמאַסקירן די פעלקערמערדערישע פּלענער דורך דער פפּרישער פּרעסע און דורך דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אינעם וואַרשעווער געטאָ, ווי אויך צוליב די מענטשלעכע געפילן, וואָס האָבן זיך געוועקט צווישן די דייטשישע זעלנער, וואָס האָבן סטאַציאָנירט אויף די אָקופּירטע מזרח=טעריטאָריעס, האָבן די פּאַרטיי= און עס=עסישע אָרגאַנען אָרגאַניזירט אַן אַנטי=יידישע פּראָפּאַגאַנדע=אַקציע. בכדי זיך אַנטקעגנצושטעלן דער רעאַקציע פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין דייטשלאַנד, וואָס איז דאָרט אַרויסגערופן געוואָרן דורך די ידיעות וועגן די היטלערישע פאַרברעכנס, מורא האָבנדיק פאַר אַ פּראָטעסט=באַוועגונג קעגן די היטלערישע האַנדלונגען לגבי די יידן, האָט באָרמאַן דעם 9=טן אָקטאָבער 1942 אַרויסגעגעבן אַ געהיימען צירקוליאַר א. נ. „צוגרייטונגס=מיטלען צו דער ענדגילטיקער לעזונג פונעם יידן=פּראָבלעם אין אייראָפּע. — קלאַנגען וועגן דער לאַגע פון די יידן אויפן מזרח".[47]

דער דאָזיקער צירקוליאַר, וואָס איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו אַלע גאַוליייטערס, קרייז=לייטערס און נידעריקערע פּאַרטיי=אָרגאַנען, שטעלט פעסט, אַז די דייטשישע זעלנער, וואָס קערן זיך אום פון פראָנט פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן „זייער שאַרפע מיטלען" קעגן יידן אויף די אָקופּירטע מזרח=געביטן. דער צירקו=

[45] „טריבונאַ כלאָפּסקאַ", נר. 6 פון אויגוסט 1942, איבערגעדרוקט אין „צום צענטן יאָרטאָג פון אנטשטיין פון פפּר" (פויליש), וואַרשע 1952, ז. 48.

[46] דצ"ו, ז. 49.

[47] „דער פּראָצעס", ב. V, ז. 363, דאָקום. פּ.ס. — 3244.

ליאַר גיט דעריבער אָן ברייטע און אָפיציעלע אויפקלערונגען, וואָס דאַרפן אין אַזעלכע פאַלן געגעבן ווערן, כדי צו באַרואיקן די עפנטלעכע מיינונג אין דייטשלאַנד. באָרמאַן חזרט לסוף איבער אינעם צירקוליאַר די צביעותדיקע היטלערישע פעסטשטעלונג, אַז דאָס באַזייטיקן מיליאָנען יידן פון אייראָפּע „איז אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט אין קאַמף צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פונעם דייטשישן (לייען פאַשיסטישן — א. א.) פאָלק. די יידן פון אַלע אייראָפּעישע לענדער, וואָס זענען ארומגענומען מיט דער דאָזיקער אקציע, וועלן אָפּטראַנספּאָרטירט ווערן אויף מזרח אין די שוין עקזיסטירנדיקע גרויסע לאַגערן אָדער אין די לאַגערן, וואָס דאַרפן ערשט אַנטשטיין. פון דאָרט וועלן זיי אַרויסגעשיקט ווערן אויף אַרבעט אָדער זיי וועלן איבערגעזידלט ווערן נאָך ווייטער אויף מזרח“.[48]

צוגרייטנדיק די היטלעריסטן צום ווייטערדיקן קאַמף, האָט באָרמאַן לסוף אונטערגעשטראָכן: „דער כאַראַקטער פונעם דאָזיקן ענין פאַרלאַנגט, אַז די דאָזיקע שווערע פּראָבלעמען זאָלן געלעזט ווערן — אינעם אינטערעס פון דער פאַרזיכערונג פון זיכערהייט פון אונדזער פאָלק — בלויז אויף אַ ריקזיכטלאָזן אופן“.

פון דעם אַלעם איז געדרונגען, אַז נישט די אינערלעכע און נישט די אויסערלעך־פּאָליטישע מאָמענטן האָבן געהאַט אַ ווערלכן נישט איז ווירקונג אויפן פּראָצעס פון דער יידן־אויסראָטונג. אַלס באַווייז דינט אויך דער פאַקט, וואָס אין הארבסט 1942 יאָר האָט דער אַפּראָוויזאַציע־מיניסטער פון רייך — אין הסכם מיט דער פאַראָרדענונג פון דער הויפּט־קאַנצעלאַריע פון דער פּאַרטיי — מיט זיין פאַראָרדענונג פונעם 18־טן סעפּטעמבער 1942 אָפּגעשאַפט די ביזאיצטיקע אַפּראָוויזאַציע־באַשטימונגען און האָט נאָך פאַרקלענערט די ביזאיצטיקע הונגער־נאָרמעס פון אַפּראָוויזאַציע פאַר יידן.[49] אין דער פּראַקטיק זענען אויך די דאָזיקע שפּייז־נאָרמעס פאַר יידן נישט געגעבן געוואָרן.

דער אַנאַליז פונעם רייכן דאָקומענטן־מאַטעריאַל ווייזט אָבער, אַז ווירטשאַפטלעכע סיבות האָבן יאָ געהאַט, הגם נישט קיין באַדייטנדיקן, אַן איינפלוס אויפן גאַנג פון דער ליקווידאַציע־אַקציע אינעם באַהאַנדלטן פּעריאָד. גענויער וועגן דעם שרייבן מיר ווייטער. מ'דאַרף אָבער באַטאָנען, אַז אויב מאָמענטן פון ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער האָבן געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויפן פאַרלאַנגזאַמען דעם טעמפּ פון דער ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זיי אָבער גאָרנישט געענדערט אין פּרינציפּיעלן זין. מיט דעם דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס אויף דער צווישנמיניסטעריאַלער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 13־טן נאָוועמבער 1942, איז די פראַגע וועגן יידן־עקסטערמינאַציע לגמרי נישט דיסקוטירט געוואָרן. דערמיט דערקלערט זיך אויך, וואָס דער יוסטיץ־מיניסטער

[48] דצ“ו.

[49] „פּראַצעס“, ב. XXVII, ז. 180, דאָקום. פּ.ס. — 1347, צירקוליאַר פון אַפּראָוויזאַציע־מיניסטער צו די רעגירונגען פון אַלע אָקופּירטע פּראָווינצן.

האָט אין זײַן בריוו צו הימלערן נישט אַרויסגערוקט קיין שום באַוואָרענישן לגבי דער געפירטער פעלקערמערדערישער אַקציע.

אין שייכות מיט דער טענדענץ נישט אויפצוטועקן די באַגאַנגענע פאַרברעכנס, האָט די היטלערישע מאַכט פאַרלויפיק אין יאָר 1942 נישט רעגולירט דעם דאָזיקן ענין אויף אַ געזעצגעבערישן וועג. ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום, אין צוגרייטונגס־פעריאָד צו אַ נייער אָפענסיווע, ווען כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אויסגעמאָרדעט געוואָרן, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ נאָוועלע צום געזעץ וועגן רייכס־בירגערשאַפט (דעם 25־טן אַפּריל 1943), אויפן סמך פון וועלכן די יידן קאָנען נישט זײַן קיין בירגער פונעם רייך, נאָר זיי קאָנען אויך נישט געניסן פון גערייכטלעכער שוץ, זיי קאָנען אַלזאָ נישט געהערן אַפילו צו די „שוץ־אָנגעהעריקע".[50] דעם 1־טן יולי 1943 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ צוועלפטע פאַראָרדענונג צום געזעץ וועגן בירגערשאַפט.[51] די לעצטע פאַראָרדענונג — אונטערגעשריבן דורך באָרמאַנען, דורכן אינערן־מיניסטער און דורכן פינאַנס־ און יוסטיץ־מיניסטער — האָט געשאַפן אַן אילוזיע, אַז ערשט איצט ווערן די יידן באַרויבט פון יעדער געזעצלעכער שוץ און ווערן איבערגעגעבן דער אויסשליסלעכער יורידיקציע פון דער געסטאַפּאָ. דעם 3־טן יולי 1943 האָט הימלער — אויפן סמך פון דעם דאָזיקן געזעץ — אַרויסגעגעבן אַ נייע פאַראָרדענונג, אין וועלכער ער גיט איבער די פּאָליציי־אָרגאַנען, באַזונדערס דער געסטאַפּאָ, די פולשטענדיקע מאַכט איבער דער יידישער באַפעלקערונג. הימלער האָט באַפוילן די אויבן דערמאָנטע פאַראָרדענונג פון דער היטלערישער רעגירונג איינצופירן אין לעבן.[52]

דאָס יולי־געזעץ און הימלערס אויספיר־פאַראָרדענונגען האָבן בלויז פאָרמעל סאַנקציאָנירט די שוין פון יאָרן עקזיסטירנדיקע לאַגע.

10. די קאָנצענטראַציע פון דעם רעשט יידישער באַפעלקערונג

הימלערס דעציזיע פון סעפּטעמבער 1942 וועגן צייטווייליקן פאַרהאַלטן די יידישע קוואַליפיצירטע אַרבעטער האָט געהאַט אַ געוויס בולטע השפעה אויפן ווייטערדיקן פאַרלויף פון דער ליקווידיר־אַקציע אין דער גענ.־גובערניע און אַנדערע אָקופּירטע געביטן. דאָס איבערגעבן די רעשט יידן אין רשות פון די עס־עסישע פּאָליציי־אָרגאַנען איז געווען דער עיקר צוליב זיכערקייטס־טעמים. הימלערס פּלע־

[50] ר.ג.־בל. 1943, I, ז. 268.

[51] דצ"ו, 372.

[52] „פּראָצעס", ב. V, ז. 362, דאָקום. פּ.ס. — 3085.

נער זענען געווען נוגע די יידישע אַרבעטס=כוחות נישט בלויז אין דער גענעראַל=גובערניע, נאָר אויך — ווי מיר וועלן דאָס דערווייזן — אין די איינגעגלידערטע אין רייך פוילישע פּראָווינצן, באַזונדערס אין ביאַליסטאָקער און לאָדזשער ראַיאָן.

וועלכע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען האָט אויף דעם מלחמה=עטאַפּ אָנגענומען די היטלעריסטישע אויסראָטונגס=פּאָליטיק בנוגע יידן?

אין איינקלאַנג מיט היטלערס דעציזיע האָט הימלער פאַראָרדנט אין אַ געהיימען באַפעל פון 9=טן אָקטאָבער 1942 צו קאָנצענטרירן אַלע יידישע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן פאַר די באַדערפענישן פון דער אַרמיי, אַלזאָ, באַשעפטיקטע אין שניידעריי, שוסטעריי, קירזשנעריי און אַנדערע וואַרשטאַטן, — אין ספּעציעלע קאָנצלאַגערן אין וואַרשע און לובלין; קריגערן און פּאָהלן האָט ער באַפוילן אויספירן די דאָזיקע פאַראָרדענונג. אין דעם דאָזיקן באַפעל האָט הימלער אויך פאַראָרדנט, אַז די אַרמיי=אָנפירונג זאָל איבערשיקן אַלע באַשטעלונגען צו דער עסעסישער פאַרוואַלטונג פון די דאָזיקע לאַגערן, וואָס איז ערוב פאַר אויספירן און צושטעלן די באַשטעלונגען אין טערמין.[1]

גלייכצייטיק האָט הימלער פאַראָרדנט דאָס בהדרגהדיקע עלימינירן די באַשעפטיקטע יידן אין די באַוואָפנונגס=אונטערנעמונגען, אין די אַמוניציע=פאַבריקן און אויטאָ=וואַרשטאַטן א.אז. וו. אינעם ערשטן עטאַפּ פון דעם דאָזיקן פּראָצעס דאַרף מען די יידישע אַרבעטער קאָנצענטרירן אין באַזונדערע האַלעס פון דער געגעבענער אונטערנעמונג, אינעם צווייטן עטאַפּ דאַרף מען די מאַנשאַפטן פון די דאָזיקע האַלעס — וויבאַלד עס וועט נאָר מעגלעך זיין זיי צו פּאַרטווישן — קאָנצענטרירן אין פאַרמאַכטע אַרבעטס=אַנשטאַלטן. „מיר וועלן מאַכן אַלע באַמיונגען, — האָט אונטערגעשטראָכן הימלער, — זיי (ד. ה. די יידן) צו פאַרטרעטן דורך פּאָליאַקן און פון אַלע נאָך גענוג צאָלרייכע אַרבעטס=וואַרשטאַטן שאַפן אין די מזרח=טיילן פון דער גענ.=גובערניע עטלעכע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס זאָלן גלייכצייטיק אויך זיין קאָנצלאַגערן“. אָבער אויך דאָרט דאַרף מען שטרעבן דערצו, — פירט אויס הימלער, — אַז די יידישע אַרבעטס=כוחות אין די אונטערנעמונגען זאָלן פאַרטרעטן ווערן דורך פּאָליאַקן, *ווייל אין הסכם מיטן פירערס ווונטש מוזן אויך פון דאָרט די יידן פאַרשווונדן*.[2]

אין דער פּראַקטיק האָט הימלערס געהיימער באַפעל באַדייט דאָס אויסעלימינירן אַלע טעטיקע יידישע אַרבעטס=כוחות אין די וואַרשטאַטן און באַוואָפענונגס=

[1] אַרכיוו פון ה.ק.פּ.ה.פּ., אַקטן דצ. 236, דאָקומ. 607 — הימלערס באַפעל פון 9 אָקט. 1942 צו קריגערן, גלאָבאָצניקן, פּאָהלן, וואָלפן, מילערן.

[2] הימלער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז ער וועט אַרויסטרעטן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט קעגן די, וואָס וועלן נעמען אין שוץ יידישע אַרבעטער, ווען אפילו זיי אַרבעטן פאַר דער ווערמאַכט.

אונטערנעמונגען און שאַפן מיט זייער הילף נייע קאָלאָסאַלע אונטערנעמונגען פאַר פאַרשידענע פראָדוקציע=צווייגן אונטער דער קאָנטראָל און פאַרוואַלטונג פון עס=עס.

די רעאָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיקער גאַנצער סיסטעם האָט אָבער געפאָדערט אַ געוויסע צייט. פון דער אַנדערער זייט, האָבן די דרינגענדיקע באַדערפעניש פון דער ארמיי געצוואונגען צו דערלויבן די מיליטערישע „פלאַצוועקעס" און אַנדערע באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען ווייטער צו באַשעפטיקן צייטווייליק יידן אונטער געוויסע תנאים. דעריבער האָט דער שטאַטס=סעקרעטאר פון די זיכערהייטס=ענינים אין דער גענעראַל=גוּבערניע קריגער געשלאָסן — לויט הימלערס באַפעל — אין דער העלפט אָקטאָבער 1942 יאָר אַן אָפמאַך מיטן מיליטערישן לאַנד=אָנפירער אין דער גענ.=גובערניע, גענעראַל הענעקע, און דעם באַוואָפענונגס=אינספעקטאָר, גענעראַל שינדלער, וועגן אויסנוצן יידישע אַרבעטס=כוחות אין דער באַוואָפענונגס=אינדוסטריע. [3]

אין הסכם מיט דעם אַלגעמיינעם אָפמאַך, האָבן די עס=עס= און פאָליציי=לייטער פון די באַזונדערע דיסטריקטן געשלאָסן אידענטישע אָפמאַכן מיט די לייטערס פון די אָרטיקע באַוואָפענונגס=אינספעקטאָראַטן. [4]

לויט דעם דאָזיקן אָפמאַך דאַרפן די יידן, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען, טראָגן ספּעציעלע אָפצייכענונגען אויף די אייבערשטע מלבושים. זיי מוזן אויך — אין הסכם מיט הימלערס באַפעל און צוליב זיכערהייטס=טעמים — ווערן קאָשאַרירט און איינגעאָרדנט אין פאַרמאַכטע לאַגערן, וואָס וועלן זיך געפינען אונטער דער קאָנטראָל און אַדמיניסטראַציע פון עס=עס= און פאָליציי=פירער אין יעטווידן דיסטריקט, עווענטועל פון דורך אים באַפולמעכטיקטע פאָליציי=אַמטן.

אַזוי ווי די לאַגערן זענען נאָך נישט געוואָרן אָרגאַניזירט, מוז — לויטן אָפמאַך — אַדורכגעפירט ווערן דאָס באַלדיקע קאָשאַרירן די יידישע אַרבעטער. אויב דאָס איז נישט מעגלעך אין די אַרבעטס=אַנשטאַלטן גופא, מוז דאָס געשען אין באַשטימטע הייזער=בלאָקן אין די נאָך עקזיסטירנדיקע געטאָס, איינגאַנצן אָפגעצוימט פון דער אויסערלעכער וועלט.

לויטן אָפמאַך דאַרף די מיליטער=מאַכט, וואָס פירט אָן מיט דער אונטערנעמונג, פאַרזיכערן די פולע באַשפייזונג פון די יידישע אַרבעטס=כוחות לויט די

---

[3] וועגן אָפמאַך קריגער—הענעקע דערמאָנט דער געהיימער ראַפּאָרט פון קאַצמאַן (דער ס.ס.= און פאָליציי=פירער אין גאַליציען) פון 6 נאָוועמ. 1942, נירענבערגער דאָקומ. ל. — 18.

[4] אין גאַליציען=דיסטריקט האָט קאַצמאַן געשלאָסן אַן אָפמאַך מיט דער ריסטונגסקאָמאַנדאָ אין דער העלפט אָקטאָבער 1942. קאַצמאַנס אינסטרוקציע פון 23 אָקט. 1942 וועגן באַשעפטיקן ייד. אַרבעטער איז בייגעלייגט צו קאַצמאַנס ראַפּאָרט פון 30 יוני 1943.

אַלגעמיינע נאָרמעס, וואָס פאַרפליכטן לגבי קאָשאַרירטע אַרבעטער. די באַשפּייזונג מוז ווערן אָרגאַניזירט אויף דער אונטערנעמונג אָדער אויף די אַנדערע ערטער, ווו די יידישע אַרבעטער געפינען זיך סטאַביל. די יידן, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען, באַקומען נישט קיין שום באַלוינונג. זיי ווערן אַלזאָ באַהאַנדלט ווי „העפטלינגע“ אין די קאָנצלאַגערן. די פאַרוואַלטונגען פון די אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיקן יידן, זענען מחויב פון זייער זייט איינצוצאָלן אויפן חשבון פון די עס־עס־ און פּאָליציי־פירער פון די באַזונדערע דיסטריקטן ספּעציעלע אָפּצאָלן — לויט דעם פעסטגעשטעלטן טאַריף [5] — פאַר אויסנוצן די אַרבעטער.

דער אָפּמאַך רעדט נאָך וועגן פאַרזיכערן די יידישע אַרבעטער אַ געהעריקע קוואַרטיר, מונדירונג, באַשפּייזונג, מעדיצינישע הילף. „טראָץ דעם דאָזיקן אָפּמאַך, — ווערט אונטערגעשטראָכן אין פינפטן קאַפּיטל פון אָפּמאַך, — איז און פאַרבלייבט דער הויפּט־פּרינציפּ דאָס עלימינירן ווי אַמגיכסטן די יידישע אַרבעטס־כוחות פון ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס“, אָבער דאָס דאַרף פאָרקומען אָן שאָדן פאַר דער פאַרזאָרגונג פון פראָנט אָדער פון וויכטיקע אינטערעסן פון דער אַרמיי, דעריבער דאַרפן די אונטערנעמער כסדר זיך באַמיען וועגן אַ פאַרטרעטנדיקן נישט־יידישן עלעמענט. גלייכצייטיק האָט דער אָפּמאַך באַשטימט, אַז יידן, וואָס זענען צוליב וועלכע עס איז סיבות באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט, מוזן די אַנשטאַלטן איבערוויזן אויסשליסלעך אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. זיי האָבן בכן נישט קיין רעכט אַריבערצוטראָגן די יידישע אַרבעטער פון איין אָרט אויפן צווייטן אָדער אייגנהענטיק זיי באַפרייען. צו דעם צוועק באַקומען די עס־עס־ און פּאָליציי־אָרגאַנען רשימות פון פירמעס, וואָס אַרבעטן פאַר די באַדערפענישן פון דער אַרמיי און באַשעפטיקן יידישע אַרבעטס־כוחות. די עס־עסישע פּאָליציי־אָרגאַנען נעמען איבער די אויפזיכט איבער די לאַגערן אָדער אָפּגעשלאָסענע ערטער, ווו עס זענען קאָשאַרירט יידישע אַרבעטער. צום סוף אַנטהאַלט דער אָפּמאַך

[5] פאַר דער עקספּלאָטאַציע פון יעדן יידישן אַרבעטער האָט די דייטשישע פירמע געצאָלט 5 זל., פאַר אַ ייד. אַרבעטערין — 4 זל., פון וועלכע דער אַרבעטסגעבער האָט געקאָנט אָפּרעכענען ביז 2 זל. אויף דערנערונגס־קאָסטן (געהיימע וועכנטלעכע באַריכטן פון די דיסטריקטן פון 1942, אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס). אין וואַרשע האָט דער אָפּצאָל פאַר דער ס.ס. פאַרפליכטעט נאָך פון 10 סעפּטעמבער 1942 (פישערס באַריכטן פאַר חודש אָקטאָבער 1942). אין „אָסטלאַנד“ האָבן די יידישע אַרבעטער שוין פון פרילינג 1942 נישט באַקומען קיין טאָגלוין און דער אַרבעטסגעבער איז געווען פאַרפליכטעט פאַר יעדן יידישן אַרבעטער צו צאָלן דעם קרייז־קאָמיסאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל (פאַרגלייך וויינרייך, דצ"ו, ז. 211).

אַ תנאי, „אַז ביי די נאָענטסטע אויסזידלונגען, דאַרף מען ווי צום שטרענגסטן אַכט לייגן דערויף, אַז די יידישע אַרבעטער פון די אויסגערעכנטע אַנשטאַלטן זאָלן נישט ווערן עוואַקואירט".

דער דאָזיקער תנאי איז געווען נייטיק, וויל ער איז דאָך געווען די אַקס, אַרום וועלכער עס האָט זיך געפירט דער גאַנצער שטרייט און דאָס איז געווען דאָס הויפּט־געווינס פון די מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען ביים פאַרזיכערן זיך אַרבעטס־קראַפט פאַר דער באַוואָפענונגס־אינדוסטריע.

ווי אַ פּועל־יוצא פון הימלערס אויבן ציטירטער פאַראָרדענונג וועגן דעם צייט־ווייליקן איבערלאָזן יידישע אַרבעטס־כוחות, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די אַנ־שטאַלטן פון דער באַוואָפענונגס־אינדוסטריע, און פונעם געשלאָסענעם אָפּמאַך אין דעם ענין צווישן קריגערן און דעם לאַנד־שעף פון דער באַוואָפענונגס־אינס־פּעקציע, איז געקומען די ווייטערדיקע פאַראָרדענונג בנוגע דעם וווין־אָרט פון די יידן. עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ פּאָליציייִשע פאַראָרדענונג וועגן שאַפן יידישע וווין־קוואַרטאַלן. די דאָזיקע פאַראָרדענונג, דאַטירט פון דעם 28־טן אָקטאָ־בער 1942 יאָר און אונטערגעשריבן דורך קריגערן, איז מודיע וועגן שאַפן פאַר־מאַכטע געטאָס אין וואַרשעווער און לובלינער דיסטריקט און רעכנט דערביי אויס זעקס ערטער אין יעדן פון די דערמאָנטע דיסטריקטן.[6]

אין די דאָזיקע געטאָס, אייננטלעך אין די שטאַרק שוין אַרומגעשניטענע שטחים פון די דאָזיקע געטאָס, האָבן געזאָלט קאָנצענטרירט ווערן צייטווייליק, ביז עס וועלן אָרגאַניזירט ווערן ספּעציעלע קאָנצלאַגערן, בריגאַדעס פון יידן, וואָס אַר־בעטן אין באַוואָפענונגס־וואַרשטאַטן. עס האָט זיך אינגיכן אַרויסגעוויזן, אַז הימ־לערס ווונטש צו קאָנצענטרירן אַלע יידן פון דער גובערניע אין עטלעכע געציילטע אָפּגעשלאָסענע געטאָס אין וואַרשעווער און לובלינער דיסטריקט וועט נישט קאָנען דערפילט ווערן. אויך אין אַנדערע דיסטריקטן פון דער גענעראַל־גובערניע האָט נאָך דעמלט עקזיסטירט אַ קליינע צאָל געטאָס, ווו די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט האַנטווערקער־קאָלעקטיוון, אָדער יידישע אַרבעטער האָבן געאַרבעט אין באַוואָפע־נונגס־אונטערנעמונגען, די א. ג. „פּלאַצוווקעס" אויסערן תחום פון געטאָ. די באַלדיקע ליקווידירונג פון די דאָזיקע קליינע און שוין דעמלט קנאַפּע יידישע קבו־צים האָט זיך מסתמא אַרויסגעוויזן פאַר נישט מעגלעך צוליב די דרינגענדיקע באַדערפעניש פון דער אַרמיי, וויבאַלד קריגער האָט אַרויסגעגעבן דעם 10־טן נאָוועמבער 1942 יאָר אַ צווייטע פאַראָרדענונג וועגן שאַפן געטאָס אין ראַדאָמער,

[6] פאַראָרדענונגס־בלאַט פון גען.־גוב. נר. 49 פון 1 נאָוועמב. 1942, „פּאָליציי־פאַראָר־דענונג פון אָקט. 1942 וועגן בילדן יידישע וווינונגס־קוואַרטאַלן אין וואַרשעווער און לובלינער דיסטריקט". אקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. IV, ז. 17.

קראָקעווער, גאַליציש דיסטריקט, און, וו עס ווערן ווייטער אויסגערעכנט, אין בערך 40 ערטער וועלן יידן מעגן וווינען אין אָפּגעשלאָסענע קוואַרטאַלן.[7]

אין הסכם מיט די דאָזיקע פאַראָרדענונגען, האָבן יידן אין דער גענעראַל-גובערניע נישט געטאָרט וווינען מחוץ פון די אָנגעגעבענע 53 שטעט. יידן, וואָס וווינען נאָך דערמלט אין אַנדערע שטעט, מוזן — ווי עס דרינגט אַרויס פון פּאַראַגראַף 2 פון די אויביקע פאַראָרדענונגען — דעפּאָרטירט ווערן אין די אָנגעוויזענע געטאָס אָדער לאַגערן נישט שפּעטער ווי ביז דעם 30-טן נאָוועמבער 1942 יאָר.

קריגערס פאַראָרדענונגען, סיי פון 28-טן אָקטאָבער און סיי פון 10-טן נאָוועמבער, האָבן לחלוטין נישט באַדייט, אַז עס ווערן געשאַפן נייע געטאָס, ווי מען וואָלט געקאָנט דרינגען פון אופן, ווי די דאָזיקע פאַראָרדענונגען זענען געווען פאָרמולירט. מען מוז נעמען אין אַכט, אַז די דייטשישע אָקופּאַציע-געזעצגעבונג, בפרט די געזעצגעבונג בנוגע יידן, איז געווען א ספּעציפישע, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער געשיכטע. דאָס אַרויסגעבן דורך די דייטשישע אַדמיניסטראַטיווע אָדער פּאָליציייִשע אָרגאַנען די אָדער אַנדערע פאַראָרדענונגען האָט געהאַט אין פיל פאַלן אַנדערע צילן און האָט נישט באַצוועקט דאָס שאַפן אַזאַ אָדער אַנדערן מצב, ווי עס וואָלט געקאָנט אַרויסדרינגען פון דעם פאָרמעלן אַנאַליז פון די דאָזיקע פאַראָרדענונגען. די היטלעריסטישע געזעצגעבונג אין די אונטערייאָכטע לענדער, בפרט בנוגע יידן, האָט געהאַט ספּעציעלע אויפגאַבן. רעכטלעכע נאָרמאַטיוון ווערן אין דער דאָזיקער געזעצגעבונג געשאַפן פאַקטיש דעמלט, ווען זייער תוכן איז שוין פון לאַנג איינגעפירט געוואָרן אין לעבן, זיי ווערן פאַרעפנטלעכט שוין לאַנג נאָך די געשעענע פאַקטן. אַזוי, למשל, ווערט אָנגעגעבן אין קריגערס פּאָליציייִשע פאַראָרדענונגען וועגן די געטאָס, אַז זיי טרעטן אַריין אין קראַפט דעם 30-טן נאָוועמבער 1942 י., בעת געטאָס אין דער גענ.-גובערניע האָבן עקזיסטירט פון 1940 י., און עס זענען אין דעם ענין דורך די דייטשישע מאַכט-אָרגאַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן זינט דעמלט צענדליקער פאַראָרדענונגען.

פאַקטיש זענען אין מאָמענט, ווען קריגער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע פאַראָרדענונגען וועגן די געטאָס, שוין נישט געווען מער קיין יידן אין דער גענעראַל-גובערניע, אַ חוץ אין די אויסגערעכנטע אין די פאַראָרדענונגען ערטער און עטלעכע קאָנצלאַגערן.[8] דאָס פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז געווען א רעזול-

[7] פאַראָרדנונגס-בלאַט פון ג.ג. נר. 98 פון 14 נאָוועמב. 1942, „פּאָליציי-פאַראָרדענונג פון 10 נאָוועמב. 1942 וועגן בילדן יידישע וווינונגס-קוואַרטאַלן אין די דיסטריקטן ראַדאָם, קראָקע, גאַליציע“.

[8] וועגן די מיינונגס-פאַרשידנהייטן צווישן די היטלעריסטישע פּאָליציי-קאָמיסאַרן אין דער ג.ג. בנוגע בילדן די געטאָס פאַרגלייך קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם העכערן ס.ס.- און פּאָליציי-פירער קריגער מיטן שעף פון דער אָרדנונגס-פּאָליציי בעקער, ארכיוו פון י.ה.א., אקטן א. — 40.

טאַט פון דער צביעותדיקער, פערפידער פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס האָט געהאַט פאַר אַ צוועק אַרויסצורופן צווישן דער זיך אויסבאַהאַלטנדיקער יידישער באַפעלקערונג דעם איינדרוק, אַז די לאַגע האָט זיך סטאַביליזירט, אַז אין די אויסגערעכנטע געטאָס דערלויבט מען יידן צו וווינען.

דאָס האָט אַרויסגערופן די אילוזיע ביי אַ טייל יידן, אַז וויבאַלד די דייטשישע מאַכט־אָרגאַנען שאַפן איצט געטאָס, איז עס נישט כדי זיי בקרוב צו ליקווידירן און אַרויספירן די יידן אין די טויט־לאַגערן. דורך אַזאַ שפּיל האָבן די דייטשישע זיכערהייטס־אָרגאַנען געוואָלט אַריינשלעפּן די זיך אויסבאַהאַלטנדיקע יידן אין די באַשטימטע געטאָס, איינשלעפערן זייער וואַכזאַמקייט און אין אַ פּאַסיקן מאָמענט אַרויספירן זיי אויף אומקום. אַזוי האָט אָפּגעשאַצט קריגערס פאַראָרדענונג די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין שום אילוזיעס בנוגע דעם נייעם מאַנעווער פון היטלעריסטישן אָקופּאַנט.[9] פאַקטיש זענען, ווי מיר ווייסן, אין קורצן אויך די געטאָס, אין הסכם מיט הימלערס אָנווייזונגען, בהדרגהדיק ליקווידירט געוואָרן און דער אַרבעטנדיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אַרויסגעפירט געוואָרן אין די קאָנצלאַגערן (פּלאַשאָוו, פּאָניאַטאָוו, טראַווניק, מיידאַנעק, האַסאַג און אַנד.).

צוריקקערנדיק זיך נאָך דער דאָזיקער דיגרעסיע צום עיקר־ענין, דאַרף מען נאָך דערמאָנען, אַז אין הסכם מיט דעם אויבן ציטירטן געהיימען אָפּמאַך און קריגערס פאַראָרדענונגען וועגן די געטאָס, האָבן אַלע פירמעס, וואָס האָבן באַשעפטיקט יידישע אַרבעטס־כוחות, געמוזט אונטערשטרייכן אין אַ ספּעציעלער דערקלערונג, אַז די פּראָדוקציע פון דער אונטערנעמונג האָט אַ ביז גאָר וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער מלחמה־ווירטשאַפט, אַז זי באַשעפטיקט יידישע פאַכלייט צוליבן פעלן פון אַנטשפּרעכנדיקן „אַרישן“ עלעמענט, אַז זי וועט זיך באַמיען אין משך פון אַ באַשטימטן צייט־אָפּשניט פאַרטרעטן די יידישע אַרבעטער דורך אַן „אַרישן“ עלעמענט, און אַז זי נעמט אויף זיך די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פאָלגן, וואָס זענען אַ פועל־יוצא פון קריגערס פאַראָרדענונג בנוגע געטאָס און פאַרזיכערן אַ שטרענגע אויפזיכט איבער די יידישע אַרבעטער.[10]

* * *

רעזומירנדיק אונדזערע אויספירן וועגן דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק פון די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען לגבי די יידן, דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז הימ־

[9] „ביולעטין“ פון יי.ה.א. (פּויליש), נר. 1 (1951), ז. 110.

[10] ארכיוו פון יי.ה.א., אקטן א. — 40, אנעקס צום צירקוליאר פון ס.ס.־ און פּאָליציי־פירער פון קראָקעווער דיסטריקט שערנער.

לערס פֿאַראָרדענונג יוען דער קאָנצענטראַציע פֿון די נאָך פֿאַראַנענע יידישע אַרבעטס=כוחות אין דער גענעראַל=גובערניע אין עטלעכע קאָנצלאַגערן האָט לחלוטין נישט באַדייט קיין אָטעם=פּויזע אין די אַקציעס פֿון פֿאַרטיליקן די יידן, נאָר אַן איבערגאַנג — צוליב דרינגענדיקע קריגס=ווירטשאַפֿטלעכע נויטן — צו אַנדערע פֿאָרמען פֿון עקסטערמינאַציע, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו דער פֿאַרערגערטער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון דייטשישן רייך.

אויך די אָפּמאַכן פֿון די עס=עס= און פּאָליציי=פֿירער מיט דער ווערמאַכט און די קאָנצעסיעס פֿאַר די דייטשישע באַוואָפֿענונגס=פֿירמעס זענען געווען באַשטימט אויף אַ קורצער איבערגאַנגס=צייט, וואָס איז פֿאַר די עס=עס= און פּאָליציי=אָרגאַנען געווען נייטיק אויף איבערצופֿירן די איבערגעבליבענע יידישע אַרבעטס=כוחות צו אַן אַנדערער עקספּלאָאַטאַציע=סיסטעם. דאָס קאָנצענטרירן די רעשטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין די עס=עס=לאַגערן האָט באַדייט נישט בלויז אַן איבערגאַנג צו דירעקט=שקלאַפֿישע אַרבעטס=פֿאָרמען און אויך נישט בלויז אַ פֿאַרשמערערונג פֿון דעם לעבנס=שטח פֿאַר יידן אין דער גענעראַל=גובערניע, נאָר איז געווען אַ דירעקטע צוגרייטונג צו זייער פֿולשטענדיקער פֿאַרניכטונג. דאָס האָט געדאַרפֿט געשען נישט בלויז אין פֿאַל, ווען די יידן, וואָס זענען איזאָלירט אין די לאַגערן, וועלן שוין אין עקאָנאָמישן זין נישט פֿאָרשטעלן מיט זיך קיין שום ווערט, נאָר אַפֿילו פֿריער, פֿאַר זייער פֿולשטענדיקער פֿיזישער אויסשעפּונג, ווען די פּאָליטישע סיטואַציע וועט דאָס מאַכן דרינגענדיק נייטיק.

דאָס עלימינירן די יידן פֿון די קריגס=וויכטיקע אונטערנעמונגען פֿון פּריוואַטן סעקטאָר און דאָס הערמעטישע איזאָלירן זיי אין די ספּעציעלע עס=עס=לאַגערן האָט אויך פֿאַר די דייטשישע זיכערהייטס=אָרגאַנען געזאָלט דינען ווי אַ מיטל קעגן דער וואַקסנדיקער יידישער ווידערשטאַנד=באַוועגונג אין די געטאָס, כדי אַוועקצונעמען ביי איר די מעגלעכקייט צו קאָנטאַקטירן זיך מיט דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג, מיט דער פּוילישער ווידערשטאַנד=באַוועגונג און פּאַרטיזאַנער, און בכדי נישט צו דערלאָזן צו אָרגאַניזירן אין די געטאָס אַ באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד קעגן דער דייטשישער מאַכט.

קאַפּיטל פיר

די עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי ייִדן אינעם איבערברוך־פּעריאָד פון די סטאַלינגראַדער קאַמפן

1. די טאָטאַלע מאָביליזאַציע אין רייך נאָך דער סטאַלינגראַדער מפּלה

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר אויפגעוויזן, ווי ענג עס זענען געווען געבונדן צווישן זיך די היטלעריסטישע אַנטי־ייִדן־פּאָליטיק און די אַגרעסיווע מלחמה. אַלע אַקציעס פון קאַמף קעגן די סלאַווישע פעלקער און אַזוי אויך קעגן דעם ייִדישן פאָלק זענען שטענדיק געגאַנגען געאייניקט מיט אַ נייער דייטשישער אָפּענסיווע. דאָס האָבן מודה געווען דער גענ.־גוב. פראַנק, אָנהייבנדיק די אקציע א—ב אין דער גובערניע,[1] ווי אויך הייִדריך אויף דער קאָנפערענץ אין רסה"א אין בערלין דעם 20־טן יאַנואַר 1942 יאָר, מאַכנדיק אָפּהענגיק דעם אָנהייב פון דער אקציע פון פאַרניכטן די ייִדן פון דער אַנטוויקלונג פון דער מיליטערישער סיטואַציע. די פולע רעאַליזירונג פון דעם פעלקערמערדערישן „גענעראַלן מזרח־פּלאַן“, וואָס איז געווען א באשטאנדטייל פון דער געאָפּאָליטיק פון דייטשישן אימפּעריאַליזם, איז אַלם גאַנצעם אָפּהענגיק געווען פון די רעזולטאַטן פון די גרויסע מלחמה־אָפּעראַציעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביי דער וואָלגע און אויף קאַווקאַז.

אָבער אין דער צווישנצייט האָבן זיך די כוחות־פאַרהעלטענישן אויפן סאָוויעטיש־דייטשישן פראָנט געענדערט. די סאָוויעטישע אַרמיי איז פון די פּאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס איבערגעגאַנגען צו אַן אָנגריף, און אין מיטן נאָוועמבער האָט זי אָנגעהויבן אַ גיגאַנטישע אָפּענסיווע, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט מיטן זיג ביי

---

[1] פראַנקס טאָגבוך, ביולעטין פון ה.ק.פ.ה.פ., ב. II, ז. 22.

סטאַלינגראַד. שוין אין דער צייט פון דער האַרבסט־קאַמפּאַניע, און באַזונדערס פון די ווינטער־אָפּעראַציעס, האָט די סאָוויעטישע אַרמיי געבראַכט דעם היטלע־ריסטישן מיליטער אַ ריי צעשמעטערנדיקע מפּלות. זי האָט ליקווידירט עטלעכע דייטשישע אַרמייען, גענומען אין געפאַנגענשאַפט עטלעכע הונדערט טויזנט זעל־נער און אָפיצירן און פאַרניכטעט אַ ריזיקע צאָל מענטשן־כוחות און קריגס־מכשירים פון שונא. די סטאַלינגראַדער שלאַכט האָט גורם געווען אַ גרינטלעכן איבערברוך אינעם גאַנצן פאַרלויף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און איז געווען דער אָנהייב פון דער פאַנאַנדערפאַלונג פון דער דייטשישער פאַשיסטישער אַרמיי. גלייכצייטיק מיט דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפאַלער מפּלה האָבן די דייטשישע אַרמייען זיך גענומען צוריקציען אויך פון אַנדערע פראָנטן. באַדראָט צו ווערן אַרומגערינגלט, האָבן די היטלעריסטן געמוזט אָפּטרעטן פון קאַווקאַז, און אויפן צפון־פראָנט זענען זיי, נאָך 17 חדשים אַרומרינגלען לענינגראַד, געווען געצוווּנגען צו רעזיגנירן פון דער ווייטערדיקער בלאָקאַדע פון דער העלדישער שטאָט. אין דער זעלבער צייט איז צעקלאַפּט געוואָרן דאָס דייטשישע און איטאַליענישע מיליטער אין ליביע און טריפּאָליטאַניע.[2]

„די אַלע מאָמענטן, — האָט פעסטגעשטעלט סטאַלין אין באַפעל פון 1־טן מאַי 1943, — צוזאַמען גענומען האָבן ביז צום גרונט אויפגעטרייסלט די היט־לעריסטישע מיליטערישע מאַשין, געביטן דעם לויף פון דער וועלט־מלחמה און געשאַפן די אומבאַדינגטע פאָרהנחות פאַרן זיג איבערן היטלעריסטישן דייטש־לאַנד".[3] די דאָזיקע שענדלעכע מפּלות פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד האָבן נישט נאָר געוואַלטיק פאַרקלענערט די צאָלמעסיקייט פון די דייטשישע אַרמייען, נאָר האָבן אויך באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט דעםווירטשאַפטלעכן פּאָטענציאַל פון רייך, באַזונדערס ווען דאָס באָמבאַרדירן די פונקטן פון דער דייטשישער מלחמה־אינ־דוסטריע דורך דער אַוויאַציע פונעם ראַטנפאַרבאַנד און די פאַרבינדעטע איז גע־וואָרן וואָס אַמאָל אַן אָפטערע דערשיינונג.

דאָס פּראָבלעם פון מענטשן־רעזערוון צו דערגענצן די דעקאָמפּלעטירטע דייטשישע אַרמייען און פון די אַרבעטס־כוחות פאַר דער באַוואָפענונגס־אינדוס־טריע איז איצט געוואָרן אַ ברענענדיקער ענין און פון ערשטראַנגיקער באַדייטונג. נאָך בעת די קאַמפן ביי סטאַלינגראַד האָט זאוקעל, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך צו מאָבילי זירן נייע 250.000 קוואַליפיצירטע פראַנצויזישע אַרבע־טער, פעסטגעשטעלט אויף דער זיצונג ביים מיליטערישן פירער אין פּאַריז דעם 13־טן יאַנואַר 1943, אַז „די לאַגע אויפן פראָנט נייטיקט זיך אין דער מאָבילי־

[2] י. סטאַלין: „וועגן דער גרויסער פּאַטריאָטישער מלחמה פון פסטר", ז. 83, 66, 58.

[3] דצ"ו, ז. 67.

זירונג פון 700.000 קריגספעיקע זעלנער צו שיקן זיי אויפן פראָנט, און פאַר דער דאָזיקער מאָביליזאַציע מוז די באַוואָפענונגס-אינדוסטריע אָפּגעבן 200.000 מענטשן פון די גרונטיקע אַרבעטס-כוחות. ער האָט פון פירער אַליין באַקומען די אויפגאַבע, אַז ביז דער דאָזיקער צייט זאָל ער צושטעלן 200.000 אויסלענדישע קוואַליפיצירטע אַרבעטער צום פאַרטרעטן זיי. צו דעם צוועק מוז ער דעריבער באַקומען 150.000 ספּעציאַליסטן אין פראַנקרייך, און די רעשט וועלן צושטעלן בעלגיע, האָלאַנד און אַנדערע אָקופּירטע לענדער".[4]

אין אָנבליק פון דער אומפאַרמיידלעכער מפּלה ביי סטאַלינגראַד, ווען די לאַגע אויפן פראָנט איז געוואָרן פּשוט קאַטאַסטראָפאַל, האָט די היטלעריסטישע רעגירונג דערקלערט אַ טאָטאַלע מאָביליזאַציע פון אַלע מעגלעכע מענטשן-רעזערוון אין רייך און אויף די אָקופּירטע געביטן צו דער אַרבעט פאַר די באַדערפענישן פון דער מלחמה. שוין דעם 27-טן יאַנואַר 1943 האָט זאַוקעל, דער גענעראַל-באַפולמעכטיקטער פאַר אַרבעטס-ענינים, אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אויפן גרונט פון היטלערס א ספּעציעלער באַפולמעכטיקונג „וועגן דער מעלדונגס-פליכט פון מענער און פרויען פאַר אויפגאַבן פון דער רייכס-פאַרטיידיקונג".[5] דאָס איז געווען אַ פאַראָרדענונג צו מאָביליזירן אַלע מענער אין עלטער פון 16 ביז 65 יאָר און פרויען פון 17 ביז 45 יאָר. דעם זעלבן ציל צו באַקומען נייע רעזערוון פון אַרבעטס-כוחות האָט געדינט אַ צווייטע פאַראָרדענונג פון 29-טן יאַנואַר 1943 יאָר, אונטערגעשריבן דורך לאַמערסן, באָרמאַנען און קייטעלן.[6]

געבעלס האָט אין זיין רעדע פון פעברואַר 1943 אַזוי אויפגעקלערט דעם ציל פון דער דאָזיקער גיגאַנטישער מאָביליזאַציע: „עס גייט שוין נישט אין דעם, אַז דער רייכער מלחמה-פּאָטענציאַל, סיי פון אונדזער לאַנד און אויך אַזוי פון דעם גרויסן טייל אייראָפּע, וואָס שטייט צו אונדזער דיספּאָזיציע, זאָל עקספּלאָאַטירט ווערן בלויז לייכט, אויבנאויפיק. ער מוז אינגאַנצן ווערן אויסגענוצט, און גיכער: אַזוי שנעל און אַזוי גרינטלעך, ווי דאָס לאָזט זיך נאָר אָרגאַניזאַציאָנעל און זאַכלעך דורכפירן..."[7] און אויב עס גייט וועגן די מעטאָדן, וואָס דאַרפן ווערן אָנגע-

---

[4] „דער פּראָצעס", ב. XXVII, ז. 174, דאָקום. פּ.ס. — 1342; געהיימער דאָקומענט וועגן פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ ביים מיליטערישן קאָמענדאַנט אין פּאַריז (13.1.1943). זי איז געווען נוגע דער א.ג. צווייטער אקציע פון זאוקלען. יאָדלס ראַפּאָרט פון 12 דעצעמ. 1942 צו היטלערן וועגן דער ווערבירונגס-אקציע אין פראנקרייך. „דער פּראָצעס" דצ"ו, ז. 207. דאָקום. פּ.ס. — 1383.

[5] ר.ג.—בל. 1943, I, ז. 67.

[6] ר.ג.—בל. 1943, I, ז. 75/76.

[7] פון געבעלסעס רעדעס, ציטירט לויט יאסטשעמבאָווסקיס: „דייטשישע ווירטשאַפט אין פּוילן", ז. 317.

ווענדט, זאָגט געבעלס: „עס איז נישט קיין פראַגע, צי די מעטאָדן, וואָס מיר ווענדן אָן, זענען שלעכטע אָדער גוטע, נאָר צי זיי פירן צו דעם אָנגעצייכנטן ציל“.[8]

צוליבן גרויסן מאַנגל אין אַרבעטס־קראַפט האָבן די דייטשישע מאַכטהאָבער שוין דעמלט אין אַ ברייטן פאַרנעם, להיפוך צום אינטערנאַציאָנאַלן רעכט, באַשעפטיקט מלחמה־געפאַנגענע אין דער קריגס־אינדוסטריע.[9]

די אויבן ציטירטע פאַראָרדענונגען פון יאַנואַר 1943 האָבן זיך באַצויגן הויפּטזעכלעך צום רייך און צו די „איינגעשלאָסענע געביטן“. אין דער גענ.־גובערניע האָט זיך שוין דעם 20־טן יאַנואַר 1943 באַוויזן אַ פאַראָרדענונג פון גענ־גובערנאַטאָר פראַנק „וועגן אָפּשטעלן און פאַרייניקן אינדוסטריע־אונטערנעמונגען“.[10] אויך שפּעטער, דעם 23־טן אַפּריל 1943 יאָר, איז געקומען אַ פאַראָרדענונג אין שייכות מיט דער „פאַראייניקונג פון האַנטווערק אין דער גענ.־גובערניע“.[11] שוין די ערשטע פאַראָרדענונג האָט בפירוש אָנגעזאָגט דאָס פאַרמאַכן און צוזאַמענגיסן אונטערנעמונגען, און אַלס ציל האָט זי אָנגעוויזן נישט בלויז דאָס העכערן דיווירטשאַפטלעכע לייסטונגען פון לאַנד לטובת דער מלחמה, נאָר האָט אים, ווי געוויינלעך, מאַסקירט מיט פראַזן „וועגן געזונט מאַכן די פרידלעכע ווירטשאַפט אין גייסט פון טעכנישן און עקאָנאָמישן פּראָגרעס“.

דראַקאָניש איז אויך געווען די פאַראָרדענונג וועגן מאָביליזירן די אַרבעטס־כוחות אויף די אָקופּירטע סאָוויעטישע געביטן, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 6־טן פעברואַר 1943 דורך דעם גענעראַל־שטאַב פון דער דייטשישער אַרמיי מיטן הסכם פון מזרח־ווירטשאַפטלעכן שטאַב.[12] זי האָט פאָרגעזען אין פאַרלויף פון 4 וואָכן אַ מאָביליזאַציע פון 1 מיליאָן אַרבעטער פאַר דער לאַנדווירטשאַפט און דער אינדוסטריע אין רייך.

אין דער אמתן אָבער, האָבן סיי די אויבן ציטירטע דעקרעטן און אַזוי אויך די פאַראָרדענונגען פון פראַנקן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין שייכות מיט דער מאָביליזאַציע פון נייע אַרבעטס־קרעפטן, באַדייט אַ קאָמאַסאַציע אָדער ליקווידאַציע פון די קלענערע אונטערנעמונגען, זענען געווען אַ נייע צענטראַליזאַ־

---

[8] דצ״וו.

[9] „דער פּראָצעס“, ב. VII, ז. 402, קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון סיפּאָ און ס.ד. אין די סטאַלאַגן אין גענ.־גובערניע דעם 27 יאַנואַר 1943 וועגן עקספּלאָאַטאַציע פון קריגס־געפאַנגענע.

[10] פאַראָרדנונגס־בלאַט פון דער גענ.־גובערניע, 1943, נר. 6 פון 1943.2.3.

[11] דצ״וו, נר. 35 פון 14 מאַי 1943.

[12] „דער פּראָצעס“, ב. XXXI, ז. 481—485, פּ.ס. — 3012. „פעראָרדנונג איבער ארבייטס־פליכט אונד ארבייטסאיינזאץ אים אָפּעראַציאָנסגעביט דער בעזעצטן אָסטגע־ביטע“ פון 6 פעברואַר 1943. בנוגע יידן אויף די מזרח־געביטן האָט דער § 1 פאַראָרדנט: „פיר יודען ערגעהט זאָנדעררעגעלונג“.

ציע פון די אונטערנעמונגען פון די קרובישע אינדוסטרי־צווייגן און די אינטערעסן פון די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטישע פירמעס.

אין שייכות מיט דעם באַרירטן פּראָבלעם אַנטשטייט פאַר אונדזער טעמע די פראַגע, וואָס פאַר אַן איינפלוס האָט געהאַט די נייע מיליטערישע און ווירטשאַפט־לעכע סיטואַציע פון רייך, וואָס האָט זיך געשאַפן בעיקר אַדאַנק דער מפּלה ביי סטאַלינגראַד, אויף דער היטלעריסטישער אויסראָטונגס־פּאָליטיק, און וויאַזוי האָבן זיך די ענינים געשטאַלטיקט אין די באַזונדערע אָקופּירטע געביטן.

2. די ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן פון דער „אָפּעראַציע ריינהאַרד"

דער אויבן ציטירטער באַפעל פון הימלערן פון 9־טן אָקטאָבער 1942, כאָטש פאָרמעל האָט ער געהאַט אַ שייכות בלויז צו דער גענ.־גובערניע, איז ער אָבער פאַקטיש געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק אין באַצוג צו דער יידישער באַפעלקערונג אויף אַלע אָקופּירטע געביטן אין פּוילן. פאַר דער אָקופּאַ־ציע־מאַכט איז דאָס געווען אַ נייטיקער שריט, פּונקט ווי הימלערס באַפעל פון 19־טן יולי 1942 יאָר, וואָס איז דיקטירט געווען דורך דער אַלץ מער שווערער ווירטשאַפטלעכער סיטואַציע און מאַנגל פון אַרבעטס־כוחות.

זינט דער העלפט נאָוועמבער 1942 האָבן די עס־עס־אָרגאַנען געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו קאָנצענטרירן די רעשט יידישע באַפעלקערונג אין אייניקע קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן. דעם פּראָצעס אָבסערווירן מיר אין אַלע אָקופּירטע פּוילישע געביטן, הגם דער פאַרלויף האָט זיך אַנדערש געשטאַלטיקט אין דער גענ.־גובער־ניע און אַנדערש אין די „איינגעגלידערטע געביטן" צום רייך. אין יעדער פּראָווינץ איז דורך דער רסה"א באַשטימט געוואָרן אַן „איינזאַץ־גרופּע", וואָס האָט אַליין דורכגעפירט די פאַרניכטונגס־אַקציע אָדער דורך אירע עקספּאָזיטורן געהאַט די השגחה איבער דעם פאַרלויף פון דער אַקציע. אין פּרינציפּ האָט זי געדאַרפט דורכ־פירן די קאָנצענטראַציע פון די רעשטלעך פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די נייע לאַגערן.

אין יסוד פון דער דאָזיקער פּאָליטיק איז געווען די איינשטעלונג פון דער היטלעריסטישער מאַכט, אַז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג געפינט זיך פאָרמעל און פאַקטיש אויסער יעדער עפנטלעך־רעכטלעכער געזעצלעכקייט. די יידישע באַ־פעלקערונג, פּונקט אַזוי ווי איר גאַנץ פאַרמעגן, איז געוואָרן אַן אָביעקט פון איינג־טום. די יידן אונטערליגן אינגאַנצן דער מאַכט פון דער היטלערישער רעגירונג. אין פּרינציפּ האָט די אימפּעריאַליסטישע מלוכה באַשטימט אַלע יידן פיזיש אויסצוראָטן,

נאָר די באַדערפֿעניש פֿון דער מלחמה=ווירטשאַפֿט רופֿן אַרויס די נויטווענדיקייט דערווייל צו גענים פֿון די יידישע אַרבעטס=כוחות, אויסגעקליבענע פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונגס=מאַסע, וואָס איז באַשטימט צום אויסראָטן. דעריבער ווערן די דאָזיקע קנעכט און פּראָדוציר=מיטלען, וואָס זענען אַמאָל געווען זייער אייגנטום, דאָס אייגנטום פֿון דער היטלעריסטישער מאַכט. הימלער האָט באַקומען די מיסיע דורכצופֿירן די פֿעלקערמערדערישע אַקציע, פֿונדאַנען די באַרעכטיקונג פֿון דער עס=עס צו דער ווירטשאַפֿטלעכער עקספּלאָאַטאַציע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. דערפֿון האָט מען געמאַכט דעם אויספֿיר, אַז די פּריוואַטע דייטשישע פֿירמעס וועלן נישט קאָנען גענים, יעדנפֿאַלס אין דער ביז=איצטיקער פֿאָרם, פֿון יידישער אַרבעטס=קראַפֿט.

ווי אַ קעגנשטאַנד פֿון אייגנטום קאָנען די יידן אַליין נישט האָבן קיין אייגענע אַרבעטס=וואַרשטאַטן, זיי קאָנען נישט אָננעמען און נישט אויספֿירן קיין באַשטעלונגען אויפֿן אייגענעם חשבון. די יידן קאָנען פֿון דעמלט אָן זיין נאָר אין די קאָנצענטראַציע=לאַגערן, און בלויז די לעצטע גיבן דער היטלעריסטישער רעגירונג די פֿולע זיכערקייט צו פֿאַרהאַלטן פֿאַר זיך די רעכט אויף דעם עקספּלאָאַטאַציע=אָביעקט.

מיר האָבן דאָ אַ כאַראַקטעריסטישע פֿאָרם פֿון אַ מלוכהשן שקלאַפֿן=סיסטעם, וואָס אַן אימפּעריאַליסטישע, פֿאַשיסטישע מלוכה האָט אין דער העלפֿט פֿון XX יאָרהונדערט איינגעפֿירט אין צענטער פֿון אייראָפּע. די שקלאַפֿן, וואָס האָבן געלעבט אין די געטאָס אָדער לאַגערן, זענען געווען נומערירט, קאָשאַרירט, האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו לעבן אין משפּחות, די פֿרויען זענען געווען איזאָלירט פֿון די מענער, צו דער אַרבעט איז מען געגאַנגען גרופּנווייז, אונטער אַן עסקאָרטע. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פֿריי באַוועגן. דער היטלעריסטישער אונטערנעמער איז געווען דער האַר פֿון לעבן און טויט איבער די יידישע אַרבעטער, ער האָט זיי עקספּלאָאַטירט אומרחמנותדיק. דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן דורך פֿאַרשידענע קאָמיסאַרן אָדער עס=עס. דער דייטשישער פֿאַשיזם האָט אין די אָקופּירטע פּוילישע געביטן, און בפֿרט אין באַצוג צו דער יידישער באַפֿעלקערונג, איינגעפֿירט אַנאַלאָגישע פּראָדוקציע=באַציונגען, וועלכע עס האָבן געהערשט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון קנעכט=אייגנטום. אָבער אין קעגנזאַץ צו דער סיטואַציע אין אַלטערטום, ווען דער אייגנטימער האָט געמוזט זאָרגן וועגן אויפֿהאַלטן די אַרבעטס=כוחות, איז בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע די שקלאַפֿישע אַרבעט איינע פֿון די מעטאָדן פֿון פֿיזישער פֿאַרניכטונג פֿון די אונטעריאָכטע פֿעלקער. אין היטלעריסטישן דייטשלאַנד האָבן די גרויס=אונטערנעמער, וואָס האָבן מאָנאָפּאָליזירט אַלע וויכטיקע באַשטעלונגען פֿאַר דער ווערמאַכט, געצויגן דעם גרעסטן נוצן פֿון ראַבירן דאָס יידישע פֿאַרמעגן, וואָס עס איז געווען איינע פֿון די פֿאָרמען

פון דער גיגאַנטישער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, און אויך פון דער עקספּלאָ־טאַציע פון די יידישע אַרבעטס־כוחות.

פון דער צווייטער זייט, האָבן די פּאָליציי־אָרגאַנען, באַזונדערס די סיפּ״א און עס־עס, איבערנעמענדיק אין דער העלפט 1942 די פולע אויפזיכט איבער די רעשטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, נאָך לייכטער געקאָנט פאַרכאַפּן דאָס פאַרמעגן נאָך די אומגעקומענע יידן און שעפּן רווחים פון דער עקספּלאָאַטאַציע פון די יידישע אַרבעטער.

די אַקציע פון פאַרניכטן די יידן אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן האָט דעריבער, אומאָפּהענגיק פון דעם פּאָליטישן פּראָבלעם, אויך אַ ווירטשאַפטלעכן אַספּעקט. דאָס איז נוגע דער שקלאַפּישער עקספּלאָאַטאַציע פון די רעשטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און אויך דאָס איבערנעמען די רעשט פון יידישן פאַרמעגן.

ווי עס דרינגט פון גלאָבאָצניקס באַריכטן, וועגן וועלכע מיר שרייבן אונטן אויספירלעך, האָבן די ווירטשאַפטלעכע ענינים, ספּעציעל אין יאָר 1943 יאָר גע־שפּילט אַ נישט קליינע ראָל אין דער פאַרברעכערישער טעטיקייט פון שטאַב „ריינהאַרד“ אין דער גענ.־גובערניע. גלאָבאָצניק האָט אַפילו געשטרעבט אויסצו־ברייטערן זיינע רעכט אין פרט פון יידן־פאַרניכטונג אויף אַנדערע פּראָווינצן, ווי צ. ב., אויפן „וואַרטעלאַנד“ און ביאַליסטאָקער באַצירק, צוו. אַנד. אויך צוליב דעם פאַקט, וואָס דאָרט האָבן זיך געפונען וויכטיקע פּראָדוציר־כוחות, וועלכע האָבן געקאָנט אויסגענוצט ווערן אין די אינטערעסן פון עס־עסישן קאַפּיטאַל.

די פולשטענדיקע עקספּלאָאַטאַציע פון דער נאָך איבערגעבליבענער יידישער באַפעלקערונג אין דער קריגס־אינדוסטריע וועט זינט דאַן, ביז דער העלפט 1943, דאָמינירן אין דער גאַנצער אַנטי־יידישער פּאָליטיק פון דער אָקופּאַציע־מאַכט. אין דער גענ.־גובערניע האָבן די עס־עס־ און פּאָליציי־אָנפירער אין די באַזונדערע דיסטריקטן, אומאָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער השגחה, איבערגענומען אויך די קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפטלעכער עקספּלאָאַטאַציע פון געטאָ.[1] זיי האָבן דאָס געגעבן די דייטשישע אונטערנעמער אַ דערלויבעניש אויף אַ ווייטערדיקער, צייטווייליקער עקספּלאָאַטאַציע פון יידישער אַרבעט, באַשטימענדיק גלייכצייטיק די גרויס פון די קאָנטינגענטן.

אויך אין אַנדערע אָקופּירטע פּוילישע פּראָווינצן האָט די פראַגע פון עקס־פּלאָאַטאַציע פון יידישע אַרבעטס־כוחות — אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַר־ערגערונג פון דער מיליטערישער און ווירטשאַפטלעכער סיטואַציע — אַלץ מער באַשעפטיקט די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען. אויספירלעך וועגן דעם שרייבן מיר אין איינעם פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

[1] באַריכט פון וואַרשעווער גובערנאַטאָר פאַר די חדשים X—XI 1942.

וואָס נוגע דעם יידישן פאַרמעגן, דאַרפן מיר אויפקלערן, אַז דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון יידן אויף די אָקופּירטע געביטן איז קאָנפיסקירט געוואָרן לטובת דעם רייך.[2] דערמיט האָט זיך פאַרנומען די „הויפּט־טרויהאַנדשטעלע אָסט“ (ה. ט. אָ.). דאָס גאַנצע אומבאַוועגלעכע און דער גרעסטער טייל פון באַוועגלעכן פאַרמעגן איז פאַקטיש צוגערויבט געוואָרן דורך די אָרגאַנען און עקספּאָזיטורן פון דער ה. ט. אָ. שוין ביז פרילינג 1942 י.. אין דער צייט פון די איבערזידלונגען און פון דער קאָנצענטראַציע פון די יידן אין די געטאָס. אין פעריאָד פון דער מאַסנהאַפטער פיזישער פאַרניכטונג פון די יידן האָט גלאָבאָצניקס אָפּעראַציע־שטאַב, צוזאַמען מיטן איבערנעמען די פולע מאַכט איבער דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גענ.־גובערניע, אויך באַקומען, אויפן סמך פון פאַר אונדז אַן אומבאַקאַנטן באַפעל פון הימלערן, דאָס רעכט צום פאַרמעגן נאָך די אומגעבראַכטע יידן, וואָס איז דורך דעם דערמאָנטן שטאַב איבערגענומען געוואָרן. אין לובלין, אין ריינהאַרד־שטאַב, האָט מען געזאַמלט די צוגערויבטע ווערט־זאַכן אָדער געפירט אָפּרעכענונגען מיט די באַזונדערע אָנפירער פון דער עס־עס און פאָליציי וועגן די צוגערויבטע זאַכן.

שוין אין פרילינג 1942 האָבן די עס־עס און פאָליציי־פירער פון קראָקעווער און וואַרשעווער דיסטריקטן געשיקט קיין לובלין פאַרשידענע ווערטפולע חפצים, יובילער־זאַכן, וואָס זענען צוגערויבט געוואָרן ביי דער יידישער באַפעלקערונג.[3] אַז דער רויב פון פאַרמעגן דורך די עס־עס־אָרגאַנען איז אָנגעגאַנגען פּאַראַלעל מיט דער פאַרניכטונגס־אַקציע, זאָגט עדות דער פאַקט, אַז „דער צייטווייליקער פינאַנסיעלער שלום־באַריכט „ריינהאַרד“, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך גלאָבאָצניקן, נעמט אַרום די צייט פון 1־טן אַפּריל 1942.[4] וואַרשיינלעך האָט דער באַריכט איינגעשלאָסן נאָר די זאַכן און געלטער, וואָס זענען צוגערויבט געוואָרן פון די יידן ביי דער ראַמפּע פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן און אין די געטאָס נאָך דער אויסזידלונג. דאַקעגן נעמט ער נישט אַרום אַזעלכע פּאָזיציעס, ווי סחורות, רוישטאָפן, מאַשינען, פאַבריקס־איינריכטונגען א.ד.גל. די זענען שפּעטער צום גרעסטן טייל איבערגענומען געוואָרן דורך אַ פאַרמאַסקירטער עס־עסישער אַקציען־געזעלשאַפט „אָסטאינדוסטרי“.

[2] פאַראָרדנונגס־בלאַט פון ג.־ג. 1939, נר. 7, ז. 114, וועגן נאָמינירן דורך דער מיליטערישער אָנפירונג קאָמיסאַרן צו איבערנעמען אונטערנעמונגען און אומבאַוועגלעכע גיטער; „דויטשער רייכסאַנצייגער“, 1939, נר. 260, ז. 100, גערינגס פאַראָרדנונג וועגן שאַפן דעם אַמט „הויפּטרויהאַנדשטעלע אָסט“.

[3] אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., אַקטן ד.צ. — 77, דאָקום. 273/76, 314—315, דאָקומענטן וועגן איבערשיקן קיין לובלין אין גלאָבאָצניקס שטאַב גאָלד און אַנדערע זאַכן פון דערמאָרדעטע יידן.

[4] גלאָבאָצניקס ראַפּאָרט פון 1944.I.5, דאָקום. נ.אָ. — 062.

אין דער העלפט יולי 1942 האָט גלאָבאָצניק איינגעאָרדנט אין לובלין אַ צענטראַלע קאַרטאָטעקע פון אַלע ווערט-זאַכן, וואָס שטאַמען פון דער „ריינהאַרד-אָפּעראַציע".[5]

נאָכן אָנזאַמלען אַ גרעסערע צאָל דעוויזן, וואַליוטע און ווערטפולע חפצים, וואָס זענען צוגערויבט געוואָרן ביי יידן פון פאַרשידענע אייראָפּעישע לענדער, האָט פּאָהל, אין אויפטראַג פון הימלערן, געפירט געהיימע אונטערהאַנדלונגען (יולי 1942) מיטן וויצע-דירעקטאָר פון דער רייכס-באַנק פוהל (אַ קריגס-פאַרברעכער, וועלכן די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט האָט נאָך אין 1950 אַרויסגעלאָזט פון תפיסה), בנוגע איבערנעמען דורך דער באַנק די אוצרות. אין רעזולטאַט פון די געשפּרעכן איז געשלאָסן געוואָרן אַ געהיימער אָפּמאַך צווישן פּוהלן און אַ באַפולמעכטיקטן פון הימלערן, בנוגע דער פּראָצעדור פון איבערנעמען די ווערט-זאַכן דורך דער רייכס-באַנק.[6]

כדי צו פאַרמאַסקירן דעם אָפּשטאַם פון די קאָלאָסאַלע פאָנדן, האָט מען, אין איינקלאַנג מיטן אָפּמאַך, די דעוויזן פאַרשריבן אין רייכס-באַנק אויף אַ פיקטיווער קאָנטע „מאַקס הייליקער". די געלטער זענען דעפּאָנירט געוואָרן אויף דער קאָנטע פון עס-עסישן ווירטשאַפטספאַרוואַלטונגס-הויפּטאַמט נר. 1288, די איידעלע מעטאַלן האָט מען לאָקירט אין די שאַץ-קאַמערן פון דער רייכס-באַנק און אין דרעזדנער באַנק.[7]

ערשט נאָך די אַלע צוגרייטונגען האָט הימלער, לויט אַ באַפעל פון 19-טן סעפּטעמבער 1942 יאָר, דאָס גאַנצע באַוועגלעכע פאַרמעגן נאָך די אומגעבראַכטע יידן איבערגעוויזן דעם עס-עס-הויפּט-אַמט פאַר אַדמיניסטראַטיווער ווירטשאַפט, און דאָס פאַרוואַלטן איבער דעם האָט ער אָנגעטרויט פּאָהלן.[8] אויף דעם סמך האָט דער עס-עס-בריגאַדעפירער פראַנק (דער פאַרטרעטער פון פּאָהלן) דעם 26-טן סעפּטעמבער 1942 יאָר אַרויסגעגעבן אַ געהיימע פאַראָרדענונג דעם אָרגאַניזאַציע-שעף פון דער עס-עס אין לובלין און דעם שעף פון קאָנצענטראַציע-לאַגער אין אָשוויענטשים. די אינסטרוקציע איז נוגע דעם פאַרמעגן פון דער אויסגעמאָרדעטער יידישער באַפעלקערונג, וואָס לויטעט אין דער היטלעריסטישער שפּראַך:

[5] לויט גלאָבאָצניקס באַפעל פון 1942.7.15 האָט מיט די קאָנפיסקירטע דעוויזן און איידעלע מעטאַלן פאַרוואַלטעט דער ס.ס.-שטורמבאַנפירער וויפּערן, דאַקעגן מיט די קליידער און שיך פון די דערמאָרדעטע יידן האָבן פאַרוואַלטעט דער ס.ס.-הויפּטשטורמפירער העפּלע. אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, טעקע „באַווייזן".

[6] גבית-עדות פון קריגס-פאַרברעכער אויגוסט פראַנק, פּאָהלס פאַרטרעטער, פּאָהלס פּראָצעס, דאָקום. נ.אָ. — 3161.

[7] דצ"ו, ז. 21, אורטייל אין פּאָהלס פּראָצעס, ז. 7983/84.

[8] אַקטן דצ. 19, דאָקום. 113, פּאָהלס קאָרעספּאָנדענץ צו הימלערן פון 1943.1.15.

„וועגן אויסנוצן דאָס אייגנטום אין צוזאַמענהאַנג מיטן איינזידלען און אויסזידלען די יידן“.[9] די דערמאָנטע פאַראָרדענונג האָט דערווייל געהאַט אַ שייכות צו די ווערט־זאַכן, וואָס מען האָט ביי די יידן צוגערויבט ביי די ראַמפּעס פון די טויט־לאַגערן, אָדער בעת דער אויסזידלונג אין די דאָזיקע לאַגערן. זיי זענען אָבער געווען אַן אָנזאָג וועגן אַרויסגעבן אַן אַלגעמיינע פאַראָרדענונג בנוגע דעם באַוועגלעכן און אומבאַוועגלעכן יידישן פאַרמעגן.

פראַנק האָט אין זיין אינסטרוקציע באַפוילן, אַז אין דער צוקונפט זאָל מען אין אַלע פאַראָרדענונגען דאָס יידישע פאַרמעגן באַצייכענען ווי „פאַרמעגן פון גנבים, פּאַסערס און ספּעקולאַנטן“. פראַנק האָט דאָס גאַנצע צוגערויבטע יידישע פאַרמעגן איינגעטיילט אין 10 גרופּן און באַשטימט, וווהין מען דאַרף די ווערט־זאַכן צושיקן. אַזוי, למשל, דאַרף מען געלט, דעוויזן, איידעלע מעטאַלן, זייגערלעך, גאָלדענע פעדערס, פּאָסט־מאַרקן איבערשיקן אין רייכס־באַנק. וועש, קליידער, גלאָז־ און פאָרצעליי־אויסאַרבעטונגען א.ד.גל. דאַרף מען פאַרקויפן אָדער איבערגעבן דעם ווירטשאפטס־מיניסטעריום, דער עס־עס־„פאָלקסדויטשע מיטעלשטעלע“ און די עס־עס־אונטערנעמונגען.

הגם פראַנקס אינסטרוקציע איז פאָרמעל געווען געווענדט צו די קאָמענדאַנטן פון מיידאַנעק און אָשוויענטשים — צו גלאָבאָצניקן און העסן, האָט אָבער — ווי עס דרינגט פון הימלערס בריוו פון 15־טן יאַנואַר 1943 — פּאָהל באַאויפטראַגט אַלע העכערע עס־עס־ און פּאָליציי־פירער צו פאַרנעמען זיך מיטן איבערנעמען דאָס יידישע פאַרמעגן אין די ליקווידירטע געטאָס.[10] עס איז בכן געווען אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט פון די פּאָליציי־אָרגאַנען מיט די ווירטשאַפטלעכע אַמטן פון די עס־עס. לויטן אויפטראַג פון די עס־עס־ און פּאָליציי־פירער זענען אין די באַזונדערע געטאָס — גלייכצייטיק מיט דער ליקווידיר־אַקציע — באַשטימט געוואָרן ספּעציעלע בריגאַדעס א. ג. אופראַומונגס־קאָמאַנדעס, וועלכע האָבן, ווי שאַקאַלן, נאָכן אַרויספירן די יידן אויף פאַרניכטונג, דורכגענישטערט די וווינונגען און צונויפגענומען אַלע ווערטפולע זאַכן. אין וואַרשעווער געטאָ האָט דער עס־עס־ און פּאָליציי־פירער פאָן זאַמערן אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע עקספּאָזיטור א. ג. „ווערט־ערפאַסונג“, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט איבערנעמען, סעגרעגירן און טיילווייז אויך מיטן פאַרקויפן די זאַכן, וואָס זענען צוגערויבט געוואָרן ביי העכער 300 טויזנט יידן, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין טרעבלינקע.[11]

---

[9] פּאָהלס פּראָצעס, דאָקום. נ.אָ. — 724, וואָס איז נוגע דעם פאַרמעגן פון די אויסגעזידלטע יידן.

[10] דאָקום. נ.אָ. — 1257, געהיימע קאָרעספּאָנדענץ פון הימלערן פון 1943.1.15.

[11] שעף פון „ווערטערפאַסונג“ אין וואַרשע איז געווען ס.ס.־אָבערשטורמבאַנפירער פראַנץ קאָנראַד, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן אין וואַרשע אין יולי 1951 צו טויט־שטראָף.

פראַנקס דערמאָנטע אינסטרוקציע איז געווען נוגע דעם פּערזענלעכן יידישן פאַרמעגן. זי האָט נישט אַרומגענומען די אָביעקטן, וואָס זענען געווען אין ווירטשאַפטלעכער עקספּלאָאַטאַציע. דער ענין איז אַ לענגערע צייט נישט געווען רעגולירט. פאָרמעל איז די ה. ט. אָ. ווייטער געווען דער באַלעבאָס איבער די פאַבריקס-איינריכטונגען, סחורות און רוישטאָפן, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו יידן. פאַקטיש אָבער האָט מיט דעם אַלעם פאַרוואַלטעט די געסטאַפּאָ, וואָס האָט איבערגענומען די קאָנטראָל איבער אַלע יידישע פּראָדוציר-כוחות, סיי מעכאַנישע און סיי מענטשלעכע. אַזאַ סיטואַציע האָט אַרויסגערופן אַ כאַאָס אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון פיל שטעט אין דער גענ.=גובערניע. דעריבער האָבן די גובערנאַטאָרן פון די באַזונדערע דיסטריקטן זיך באַמיט וואָס שנעלער צו רעגולירן די ענינים.[12]

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט הימלער אַרויסגעגעבן דעם 15=טן דעצעמבער 1942 אַ „געהיימע אַלגעמיינע פאַראָרדענונג וועגן דיספּאָנירן מיטן יידישן פאַרמעגן אין דער גענ.=גובערניע".[13] אין הסכם מיט דער דערמאָנטער פאַראָרדענונג דאַרף דאָס גאַנצע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגן פון די יידן אין דער גענ.=גובערניע, ווי בײַשטאָטישע און דאָרפישע גיטער, הייזער, פאַבריקן צוזאַמען מיט זייערע איינריכטונגען, באַלד פאַרקויפט ווערן דורך קריגערן, דעם העכערן פירער פון דער עס=עס און פּאָליציי אין דער גענ.=גובערניע, דעם פאַרטרעטער פון רייכס-קאָמיסאַר פאַר די ענינים צו פאַרפעסטיקן דאָס דייטשישע פאָלקסטום, לטובת דעם עס=עסישן אַמט אין דער גענעראַל=גובערניע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ציטירטן באַפעל פון הימלערן און אויך אין שייכות מיט דער שוין אויבן דערמאָנטער דעציזיע פון הימלערן פון 9=טן אָקטאָבער 1942 יאָר וועגן אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון דער „ריינהארד=אָפּעראַציע" עטלעכע יידישע אַרבעטס=לאַגערן מיט יידישער אַרבעטס=קראַפט, איז אויך אַרויסגעשווומען די פראַגע פון איבערנעמען דורך דעם „ריינהארד=שטאַב" די מאַשינען און פאַבריק=איינריכטונגען, די זאַפּאַסן פון רוישטאָפן, וואָס געפינען זיך אין די נאָך עקזיסטירנדיקע געטאָס. די דאָזיקע אַמאָליקע יידישע אונטערנעמונגען האָבן זיך איצט הויפּטזעכלעך געפונען אין באַזיץ פון דייטשישע אייגנטימער, צו וועלכע זיי זענען אַריבער דורך ר ו י ב ן און צואייגענען זיך ביים אויספירן די פונקציעס אַלס קאָמיסאַרן פון „טרויהענדשטעלע". בלויז אַ קליינער טייל פון די יידישע

---

[12] דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר האָט אין זיין באַריכט פון דעצעמב. 1942 צו דער רעגירונג אין קראָקע אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער נויטווענדיקייט צו רעגולירן די רעכטלעכע לאַגע פון די אונטערנעמונגען אין געטאָ, וועלכע אונטערליגן פאָרמעל דער ה.ט.אָ., פאַקטיש אָבער דעם ס.ס.=פירער.

[13] אקטן פון פּאָהלס פּראָצעס, דאָקום. נ.אָ. — 1943; סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. IV, ז. 800; פאַרגלייך די קאָרעספּאָנדענץ צווישן פּאָהלן, הימלערן, בראַנדטן, גרייפעלדטן, דאָקום. נ.אָ. — 1543.

אונטערנעמונגען איז געוואָרן איינגעשלאָסן אין די „ווירטשאַפטלעכע שותּפותן" און אין די אַנשטאַלטן אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון די יודענראַטן.[14] הימלער איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין רויב פון דעם טייל יידישן פאַרמעגן, ווייל דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט פאַנאַנדערצובויען די עס=עס=אונטערנעמונגען.

הימלער האָט געשאַצט דעם ווערט פון די מאַשינען און מאַטעריאַלן, וואָס זענען נאָך געבליבן אין די געטאָס, אויף מינימום עטלעכע הונדערט מיליאָן דייטשישע מאַרק. אין אַ בריוו פון 1=טן דעצעמבער 1942 יאָר האָט הימלער מודיע געווען פּאָהלן, אַז ער האָט קאָנפעריִרט מיט קריגערן וועגן איבערנעמען דאָס איבערגעבליבענע פאַרמעגן פון די יידן, „וואָס דאַרף נישט פאַרלוירן גיין פאַרן רייך".[15]

דער זאַפּאַס פון סחורות דאַרף גלייך פאַרקויפט ווערן און וועגן איבערנעמען די מאַשינען דאַרף מען זיך פאַרשטענדיקן מיטן רייכסווירטשאַפטס=מיניסטער און זיי אַזוי באַקומען, אַז זיי זאָלן „ווי נאָר מעגלעך אַמשנעלסטן צוריק איינגעשלאָסן ווערן אין דער פּראָדוקציע, מען דאַרף אויסמיידן דאָס, אַז זיי זאָלן נישט שטיין קיין וואָכן און חדשים אין די געטאָס". שוין דעם 4=טן דעצעמבער 1942 יאָר האָט פּאָהל צו וויסן געטאָן הימלערן, אַז ער איז געקומען צו אַ הסכּם מיט קריגערן וועגן אויסנוצן די מאַשינען און מאַטעריאַלן, וואָס זענען געבליבן אין די געטאָס פון דער גענעראַל=גובערניע.[16]

אויפן יסוד פון באַזיץ פון יידישע שקלאַפן, וואָס זענען אויסגעסעלעקציאָנירט געוואָרן פון דער רעשט יידישער באַפעלקערונג אין דער גובערניע, און פון די פאַבריקס=איינריכטונגען און זאַפּאַסן רוישטאָף, וואָס זענען געבליבן אין די געטאָס, האָבן אין דער גענעראַל=גובערניע געזאָלט אַנטשטיין נייע יידישע קאָנצענטראַציע=לאַגערן. אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין די ראַמען פון דער „ריינהאַרד=אָפּעראַציע", וועט פאַר אונדז קלאָר ווערן, פאַרוואָס גלאָבאָצניק האָט זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן זיי, און פאַרוואָס זיי האָבן אין דער ערשטער ריי געדאַרפט אויפגעשטעלט ווערן אין לובלינער געגנט, אין אוממיטלבאַרער שכנות פון זיין שטאַב, ביי די עקזיסטירנדיקע עס=עסישע אַרבעטס=לאַגערן.

---

[14] פיל יידישע אונטערנעמונגען אין וואַרשע האָט פאַרקאַפט די דייטשישע פירמע „טעבענס עט קאָמפּ."; וואָס האָט לויטן אויפטראָג פון די מאַכט=אָרגאַנען אין דיסטריקט אויסגעפירט די פונקציע פון אַ קאָמיסאַר און האָט קאָנטראָלירט די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די שאָפּן, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן וואַרשעווער יודענראַט.

[15] הימלערס טעלעפאָנאָגראַם צו פּאָהלן פון 1942.12.1, אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. IV, ז. 802.

[16] אַקטן, דצ. 37, דאָקומ. 411.

אין פאַרלויף פון דעצעמבער 1942 זענען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען אויפן גאַנצן געביט פון דער גענעראַל־גובערניע צו שאַפן די גייע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. גלייכצייטיק האָבן פאַהל צוזאַמען מיטן שעף פון שטאַב „וו“ האָבערגן זיך פאַרשטענדיקט מיט גלאָבאָצניקן וועגן צענטראַליזירן די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די לאַגערן[17], און כדי צו מאַסקירן דעם פעלקערמערדערישן כאַראַקטער פון די אונטערנעמונגען, שאַפן פון זיי, לויט דעם אַלטן רויב־סיסטעם אויף די אָקופּירטע געביטן, א געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די געזעלשאַפט האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען „אָסטאינדוסטרי“ („אָסטי“).

3. די אַנטיפאַשיסטישע ווידערשטאַנד-באַוועגונג און דער גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג

איינער פון די פאַקטאָרן, וואָס האָבן צוגעאײַלט הימלערס דעציזיע וועגן ליקווידירן די געטאָס און איבערטראַנספּאָרטירן די רעשטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ספּעציעלע לאַגערן, באַוואַכטע דורך דער עס־עס, איז געווען דער סטאַבילער וווּקס פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אויף די אָקופּירטע סאָוויעטישע און פּוילישע געביטן און די מורא, אַז זי זאָל נישט אַרומכאַפּן די גאַנצע, הגם איזאָלירטע, יידישע באַפעלקערונג. „דער היטלערישער אימפּעריאַליזם האָט פאַרכאַפּט גרויסע שטחים אין אייראָפּע, אָבער ער האָט נישט צעבראָכן דעם ווילן פון די אייראָפּעישע פעלקער צום ווידערשטאַנד, — האָט געזאָגט י. סטאַלין אין באַפעל פון 1־טן מאַי 1942 י. — דער קאַמף פון די אונטערייאָכטע פעלקער קעגן דעם רעזשים פון די דייטשיש־פאַשיסטישע באַנדיטן נעמט אָן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אין אַלע אָקופּירטע לענדער זענען געוואָרן א נאָרמאַלע דערשיינונג סאַבאָטאַזש־אַקטן אין די אונטערנעמונגען פון דער קריגס־אינדוסטריע, אויפרייסן פון מאַגאַזינען, קאַטאַסטראָפעס מיט דייטשישע מיליטערישע צוגן, הרגענען דייטשישע זעלנער און אָפיצירן“.[1]

באַאומרואיקנדיקע ידיעות זענען אָנגעקומען קודם־כּל פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע וועגן דעם אויסברייטערן זיך פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וועגן דער טעטיקייט פון די העלדישע קאַמפס־גרופּן אין הינטערלאַנד פון דער דייטשישער אר־

[17] אקטן פון פאַהלס פּראָצעס, האָבערגס פאַרטיידיקונג, ז. 47; דאָקום. נ.אָ. — 1035, האָבערגס קאָרעספּאָנדענץ פון סוף דעצעמבער 1942 צו פאַהלן און מוירערן.

[1] י. סטאַלין: „וועגן דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה“, ז. 35—36.

מיי, וועגן די סאַבאָטאַזש=אַקטן און שאָדנס, וועלכע עס האָט געליטן די אָקופּאַציע=מאַכט.

נישט קיין קלײנער איז געווען דער אָנטייל פון ייִדן אין דער ווידערשטאַנד=באַוועגונג. דער געוואַלדיקער באַגער פון נקמה פאַר די באַגאַנגענע עוולות, דער קאַמפס=ווילן קעגן דעם אַלגעמיין פאַראַכטעטן שונא האָט געשטויסן די ייִדישע מאַסן אין די פּאַרטיזאַנער=אָפּטיילונגען. וועגן דעם אומאויפהערלעכן וווּקס פון דער פּאַרטיזאַנער=באַוועגונג און דעם אָנטייל פון ייִדן אין איר דערמאָנט שוין היידריך אין זײַנע באַריכטן וועגן דער פאַרברעכערישער טעטיקייט פון די אָפּעראַציאָנס=גרופּן אין פרילינג 1942.[2] זייערע העלדישע אַרויסטריטן אין ווייסרוסלאַנד דערמאָנט אויך קובע אין ציטירטן בריוו צו לאָהזע פון 31=טן יולי 1942.

ענלעכע ידיעות זענען אָנגעקומען פון אוקראַינע וועגן די קאַמפן, וועלכע עס האָבן דאָרט געפירט די פּאַרטיזאַנער=אָטריאַדן מיט די סטאַציאָנירנדיקע פּאָליציי=באַטאַליאָנען. דער פאַרעפנטלעכטער דורך דער סאָוויעטישער אויסעראָרדנטלעכער קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס טאָגבוך פון 3=טן באַטאַליאָן פון 15=טן פּולק ברענגט פיל פּרטים וועגן די קאַמפן מיט די פּאַרטיזאַנער (4—24 נאָוועמבער 1942), בעת וועלכע עס זענען דערהרגעט געוואָרן אַן ערך 42.000 ייִדן אין דער געגנט פון קאָברין, בריסק, קאַרטוז=בערעזע, מאַלאָריטע און אַנדערע שטעט.[3] אַלס דאָס לעצטע איז ליקווידירט געוואָרן דאָס פּינסקער געטאָ, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער שטיץ=פּונקט פאַר די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָרט האָבן זיך געפונען וויכטיקע אונטערנעמונגען פון דער אַוויאַציע=אינדוסטריע, האָט הימלער דעם 27=טן אָקטאָבער 1942 באַפוילן דעם עס=עס=אָבערגרופּנפירער פּריצמאַנען, דעם העכערן עס=עס= און פּאָליציי=פירער פון אָקופּירטן אוקראַינע, תיכף צו ליקווידירן דאָס געטאָ, „נישט געקוקט אויף די ווירטשאַפטלעכע באַוואָרענישן". הימלער האָט באַטאָנט, אַז מען וואָלט אפשר געקאָנט איבערלאָזן 1.000 ייִדישע אַרבעטער אונטערן באַדינג, אַז זיי וועלן זײַן שטרענג איזאָלירט אין פאַרמאַכטן געטאָ. אויב אָבער, — שטרייכט אונטער הימלער, — די השגחה איבער זיי טרעפט אָן אויף שוועריקייטן, דאַרף מען זיי אויך ליקווידירן, מחמת אין געטאָ געפינט זיך אַ צענטראַלע פון דער פּאַרטיזאַנער=באַוועגונג.[4] שוין

---

[2] נירענבערג. דאָקום. פּ.ס. — 3876, היידריכס ראַפּאָרטן פון 2.27 און 1942.4.23. היידריך שרייבט, אַז „...די פּאַרטיזאַנער=באַוועגונג וואַקסט כסדר אויף אַלע פראָנטן און אין די זומער=חדשים וועט זי זיך פאַרשטאַרקן...".

[3] דאָקומענטי אָבוויניאַיוט". I, (1945), ז. 10—34.

[4] אַקטן דצ. 21, הימלערס באַפעל צו פּריצמאַנען פון 1942.10.27. אין איינקלאַנג מיט הימלערס באַפעל האָט מען זינט דער העלפט 1942 אין די אָפיציעלע דאָקומענטן נישט באַנוצט דאָס וואָרט „פּאַרטיזאַן", אָדער „פּאַרטיזאַנער=באַוועגונג", נאָר „רויבער", „באַנדיט", „דאָקומענטי אָבוויניאַיוט", ז. 8.

אין די נאָענטסטע טעג (28—30 אָקטאָבער) האָבן די היטלעריסטן ליקווידירט דאָס פינסקער געטאָ.[5]

אויף דער כוואַליע פון דער פאַרשטאַרקטער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד=באַוועגונג אויף די סאָוויעטישע געביטן איז אויך געוואַקסן און האָט זיך געקרעפטיקט די ווידערשטאַנד=באַוועגונג אויף די פוילישע געביטן, בפרט אין דער גענ.=גובערניע. ד"ר רינגעלבלום פאַרצייכנט אין זיינע נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ, אַז ווען אין געטאָ זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן די העלדישקייטן פון דער רויטער אַרמיי הינטער מאָסקווע, האָט זיך אויף אַלעמענס ליפּן באַוויזן אַ ניי וואָרט: „זעלבסטפאַרטיידיקונג".

די גובערנאַטאָרן פון אַלע דיסטריקטן האָבן ראַפּאָרטירט דער רעגירונג אין קראָקע אין דער צווייטער העלפט 1942 וועגן אַ שטאַרקן וווּקס פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס האָט אָנגענומען אַ פאָרם שוין נישט פון בלויז אַ פּאַסיוון, נאָר פון אַן אָרגאַניזירטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וואָס האָט געבונדן די מיליטערישע און פּאָליציייאישע כוחות פון אָקופּאַנט.[6] אזוי, למשל, האָט דער גובערנאַטאָר פישער אין זיינע חודש=ראַפּאָרטן באַריכטעט וועגן דער כסדרדיקער פאַרערגערונג פון דער זיכערהייטס=לאַגע אין דיסטריקט, וועגן פיל סאַבאָטאַזש=אַקטן אויף די באַנען, וועגן אָנפאַל אויפן קאַפע=קלוב אין וואַרשע, וועגן אונטערצינדן די מיליטערישע מאגאזינען א.אז.וו.[7]

ווי עס דרינגט פון דער אונטערערדישער פּרעסע און אַנדערע מקורים, האָט די גוואַרדיא לודאָווא אויסגעפירט ביזן סוף 1942, בפרט אין יאַנואַר 1943, עטלעכע צענדליק סאַבאָטאַזש=אַקטן, צעקלאַפּט אייניקע פּאָסטנס פון דער היטלערישער פּאָליציי, אונטערגעצונדן פיל מיליטערישע אוןווירטשאַפטלעכע אָביעקטן, געפירט באַוואָפנטע קאַמפן אין די ליפּאָווסקער און יאַנאָווער וועלדער א.אז.וו. אַ פאַרשטאַרקונג פון דער ווידערשטאַנד=באַוועגונג און פון דער טעטיקייט פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" פאַרצייכענען מיר בעת די באַרבאַרישע אויסזידלונגען פון זאמאָשטשער געביט.[8] די פוילישע באַפעלקערונג האָט איצט געלעכצט צום קאמף

[5] רצ"ו, ז. 34, רעלאַציעס פון פּאָליציי=קאָמענדאַנטן וועגן דער מאַסן=ליקווידאַציע פון יידן אין פינסק.

[6] הימלערס באַפעל צו קריגערן פון 1942.8.17, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „Nachdem alle Verbände des SS und Polizei zur Bereinigung der Bandentätigkeit im G.G. und in den besetzten Gebieten angespannt sind und wohl auch in Zukunft damit befasst sein werden, ordne ich mit Genehmigung des Führers zur Verstärkung dieser Kräfte..."

נירענב. דאָקומענט. נ.אָ. — 3316.

[7] חודש=באַריכט פון וואַרשעווער גובערנאַטאָר פאַר אָקטאָבער 1942 — יאַנואַר 1943.

[8] פ. ווזשוויאַק: „פּפּר אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג", ז. 92.



הימלערס באפעל וועגן דער ליקווידאציע פון פינסקער געטאָ אלס צענטער פון פארטיזאנער באַוועגונג

קעגן אַקופּאַנט, ווייל די אויסזידלונגען און די פעלקערמערדערישע מעטאָדן, וואָס זענען בעת די אַקציעס אָנגעווענדט געוואָרן, האָבן איר דערמאָנט די פאַרברע־כערישע מעטאָדן פון דער יידן־אויסראָטונג.

וועגן די שטימונגען צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג בעת די מערדער־לעכע אַקציעס אין זאַמאָשטשער געביט דערמאָנט דער געהיימער באַריכט, וועלכן עס האָט צונעשטעלט דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל פון דער גענ.־גובערניע־רעגירונג: „...די גאַנצע שטאָט איז דערשיטערט צוליב דער אַקציע. פיל פּאָליאַקן זאָגן: צי זענען מיר נישט געווען גערעכט, אַז עס רוקט זיך אָן די דעפּאָרטאַציע אויף יענער זייט בוג..". דער פאַקט, וואָס מען האָט רעגיסטרירט די באַפעלקערונג לויט על־טער און געשלעכט, וואָס מען האָט דערלויבט מיטצונעמען בלויז 25 קג. באַגאַזש, האָט ביי אַלעמען דערמאָנט די אַקציעס קעגן יידן. „דאָס איז אַ ראיה, — האָט געזאָגט די באַפעלקערונג, — אַז עס זעט זיך פאַר קעגן די פּאָליאַקן אַזאַ אַקציע, ווי קעגן די יידן. איצט האַלט דערביי, אַז די פּאָליאַקן זאָלן פאַרנוצט ווערן פאַר זייף־פּראָדוקציע, פּונקט ווי יידן".[9]

אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געלאָפן פון די געטאָס אין די וועלדער, צו די קאַמפס־גרופּן. די ראַפּאָרטן פון פישערן און פון דעם לובלינער גובערנאַטאָר צערנער דערמאָנען אָפט וועגן אָנטייל פון יידן אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. אַזוי, צ. ב., דערמאָנט דער אַרבעטס־אַמט אין לוקאָוו אין זיין באַריכט פון אָקטאָבער 1942, אַז „פון אַלע זייטן באַשטעטיקט מען, אַז די אַנטלאָפענע (פון די געטאָס) יידן אָרגאַניזירן זיך אין באַנדעס און אַנטוויקלען אַ שטאַרקע טעטיקייט".[10] ווייטער באַריכטעט דער אַרבעטס־אַמט, אַז אַן אָפּטיילונג פון 80 יידן איז אָנגעפאַלן אויף אַ פּאָליציי־פּאָסטן אין אַדאַמאָוו (לוקאָווער קרייז) און דער־שאָסן אייניקע מאַן. וועגן אָנטייל פון יידן אין „באַנדעס" אין דער געגנט פון פּולאַווו דערמאָנט אויך צערנער אין זיין באַריכט פון 25־טן יאַנואַר 1943.[11]

ענלעכע ידיעות זענען אָנגעקומען פון וואַרשעווער,[12] ראַדאָמער און קראָקע־ווער דיסטריקטן. אין קראָקע, צ. ב., האָבן די פּוילישע און יידישע גוואַרדיסטן דורכגעפירט אין אָקטאָבער 1942 אַן אָנפאַל אויפן אָפיצירן־קלוב פון דער ווער־מאַכט און עס־עס. אַן ענלעכע סיטואַציע אויף דעם קאַמפס־אָפּשניט איז געווען אין ביאַליסטאָקער באַצירק. די ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען אין יאַנואַר 1942 פון מזרח־פראָנט, האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די קאַמפס־שטימונגען צווישן דער פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג.

---

[9] מ. וויינרייך, דצ"ו, ז. 279.

[10] אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן מ./58, ז. 18

[11] בולעטין פון ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. II. ז. 26.

[12] אַרכיוו פון יי.ה.א., רינג. II, ידיעות נר. 5, אינפאָרמאַציעס וועגן פּאַרטיזאַ־נער־אָפּטיילונגען אין דער געגנט פון יאַדאָוו און ראַדזימין.

די אַלע ידיעות פון די גובערנאַטאָרן און זיכערהייטס־פּאָליציי וועגן דער צו־זאַמענאַרבעט פון דער פּוילישער און יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, גיסט געקוקט אויף דער שטאַרקער איזאָלאַציע פון די יידן אין די געטאָס, האָבן פאַר־שטענדלעך אַרויסגערופן אַ גרויסע באַאומרואיקונג צווישן די היטלעריסטישע מאַכט־פאַקטאָרן. נאָך אַ גרעסערע שרעק האָבן אַרויסגערופן די ידיעות, דער־האַלטענע פון די אינדוסטריע־צענטרען, בפרט פון וואַרשע. דעם 11־טן יאַנואַר 1943 האָט הימלער געשריבן צום געסטאַפּאָ־שעף מילער: „די טעטיקייט פון די סאַבאָטאַזש־באַנדעס אין דער גענ.־גובערניע איז אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסן, אַז מיר מוזן זיך פאַרטראַכטן, וויאַזוי דאָס צו פאַרהיטן... די הויפּט־נעסט פון די אַלע אָנפאַלן און באַנדעס איז פאַרשטענדלעך דער פּראָלעטאַריאַט פון אַזאַ ריזי־קער שטאָט ווי וואַרשע. אידענטיש שטעלט זיך פאָר די לאַגע מיטן פּויערישן פּראָ־לעטאַריאַט אויף דער פּראָווינץ...“ [13]

די מעגלעכקייט פון פאַרשטענדיקונג און צוזאַמענאַרבעט פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ מיטן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און לינקער אינטעליגענץ, מיט דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ“ — האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ גרויסע געפאַר פאַרן אָקופּאַנט. די געפאַר איז געוועזן נאָך גרעסער, וואָס אַנאַ־לאָגיעס וועגן דער לאַגע און גורל פון ביידע פעלקער האָבן געקאָנט פאַראייניקן זייערע כוחות צום געמיינזאַמען אַנטיפאַשיסטישן קאַמף. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט גוט געוווסט וועגן דער עקזיסטענץ אין געטאָ פון אַ פּפּר־אָרגאַניזאַציע, קאַמפס־גרופּן און וועגן דער הילף, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער פּפּר אין פאָרם פון געווער, אַמוניציע, אינסטרוקטאַזש א.אז.וו., וועגן דער פּאָליטישער צוזאַמענ־אַרבעט פון דער יידישער און פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט אויך געוווסט וועגן דעם קאַמף, וואָס די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט געפירט קעגן אַלע אָפענע און פאַרמאַסקירטע פאַרעטער און געסטאַפּאָ־אַגענטן. זי האָט אויך געוווסט וועגן דעם טויט־אורטייל, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אויף שערינסקין, דעם פאַרהאַסטן פּאָליציי־קאָמענדאַנט, און וועגן פּרוון פון ענלעכע נקמה־אַקטן אויף אַנדערע געטאָ־גדולים.

די אַלץ ענגערע פאַרבונדנקייט פון זשאָ“ב מיט דער פּפּר און „גוואַרדיאַ לודאָוואַ“ איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן צוגעאײַלט הימלערס דעצי־זיע וועגן דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער און אַנדערע געטאָס אין דער גענ.־גובערניע.

די אָקופּאַציע־מאַכט האָט זיך באַמיט אַרויסצורייסן קודם־כל די יידישע באַפעלקערונג פון איר נאַטירלעכער סביבה, אָוועקנעמען ביי איר דאָס הינטערלאַנד און הילף פון דער פּוילישער לינקער באַוועגונג און אַזוי אַרום אָפּשוואַכן און צע־

---

[13] בױלעטין פון ה.ק.פּ.ה.פּ.. — ב. IV, ז. 59.

ברעכן דעם אַנטיפּאַשיסטישן קאַמפּס־פראָנט. ווען קיין בערלין זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ אין די טעג פון 18—21 יאַנואַר 1943, האָבן זיך די היטלעריסטן אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון, אַז דער פאַקט קאָן האָבן גאָר טרויעריקע פאָלגן. הימלער האָט דעמלט מיטן באַפעל פון 16־טן פעברואַר 1943 באַאויפטראַגט קריגערן פולשטענדיק צו פאַרניכטן דאָס געטאָ „צוליב זיכערהייטס־טעמים". „די צעשטערונג פון געטאָ, — מאָטיווירט הימלער, — איז אַ נויטווענדיקייט, ווייל אַנדערש וועלן מיר קיינמאָל נישט באַרואיקן וואַרשע. אין פאַל פון איבערלאָזן דאָס געטאָ, וועלן מיר נישט קאָנען אויסראָטן דאָס פאַרברעכערטום". דעריבער — באַטאָנט הימלער — מוז דאָס געטאָ פאַרשווינדן פון דער ערד־אויבערפלאַך און דאָס מיליאָניקע וואַרשע, וואָס איז „תמיד א געפערלעכע נעסט פון צעשטערונג און מרידה", מוז שטאַרק פאַרקלענערט ווערן.[14]

4. די לאַגע אין די באַזונדערע פּראָווינצן

נאָכן באַקענען זיך מיט די פאַקטאָרן, וואָס האָבן באַאיינפלוסט די פּאָליטיק פון די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, קאָנען מיר צוטרעטן פאַרצושטעלן גענויער די דאָזיקע פּאָליטיק אין די באַזונדערע אָקופּירטע פּוילישע געביטן. דאָס וועט אונדז דערלויבן בעסער אויפקלערן די וואַקלונגען אין דער דאָזיקער פאַרברעכערישער פּאָליטיק, וואָס זענען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון דער דעמאָלטיקער ווירקלעכקייט.

I גענעראַל־גובערניע

א. לובלינער דיסטריקט

אין לובלינער דיסטריקט איז די ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג כמעט שוין געווען פאַרענדיקט אין נאָוועמבער 1942 יאָר. די כוואַליעס פון פאַרטיליקן די יידן זענען דאָ — אויפן געביט, וואָס איז געווען אוממיטלבאַר קאָנטראָלירט דורך גלאָבאָצניקן — פאָרגעקומען כמעט אָן איבעררייס פון פרילינג ביז שפּעטן האַרבסט 1942 יאָר. קריגערס פאַראָרדענונג פון 28־טן אָקטאָבער 1942, וואָס דערלויבט, אַז עס זאָלן איבערבלייבן 8 געטאָס אין לובלינער דיסטריקט, איז פאַקטיש געווען אַ פּולאַפּקע פאַר די יידן, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט אויס־

---

[14] נירענב. דאָקומענט נ.א. — 2494.

באַהאַלטן. אויך די עטלעכע געטאָס זענען אינגיכן ליקווידירט געוואָרן: אייניקע אין יאָר 1942 און די איבעריקע — אין די ערשטע חדשים פון 1943 יאָר.

אין רעזולטאַט האָט זיך די אַלגעמיינע צאָל פון 250.000 יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דיסטריקט אין אַפּריל 1941 י., פאַרקלענערט אין דער העלפט 1942 י. ביז אויף 190 טויזנט,[1] און ביים סוף פון יאָר, לויט אָפיציעלע קוועלן, האָט זי באַטראָפן אַן ערך 20.000 נפשות.[2] די יידן האָבן זיך געפונען אין פאַרשידענע לאַגערן: אין מיידאַנעק, אין די „אוסריסטונגס-ווערקע“ און „בעקליידונגסווערקע“ אין לובלין; מען האָט זיי איבערגעשיקט קיין טראַווניק, פּאָניאַטאָוו און אַנדערע קלענערע לאַגערן און אויך אין די איינגעשרומפּענע געטאָס אין לוקאָוו, מעזריטש, לענטשנע, בעלזשעץ, דעמבלין, הרוביעשאָוו, קראַשניק און אַנדערע. פון די אויסגערעכנטע לאַגערן זענען די קלענערע שוין ליקווידירט געוואָרן אין דער ערשטער העלפט פון 1943 יאָר, און די יידישע אַרעסטאַנטן זענען איבערטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין די גרעסערע לאַגערן און קיין מיידאַנעק.

אין פּראָצעס פון ליקווידירן די יידישע באַפעלקערונג אין לובלינער דיסטריקט האָט גלאָבאָצניק אין הסכם מיט דעם אויבן ציטירטן באַפעל פון הימלערן קאָנצענטרירט די אויסגעסעלעקציאָנירטע באַפעלקערונג אין די עס-עסישע אַרבעטס-לאַגערן. דאָס צוריקציען די יידישע אַרבעטער פון די פּריוואַטע דייטשישע אונטערנעמונגען און מיליטערישע אַנשטאַלטן האָט גורם געווען, אַז זיי זאָלן טיילווייז ליקווידירט ווערן. די באַוואָפענונגס-אונטערנעמונגען, אָרגאַניזירטע אין געטאָ גופא, האָבן זיך אינגאַנצן ליקווידירט און די מאַשינען און רוישטאָפן זענען איבערגענומען געוואָרן דורך דער עס-עס פאַר די נייע אַרבעטס-לאַגערן. דאָס האָט אַרויסגערופן ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן אין דעם דיסטריקט.[3] די דייטשישע פירמעס, וואָס האָבן געצויגן גרויסע רווחים פון דער שקלאַפישער אַרבעט און געוואָלט איינהאַלטן די יידישע אַרבעטער אין זייערע אונטערנעמונגען, האָבן זיך געווענדט צו די אַרבעטס-אַמטן, זיי זאָלן אינטערווענירן לטובת זיי.

אַ בולטער ביישפּיל פון גלאָבאָצניקס ווירטשאַפטלעכע פּאַראינטערעסירונגען קאָן זיין דאָס ליקווידירן די מעזריטשער באַרשטן-אונטערנעמונגען. מעזריטש איז פון לאַנגע יאָרן געווען דער צענטער פון דער באַרשטן-אינדוסטריע אין פּוילן. פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה איז אין דער דאָזיקער אינדוסטריע געווען באַ-

[1] אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן 50/אַ, ז. 11. סטאַטיסטישע דאַטעס וועגן דער באַפעלקערונג אין לובלינער דיסטריקט אין יולי 1942.

[2] רעפּעראַט פון קאָרהערערן „די ענדלעזונג דער עוראָפּעישן יודענפראגע“, באַארבעט אויף הימלערס באַפעל פון 18.1.1943, קאָפּיע אין אַרכיוו פון יי.ה.א.

[3] אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן 48/אַ, ז. 79, באַריכט פון אַרבעטס-ראַט אין לובלין פון אָקטאָבער 1942.

שעפטיקט אַ גרעסערע צאָל יידישע אַרבעטער און כאַלופּניקעס. אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע האָבן די דייטשישע פירמעס און די טרויהענדער־קאָמיסאַרן איבערגענומען אַלע קליינע פאַבריקן אין מעזריטש און אָרגאַניזירט אַ גרויסע באַרשטן־אונטערנעמונג.

אין דער צייט פון דער דריטער אויסזידלונג פון די מעזריטשער יידן (27. 10 1942) זענען אין די באַרשטן־וואַרשטאַטן געווען באַשעפטיקט העכער 900 קוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטער.[4] די אונטערנעמונג האָט זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון דער באַוואָפענונגס־אינספּעקציע אין וואַרשעווער דיסטריקט, ווייל די פּראָדוקציע איז געגאַנגען אויסשליסלעך פאַר די געברויכן פון דער אַרמיי. כדי צו פאַרהיטן די דאָזיקע אונטערנעמונג פון פאַרלירן די אַרבעטס־כוחות, האָט די אינספּעקציע אַרויסגעגעבן דעם 15־טן אָקטאָבער אַ ספּעציעלע באַשטעטיקונג וועגן דער וויכטיקייט פון איר פּראָדוקציע, און אויפן סמך פון דעם האָט זיך די אונטערנעמונג געווענדט צום בירגערמייסטער פון מעזריטש און אויך צום 25־טן פּולק פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי אין ראַדזין מיט דער בקשה צו פאַרטיידיקן אירע אינטערעסן. „אויפן אָרט פון די באַשעפטיקטע יידישע אַרבעטס־כוחות, — לייענען מיר אין בריוו פון 27־טן אָקטאָבער, — קאָן מען איצט נישט באַקומען קיין כוחות צום פאַרטרעטן. קיין ענלעכע אונטערנעמונגען זענען נישט פאַראַן אין דער גאַנצער גענ.־גובערניע... כדי צו קאָנען אויספירן די מיליטערישע באַשטעלונגען, איז אומבאַדינגט נייטיק דערווייל צו פאַרהאַלטן אַלע קוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטער".[5] דער באַפולמעכטיקטער פון דער אונטערנעמונג פאַררופט זיך דערביי אויף דעם פּאָזיטיוון ענטפער אויף זיין ווענדונג צום גובערנאַטאָר פון לובלינער דיסטריקט פון 21־טן אָקטאָבער 1942.[6]

אָבער דער גורל פון די אונטערנעמונגען אין שוין געווען געחתמעט. די באַרשטן־פאַבריק אין מעזריטש האָבן צוזאַמען מיט די באַשעפטיקטע יידישע אַרבעטער געדאַרפט איבערגעפירט ווערן אין עס־עסישן לאַגער און זיין אַ באַשטאַנדטייל פון דער נעזעלשאַפט „אָסטי". פאַקטיש איז שוין צום סוף דעצעמבער 1942 י. דער גרעסטער טייל אַרבעטער, אַן ערך 500, צוזאמען מיט די פאַבריקס־איינריכטונגען איבערטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין טראַווניק.[7]

---

[4] דצ"וו, ז. 21, קאָרעספּאָנדענץ פון קאָמיסאר פון דער בערשטן־פאבריק (10.21. 1942) צום בירגערמייסטער אין מעזריטש.

[5] דצ"וו.

[6] פייגענבוים: „פּאָדליאסיע אין אומקום", 1948; אקטן: מעזריטש אין ארכיוו פון יי.ה.א.

[7] אויספירלעכער וועגן אומקום פון יידן אין לובלינער דיסטריקט אין ארטיקל פון ט. ברוסטין־בערענשטיין אין „בלעטער פאר געשיכטע", ב. III, ה. 1—2, ז. 65—75.

ב. וואַרשעווער דיסטריקט

דעם יסוד פון די נייע לובלינער קאָנצענטראַציע=לאַגערן האָבן געדאַרפט בילדן די פּראָדוציר=כוחות פון וואַרשעווער געטאָ. דאָ האָבן זיך געפונען גרויסע אונטערנעמונגען פון דער באַקלייד=אינדוסטריע (וו. טעבענס און קאָמפּ.), אַנשטאַלטן פון פוטער=, טריקאָטאַזש= און שיך=אויסאַרבעטונגען (שולץ און קאָמפּ.), ווארשטאַטן פון דער ווערמאַכט (א. ג. העערעס=אונטערקונפט=פערוואלטונג), ווארשטאַטן (שאָפּן) פון די בערשטער, רימער=וואַרשטאַטן (בראַוער), סטאָליער=ווארשטאטן (האַלמאַן) און אנד. די אלע אונטערנעמונגען האָבן געדארפט אין הסכם מיט הימלערס באַפעל צוזאַמען מיט דער באַשעפטיקטער יידישער אַרבעטס=קראַפט איבערטראַנספּאָרטירט ווערן אין די שוין עקזיסטירנדיקע אָדער נייע לאַגערן אין לובלינער געגנט.

נאָך דער מערדערישער זומער=אַקציע האָט וואַרשע דורכגעמאַכט אַ געוויסע ציַיטווייליקע „באַרואיקונג“. אין צווישנצייט איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע פון אַנדערע יידישע ישובים אין וואַרשעווער דיסטריקט, און דעמלט האָט קריגער באַשטימט פאַרן דיסטריקט 6 שטעט, אין וועלכע עס וועלן בלייבן געטאָס. אָבער אין קורצן זענען, פונקט ווי אין אַנדערע דיסטריקטן, אויך די געטאָס ליקווידירט געוואָרן. די יידן האָט מען איבערטראַנספּאָרטירט קיין טרעבלינקע. בלויז קליינע גרופּן זענען איבערגעזידלט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ. אין נאָוועמבער 1942 האָט מען ליקווידירט די קלענערע לאַגערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַרשעווער דיסטריקט, און די יידישע לאַגער=אסורים איבערגעשיקט קיין וואַרשע. אַזוי=אַרום האָט מען דעם גאַנצן וואַרשעווער דיסטריקט, מיטן אויסנאַם פון וואַרשע, געמאַכט „יידן=ריין“.[8]

אַ גרעסערע צאָל יידישע צוואַנג=אַרבעטער איז געווען באַשעפטיקט ביים פאַרריכטן די וועגן אויפן מזרח=וואָקזאַל,[9] אויפן פלי=פּלאַץ אין אָקענטשע, אויף דער פּאָסט, מיליטערישע און עס=עסישע אונטערנעמונגען.[10] צוליב „זיכערהייטס“=טעמים האָט די געסטאַפּאָ כסדר פאַרקלענערט די צאָל יידן, באַשעפטיקטע אין די דערמאָנטע פּלאַצוווקעס אויסערן געטאָ.

---

[8] אויספירלעכער וועגן דער ליקווידאַציע פון די יידישע ישובים אין וואַרשעווער דיסטריקט אין ארטיקל פון ט. ברוסטין=בערענשטיין („בלעטער פאַר געשיכטע“, ב. IV, ה. 2, ז. 116—117.

[9] סוף סעפּטעמבער 1942 האָבן אויפן מזרח=וואָקזאַל געאַרבעט — לויט דער רעלאַציע פון גערטייסן — אַן ערך 24.000 יידישע אַרבעטער. פראַנקס טאָגבוך, ב. XXI (1942), ז. 1020.

[10] גבית=עדות פון פראַנץ קאָנראַד אין אַרכיוו פון יי.ה.א., ז. 50—52.

דאָס פאַרבלייבן פון וואַרשעווער געטאָ איז אויך געווען בלויז אַ ציים=פראַגע. אין דעצעמבער זענען געמאַכט געוואָרן אַלע צוגרייטונגען צו זיין ליקווידאַציע, אין הסכם מיט הימלערס דערמאָנטן באַפעל האָט פּאָהל אַרויסגעשיקט דעם 4=טן דעצעמבער 1942 אַ נייעם באַפעל, לויט וועלכן אַלע מאַשינען אין געטאָ האָבן געדאַרפט קאָנצענטרירט ווערן אין עטלעכע פונקטן, און ספּעציעלע פאַכמענער פון פּאָהלס הויפּט=אַמט האָבן געדאַרפט זיי איבערקוקן. די מאַשינען, וואָס טויגן פאַר דער פּראָדוקציע, האָבן געדאַרפט אויסגענוצט ווערן אין די עס=עס=אונטערגעמונגען אָדער מאַגאַזינירט ווערן ביז צום אַנטשטיין פון נייע אַרבעטס=לאַגערן. די אָפּגענוצטע מאַשינען האָט מען געדאַרפט איבערווייזן דער באַוואָפענונגס=אינספּעקציע אָדער פאַרקויפן אויף ברוך. פּאָהל, אינפאָרמירנדיק וועגן דעם הימלערן, האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז ביז צום 7=טן דעצעמבער וועט זיך אים איינגעבן אַרויסצונעמען פון דער פּראָדוקציע אַלע מאַשינען אין וואַרשעווער געטאָ און דורכפירן זייער דעמאָנטאַזש.[11] דעם 5=טן דעצעמבער האָט הימלער געגעבן זיין הסכמה אויף פּאָהלס פּראָיעקט.[12]

דער ענין האָט אָבער אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן פון ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. די באַוואָפענונגס=פירמעס אין וואַרשע, וואָס האָבן אין יענער צייט באַשעפטיקט צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער, האָבן פאַרלאַנגט צו פּראָלאָנגירן דעם טערמין, ווייל אַ תיכפדיקער דעמאָנטאַזש פון די פאַבריקן האָט זיי אוממעגלעך געמאַכט דאָס אויספירן די טערמיניקע באַשטעלונגען פאַר דער אַרמיי.[13] לויט די דערקלערונגען פון פישערן, דעם גובערנאַטאָר פון וואַרשעווער דיסטריקט, האָט דער פאָרשטייער פון דער באַוואָפענונגס=אינספּעקציע, פּולקאָווניק פרעטטער, אינטערווענירט אין נאָמען פון די פירמעס ביי דער זיכערהייטס=פּאָליציי. שוין בעת דער גרויסער אויסזידלונגס=אקציע אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער געמאַכט אָנשטרענגונגען איינצוהאַלטן אַ טייל באַשעפטיקטע יידן אין די באַוואָפענונגס=אַנשטאַלטן. פישער דערמאָנט, אַז פרעטטערן האָט זיך איינגעגעבן בלויז דאָס צו פועלן, אַז דאָס דעמאָנטירן די געטאָ=פאַבריקן, וואָס פירן אויס די באַשטעלונגען פאַר דער אַרמיי, זאָל פאָרקומען לאַנגזאַמער, ווי דאָס איז געווען פאָרויסגעזען.[14]

ווייזט אויס, אַז אויך די באַשטימטע טערמינען האָבן נישט געקאָנט איינגעהאַלטן ווערן, וואָרעם הימלער האָט בעת זיין באַזוך אין וואַרשע אין אָנהייב יאַנואַר 1943 געהייסן פרעטטערן מיטטיילן דעם גענ. שינדלער, דעם שעף פון

[11] אקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. IV, ז. 802.

[12] דצ"ו, ב. IV, ז. 803.

[13] דצ"ו, ב. IV, ז 843; אורטייל אין פּאָהלס פּראָצעס, ז. 7078.

[14] גבית=עדות פון פישערן אין די אקטן פון זיין פּראָצעס.

דער באַוואָפענונגס-אינספעקציע אין דער גענ.-גובערניע, „אַז ער איז פאַרוווּנדערט, וואָס מען האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו זיינע פאַראָרדענונגען" בנוגע דעמאָנטירן די פאַבריקן.[15]

וועגן זיין פּראָטעסט איז הימלער מודיע קריגערן אין א געהיימען בריוו פון 9-טן יאַנואַר 1943 און גיט אים גלייכצייטיק אַרויס פּאָלגנדיקן באַפעל: גלייך אויסשליסן די פּריוואַטע דייטשישע פירמעס אין געטאָ פון פּראָדוקציע-פּראָצעס. לויט הימלערס אָפּשאַצונג געפינען זיך אין געטאָ 40.000 יידן. פון דער צאָל וועלן 8.000 אַרויספאָרן אין די נאָענטסטע טעג — הימלער האָט דאָ אין זינען די שוין פאַראָרדנטע אויסזידלונגס-אקציע אויף דעם 18-טן יאנואר — די איבעריקע 32.000 זענען באשעפטיקט אין די באַוואָפענונגס-אונטערנעמונגען, און פון זיי ארבעטן 24.110 אין די אונטערנעמונגען פון דער טעקסטיל- און לעדער-אינדוסטריע און קודם-כל אין דער פירמע טעבענס און קאָמפּ. הימלער דערמאָנט, אגב, אַז די פירמעס האָבן זיך אדאנק דער ביליקער יידישער אַרבעטס-קראַפט אַרויפגעאַרבעט צו קאָלאָסאַלע פּאַרמעגנס און זענען פאראינטערעסירט אייגנצוהאַלטן דעם יידישן אַרבעטס-כוח און ווייטער פירן די אונטערנעמונגען. הימלער באַטאָנט, אַז ער האָט געהייסן דעם הויפּט-זיכערהייטס-אַמט פון רייך אויספאָרשן דעם געשעפטס-מצב פון דער פירמע טעבענס דורך בוכהאַלטערן-רעוויזאָרן.

ווייטער האָט הימלער באַפוילן קריגערן דורכצופירן די ליקווידאציע פון אַלע קלענערע אונטערנעמונגען אין געטאָ, וואָס ארבעטן אויס טיילן צו מאַשינען אָדער צו אַעראָפּלאַנען. די פאַבריק-איינריכטונגען פון די געטאָ-אונטערנעמונגען, — באַפעלט הימלער, — „דאַרף מען ווי אַמשנעלסטן צוזאמענגעמען און וועלכן עס איז אָרט אין דער גענ.-גובערניע, כדי צו באקומען דאָ אַן אַנשטאַלט פון עטלעכע האַלעס, וואָס וועלן זיין באזעצט אויסשליסלעך מיט יידישע אַרבעטער, און וועגן דער אויפזיכט איבער זיי און זייער איזאָלירונג דאַרף מען זיך ווי אַמשטרענגסטן זאָרגן".[16]

אין צוזאמענהאַנג מיטן ליקווידירן די אונטערנעמונגען אין ווארשעווער געטאָ, האָט הימלער באַפוילן קריגערן גלייך אַרויסצושיקן פון געטאָ ווייטערדיקע 16.000 יידן אין דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער אין לובלין. דעם לעצטן טערמין פון דעמאָנטירן די פאַבריקן און ליקווידירן דאָס געטאָ האָט הימלער באשטימט אויף דעם 15-טן פעברואַר 1943 יאָר. אין צוזאמענהאנג דערמיט האָט הימלער געהייסן קריגערן געבן דעם גענעראַל שינדלער אין קראָקע די גאַראַנטיע, אַז די פּראָדוקציע פאַר דער אַרמיי וועט צוגעשטעלט ווערן, סיי אין פּרט פון קוואַליטעט און אויך

[15] נירענב. דאָקומענט. נ.אָ. — 1882, הימלערס געהיימער באפעל פון 9 יאנואר 1943 צו קריגערן.

[16] דצ"ו.

אין פרט פון טערמיניקן אויספירן די באַשטעלונגען און ביי ווי ווייט מעגלעך נידעריקע פרייזן. געבנדיק אַזעלכע צביעותדיקע פאַרזיכערונגען און פאַרלייגנדיק פּראָדוקציע אויף נידעריקע פרייזן, האָט הימלער געוואָלט די עסעסישע לאַגער-אונטערנעמונגען פאַרזיכערן מיט דער אונטערשטיצונג פון דער באַוואָפענונגס-אינספּעקציע בנוגע רוישטאָף-צוטיילונגען און אין באַקומען באַשטעלונגען, וואָס זענען ביז איצט צוגעטיילט געוואָרן די פּריוואַטע באַוואָפענונגס-פירמעס אין וואַרשע.

אין געהיימען בריוו פון 15-טן יאַנואַר 1943 יאָר דערמאָנט הימלער אויפסניי קריגערן און פּאָהלן וועגן דער נויטווענדיקייט פון באַלדיקן און גענויען באַאַרבעטן אַלע ענינים, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן וואַרשעווער געטאָ און באַזונדערס וועגן דעם אַרויספירן פון די מאַשינען און ווערטפולע מאַטעריאַלן.[17]

אין דער זעלבער צייט איז אויך אין בערלין ענדגילטיק באַשלאָסן געוואָרן דער ענין פון שאַפן אַ געזעלשאַפט צו עקספּלאָאַטירן די יידישע אַרבעטס-כוחות אין דער גענ.-גובערניע. די געזעלשאַפט האָט געדאַרפט אַנטשטיין, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אונטערן נאָמען „אָסטאינדוסטרי" (אָסטי). אין וופה"א איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג מיט פּאָהלן, האָכבערגן און דעם העבערן באַאַמטן פון שטאַב „W" מ. האָרן וועגן די ענינים פון דער געזעלשאַפט, וואָס דאַרף אַנטשטיין. אין רעזולטאַט זענען פון שטאַב „W" אָפּקאָמאַנדירט געוואָרן ד"ר האָרן מיט עטלעכע עסעסישע רעוויזאָרן, כדי צו פירן די ווירטשאַפטלעכע ענינים פון „אָסטי".[18] שוין דעם 20-טן יאַנואַר 1943 זענען זיי אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע און דערנאָך קיין לובלין מיטן ציל ווירטשאַפטלעך מיטצוהעלפן גלאָבאָצניקן ביים אָרגאַניזירן די נייע לאַגערן. אין הסכם מיט די דערמאָנטע באַשלוסן האָט פּאָהלס פאַרטרעטער און באַקאַנטער קריגס-פאַרברעכער, דער ס.ס.-גרופּענפירער געאָרג לערנער, אין אַ געהיימער אינסטרוקציע פון 30-טן יאַנואַר 1943 יאָר פּאָרמעל צוגעטיילט די אָרגאַניזאַטאָרן פון די נייע לאַגערן דאָס רעכט צו גענימען פונעם באַוועגלעכן יידישן פאַרמעגן פאַר די צוועקן פון „אָסטי".[19]

אינצווישן האָט דאָס אויספירן הימלערס באַפעל פון 9-טן יאַנואַר וועגן דער איבערטראַנספּאָרטירונג פון די 16 טויזנט יידישע קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון געטאָ אין די לובלינער לאַגערן אָנגעטראָפן אויף נייע נישט פאָרויסגעזעענע שוועריקייטן. ווען דער עס-עס- און פּאָליציי-פירער אין וואַרשעווער דיסטריקט פאָן

[17] נירענב. דאָקומענט. נ.אָ. — 1257, הימלערס געהיימער באַפעל פון 1943.1.15.

[18] גבית-עדות פון פּאָהלן פאַרן מיליטערישן טריבונאַל אין נירענבערג דעם 2 אַפּריל 1947.

[19] אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, טעקע באַווייזן, באַריכט פון האָרנען פון 7 מערץ 1944.

זאמערן האָט אין איינקלאַנג מיטן דערמאָנטן באַפעל פאַראָרדנט אויף דעם 18=טן יאַנואַר די „אויסזידלונג“ פון די יידן, האָט דאָס דאָס געטאָ געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. דאָס געטאָ איז שוין דעמלט געווען באַהערשט דורך דער יידישער קאַמפס=אָרגאַניזאַציע (זשאָב), וואָס איז אַנטשטאַנען אדאַנק דער איניציאַטיוו פון פפר און האָט זיך געפונען פאַקטיש אונטער איר ליטונג. זי האָט דאָס אָרגאַניזירט דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד אין די טעג פון 18 — 21 יאַנואַר און מיט אַ באַוואָפנטער ארויסטרעטונג האָט זי געצוואונגען די פּאָליציי=מאַכט איבערצורייסן די אויסזידלונגס=אַקציע. וואָס אַן אמת, האָט זיך די פּאָליציי=אָרגאַנען לויט אָפיציעלע ידיעות איינגעגעבן ארויסצושיקן אַרום 6.500 יידן פון געטאָ,[20] אָבער עס איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן, אַז דאָס געטאָ איז דעצידירט און צוגעגרייט צום ווידערשטאַנד און קאַמף. מען האָט דעריבער געזוכט אַנדערע מיטלען איבערצונעמען די פּראָדוציר=כוחות, וואָס געפינען זיך אין געטאָ.

גלאָבאָצניק, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן איבערנעמען דאָס געטאָ, האָט נאָך דעמלט געגלייבט, אַז עס וועט זיך אים איינגעבן „פרידלעך“ דורכצופירן די איבערזידלונג. צו דעם צוועק האָט גלאָבאָצניק, נאָך דעם געניטן אַרומרעדן מיט וו. צ. טעבענסן די ענינים, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אָרגאַניזירן באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען אין פּאָניאַטאָוו, געשלאָסן מיט אים אַן אָפּמאַך אין לובלין דעם 31=טן יאַנואַר 1943.[21] דער ערשטער פונקט פון אָפּמאַך שטעלט פעסט, אַז אויפן סמך פון באַפעל פון הפס"ם נעמט איבער דער פירער פון דער עסעס און פּאָליציי אין לובלין פון 1=טן פעברואַר 1943 אַלע באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען אין וואַרשע, וואָס האָבן ביז איצט געאַרבעט מיט יידישע אַרבעטס=כוחות, כדי זיי איבערצופירן אין די לאַגערן אין די לובלינער געגנט. קיין פּאָניאַטאָוו (ביי אָפּאָלע) דאַרפן איבערגעפירט ווערן אַלע טעקסטיל= און רימער=אונטערנעמונגען. דאָרט דאַרפן איבערטראַנספּאָרטירט ווערן אַלע מאַשינען, רוישטאָפן, האַלב=פאַבריקאַטן און צו די באַשעפטיקטע 1.500 יידישע אַרבעטער דאַרפן צוקומען נאָך 10.000. די אָרגאַניזאַציע פון טראַנספּאָרט דאַרף פאָרקומען אין אַ שנעלן טעמפּ, כדי עס זאָל נישט זיין קיין איבעררייס אין דער פּראָדוקציע. דער אָפיציעלער נאָמען פון די אונטערנעמונגען דאַרף זיין „ווערק=פּאָניאַטאָווא ג.מ.ב.ה. אין עסעס=אַרבעטס=לאַגער פּאָניאַטאָווא“.

דער ווייטערדיקער פונקט פון געשלאָסענעם אָפּמאַך באַשטעטיקט צום טויזנטסטן מאָל די גאַנצע פערפידיע, די צביעות פון גלאָבאָצניקן און דער פּאָליציי=מאַכט אפילו לגבי די דייטשן, וואָס אַרבעטן מיט זיי ביי דער קנעכטישער

[20] סטראָפּס ראַפּאָרט פון 16 מאַי 1943, אויספירלעכער אין דער אַרבעט פון ב. מאַרק: „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ“ (פּויליש), וואַרשע 1953, ז. 136—142.
[21] פאָטאָקאָפּיעס פון די אָפּמאַכן גלאָבאָצניק—טעבענס אין אַרכיוו פון יי.ה.א.

עקספּלאָטאַציע פון די יידן. אין דער צייט, ווען אין בערלין איז שוין געווען באַשלאָסן, אַז דער שטאַב „W" זאָל פולשטענדיק איבערנעמען די געבליבענע פון די יידן פאַבריקן און אָרגאַניזירן נייע קאָנצענטראַציע=לאַגערן פאַר יידן, שרייבט גלאָבאָצניק אונטער אַן אָפּמאַך מיט טעבענסן, אין וועלכן ער גאַראַנטירט, אַז די נייע אונטערנעמונג וועט בלייבן. זי וועט ווייטער זיין אונטער דער אָנפירונג פון דער ריסטונגסקאָמאַנדע פון ווארשעווער קרייז, און טעבענס, איבערנעמענדיק די גאַנצע טעכנישע לייטונג, וועט זיין דער איינציקער מאָסגעבנדיקער און פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער גאַנצער פּראָדוקציע. די גילטיקייט פונעם אָפּמאַך איז אַפילו באַשטימט געוואָרן ביזן סוף פון דער מלחמה (פּונקט 2). טעבענס דאַרף פאָרשטעלן פאַר דער עסעס=לייטונג אַ פּלאַן פון אָרגאַניזירן די אונטערנעמונג, וואָס וועט ווערן אויפגעבויט דורך דער עסעס.

דער אויבן ציטירטער אָפּמאַך, וואָס דערמאָנט דעם שפּעטערדיקן אָפּמאַך צווישן קריגערן און שינדלערן פון 2=טן נאָוועמבער 1943 יאָר, אוממיטלבאַר פאַרן ליקווידירן 42.000 יידישע אַרבעטער אין די לובלינער לאַגערן, איז געווען אַ הוילע פאָרמאַליטעט, אויסגערעכנט קודם כל צו פאַרלייכטערן זיך די אויסזידלונגס=אַקציע דורך באַשטימען טעבענסן אַלס „באַפולמעכטיקטן פאַר איבערפירן די אונטערנעמונגען פון ווארשעווער געטאָ",[22] וואָס האָט מאַסקירט די וועזנטלעכע צילן פון ליקווידירן דאָס געטאָ. אַ חוץ דעם האָט דער אָפּמאַך אין אַ געוויסער מאָס געמילדערט די רייבונגען מיט דער ריסטונגס=קאָמאַנדע, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער ווייטערדיקער פּראָדוקציע פון די באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען אין געטאָ.

פאָן זאמערן, דער עסעס און פּאָליציי פירער אין ווארשעווער דיסטריקט, אינפאָרמירנדיק הימלערן אין אַ געהיימען בריוו פון 2=טן פעברואַר 1943 יאָר, אַז גלאָבאָצניק האָט שוין אָנגעהויבן איבערנעמען די אונטערנעמונגען, באַטאָנט, אַז „די צוגרייטונגען צו דער טראַנסלאָקאַציע פון אַלע טעקסטיל=אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיקן יידן, זענען אין פולן גאַנג און דער „מאָבפּלאַן" איז פעסטגעשטעלט געוואָרן מיט די בעטריבס=פירער. דער פּלאַן באַציט זיך נישט בלויז צו די פירמעס פון טעבענס און שולץ און קאָמפּ., נאָר אויך צו אַנדערע, צוזאַמען 8 באַוואָפענונגס=פירמעס מיט דער אַלגעמיינער צאָל פון אַרום 20.000 יידישע אַרבעטער. דאָס איבערטראַנספּאָרטירן אין די קאָנצענטראַציע=לאַגערן אין לובלין וועט פאָרקומען פּאַרטיעסווייז, אָנהייבנדיק פון 3=טן פעברואַר".[23]

---

[22] טעבענס אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ דעם 26 מערץ 1943, אַרכיוו פון יי.ה.א.

[23] אַרכיוו פון ה.ק.פּ.ה.פּ., אַקטן דצ. — 911, פאָטאָקאָפּיע פון געהיימען בריוו פון פאָן זאמערן (1943.2.2). פאָלגנדיקע דייטשישע און פּוילישע פירמעס, פון וועלכע יידישע אונטערנעמער זענען געווען שטילע שותפים, האָבן באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער:

פאַן זאַמערן דערמאָנט נישט אין דעם בריוו וועגן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין געטאָ און באַרואיקט הימלערן, אַז די ליקווידאַציע פון געטאָ וועט פאָרקומען אָן שטערונגען. נאָר אין דער צווישנצייט האָט שוין הימלער דערהאַלטן אַ פאַרטרויליכע אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע אין געטאָ און וועגן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וועלכער האָט דערוויייל צונישט געמאַכט זיינע פּלענער וועגן דעם פאַרענדיקן די ליקווידאַציע פון געטאָ ביז דעם 15=טן פעברואַר 1943 יאָר. ער האָט זיך דעריבער אָנגעכאַפּט אין אַנדערע מיטלען, כדי דורכצופירן זיין פעלקערמערדערישן פּלאַן. דורך אַ געהיימען באַפעל פון 4=טן פעברואַר האָט הימלער פאַראָרדנט צו שאַפן אַ קאָנצענטראַציע=לאַגער אין וואַרשעווער געטאָ. אַלע יידן, וואָס וווינען אין וואַרשע, און אַלע פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אין געטאָ דאַרפן איבערגעטראָגן ווערן אין דעם לאַגער, וועלכער ווערט אַ מלוכהשע אונטערנעמונג (פּונקט 3); דער קאָנצענטראַציע=לאַגער צוזאַמען מיט די אונטערנעמונגען און זיינע אסירים דאַרף ווערן איבערטראַנספּאָרטירט קיין לובלין און אומגעגנט, אָבער דאָס דאַרף פאָרקומען זייער שנעל, אַז די פּראָדוקציע זאָל נישט ליידן.[24]

דורך אַ געהיימען באַפעל צו קריגערן פון 16=טן פעברואַר 1943 האָט הימלער פּרעציזירט זיין פּלאַן אין שייכות מיטן געטאָ: „צוליב זיכערהייטס=טעמים פאַראָרדן איך צו פאַרניכטן דאָס וואַרשעווער געטאָ. נאָכן איבערפירן דעם גאַנצן קאָנצענטראַציע=לאַגער...“

פון דעמלט אָן האָט די פּאָליציי=מאַכט אָנגעהויבן ענערגישע צוגרייטונגען צו דער אַקציע אין אַ ברייטן פאַרנעם, האָבנדיק פאַר אַ ציל גרינטלעך צו ליקווידירן דאָס געטאָ. די יידישע באַפעלקערונג האָט מאָביליזירט אירע רייען צו זעלבסטפאַרטיידיקונג און צום קאַמף קעגן דייטשישן אָקופּאַנט.

ג. קראָקעווער דיסטריקט

אומאָפּהענגיק פון די דערמאָנטע לאַגערן אין לובלינער געגנט, וואָס זענען געווען דער קערן פון דער עסעסישער געזעלשאַפט „אָסטי“, זענען אין דער גענ. גובערניע אנטשטאַנען אַנדערע לאַגערן, וואָס האָבן אויסגעפירט די פונקציע פון קאָנצענטראַציע=פּונקטן פאַר די רעשטלעך פון דער אויסגעסעלעקציאָנירטער יידישער באַפעלקערונג אין געגעבענעם דיסטריקט. זיי זענען אויך געווען אָרגאַניזירט אין די ראַמען פון דער „ריינהאַרד=אָפּעראַציע“ און האָבן אויך געזאָלט אונטערגעאָרדנט ווערן גלאָבאָצניקן, דעם שעף פון די לובלינער לאַגערן.

שולץ עט קאָמפּ.; קאַרל געאָרג שולץ, האַלמאַן, הערעסשטאַנדפערוואַלטונג, לעשטשינסקי, שעהנע, וועלק, גערלאַך, קודאַשעוויטש, טעבענס, האָפּמאַן, אָקסאַקאָ, ריעהריך, ברויער, באַוטישלעריי א. א.

[24] נירענב. דאָקומענט, נ.אָ. — 2514.

אין קראָקעווער דיסטריקט איז דער גרעסטער ישוב פון דער יידישער באַפעלקערונג דעמלט געווען דאָס קראָקעווער געטאָ. אין דער העלפט 1942 זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט העכער 11.000 יידישע אַרבעטער אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען[25]. נאָך דער אָקטאָבער־אַקציע אין 1942 יאָר, בעת וועלכער עס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין בעלזשעץ אַרום 6.000 יידן, איז דאָס געטאָ באַדייטנדיק פאַרקלענערט געוואָרן[26]. דער רעשט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון קראָקעווער און אַנדערע געטאָס פון דעם דיסטריקט האָט געזאָלט נאָך א געהעריקער סעלעקציע איבערטראַנספּאָרטירט ווערן אין א נייעם ארבעטס־לאַגער אין פּלאַשאָוו ביי קראָקע. אין הסכם מיט קריגערס פאַראָרדענונג וועגן די געטאָס פון 10־טן נאָוועמבער 1942 האָט שערנער, דער פירער פון דער עסעס און פּאָליציי אין קראָקעווער דיסטריקט, באַפוילן אין אַ פאַראָרדענונג פון 27־טן נאָוועמבער, אַז די יידישע אַרבעטס־כוחות, באַשעפטיקטע אין די באַוואָפענונגס־אנשטאַלטן, אין די מיליטערישע ארבעטס־פּלעצער און פּריוואטע פירמעס, וואָס פירן אויס באַשטעלונגען פאַר דער ארמיי, זאָלן קאָנצענטרירט ווערן אין ארבעטס־לאַגער אין פּלאַשאָוו[27]. ביז צום מאָמענט פון פאַרענדיקן דעם לאַגער דארפן די יידישע אַרבעטער פון די דייטשישע פירמעס ווערן קאָשארירט אין א ספּעציעלן אָפּגעצוימטן און שטאַרק באַוואַכטן טייל פון קראָקעווער געטאָ (אַרבעטס־געטאָ). אַזוי האָט מען אין הסכם מיט דער פאַראָרדענונג שוין סוף נאָוועמבער 1942 יאָר אָנגעהויבן אויף די חורבות פון ביידע יידישע בית־עלמינס אין פּאָדגוזשע (יעראָזאָלימסקע און אבראהאמער גאַסן) בויען באַראַקן פאַר די אַרבעטנדיקע יידן[28]. אין די דאָזיקע באַראַקן האָט מען קאָשאַרירט די אַרבעטס־בריגאדעס, פונדאנגען זענען די בריגאדעס אונטער אַ קאָנוואָי אַרויסגעגאַנגען אויף די דייטשישע ארבעטס־פּלעצער און אונטער דעם קאָנוואָי האָבן זיי זיך צוריקגעקערט. נאָר מאַנכע דייטשישע פירמעס, גלייך ווי אין אַנדערע שטעט, האָבן, אין הסכם מיט שערנערס פאַראָרדענונג פון 27־טן נאָוועמבער 1942 יאָר, קאָשאַרירט אין ספּעציעלע באַראַקן אויף דער טעריטאָריע פון דער אונטערנעמונג די יידן, וואָס האָבן ביי זיי געארבעט.

די דייטשישע פירמעס און לייטערס פון די מיליטערישע אַרבעטס־פּלעצער האָבן געמוזט אַרויסבאקומען פון דער קאָמענדאנטור פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אויף צו באשעפטיקן יידן. די יידישע אַרבעטער האָבן באַקומען לעגיטימאציעס א. ג. „יודענאוסווייז“, פאַרזען מיט א שטעמפּל פון דער

[25] פראנקס טאָגבוך, ב. XXIII, ז. 154, זיצונג פון די פּאָליציי־פירער דעם 18.1942.6.

[26] ד. אגאטשטיין: „יידן אין קראָקע בעת דער דייטשישער אָקופּאציע“, „קראָקעווער יאָרביכער“, ב. XXXI, ז. 215.

[27] שערנערס באַפעל פון 1942.12.14, אַרכיוו י.ה.א.

[28] ד. אגאטשטיין דצ"ו, ז. 217.

זיכערהייטס־פּאָליציי און זיי האָבן אויך געטראָגן ספּעציעלע אָפּצייכענונגען, וואָס באַשטעטיקן, וועלכע אַרבעט זיי פירן אויס[29].

אין פעברואר 1943 יאָר האָט מען דורכגעפירט די ווייטערדיקע פאַנאַנדער־טיילונג פון געטאָ אויף א געביט A פאַר די אַרבעטנדיקע און B פאַר די נישט באַשעפטיקטע. ביידע טיילן זענען געווען אָפּגעגרענעצט פון זיך מיט שטעכיקן דראָט, און ווען אָנהייב מערץ איז דער לאַגער אין פּלאַשאָוו שוין טייל־ווייז געווען פאַנאַנדערגעבויט, האָט מען אויף דעם 13־טן מערץ באַשטימט די ליקווידאַציע פון קראָקעווער געטאָ און די איבערזידלונג אין לאַגער, מיט א גלייכ־צייטיקער סעלעקציע פון דער באַפעלקערונג. קיין פּלאַשאָוו האָט מען איבער־טראַנספּאָרטירט אַרום 6.000 יידן, דאַקעגן די איבעריקע באַפעלקערונג צוזאַמען מיט די איינוווינער פון געטאָ B (אַרום 3.000), האָט מען אַרויסגעשיקט קיין אָשוויענטשים אָדער דערשאָסן אויפן אָרט[30].

דער לאַגער אין פּלאַשאָוו (יולאַג I), וועלכער האָט אויך געהאַט א פיליע אין פּראָקאָטשים (יולאַג II) און אין ביעזשאַנאָוו (יולאַג III), איז שטופּנווייז פאַנאַנדערגעבויט געוואָרן, מיט דער צייט געענדערט דעם נאָמען אויף צוואַנג־אַרבעטס־לאַגער, און פון יאַנואַר 1944 יאָר ווערט ער אָנגערופן קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אומאָפּהענגיק פון פּלאַשאָווער לאַגער און זיינע פיליעס האָט די סיפּ"א קאָנ־צענטרירט די יידן פון קראָקעווער דיסטריקט אין עטלעכע קלענערע לאַגערן, ווי אין שעבני (יאַשעלסקער קרייז), סטאַלאָווא וואָלאַ, פּוסטקוו, זשעשאָוו א. אנד., וועלכע האָבן אין גרעסטן טייל אויסגעדויערט ביז דער העלפט 1944 יאָר, ווען זיי זענען ליקווידירט געוואָרן צוזאַמען מיט די יידישע אסורים.

ד. ראַדאָמער דיסטריקט

אין ראַדאָמער דיסטריקט זענען די ליקווידיר־כוואַליעס פאַרהעלטענישמעסיק אַדורך שפּעטער, ווי אין אַנדערע דיסטריקטן פון דער גענ.־גובערניע, וואָס געפינט אַ פאַרענטפערונג אין דער גרויסער נאָכפראַגע פון דעם אינדוסטריע־צענטער אויף אַרבעטס־כוחות. אויף דער באַראַטונג פון די עסעס־און פּאָליציי־פירער דעם 18־טן יוני 1942 האָט קריגער דערקלערט: „אין ראַדאָם און טשענסטאָכאָוו מוזן

[29] רצ"ו, ז. 216, יידן באַשעפטיקטע אין די מיליטערישע אונטערנעמונגען האָבן באַקומען דעם אות „וו" (ווערמאַכט), אין די באַוואָפענונגס־פירמעס — „ר" (ריס־טונג), אין אנדערע אונטערנעמונגען „צ" (ציוויל).

[30] ד. אַגאַטשטיין. ז. 218/20, דער ראַט צו העלפן יידן („זשעגאָטאַ") האָט אין זיין קאָמוניקאַט אָנגעגעבן, אַז אין פּלאַשאָוו האָט מען דעפּאָרטירט אַן ערך 10.000 יידן פון קראָקע, „לאַגערן" (אויסג. יי.ה.א. רעדאַג. פון נ. בלומענטאַל), ז. 270.

די יידישע ארבעטער נאָך איינגעהאלטן ווערן פאר דער באַוואָפענונגס־אינדוס־טריע". די אַקציעס האָבן זיך אָנגעהויבן ערשט שפּעט זומער 1942 יאָר פון ראדאָם גופא, אָנהייב נאָוועמבער זענען שוין כמעט אַלע יידישע ישובים אין דעם דיסטריקט געווען ליקווידירט. די פאראָרדענונג פון קריגערן פון 10־טן נאָוועמבער שטעלט איין פאר דעם דיסטריקט 4 צענטראַלע געטאָס, וועלכע זענען פאקטיש געווען בלויז דורכגאנג־לאַגערן פאַר די יידן פון קלענערע פונקטן. פון דער אלגעמיינער צאָל 300.000 יידן, וועלכע האָבן דאָ געלעבט אין דער העלפט 1942 יאָר, איז סוף 1942 געבליבן בלויז ארום 30.000 נפשות.

דאָס זענען דער עיקר געווען יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געווען באשעפ־טיקט אין פארשידענע באַוואָפענונגס־פאַבריקן און דאָרט קאָשאַרירט. אין ראדאָ־מער געגנט, ווי אַן אינדוסטריע־קרייז, איז די צאָל באשעפטיקטע יידן פאַרהעלטע־נישמעסיק געווען א באדייטנדיקע. זיי האָבן געארבעט אין די פאַבריקן פון „האסאג" אין טשענסטאָכאָוו און אין די פיליעס אין קעלץ און סקארזשיסק־קאַמיעננא, אין די וואַגאָנען־פאַבריקן אין אָסטראָווצע, אין דער פאבריק „פּוך־דיימלער" אין ראדאָם, אין די צעגעלניעס און גארבערייען, אין די אונטערנעמונגען פון דער באַקלייד־אינדוסטריע אין ראדאָם, אין די שוויענטאָקזשיסקער שטיינ־האַקערייען, אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען אין סאַנדאָמיעזש, סטאַראַכאָוויץ, פּיאָנקי, יעדלינסק, באָדזעכוו און אַנדערע אונטערנעמונגען, אָרגאַניזירטע ביי די ארבעטס־לאַגערן. די דאָזיקע אונטערנעמונגען האָבן געהערט צו פאַרשידענע דייטשישע פירמעס.

די פּאָליטיק פון דער אָקופּאציע־מאַכט אין דעם דיסטריקט איז אויך געגאַנ־גען אין דער ריכטונג פון צוריקציען די יידישע אַרבעטס־כוחות, קודם־כל פון די קלענערע אונטערנעמונגען, קאָנצענטרירן זיי אין די גרעסערע פאבריקס־לאַגערן; ווייטער איבערנעמען אין באַזיץ די אונטערנעמונגען, וואָס שטאַמען פון יידן און געפינען זיך אונטער דער פארוואַלטונג פון דייטשישע טרויהענדער, און, שטיצנדיק זיך אויף די איבערגענומענע פּראָדוציר־כוחות, שאַפן עסעסישע אַרבעטס־לאַגערן, וואָס וואָלטן געקאָנט אַריינגיין אין באַשטאַנד פון עסעס־קאָנצערן „אָסטי".

אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָבן די גרעסערע באַוואָפענונגס־אונטערנעמונ־גען אין טשענסטאָכאָוו, ראדאָם, אָסטראָווצע און אין אַנדערע שטעט איינגעהאלטן דעם יידישן ארבעטס־כוח, אַפּצאָלנדיק נאָך דעם פירער פון דער עסעס און פּאָליציי פאַר דער עקספּלאָאַטאַציע פון די יידישע אַרבעטער. דאַקעגן די אַמאָליקע יידישע אונטערנעמונגען אין ראדאָם זענען עטלעכע חדשים געבליבן אונטער דער פאַר־וואַלטונג פון דער שטאָטישער מאַכט, און שוין אין אָנהייב 1943 יאָר זענען זיי איבערגענומען געוואָרן דורך דעם פירער פון דער עסעס און פּאָליציי פון ראדאָמער דיסטריקט און זענען שפּעטער אריינגעגאנגען אין באשטאַנד פון „אָסטי".

אַ חוץ דעם, האָבן די קאָמענדאַנטן פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי אין אָנהייב 1943 גענומען אָרגאַניזירן אַן עקסעסישן ארבעטס־לאַגער אין בליזשין, אויפן אָרט פון אַמאָליקן לאַגער פאַר סאָוויעטישע געפאַנגענע. אויפן געביט פון אַ נישט טעטיקער אַמוניציע־פאַבריק האָט מען צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל מאַשינען, געבליבענע פון די יידן אין פאַרשידענע געטאָס, און דאָ איבערגעזידלט עטלעכע טויזנט קוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטער. מיט דער צייט זענען דאָ אַנטשטאַנען גרויסע וואַרשטאַטן פון מלבושים, סטאָליערייען א. אנד. דער לאַגער אין בליזשין, וועלכער איז אונטערגעלעגן דעם פירער פון דער עסעס און פּאָליציי פון ראַדאָמער דיסטריקט, איז אין הארבסט 1943 איבערגעגאַנגען אונטער דער דירעקטער השגחה פון שעף פון דער „ריינהאַרד־אַקציע".

ה. גאַליציישער דיסטריקט

דעם זעלבן צושטאַנד קאָן מען אויך פעסטשטעלן אין פינפטן דיסטריקט פון דער גענ.־גובערניע, אין גאַליציע. ליקווידירנדיק די יידן, האָט מען דאָ גלייכציי־טיק דורכגעפירט — ענלעך ווי אין אַנדערע דיסטריקטן — די קאָנצענטרירונג פון די רעשטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער פּראָצעס פון קאָנצענטראַציע איז אָבער דאָ פאָרגעקומען אין אַ באַדייטנדיק לאַנגזאַמערן טעמפּ. דער פאַקט האָט געפונען זיין אויסדרוק אויך אין דעם, וואָס די צאָל געטאָס און לאַגערן איז אין דעם דיסטריקט געווען עטלעכע מאָל גרעסער, ווי אין אַנדערע דיסטריקטן פון דער גענעראַל־גובערניע און האָט באַטראָפן 32 פּונקטן.

דער דאָזיקער פאַקט פאַרענטפערט זיך דער עיקר מיט דער נויטווענדיקייט אויסצונוצן די יידישע אַרבעטער — צוליבן מאַנגל אין אַנדערע אַרבעטער — אויף פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטן, אין די שטיינהאַקערייען, ביים בויען וועגן, שאָסייען, אויף פאַרשידענע מיליטערישע אַרבעטס־פּלעצער און באַוואָפענונגס־אונטערנעמונגען. דער פירער פון דער עס־עס און פּאָליציי פון גאַליציאַנער דיס־טריקט, דער עס־עס־גרופּענפירער קאַצמאַן, קלערט אַזוי אויף אין ראַפּאָרט פון 30־טן יוני 1943, וואָס איז געווען אַדרעסירט צו קריגערן, דעם לאַנגזאַמען טעמפּ פון ליקווידירן די יידן פון זיין דיסטריקט: „צוליב דעם, וואָס דאָס האַנטווער־קערטום אין גאַליציע איז כמעט 90 פּראָצענט באַשטאַנען פון יידישע אַרבעטנ־דיקע, האָט אונדזער אויפגאַבע געמוזט אויסגעפירט ווערן שטופּנווייז, שריט ביי שריט, ווייל אַ פּלוצעמדיקע עלימינירונג פון יידן איז נישט געווען אין אינטערעס פון דער קריגס־ווירטשאַפט".[31]

[31] גענ. קאַצמאַנס ראַפּאָרט, ז. 4, אַרכיוו פון י.ה.א.

די אַרבעטנדיקע יידן זענען געווען קאַשאַרירט אין לאַגערן, געהיטע דורך עס־עס, אַלס אַרעסטאַנטן פונעם עס־עס־ און פּאָליציי־פירער, וועלכער האָט גענומען אַ ספּעציעלן אָפּצאָל פאַר דער עקספּלאָאַטאַציע פון יעדן ייד.[32]

די צאָל יידן, וואָס זענען ליקווידירט געוואָרן אין דעם דיסטריקט פון אַפּריל 1942 יאָר ביז דעם פאַרעפנטלעכן די דערמאָנטע פּאָליציי־פאַראָרדענונג פון 10־טן נאָוועמבער, האָט באַטראָפן — לויט קאַצמאַנען — אַרום 255.000 נפשות. עס איז אַ קלאָרע זאַך, אַז די ציפער נעמט נישט אַרום די מאַסן־קרבנות פון די בלוטיקע פּאָגראָמען, וואָס זענען פאָרגעקומען בעתן אַריינמאַרש פון דער ווערמאַכט אויף דער טעריטאָריע פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, און נישט די, וועלכע זענען אומגעקומען אין די געטאָס פון קראַנקהייטן און אויסשעפּונג. אין נאָוועמבער 1942 יאָר האָבן נאָך געלעבט — לויט קאַצמאַנס אויסרעכענונגען — אין גאַליציאַנער דיסטריקט אַרום 200.000 יידן,[33] בלויז אין לעמבערג גופא זענען געווען אַרום 30.000 נפשות (אין יוני 1942 85.000 יידן).[34]

די יידישע אַרבעטער האָבן דאָ, גלייך ווי אין אַנדערע דיסטריקטן, באַקומען ספּעציעלע דערקען־צייכנס. אין לעמבערג זענען זיי געווען קאַשאַרירט אין ספּעציעלע געטאָ־בלאָקן לויט די ווירטשאַפטלעכע „פּלאַצוועקעס“, אין וועלכע זיי האָבן געאַרבעט.[35] אָנהייב יאַנואַר 1943 האָט די דייטשישע מאַכט איינגעפירט פאַר דעם געבליבענעם טייל פון לעמבערג געטאָ דעם נאָמען יודענלאַגער (יולאַג). דער לאַגער האָט דעמלט געציילט אַרום 12.000 אַרבעטנדיקע און עטלעכע טויזנט פרויען, זקנים און קינדער, וואָס האָבן דאָ געפירט אַן „אומלעגאַל“ לעבן.[36]

פונקט ווי אין אַנדערע דיסטריקטן, איז דאָ אָנגעגאַנגען דער פּראָצעס פון עלימינירן די יידישע אַרבעטער פון די קלענערע אונטערנעמונגען און דאָס איבער־וואַרפן זיי אין די עס־עסישע לאַגערן. גרעסערע באַוואָפענונגס־פירמעס און מיליטערישע אַרבעטס־פּלעצער האָבן ווייטער באַשעפטיקט קוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטער. דאַקעגן, איז אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג

[32] קאַצמאַנס ראַפּאָרט, ז. 10.

[33] לויט קאָרהערערס ראַפּאָרט זענען אין דיסטריקט גאַליציען געווען סוף 1942 161.514 יידן, אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. I, ז. 150.

[34] אויף אַ באַראַטונג פון פּאָליציי־פירער דעם 18 יוני 1942 האָט קאַצמאַן אינ־פאָרמירט, אַז אין לעמבערג לעבן 85.000 יידן, פון וועלכע 45.000 אַרבעטן אין דער קריגס־אינדוסטריע (פראַנקס טאָגבוך, ב. XXIII, ז. 138; פ. פרידמאַן: „דער אומ־קום פון די לעמבערגער יידן“, ז. 27).

[35] די וויכטיקסטע פירמעס, אין וועלכע יידן האָבן געאַרבעט זענען געווען: שוואַרץ, טעקסטיליא, מעטראַוואַט, אויסבילדונגס־ווערקשטעלן, האָבאַג־האָלבאַו אאַ.

[36] פ. פרידמאַן, דצ"ו, ז. 25.

קאָצענטרירט געוואָרן אין א. ג. יאַנאָווער לאַגער, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַנשטאַלטן פון פאַבריק=וואַרשטאַטן פון עס=עסישן קאַרטעל: „דויטשע אוסריסטונג ווערקע".

דער יאַנאָווער לאַגער איז אנטשטאַנען אויפן געביט פון דער געוועזענער פאַבריק פון מיל=מאַשינען (געז. פון מאַשינענבוי). אלס אייגנטום פון אומגעקומענע יידן, איז זי איבערגענומען געוואָרן דורך דער עסעס, וועלכע האָט דאָ איז סעפטעמבער 1941 אויסגעבויט נייע באראקן[37]. אויף דעם אָרט איז אַנטשטאַנען די גרויסע עסעסישע באַוואָפענונגס=אונטערנעמונג D.A.W. דער יאַנאָווער לאַגער איז זיך פאַנאַנדערגעוואקסן אין דער מאָס, ווי עס זענען אָנגעקומען נייע טראַנספּאָרטן אויסגעסעלעקציאָנירטע יידישע ארבעטער פון פארשידענע געטאָס אין גאַליציאַנער דיסטריקט. אין פאַרלויף פון 1942 יאָר זענען דאָ אָנגעקומען טראַנספּאָרטן פון גרודעק=יאגעלאָנסקי, פּשעמישל, דראָהאָביטש, קאָלאָמיי, קאָסאָוו, קוטי, סטאַניסלאַוואָוו, דאָלינא, דעלאטין און אַנדערע שטעט. עס זענען דאָ אויך אָנגעקומען יידן פון טשעכאָסלאָוואקיע, אונגארן, יוגאָסלאַוויע, האָלאַנד, בעלגיע און פון דייטשלאנד.[38] דער יאנאָווער לאַגער איז בכן פאקטיש געווען א קאָנצענטראציע=לאַגער, זייענדיק גלייכצייטיק א צענטראַלער ארבעטס=לאַגער פאַר די יידן פון גאַליציאַנער דיסטריקט.

אין יאָר 1942 איז דער יאַנאָווער לאַגער געווען באשטימט הויפּטזעכלעך פאַר מענער. ערשט אין מערץ 1943, נאָכן אָנקומען פון אַ טראַנספּאָרט יידישע פרויען פון דער ליקווידאציע=אקציע אין זשולקעוו, איז אַנטשטאַנען א פרויען=אָפּטיילונג. די יידישע פרויען זענען געווען באשעפטיקט אין דער ניי=אַנטשטאַנענער טריקאָטאַזש=פאַבריק פון דא"וו.

* * *

אַזוי שטעלט זיך פאָר אין גאַנץ אַלגעמיינע שטריכן דער פּראָצעס פון דער ווייטערדיקער קאָנצענטראַציע פון די רעשטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גענעראַל=גובערניע פון דער העלפט אָקטאָבער 1942 ביז פעברואַר 1943 יאָר, דער פּראָצעס, וואָס זיין באַגלייט=דערשיינונג איז געווען די פאַרטיליקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אויפן אָרט און אין די טויט=לאַגערן.

אין רעזולטאַט פון די ליקווידאציע=אַקציע איז דער באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גענעראל=גובערניע איינגעשרומפּן געוואָרן ביז א מינימום. אין אָנהייב 1940 האָט די צאָל יידן, לויט די אָפיציעלע מקורים, געזאָלט

[37] די פאַבריק האָט געהערט צו אַ יידישן אונטערנעמער שטייַנהויז אויף יאַנאָווער גאַס 133/34.

[38] פ.פרידמאַן, ז. 33.

באַטרעפן 1.270.000 נפשות[39]. די דאָזיקע צאָל אנטשפּרעכט זיכער נישט דער ווירקלעכקייט, אויב די ייס"אַ האָט, אויפן סמך פון צונויפגעזאמלטע סטאַטיסטישע מאַטעריאלן, אָנגעגעבן, אַז אין דער גענ.־גובערניע לעבן אין דער צווייטער העלפט 1940 יאָר העכער 1.900.000 יידן[40].

נאָכן איינגלידערן אין דער גענ.־גוב. דעם א. ג. גאַליציע־דיסטריקט, האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פארגרעסערט מיט 600.000 נפשות. פון דעם אלעמען האָט, לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, וואָס שטאַמט פון הימלערס הויפט־קאַנצעלאריע, אין אָנהייב 1943 יאָר נאָך געלעבט אין דער גובערניע ארום 300.000 יידן[41]. דערביי האָט זיך דער צאָל־באַשטאַנד אין באַזונדערע דיסטריקטן פאָרגעשטעלט אויף פאָלגנדיקן אויפן:

אין	קראָקעווער	דיסטריקט	37.000	פערזאָן
„	ראַדאָמער	„	29.400	„
„	לובלינער	„	20.000	„
„	ווארשעווער	„	50.000	„
„	גאַליצישער	„	161.514	„
אין אַלגעמיין אין דער גובערניע			297.914	פערזאָן

די אויבן אָנגעוויזענע ציפערן שטימען אין אלגעמיין מיט די סטאַטיסטישע דאַטן, וואָס שטאַמען פון אנדערע קוועלן, כאָטש זיי זענען א ביסל אראָפּגענידע־ריקט. אין דער העלפט מאַי 1943 האָבן הימלער און גרייפעלד געשאַצט די יידישע באַפעלקערונג אין דער גענ.־גובערניע אויף אן ערך 300 — 400 טויזנט נפשות[42].

די ליקווידאציע־אַקציעס אין דער גענ.־גובערניע, בעת וועלכע עס זענען פארניכטעט געוואָרן באדייטנדיקע פּראָדוציר־כוחות, האָבן ארויסגערופן ערנסטע ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן און געצוואונגען דער באוואָפענונגס־אינספעקציע צו אינטערוועניר‌ן לטובת די דייטשישע באַוואָפענונגס־פירמעס, וועגן וואָס מיר האָבן אויספירלעך געשריבן אין די פריערדיקע קאַפּיטאַלען. עס קלינגט ווי א פּאַראַדאָקס,

---

[39] Peter Heinz Seraphim: Das Judentum, seine Rolle und Bedeutung in Vergangenheit und Gegenwart, München 1942, str. 68.

[40] אַרכיוו פון יי.ה.א., טעקע „יאוס" 31, אין די באַזונדערע דיסטריקטן האָט די צאָל יידן געצאָלט באַטרעפן: ווארשע — 420.000, ווארשעווער דיסטריקט (אָן ווארשע) — 360.000, לובלינער דיסטריקט — 480.000, ראַדאָמער — 475.000, קראָקעווער — 210.000, ס"ה 1.945.000 יידן

[41] דער ציפערן־מאַטעריאַל פון קאָרהערערס רעפעראַט: „די ענדלעזונג דער עוראָ־פּעישן יודענפראַגע", באַארבעט לויט הימלערס באַפעל פון 1943.1.18, אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. I, ז. 150.

[42] הימלערס נאָטיץ פון V.10. און גרייפעלדטס נאָטיץ פון 1943.V.15, אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., אַקטן ד.צ. 21, 849.

אָבער דאָס איז אַ באַשטעטיקטער פאַקט, אַז אויך די פּאָליציי=אָרגאַנען, וואָס האָבן דורכגעפירט די ליקווידאַציע פון די ייִדן, זענען געווען פאַראינטערעסירט — צוליבן מאַנגל אין פאַרטרעטערישע כוחות — צו פאַרהאַלטן אַ טייל פון די כמעט אומזיסטע ייִדישע אַרבעטס=כוחות.

וועגן די דאָזיקע ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן און אינערלעכע ווידערשפּרוכן, וואָס זענען אָנגעוואַקסן אין דער גענ.=גובערניע, זאָל דינען פאַר אַ באַווייז דער פאָלגנדיקער ביישפּיל: אין דער צייט פון אַ געוויסער קאָנפערענץ ביים שטאַטס=סעקרעטאַר קריגער, דעם 17=אָקטאָבער 1942 יאָר, אין פּעריאָד פון צוגרייטן די פּאָליציי=פאַראָרדענונגען וועגן די געטאָס, האָט דער אָנוועזנדיקער אויף דער קאָנפערענץ „בעפעלסהאבער" פון דער זיכערהייטס=פּאָליציי און ס.ד. שענגאַרט דערקלערט קריגערן, אַז בלית ברירה וועט ער זיך צופּאַסן צו דער פאַראָרדענונג וועגן באַזייטיקן די ייִדן פון זייער ווירטשאַפטלעכע אַרבעטס=פּלעצער, אָבער גלייכצייטיק וועט ער מוזן מעלדן וועגן אָפּשטעלן די פלאַצוווקעס, באַזונדערס די מעכאַנישע וואַרשטאַטן. אויך דער אָנוועזנדיקער שעף פון דער אָרדנונגס=פּאָליציי בעקער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס באַלדיקע באַזייטיקן די ייִדן, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די אַנשטאַלטן פון דער אָרדנונגס=פּאָליציי, וועט אַרויסרופן ערנסטע שוועריקייטן.

קריגער האָט אויף דעם געזאָלט ענטפערן, אַז די סיטואַציע איז אים באַקאַנט און צוליב דעם צווייפלט ער, צי די טערמינען, וועלכע הימלער האָט באַשטימט (אויף צו באַזייטיקן אַלע ייִדן פון די געטאָס), וועלן קאָנען איינגעהאַלטן ווערן. ער וועט זיך באַמיען דאָס אויפצוקלערן הימלערן. נאָך איבעריקנס, — האָט קריגער ווייטער אויפגעקלערט, — איז הימלערס הויפּט=ציל געווען צו קאָנצענטרירן די ייִדן אין פאַרמאַכטע לאַגערן אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי. די פּאָליציי=אישע אַרבעטס=פּלעצער, וואָס באַשעפטיקן ייִדן, שטעלן צופרידן די פאַרלאַנגען פון רייכס=פירער, און דערפאַר האָט ער גאָרנישט קעגן דעם, אַז אין דער איבערגאַנגס=צייט זאָלן די פּאָליציי=אַנשטאַלטן באַשעפטיקן קאָשאַרירטע ייִדן.[43] וועגן דער פּאַראַדאָקסאַלער סיטואַציע, וואָס האָט זיך דאָ געשאַפן, רעדט דער גענ.=גוב. פראַנק, דערמאָנענדיק דאָס גלייכווערטל: „מען דאַרף גישט דערהרגענען קיין קו, וועלכע מען וויל מעלקן". „אָבער דאָך וויל דאָס רייך, — ווייזט אָן פראַנק אין זיין טאָגבוך אונטער דער דאַטע פון 9=טן דעצ. 1942, — די קו אי מעלקן, אי — שעכטן"[44].

---

[43] געהיימע נאָטיץ פון 1942.11.14 וועגן דער קאָנפערענץ ביים העכערן ס.ס.= און פּאָליציי=פירער קריגער, אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן מ. 40 (קראָקע).

[44] „די היטלעריסטישע אָקופּאַציע אין פּוילן אין ליכט פון פראַנקס טאָגבוך", ביולעטין פון ה.ק.פּ.ה.פּ., ב. II ז. 16.

װעגן די אַנטשטאַנענע אינערלעכע שװעריקײטן זאָגט עדות די אַרױסזאָגונג פֿון גענ.-גוב. פֿראַנק. אױף דער זיצונג פֿון דער רעגירונג פֿון דער גענ.-גובערניע דעם 9-טן דעצעמבער 1942 יאָר האָט פֿראַנק דערקלערט: „מען האָט אונדז צוגענומען ערנסטע און אױסגעפּרוּװטע ײדישע אַרבעטס-כּוחות. עס װערט נאַטירלעך באַשװערט די אַרבעט, אױב אײנמיטן אױספֿירן די פּראָדוקציע פֿון מלחמה-פּראָגראַם קומט אַ באַפֿעל אַװעקצוגעבן אַלע ײדן צום פֿאַרטיליקן. די רעגירונג פֿון דער גענ.-גובערניע װעט נישט טראָגן פֿאַר דעם די פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט. די העכסטע פֿאַקטאָרן האָבן פֿאַראָרדנט אױסצוראָטן די ײדן. אונדז קומט בלױז אױס שלום צו מאַכן מיט די פֿאָלגן פֿון דער פֿאַראָרדענונג און מיטצוטײלן דער צענטראַלער מאַכט פֿון רײך, אַז דאָס צונעמען די ײדן האָט פֿאַראורזאַכט אומגעהױערע שװעריקײטן אין דער אַרבעט. דער װיצע-מיניסטער גאַנצענמיללער (פֿון באַן-װעזן) האָט זיך נישט לאַנג צוריק פֿאַרקלאָגט פֿאַר מיר, אַז אין דער גענ.-גובערניע האָט מען איבערגעריסן אַ גרױסע בױונג. איך האָב אים אָנגעװיזן, אַז עס װאָלט אַזױ נישט געשען, װען מען װאָלט נישט צוגענומען די פֿיל טױזנטער ײדן, װאָס זענען געװען באַשעפֿטיקט בײ דער בױונג. לעצטנס האָט מען באַפֿױלן צו באַזײטיקן די ײדן פֿון די באַװאָפֿענונגס-אַנשטאַלטן. איך האָף, אַז דער באַפֿעל װעט װערן צוריקגעצױגן, אױב מען האָט אים שױן נישט אָפּגערופֿן, אין קעגנפֿאַל װעט זיך די לאַגע נאָך מער פֿאַרערגערן"[45].

דער גענ.-גובערנאַטאָר פֿראַנק, װעלכער האָט נישט אײנמאָל אין זײנע פּראָפּאַגאַנדע-אַרױסטרעטונגען גערעדט װעגן דער פּאַראַזיטישקײט פֿון דער ײדישער באַפֿעלקערונג, װעלכער האָט אָן באַװאָרענישן אַפּראָבירט די פּאָליטיק פֿון דער רײך-רעגירונג און איז אַפֿילו אַלײן געװען אײנער פֿון די איניציאַטאָרן צו פֿאַרטיליקן די ײדן, האָט געמוזט איצט, אין אָנבליק פֿון די אָנװאַקסנדיקע װירטשאַפֿטלעכע שװעריקײטן, זיך מודה זײן צו די באַדײטנדיקע שאָדנס, װעלכע עס ברענגט דער דײטשישער װירטשאַפֿט דאָס ליקװידירן די ײדן.

II „װאַרטעגאַו"

כּדי צו געבן אַ פֿול בילד פֿון דער אַנטי-ײדישער פּאָליטיק אין דער איבערברוך-צײט, דאַרף מען נאָך — כאָטש אין אַלגעמײנע שטריכן — אָנצײכענען די סיטואַציע אין אַנדערע אָקופּירטע פּױלישע געביטן, װי דאָס א. ג. „װאַרטעלאַנד", שלעזיע און אין ביאַליסטאָקער קרײז. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אין יולי 1942, װען די דײטשישע אַרמײ האָט אָנגעהױבן איר גרױסע אָפֿענסיװע אױפֿן סאָװיע-

[45] פֿראַנקס טאָגבוך, רעגירונגס-זיצונג פֿון 1942.12.9, פּג"ל פּיאָטראָװסקי: „מיסיע פֿון אָדיל גלאָבאָצניק", װאַרשע 1949, ז. 53.

טישן פראַנט, האָט הימלער אָנגעזאָגט דאָס אָפּרייניקן אַלע מזרח־געביטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, צו וועלכע ער האָט פאררעכנט די געביטן פון אַלע פּוילישע פּראָווינצן. נאָך די ערשטע דערגרייכונגען פון דער דייטשישער ארמיי אין דער זומער־קאַמפּאַניע, איז מען צוגעטראָטן צו רעאַליזירן די פעלקערמערדערישע פּלענער אויך אין באַצוג צו די יידן פון די דרום־ און מערב־לענדער פון אייראָפּע.

די לאַגע אין די א. ג. „איינגעגלידערטע פּראָווינצן" האָט זיך אנדערש געפורעמט, ווי אין דער גענעראַל־גובערניע. דאָס איז טיילווייז געווען א פּועל יוצא פון דער צום טייל אנדערשדיקער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק, וואָס איז דורך דער היטלעריסטישער מאַכט אָנגעווענדעט געוואָרן אין די אָקופּירטע פּראָווינצן.

אין „וואַרטעלאַנד", ווו די אַקציע פון מאַסנהאַפטער פאַרטיליקונג פון די יידן האָט זיך פאַרהעלטענישמעסיק צומפריסטן אָנגעהויבן, ווייל שוין אין אָנהייב דעצעמבער 1941 יאָר, איז דער פּראָצעס פון דער ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג איבערגעריסן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1942 יאָר. ביז דער צייט זענען ליקווידירט געוואָרן כמעט אַלע געטאָס אויפן גאַנצן געביט פון דער פּראָווינץ מיטן אויסנאַם פון לאָדזשער געטאָ, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אלס צענטראַלער געטאָ, און פאַקטיש אַלס א גרויסע באַוואָפענונגס־אונטערנעמונג. דאָס ליקווידירן די געטאָס האָבן באַגלייט קליינע סעלעקציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג. פון אַזעלכע געטאָס, ווי פּאַביאַניצער, בזשעזשינער, אָזאָרקאָווער, בעלכאַטאָווער, זדונסקע־וואָליער, לאָסקער, גאָסטינינער און אַנד., אין וועלכע עס האָבן עקזיסטירט ביז צו דעם מאָמענט פון ליקווידירן שניידערישע, וועש־ און אנד. וואַרשטאַטן, וואָס האָבן באַשעפטיקט צו עטלעכע טויזנט ארבעטער, איז אויססעלעקציאָנירט געוואָרן א קלענער טייל אַרבעטנדיקע יידן. סך־הכל האָט מען אין דער צייט פון מערץ ביז אויגוסט 1942 יאָר אריבערגעפירט פון דער פּראָווינץ אין לאָדזשער געטאָ ארום 14.500 יידישע אַרבעטער[46]. אין דער גאַנצער פּראָווינץ „וואַרטעלאַנד" זענען אין אָקטאָבער 1942 איבערגעבליבן סך־הכל 100.000 יידן, פון דער צאָל 400.000, וואָס האָט דאָ געלעבט אין הארבסט 1939 יאָר.

וואָס שייך דעם לאָדזשער געטאָ גופא זענען נאָך אין דער העלפט יולי 1942 נישט געווען קיין ענדגילטיקע באַשלוסן פון דער צענטראַלער מאַכט. די דייטשישע פאַרוואַלטונג פון געטאָ (געטאָ־פאַרוואַלטונג) האָט זיך גערעכנט מיט די מעגלעכקייטן פון געוויסע ענדערונגען אינעם כאַראַקטער פון געטאָ און האָט זיך געהאַלטן אין רעזערוו מיטן אָננעמען נייע באַשטעלונגען. דעם 22־טן יולי 1942 יאָר האָט דער קאָנצערן „אַלגעמיינע עלעקטריציטעטס־געזעלשאַפט" .A.E.G, פאַר וועלכן דאָס געטאָ האָט שוין ביז איצט אויסגעפירט באַשטעלונגען, זיך געווענדעט צו

[46] ארכיוו פון יי.ה.א., אַקטן ג.פ. — 34 — 80 (ביילאַגע 515), אַקטן־נאָטיץ פון 9.IX.1942.

דער ג"פ מיט אן אָפּערטע אויסצופירן עלעקטרישע פּלאַטן [47]. די ג"פ. האָט אָנגעגומען די באַשטעלונג, אָבער אין בריוו צום דערמאָנטן קאָנצערן פון 24־טן יולי האָט זי זיך באַוואָרנט, אַז דערווייל קאָן זי נישט געבן קיין גאַראַנטיע וואָס שייך די טערמינען פון אויספירן די אַרבעטן. „אויסדריקלעך וויל איך אָבער אָנווייזן דערויף, — שרייבט ריבבע צו A.E.G., — אַז אין רעזולטאַט פון דער אייגנאַרטיקער לאַגע פון געטאָ, קאָן איך דערווייל נישט געבן קיין שום פאַרפליכטונג בנוגע דעם איינזאַץ פון אַרבעטס־כוחות. דאָס קאָן ערשט געשען, ווען אלע וואַרשיינלעכע ענדערונגען וועלן דורכגעפירט ווערן".

ערשט אין אָנהייב סעפּטעמבער 1942 יאָר איז דער גורל פון געטאָ געוואָרן אַנטשידן. דאָס געטאָ האָט געדאַרפט דערווייל בלייבן אַלס וויכטיקער צענטער פון דער מלחמה־אינדוסטריע. אין די טעג פון 5 — 12 סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען נאָך איין גרויסע אויסזידלונגס־אַקציע, וואָס האָט איינגעשלונגען ארום 17.500 קרבנות, הויפּטזעכלעך קינדער, זקנים און קראַנקע [48]. זיי זענען אלע אומגעקומען אין כעלמנער טויט־לאַגער. דעם 11־טן סעפּטעמבער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די אויסזידלונג פון לאָדזש און מיט דעם האָט די שטאַטהאַלטעריי אין פּויזן געהאַלטן די ליקווידיר־אַקציע אין „וואַרטעלאַנד" דערווייל פאַר פאַרענדיקט [49].

אויב אין הארבסט 1942 יאָר, אין פּעריאָד פון דער מאסנהאפטער פיזישער פאַרניכטונג פון די יידן אויף די אָקופּירטע געביטן, האָט דאָס לאָדזשער געטאָ, ציילנדיק נאָך דער סעפּטעמבער־אַקציע ארום 90.000 נפשות, געזאָלט ווייטער בלייבן, האָבן דאָ קודם־כל דעצידירט ווירטשאַפטלעכע מאָמענטן. נישט קיין קלייגע ראָל האָט דאָ געשפּילט דער אומשטאַנד, אַז אין דעם צווייטן לויט דער גרייס יידישן קיבוץ אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן איז נישט געווען קיין אָרגאַניזירטע ווידערשטאַנד־באַוועגונג. רומקאָווסקי, „דער עלטסטער פון די יידן", זיין אַדמיניסטראַציע מיט דער „יידישער פּאָליציי" האָבן נישט נאָר אונטערטעניק אויסגעפירט אלע פאַראָרדענונגען פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, נאָר האָבן באַקעמפט און ביי דער ערשטער געלעגנהייט אויסגעזידלט אין די לאַגערן אלע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן. אַדאַנק די אַגענטן און דענונציאַטאָרן האָט די סיפּ"אָ און קריפּ"אָ געהאַט גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע און שטימונגען אין לאָדזשער געטאָ.

דאָס לאָדזשער געטאָ, זייענדיק אמאָל א טייל פון א וויכטיקן צענטער פון

---

[47] אַקטן ג.פּ. I — 55, ז. 252, 255.

[48] „אַקציעס און אויסזידלונגען" (אויסגאַבע פון יי.ה.א., רעדאַק. י. קערמיש), ב. II, ז. 243—252.

[49] „לאָדזשער געטאָ", ז. 236, ביבאָווס ווענדונג צו דער יידישער באַפעלקערונג פון 1942.9.12, אַקטן ג.פּ., IV — 28, קאָרעספּאָנדענץ פון אַרבעטס־אָפּטיילונג אין פּוילן צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג אין לאָדזש פון 1942.X.9.

דער טעקסטיל=אינדוסטריע, איז איצט געוואָרן א גרויסע דייטשישע אונטערנע=מונג, מיט וועלכער עס האָט פאַרוואַלטעט די ג"פ., אָנגעפירט דורכן לאָדזשער אויבער=בירגערמייסטער, און האָט זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון גאוליי=טער גרייזער. זי האָט זיך אינגאַנצן געשטיצט אויף דער קנעכטישער עקספּלאָאַ=טאַציע פון די יידישע פּראָדוציר=כוחות.

די דייטשישע פאַרוואַלטונג פון געטאָ האָט אויפן שטח פון דער פּראָווינץ ,,וואַרטעלאַנד" טיילווייז אויסגעפירט אַן אַנאַלאָגישע פונקציע, ווי דער שטאַב פון דער ,,רייגהאַרד=אָפּעראַציע" אין דער גענ.=גובערניע, בלויז מיט דעם אונטערשיד, וואָס די ליקווידאַציע=אַקציע גופא פון דער יידישער באַפעלקערונג אין טויט=לאַגער אין כעלמנאָ האָט דורכגעפירט א עסעס=זאָנדער=קאָמאַנדאָ (לאַנגע = באָטמאַן). די געטאָ=פאַרוואַלטונג, ווי אַן עקספּאָזיטור פון דער ה.ט.אָ.[50], האָט איבערגענומען דאָס גאַנצע באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע פאַרמעגן פון די יידן, און בכן אויך דעם קאָלאָסאַלן מאַשינען=פּאַרק, וואָס האָט געציילט לויט די אָנגאָבן פון שעף פון דער געטאָ=פאַרוואַלטונג ביבאָוו אַרום 18.000 פאַרשידענע מאַשינען,[51] חוץ דעם פאַבריקס=איינריכטונגען, האַלב=פאַבריקאַטן און סחורות; זי האָט אויך איבערגענומען די תביעות פון די יידן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אין דער צייט פון דער מאַסן=ליקווידאַציע האָט זי איבערגענומען הונדערטער וואַגאָנען קליידונג און ווערטפולע זאַכן, וואָס זענען צוגערויבט געוואָרן ביי די יידן אין טויט=לאַגער.[52] די אַלע זאַפּאַסן סחורות און פערזענלעכע מלבושים זענען איבערגעאַרבעט געוואָרן אין די אייגענע געטאָ=וואַרשטאַטן און דערנאָך פאַרקויפט געוואָרן די מיליטערישע און ציווילע אַמטן[53].

דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער אין געטאָ ווירטשאַפטלעכער פּאָטענציאַל איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דער דייטשישער מיליטערישער ווירטשאַפט. שוין אין דער צווייטער העלפט 1941 האָט דאָס לאָדזשער געטאָ צו=זאַמענגעאַרבעט מיט פאַרשידענע ,,רייכסשטעלעס", מיט דער ,,ווערמאַכט=בעשאַ=פונגסאַמט" אין בערלין, ,,הערעסבעקליידונגס=אַמט" אין פּויזן, בערלין, וראָצלאַוו, מינכען און אַנד., מיט דער א.ג. פאַרבען אינדוסטרי, מיט דער A.E.G. און אירע פיליעס און אויך מיט אַנדערע מאָנאָפּאָליסטישע פירמעס, אויספירנדיק

---

[50] ,,לאָדזשער געטאָ", ז. 112, ביבאָווס קאָרעספּאָנדענץ פון 1942.3.16 צו דער קריפּאָ אין לאָדזש.

[51] אַקטן ג.פ. XXX — 28.

[52] ,,לאָדזשער געטאָ", ז. 233, לוכטערהאַנדס דעפּעשע פון 1942.V.27.

[53] אי.ג. פאַרבנאינדוסטריע האָט צוגעשטעלט כעמיקאַליען צום רייניקן די הונ=דערטער וואַגאָנען קליידער פון די דערמאָרדעטע יידן, אַקטן ג.פ. VIII — 35, ז. 4—5. קאָרעספּאָנדענץ צווישן דער ג"פ און אי.ג. פאַרבען.

פאַר זיי צאָלרייכע באַשטעלונגען[54]. דער אַפּוטרופּוס פון דעם „גראָס=בעטריב" איז געווען די באַוואָפענונגס=אינספּעקציע פון מיליטערישן קרייז אין פּויזן און די באַוואָפענונגס=קאָמענדאַנטור אין לאָדזש, און א בריוו צום „רייכס=אַפּאָטהעקן=קאַמער" אין פּויזן פון 10=טן אָקטאָבער 1941 יאָר האָט די באַוואָפענונגס=אינספּעקציע אַזוי כאַראַקטעריזירט דאָס לאָדזשער געטאָ:

„די באַוואָפענונגס=אינספּעקציע מאַכט אויפמערקזאַם דערויף, אַז די געטאָ=פאַרוואַלטונג אין לאָדזש איז נישט עפּעס א פאַרוואַלטונג, אַלס טייל פון אַן אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, נאָר א קריגס=וויכטיקע אונטערנעמונג פון דער שטאָט לאָדזש. די געטאָ=פאַרוואַלטונג אין לאָדזש נעמט ארום אַ גרויסע צאָל פּראָדוציר=ווארשטאַטן מיט אַן ערך 40.000 באַשעפטיקטע (יידן) און פירט אויס כמעט אין 95% באַשטעלונגען פאַר דער מיליטער=מאַכט. עס איז גענוג אָנצוווייזן, אַז בלויז אין חודש סעפּטעמבער, אויסער פיל אנדערע צאָלרייכע פּראָדוקטן, זענען פּראָדוצירט געוואָרן 275.000 פאַרשידענע טיילן פון מיליטערישע אוניפאָרמען.

די באַוואָפענונגס=אינספּעקציע XXI בעט דעריבער צו באַהאַנדלען די געטאָ=פאַרוואַלטונג, צוליב דער ווירטשאַפטלעכער באַדייטונג פון אירע פּראָדוציר=לייסטונגען, ביי דער צוטיילונג פון נייטיקע מאַטעריאַלן, רוישטאָפן א.ד.גל. פּונקט אַזוי, ווי יעדע אַנדערע באַוואָפענונגס=אונטערנעמונג".[55]

מיט דער צייט האָט זיך נאָך ענגער פאַרבונדן די צוזאַמענאַרבעט פון געטאָ מיט די גרויסע מאָנאָפּאָליסטישע דייטשישע פירמעס. אין דער צווייטער העלפט 1942 האָבן די געטאָ=אונטערנעמונגען אויסגעפירט באַשטעלונגען כמעט אויסשליסלעך פאַר די דאָזיקע פירמעס. דערפאַר טאַקע ווערט דאָס לאָדזשער געטאָ אין פּרט פון צוטיילן באַשטעלונגען און אויך רוישטאָפן אינגאַנצן אָפּהענגיק פון מיניסטעריום פאַר באַוואָפענונג און אַמוניציע, וואָס איז געווען דער פּראָטעקטאָר פון די פירמעס. אין איינקלאַנג דעריבער מיטן דעקרעט פון שפּעער=מיניסטעריום פון 2=טן יוני 1942 יאָר וועגן איינפירן ספּעציעלע נומערן פאַר די באַוואָפענונגס=פירמעס, וואָס ווערן קאָנטראָלירט דורך דעם מיניסטעריום, האָבן די געטאָ=אונטערנעמונגען אַלס אָנערקענונג פון זייערע ספּעציעלע פונקציעס אויך באַקומען אַ פירמע=נומער.[56] עס איז אויך נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס צוטיילן דעם שוץ=צייכן איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון פאַרענדיקן די סעפּטעמבער=אַקציע.

---

[54] אַרכיוו פון י.ה.א., אַקטן ג"פ IV — 60, ז. 256; ג"פ VIII — 35, ז. 4, ג"פ 34—52.

[55] אַקטן ג.פּ. 13—34, לוכטענהאַרדס קאָרעספּאָנדענץ פון 18.I. 1942 צו דער ריסטונגס=קאָמאַנדאָ אין לאָדזש.

[56] אַקטן ג.פּ. IV — 65, ז. 8—9, אויספיר=צירקוליאַר פון דער באַוואָפענונגס=אינספּעקציע XXI צום דערמאָנטן דעקרעט; ריבבעס נאָטיץ פון 10.9.1942 וועגן צוטיילן די געטאָ=אונטערנעמונגען אַן עווידענץ=נומער אין שפּעערס מיניסטעריום.

די קאָלאָסאַלע געטאָ=אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אין דער העלפט אָקטאָבער 1942 באַשעפטיקט אַרום 75.000 יידישע אַרבעטער,[57] האָבן זיך נישט פאַררעכנט צו קיין שום פון די באַשטימטע ווירטשאַפטלעכע גרופּן, נאָר זענען געווען אַ געמישטע אונטערנעמונג. „די געטאָ=פאַרוואַלטונג אין לאָדזש, — קלערט ריבבע אויף אויף דער אָנפראַגע פון מיניסטער שפּעער פון 28=טן יאַנואַר 1943, — געהערט נישט צו קיינער פון די ווירטשאַפטלעכע גרופּן, נאָר ווערט אוממיטלבאַר קאָנטראָלירט דורך דער באַוואָפענונגס=אינספּעקציע און דער ריסטונגס=קאָמאַנדע אין לאָדזש".[58]

און דעריבער, אין דער פונקציע, וועלכע עס האָט אויסגעפירט דאָס לאָדזשער געטאָ ווי אַ ליפעראַנט, און דאָס — אַ ביליקער ליפעראַנט, פון פאַרשידענע סחורות און האַלב=פאַבריקאַטן פאַר די גרויסע דייטשישע פירמעס, וועלכע האָבן פון דעם געצויגן קאָלאָסאַלע רווחים און זענען דעריבער געווען פאַראינטערעסירט אין דער ווייטערדיקער פּראָדוקציע פון געטאָ — אָט אין דעם דאַרף מען זוכן די סיבות, פאַרוואָס די צענטראַלע מאַכט אין בערלין האָט אין האַרבסט 1942 נישט אַרויסגעגעבן קיין באַפעל פולשטענדיק צו ליקווידירן דאָס געטאָ.

אויך דער גאַולייטער גרייזער האָט אינעם געטאָ געזען אַ קוואַל פון גרויסע פּראָפיטן הן פאַר דער גאַנצער פּראָווינץ און אַזוי אויך פאַר דער שטאָט לאָדזש. גרייזער האָט פליסיק געהיט, אַז די הכנסות פונעם צוגערויבטן יידישן פאַרמעגן און אַזוי אויך פון דער עקספּלאָאַטאַציע פון די יידישע אַרבעטס=כוחות זאָלן אויספאַלן נאָר פאַר זיין פּראָווינץ. וואָס שייך דער פּאָליטיק פון דער שטאָט אין באַצוג צום געטאָ, — נאָטירט בירגערמייסטער ווענטצקי, — איז דער עס=עס=אָבערפירער מעלהאָרן גיכער פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער ווירטשאַפטלעכער פּאָזיציע פון געטאָ, ווייל סוף=כל=סוף וועלן אַלע זיינע רעזערוון פאַרבלייבן פאַר דער שטאָט.[59]

דאָס לאָדזשער געטאָ, שטאַרק געהיט און הערמעטיש פאַרמאַכט, איז געווען אַ גרויסער אַרבעטס=לאַגער, וואָס האָט אין יאַנואַר 1943 געציילט העכער 87.000 יידן (אין דעם 75.000 אַרבעטנדיקע אין צאָלרייכע וואַרשטאַטן),[60] וועלכע האָבן

---

[57] וועגן באַשעפטיקן יידן אין געטאָ פג"ל אַקטן ג.פ. IV, 28, ז. 20—22; ג.פ. 36 — 75.

[58] ג.פ. IV — 60, ז. 237, ריבבעס קאָרעספּאָנדענץ צום מיניסטער שפּעער פון 12.2.1943, ריבבע אינפאָרמירט אויך, אין וועלכע אינדוסטריע=צווייגן עס אַרבעטן די 75.000 יידישע אַרבעטער.

[59] אַקטן ג.פ. 40—41.

[60] אַקטן ג.פ. — 36—75, דעם 16.1.1943 האָט ביבאָוו אינפאָרמירט דעם אַרבעטסאַמט, אַז די געטאָ=באַפעלקערונג ציילט 87.615 יידן; לויט אַנדערע קוועלן זענען סוף 1942 אין געטאָ געווען בלויז 87.180 יידן (אַקטן פון סטראַאָפּס פּראָצעס, ב. I, ז. 150). פּויזנער אָפיציעלע דאָקומענטן פון פעברואַר 1943 אינפאָרמירן, אַז אין לאָדזש לעבן 88.253 יידן (מערב=אינסטיטוט I —206).

אַריינגעבראַכט קאָלאָסאַלע פּראָפיטן.[61] דערפאַר זענען די אַדמיניסטראַטיווע פאַק=
טאָרן, די צענטראַלע פונקט ווי די לאָקאַלע, געווען ווירטשאַפטלעך פאַראינטע=
רעסירט אינעם צייטווייליקן איבערלאָזן דאָס געטאָ טראָץ דעם, וואָס דער פּרינ=
ציפּ פון דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז ווייטער
געבליבן אין קראַפט. דאָס איז נאָך אַ ביישפּיל פון די זיגזאַגן אויפן געביט פון
דער אַנטי=יידישער פּאָליטיק פון דער היטלער=רעגירונג.

אויסער דעם לאָדזשער געטאָ האָבן אין דער פּראָווינץ פון „וואַרטלאַנד" נאָך
געלעבט אַרום 11.000 יידן,[62] וועלכע זענען געווען קאַשאַרירט אין עטלעכע צענד=
ליק לאַגערן און אַרבעטס=פּלעצער, הויפּטזעכלעך אין פּויזנער געביט. די ליקווי=
דאַציע פון די דאָזיקע לאַגערן און זייערע אסורים האָט מען דורכגעפירט שטופנ=
וויז זינט אָנהייב 1943 יאָר.

III שלעזיען

אַנדערש איז געווען די לאַגע אין שלעזיע. די צווייטע העלפט פון 1942 איז
אויך אין דער דאָזיקער פּראָווינץ געווען א פּעריאָד פון ליקווידירן די יידישע באַ=
פעלקערונג, סיי די, וואָס האָט געוווינט דאָ סטאַביל, סיי די, וואָס מען האָט איבער=
טראַנספּאָרטירט אַהער פון מערב=אייראָפּעישע לענדער. דאָס אָרט פון פאַרניכטן
די יידן פון דער נידערשלעזישער פּראָווינץ איז געווען דער קאָנצענטראַציע=לאַגער
אין אָשוויענטשים. לויט די דערקלערונגען פון דעמלטיקן קאָמענדאַנט פון לאַגער
העס האָבן די יידן געזאָלט זיין קאָנצענטרירט אין הסכם מיט הימלערס באַפעל
אויסשליסלעך אין דער ערשטער פיליע פון אָשוויענטשים — אין בזשעזשינקע
(בירקענאַו), וווּ עס האָבן זיך געפונען די וויכטיקסטע פאַרניכטונגס=אַנשטאַלטן.[63]
בזשעזשינקע האָט געזאָלט זיין דער צענטראַלער לאַגער פאַר יידן, דאַקעגן די
איבעריקע פון די אַרעסטאַנטן פון אַנדערע פעלקער האָבן געזאָלט אָפּגעטראַנספּאָרטירט ווערן אין
אַנדערע לאַגערן. אָבער דער באַפעל — ווי עס באַשטעטיקט אין זיינע דערקלע=
רונגען — איז קיינמאָל נישט געוואָרן אויסגעפירט. די ווירטשאַפטלעכע באַדער=

---

[61] לויט פאַרטרויילעכע ידיעות פון דער געטאָ=פאַרוואַלטונג גיט דאָס געטאָ אַן
ערך 37 מיליאָן רייכסמאַרק חודשלעך, אַקטועלע ידיעות (פּויליש), נר. 39—64 פון
.1942.10.23

[62] י. טרונק: „יידישע אַרבעטס=לאַגערן אין וואַרטע=לאַנד", „בלעטער פאַר געשיכ=
טע", ב. I, ה. 1—2, ז. 123. טרונק גיט אָן די צאָל באַשעפטיקטע אויף 11000, דאַקעגן
קאָרהערער אין זיין באַריכט פאַר הימלערן אויף 6.000 (אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס
I, ז. 150).

[63] פּראָצעס פון העסן, דעם קאָמענדאַנט פון אָשוויענטשימער לאַגער, ב. XXI ז.
.180—161

פעניש־ן פון שלעזישן אינדוסטריע־צענטער האָבן פאַראורזאַכט, אַז די יידישע
אַרעסטאַנטן זענען באַשעפטיקט געווען אין די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אויך
אויסער די ראַמען פון אָשוויענטשים אָדער זיינע פיליעס.

להיפוך צו דער גענ.־גובערניע און „וואַרטעלאַנד“, האָט די טענדענץ צו קאָנ־
צענטרירן די יידישע באַפעלקערונג אין אַ קליינער צאָל פונקטן, כדי זי זאָל ווייטער
קנעכטיש עקספּלאָאַטירט ווערן דורך דער עס־עס, איידער עס וועט קומען איר
ענדגילטיקע אויסראָטונג, — אין דער שלעזישער פּראָווינץ אָנגענומען אַנדערע
פאָרמען. ווי מיר האָבן שוין אויבן געשריבן, האָט זיך דער ספּעציעלער אַמט
„דינסטשטעללע דעס זאָנדערבאַופטראַגטען דעס רייכס־פירער ס ס אונד שעף דער
דויטשען פּאָליציי פיר פרעמדפעלקישן ארבייטס־איינזאַץ אין אויבער־
שלעזיען“, פּאָפּולער גערופן „די שמעלט־אָרגאַניזאַציע“, אויפן געביט פון שלעזיע
פאַרנומען מיטן צושטעלן פּוילישע און יידישע אַרבעטער פאַר פאַרשידענע דייַ־
טשישע פירמעס. דער עס־עסישער אַמט האָט פאַקטיש געהאַט די השגחה איבער
דער יידישער באַפעלקערונג און האָט אין דער פולער מאָס דיספּאָנירט מיט יידישע
אַרבעטס־כוחות, וועלכע ער האָט פאַרדונגען די דייטשישע אונטערנעמונגען.

פון זומער 1942, ווען דער אימפּעט פון די ליקווידאַציע־אַקציעס איז גע־
וואַקסן אויך אין דער שלעזישער פּראָווינץ, האָט זיך די ראָל פון דער „דינסט־
שטעללע“ באַדייטנדיק פאַרקלענערט. די מאַכט איבער דער יידישער באַפעלקערונג
האָט איבערגענומען די עס־עסישע זיכערהייטס־פּאָליציי און די „דינסטשטעללע“
האָט איר געהאָלפן אינעם ליקווידירן די יידישע ישובים. די אויסגעסעלעקציאָניר־
טע יידישע באַפעלקערונג פון באַזונדערע שטעט האָט מען קאָנצענטרירט אין
עטלעכע דורכגאַנגס־לאַגערן (דולאַג). אין דער שלעזישער פּראָווינץ האָט מען
אַזעלכע דולאגן אָרגאַניזירט אין סאָסנאָוויץ, ביי ווראָצלאַוו, אין קאָזלע,[64] הויפּט־
זעכלעך פאַר די טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געקומען פון די מערב־לענדער. פון די
דורכגאַנגס־לאַגערן, וואָס זענען געווען אַ גרויסער יאָרמאַרק פון קנעכט, האָט מיט

---

[64] שטערנפינקעל: „דער אומקום פון די יידן אין סאָסנאָוויצע“ (פּויליש), קאַטאָ־
וויץ 1946, ז. 23.

דער לאַגער גראָס־מאָשאָוויץ איז סוף 1943 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוואַנגס־
אַרבעטס־לאַגער; לויט דער גבית־עדות פון העסן האָט גענ. שמעלט זומער 1942 באַקומען
פון הימלערן אַ דערלויבעניש אויסצוסעלעקציאָנירן פון די בעלגישע, פראַנצויזישע
און האָלענדישע טראַנספּאָרטן 10.000 יידישע אַרבעטער, בכדי צו באַשעפטיקן זיי אין
שלעזישע קאָנצערנען. אַקטן פון העס פּראָצעס, ב. XXI, קאַפּיטל „אָרגאַניזאַציע
שמעלט“.

אין פאַל ווען דער ייד האָט זיך נישט צו געשטעלט צו דער אַרבעט, האָט מען גע־
נומען אַן אַנדערן משפחה־מיטגליד, וועלכן מען האָט פאַרהאַלטן אין א. ג. צווישן־לאַגער,
שטערנפינקעל, דצ״ו, ז. 24.

קליינע גרופּן יידישע אַרבעטער דיספּאָנירט די אָרגאַניזאַציע „שמעלט“, דער גרעסטער טייל איז געגאַנגען פאַר די אָשוויענטשימער אונטערנעמונגען.

סוף 1942 איז נאָך אין שלעזיע געבליבן אַ קליינע צאָל געטאָס: אין סאָסנאָוויץ, בענדין, כזשאַנאָוו, וואַדאָוויץ, דאָמבראָוואַ־גורניטשאַ, זאַוויערטשע, סוכאַ, טשעלאַדזש, סטזשעמיעשיצע, מאָדזשעיווו און אַנד., וועלכע די פּאָליציי־מאַכט האָט שטופּנווייז ליקווידירט. פּאַקטיש זענען דאָס געווען לאַגערן אונטער דער קאָנטראָל פון דער עס־עס, פונוואַנען די יידן זענען אונטער אַ קאָנוואָי געפירט געוואָרן אויף אַרבעט אין די באַוואָפענונגס־אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַקומען פון דער „דינסטשטעללע“ אַ דערלויבעניש אויף באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער. לויט אָפיציעלע דייטשישע קוועלן האָט די צאָל יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געוועזן אונטער דער קאָנטראָל פון דער אָרגאַניזאַציע „שמעלט“, סוף דעצעמבער 1942 באַטראָפן 50.570.[65] עס איז קלאָר, אַז די ציפער האָט ניט אַרומגענומען די יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין די אונטערנעמונגען פון אָשוויענטשימער לאַגער. די צאָל האָט זיך אויך כסדר פאַרקלענערט, ווייל אין צוזאַמענהאַנג מיטן צואיילן די פאַרטיליקונגס־אַקציע ווערן אין פּרינציפּ אַלע יידן „העפטלינגען“ פון אָשוויענטשים, דעם צענטראַלן קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר דער געגעבענער פּראַווינץ. די יידישע אַרבעטער האָט מען בכן שטופּנווייז צוריקגעצויגן פון פאַרשידענע קלענערע אונטערנעמונגען, און אַפילו פון „רייכסאויטאָבאַן“, וו זיי האָבן געאַרבעט ביים בויען שאָסייען און אויטאָסטראַדעס.

דאָס ווייטערדיקע סעלעקציאָנירן די אַהערגעקומענע צאָלרייכע טראַנספּאָרטן מיט יידן איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם פאַקט, וואָס פון דער העלפט 1942 זענען אין קרייז פון אָשוויענטשימער לאַגער אויפגעבויט געוואָרן אַ ריי גרעסערע אונטערנעמונגען פון מלחמה־אינדוסטריע. אָשוויענטשים מיט די פיליעס ווערן ניט בלויז אַ גרויסער טויט־קאָמבינאַט, מיט אַ גענוי דורכגעטראַכטן מעכאַניזם, נאָר אויך אַ ריזיקע אונטערנעמונג מיט אַ רעזערוואַר פון אַרבעטס־כוחות פאַר דער דייטשישער מלחמה־אינדוסטריע.

די זעלבע דייטשישע קאָנצערנען, וואָס האָבן צוגעשטעלט גאַז צום פאַרסמען מיליאָנען מענטשן און האָבן געבויט אינסטאַלאַציעס פאַר מאַסן־מאָרד, האָבן אויפן סמך פון אַ ספּעציעלן אָפּמאַך מיט דער אָפּט. ד/II באַקומען צוטיילונגען פון אסורים פון אָשוויענטשימער לאַגער. די עס־עס־מאַכט האָט פון דעם געצויגן קאָלאָסאַלע רווחים. אומאָפּהענגיק פון דעם, האָט דערווירטשאַפטלעכער סעקטאָר פון דער עס־עס אויסגעבויט אין שלעזיע אַ ריי אייגענע אונטערנעמונגען, אין וועלכע זי האָט באַשעפטיקט אָשוויענטשימער לאַגער־אסורים. צוליב די אַלע סיבות

---

[65] קאָרהערערס רעפּעראַט פון מערץ 1943. די זעלבע צאָל גיט אָן העס (אַקטן, ב. XXI).

איז די עס־עס געווען פאַראינטערעסירט אינעם פאַרגרעסערן די צאָל אסורים אין די לאַגערן.

די יידן, אָשוויענטשימער אסורים, האָבן אַלזאָ געאַרבעט סיי אין די עס־עסישע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געבילדעט דעם ווירטשאַפטלעכן טייל פון לאַגער־אָרגאַניזם, און אויך אין די אונטערנעמונגען פון די גרויסע דייטשישע פירמעס אויסער די ראַמען פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. די דאָזיקע פירמעס האָבן אַפילו אָרגאַניזירט פאַר די יידישע אַרעסטאַנטן ספּעציעלע לאַגערן, וואָס זענען געווען באַוואַכט דורך דער עס־עס.

שוין אין דער העלפט 1942 האָבן די יידן בכן געאַרבעט אין די קוילן־גרובנס אין יאַוואָשאָוויצע און אין בזשעשטשע, וואָס האָבן געהערט צום קאָנצערן „הער־מאַן גערינג־ווערקע". דער אָשוויענטשימער לאַגער האָט צוגעשטעלט יידישע אַרעסטאַנטן אין הסכם מיטן אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן דורך דער פאַר־וואַלטונג פון דעם דערמאָנטן קאָנצערן מיטן שעף פון אַרבייטס־איינזאַץ מאַורער פון ד/II.[66] די יידישע אסורים האָט מען קאַשאַרירט אין ספּעציעל אויסגעבויטע לאַגערן אין יאַוואָשאָוויצע, וואָס געפינט זיך אויף דער העלפט וועג צווישן די דער־מאָנטע גרובנס.[67]

לויט די דערקלערונגען פון העסן איז די אַרבעט פון די יידישע לאַגער־אסורים געווען דער ערשטער פּרווו פון באַשעפטיקן העפטלינגען אונטער דער ערד. מיט דעם ענין האָט זיך פאַראינטערעסירט הימלער, וועלכער האָט אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן קוילן־קאָמיסאַר פון רייך, דעם באַקאַנטן קריגס־פאַר־ברעכער פּלייגער, וועגן איבערנעמען אונטער דער פאַרוואַלטונג פון עס־עס אַ גרע־סערע צאָל קוילן־גרובנס אין אויבער־שלעזיע. די פּראָיעקטן זענען אויפגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּלאַנירטער דורך די דייטשישע קוילן־טרעסטן 100־פּראָ־צענטיקער העכערונג פון דער קוילן־פּראָדוקציע, צו וואָס עס האָבן אָבער געפעלט אַרבעטס־כוחות.

צו אַ פאַרשטענדיקונג איז דעם ענין איז — לויט דער דערקלערונג פון העסן — נישט געקומען. די אַלטע מאָנאָפּאָליסטישע פירמעס האָבן מיט האַס געקוקט אויף דער וואַקסנדיקער ווירטשאַפטלעכער מאַכט פון דער עס־עס און האָבן זיי דעריבער נישט געוואָלט צולאָזן צו אַ גרעסערן אָנטייל אין דער קוילן־אינדוסטריע.

אַ חוץ דעם קאָנצערן ה. גערינג האָט אויך פון דער אַרבעט פון די יידישע לאַגער־אסורים גענאָסן דער כעמישער קאָנצערן „אי. ג. פאַרבען". אויפן סמך פון אַ ספּעציעלן אָפּמאַך מיט הימלערן האָט אי. ג. פאַרבענאינדוסטריע געהאַט

---

[66] מוירער איז פאַרמשפּט געוואָרן דורכן פּוילישן געריכט פאַר זיינע פעלקער־מערדערישע פאַרברעכנס צום טויט.

[67] העס פּראָצעס, ב. XXI, ז. 38.

פּריווילעגיעס ביים געניסן פון די אָשוויענטשימער לאַגער=אַסורים.[68] דער קאָנצערן האָט בכן באַקומען צוטיילונגען פון יידישע העפטלינגען, וועלכע ער האָט באַשעפטיקט אין זיינע קוילן=גרובנס אין פירסטענגרובע, גינטערגרובע און יאַנינאַגרובע און אויך אין זיינע אינדוסטריע=אַנשטאַלטן אין מאָנאָוויטש, וווהין מען האָט איבערגעפירט די ארויסבאַקומענע קוילן פון די גרובנס צו דער איבעראַרבעטונג אויף בענזין און סינטעטישער גומע.[69] אויסער דעם האָט אי. ג. פאַרבען באַשעפטיקט יידן אין די אונטערנעמונגען אין כעלמעק, סאַקי, באָברעק און אַנד.[70]

אָשוויענטשים האָט אויך צוגעטיילט יידישע אַרעסטאַנטן דער פירמע „אָבער=שלעזישע הידריערווערקע“ (קרופּס קאָנצערן), וועלכע האָט זיי באַשעפטיקט אין דער פאַבריק פון סינטעטישן בענזין (לאַגער אין בלאַכאָווניע). אָשוויענטשים האָט זיי נאָך צוגעשטעלט דער קאָמפּאַניע „בערג=הוטע“ צו אַרבעטן אין אירע באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען אין שוויענטאָכלאָוויץ און סאָסנאָוויץ און אויך אין די קוילן=גרובנס אין יאַוואָזשנע, לאַגישע און אַנד. ערטער, אין וועלכע עס איז מיט קוילן=קראַפט אויסגעאַרבעט געוואָרן עלעקטרישער שטראָם צו באַדינען די באַוואָפענונגס=אינדוסטריע.

פון דער אַרבעט פון די יידישע העפטלינגען האָט אויך גענאָסן די „ווייכסעל אוניאָן מעטאַל ווערקע“, וועלכע האָט אויפן שטח פון אָשוויענטשים געהאַט אַנשטאַלטן, וואָס האָבן פּראָדוצירט אָנצינדערס צו אַרטילערישע סנאַריאַדן. חוץ דעם האָט פון יידישער אַרבעטס=קראַפט גענאָסן די סימענס=אונטערנעמונג אין באָברעק און אין אַנדערע ערטער.

אומאָפּהענגיק פון דער אַרבעט אין די אונטערנעמונגען פון די מאָנאָפּאָליס=טישע פירמעס, זענען די יידישע אסורים געווען באשעפטיקט אין די עס=עסישע אונטערנעמונגען, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אויפן שטח פון לאַגער. אַזוי האָט מען זיי באַשעפטיקט אין דער צעמענט=פאַבריק אין גאָלעשאָוו, וואָס האָט געהערט צום עס=עסישן קאַרטעל א. נ. „דויטשע ערד אונד שטיינווערקע“ (דעסט), אין

---

[68] גבית=עדות פון העסן פאַרן נירענבערגער טריבונאַל, 1946.5.20, לויט הימלערס באַפעל האָט די אי.ג. פאַרבען געהאַט גרעסערע — אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אונטערנעמונגען — פּריווילעגיעס אין באַקומען לאַגער=אסורים צו ארבעט (נירענב. דאָקומענט, נ.אָ. — 034, נ.אָ. 1065). מיט פאַהלן און גליקסן (דעם שעף פון די קאָנצענטראַציע=לאַגערן) האָט פערטראַקטירט אין שפּערס נאָמען וואַלטער שיבער (שיבער — אַ פאַר=טרויונגס=מאַן פון די דייטשישע מאָנאָפּאָלן).

[69] העס פּראָצעס, ב. XXI, גבית=עדות פון העסן; „בונאַ ווערק“ פון פּראָדוקט „בונאַ“, וועלכן מען האָט אויסגעאַרבעט אין די אָשוויענטשימער אונטערנעמונגען; וועגן דער פּראָדוקציע פון בונא אין אָשוויענטשים פג“ל די אַרבעט פון סאָסעלי: „אי. ג. פאַרבענאינדוסטריע“, וואַרשע 1949, ז. 270.

[70] פ. פרידמאַן: אָשוויענטשים, ז. 65.

די באוואָפענונגס=אונטערנעמונגען (דאוו), און אַ חוץ דעם אין אונטערנעמונגען פון לאַנדווירטשאַפט און בהמות=צוכט אין דער געגנט פון לאַגער.[71]

מיר האָבן אויסגערעכנט בלויז די וויכטיקסטע פירמעס. די עטלעכע ביישפּילן זענען אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז די דייטשישע מלחמה=אינדוסטריע, בפרט אין דער שלעזישער פּראָווינץ, האָט זיך מיט איר טעטיקייט אין א גרויסער מאָס געשטיצט אויף דער קנעכטישער אַרבעט פון די לאַגער=אסורים און צווישן אַנדערע אויך פון די יידישע אסורים. דער דאָזיקער פאַקט איז געווען די סיבה, וואָס דער פּרינציפּ פון קאָנצענטרירן די רעשטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז אין יענער צייט דורכגעפירט געוואָרן אויף אַלע אָקופּירטע פּוילישע געביטן, האָט דאָ אָנגענומען אַנדערע פאָרמען. אַלס אָשוויענטשימער העפטלינגען זענען די יידן געווען קאָשאַרירט אין לאַגערן, אָרגאַניזירטע ביי די גרובנס, הוטעס, פאַבריקן, פאָלוואַרקן און אַפילו ווירטשאַפטן, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אויף דער גאַנצער שלעזישער פּראָווינץ.

IV ביאַליסטאָקער קרייז

ביים סוף דאַרף מען נאָך אויפקלערן די דעמלטיקע סיטואַציע אין די פּוילישע געביטן, וואָס זענען געווען איינגעגלידערט אין מזרח=פּרייסן. אין 1939 זענען די צפונדיקע פּאָוויאַטן פון דער געוועזענער וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט איינגעגלידערט געוואָרן אין פּרייסן און עס איז געשאַפן געוואָרן דער קרייז ציכענאַו. אין יאָר 1941 איז צוגעטיילט געוואָרן צו מזרח=פּרייסן די ביאַליסטאָקער געגנט, ווי אַ באַזונדערער קרייז.

איינער פון די גרעסטע יידישע ישובים און צוגלייך דער אינדוסטריע=צענטער אין דעם קרייז איז געווען ביאַליסטאָק, וואָס האָט אין מאָמענט פון אָקופּירט ווערן דורך דער היטלעריסטישער אַרמיי געציילט אַרום 55—60 טויזנט יידן, וועלכע זענען איזאָלירט געוואָרן אין אַ פאַרמאַכטן געטאָ. אין האַרבסט 1942 יאָר האָט דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ שוין געציילט בלויז 40—42 טויזנט נפשות און אין גאַנצן קרייז האָט געלעבט אַרום 200.000 יידן.[72] די היטלעריסטישע פּלענער פון פאַרניכטן די יידן האָבן, פאַרשטענדלעך, אויך געהאַט אַ שייכות צו דעם קרייז.

---

[71] העס פּראָצעס, ב. XXI.

[72] אויף דער קאָנפערענץ אין ר.ז.ה.אַ. דעם 1942.1.20 האָט היידריך אָנגעגעבן פאַרן גאַנצן ביאַליסטאָקער קרייז 400.000 יידן. מעגלעך, אַז היידריך האָט אריינגערעכנט די יידישע באַפעלקערונג אין ציעכאַנאָווער קרייז. דאַקעגן קאָרהערער האָט אין זיין באַריכט אָנגעגעבן די צאָל יידן אין ביאַליסטאָקער קרייז אָנהייב 1943 — ד. ה. נאָך דער גרויסער אויסזידלונג — אויף 160.000 יידן.

אָנהייב אָקטאָבער 1942 יאָר זענען שוין אין דער קאָמענדאַנטור פון דער זיכערהייטס⸗פּאָליציי אין ביאַליסטאָקער קרייז באַקאַנט געווען די פּלענער און מען האָט זיך גערעכנט מיט די מעגלעכקייטן פון ליקווידירן די יידן אין גאַנצן קרייז.[73]

אין דער ערשטער העלפט אָקטאָבער 1942 האָט די ביאַליסטאָקער געסטאַפּאָ באַקומען אַ געהיימען באַפעל פון רסה"א, וועלכע האָט פאַראָרדנט צו ליקווידירן דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ און די אַנדערע געטאָס אין גאַנצן קרייז. אָבער פּונקט ווי אין דער גענעראַל⸗גובערניע, האָט אויך דאָ דער שעף פון דער באַוואָפענונגס⸗אינספּעקציע פּרעזע, באַאומרואיקט פון דער געפאַר, אַז עס וועלן ליקווידירט ווערן וויכטיקע באַוואָפענונגס⸗אונטערנעמונגען (צוליב מאַנגל פון פאַרטרעטערישע כוחות), אינטערווענירט ביי דער הויפּט⸗אָנפירונג פון דער אַרמיי (אָקוו) אין בערלין. אויך דער ביאַליסטאָקער לאַנדראַט בריקס, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון דער באַוואָפענונגס⸗אינדוסטריע אין זיין קרייז, האָט אין פאַרשטענדיקונג מיט די פּאָליציי⸗פאַקטאָרן, וואָס זענען אויך געווען פאַרבונדן מיט די אָרטיקעווירטשאַפטלעכע ספערן, אינטערווענירט אין בערלין. זיי האָבן באַגרינדעט די נויטווענדיקייט פון איבערלאָזן דערווייל דאָס געטאָ מחמת זיין פּאָטענציעל גרויסער באַוואָפענונגס⸗פּראָדוקציע, אַז דאָס ליקווידירן דאָס געטאָ וואָלט אַרויסגערופן אַ באַלדיקע פאַרקלענערונג פון דער באַוואָפענונגס⸗פּראָדוקציע, וואָס וואָלט נאָך פאַרערגערט די לאַגע פון פראָנט.

די אינטערווענץ האָט דערווייל געגעבן א פּאָזיטיוון רעזולטאַט. די רסה"א האָט אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער 1942 פאַראָרדנט אַרויסצושיקן די יידן פון גאַנצן קרייז, דאקעגן איז ער מסכים געווען, אז דאָס ביאליסטאָקער געטאָ זאָל צייטווייליק איבערבלייבן. דערביי האָט געזאָלט קומען צו אַ באַדייטנדיקער פאַרקלענערונג פון געטאָ⸗שטח און אויך פון דער צאָל איבערגעבליבענע איינוווינער.[74]

אַ סך מאָמענטן האָבן מיטגעווירקט צו אַזאַ צייטווייליקער לעזונג פון דער פראַגע אין דער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ. עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן ליקווידירן גרויסע מאַסן פון דער באַפעלקערונג אין גאַנצן קרייז אין דער צייט, ווען די פאַרניכטונגס⸗פעיקייט פון טרעבלינקע, וווּ מען האָט דעמלט געשיקט די יידן פון דער פּראָווינץ, איז געווען באַגרענעצט. דאָס איבערפירן אַזאַ גרויסע צאָל טראַנספּאָרטן האָט אָנגעטראָפן אויך אויף באַדייטנדיקע שוועריקייטן, בפרט אין אַ צייט פון א פארשטאַרקטער באַוועגונג פון די צוגן, וואָס האָבן געפירט טעכנישע

[73] אַרכיוו פון יי.ה.א., גבית⸗עדות פון פרידל, שעף פון דער זיכערהייטס⸗פּאָליציי אין ביאַליסטאָק, ז. 20.

[74] לויט דער גבית⸗עדות פון פרידל. דאָס האָט אויך באַשטעטיקט דער פּרעזעס פון ביאַליסטאָקער יודענראַט אויף דער זיצונג פון 1942.11.11, אַרכיוו פון יי.ה.א. אַקטן פון ביאַליסטאָקער יודענראַט.

מאַטעריאַלן אויפן פּראָגט און פאַרוואַנדעטע פון פּראָגט. די רסה״א האָט זיך באַמיט צו ליקווידירן דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס זאָל פאָרקומען אָן שאָדן פאַר דעם אַזוי וויכטיקן צענטער פון דער באַוואָפענונגס-אינדוסטריע.

דערביי איז נישט געווען אָן באַדייטונג די אינטערווענץ פון דער באַוואָפענונגס-אינספּעקציע. אין דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון געטאָ אַלס אינדוסטריע-פּונקט איז פאַראינטערעסירט געווען נישט בלויז די לאָקאַלע מאַכט, וואָס האָט געצויגן נישט קיין קליינע פּראָפיטן פון דער קנעכטישער אַרבעט פון די יידן, נאָר אויך די צענטראַלע מיליטעריש-ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן. די געטאָ-אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אין דער צייט באַשעפטיקט העכער 20.000 יידישע אַרבעטער, זענען געווען וויכטיקע צושטעלער פון פּראָדוקציע פאַר די גרויסע דייטשישע פירמעס. צוליב דעם איז די געטאָ-פּראָדוקציע געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער באַוואָפענונגס-אינספּעקציע (אַן עקספּאָזיטור פון שפּעערס מיניסטעריום).

אין הסכם מיטן באַפעל פון רסה״א האָט זיך דעם 2-טן נאָוועמבער 1942 י. אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ביאַליסטאָקער קרייז. די אַקציע איז פאָרגעקומען גלייכצייטיק אומעטום און האָט אַרומגענומען עטלעכע צענדליק געטאָס, מיטן אויסנאַם פון ביאַליסטאָק גופא. די יידישע באַפעלקערונג איז קאָנצענטרירט געוואָרן אין 5 גרעסערע פּונקטן, דורכגאַנגס-לאַגערן: קעלבאַשין, באָגושע, זאַמבראָוו, וואָלקאָוויסק, און אין דעם לאַגער ביי ביאַליסטאָק. פונדאַנען האָט מען זיי דערנאָך אין פאַרלויף פון נאָוועמבער און דעצעמבער אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע אויף פאַרטיליקונג. אין דער אַקציע זענען אומגעקומען העכער 130.000 יידן,[75] די איבעריקע אויסגעסעלעקציאָנירטע באַפעלקערונג און אויך אַ טייל מאַשינען און פאַבריקס-איינריכטונגען זענען איבערטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין ביאַליסטאָקער געטאָ, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי א צענטראַלער לאַגער פון יידן אין גאַנצן קרייז.

שוין אין גאַנג פון דער ליקווידיר-אַקציע איז אָנגענומען געוואָרן אַ ווייטערדיקער באַשלוס אין באַצוג צו ביאַליסטאָק גופא. אין הסכם מיטן אויבן ציטירטן באַפעל פון הימלערן פון 14-טן דעצעמבער 1942 וועגן דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל אַרבעטס-כוחות אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן, האָט דער דעמלטיקער פאַרטרעטער פון שעף פון דער זיכערהייטס-פּאָליציי און ס. ד. אין בערלין מיללער פאַנאַנדערגעאַרבעט אַ נייעם פּלאַן פון אַרויסשיקן קיין אָשוויענטשים עטלעכע צענדליק טויזנט יידן צו דערגענצן די דאָרטיקע באַוואָפענונגס-פאַבריקן מיט אַרבעטס-כוחות. אין איינקלאַנג מיט מיללערס נייעם באַפעל פון 17-טן דעצעמבער

[75] אויספירלעכער ביי ב. מאַרק: „דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ“, וואַרשע 1952.

1942 האָט די פּאָליציי־מאַכט געדאַרפט אין דער צייט פון 11־טן ביז דעם 31־טן יאַנואַר 1943 יאָר אַרויסשיקן קיין אָשוויענטשים 45.000 יידן, אין דעם 30 טויזנט פון ביאַליסטאָקער קאַנט.[76] עס איז דאָ קודם־כל געגאַנגען וועגן דער באַפעלקערונג פון געטאָ.

פון דעם דרינגט קלאָר אַרויס, אַז די פּאָליציי־מאַכט פון ביאַליסטאָקער קרייז האָט אין יענער צייט נישט געהאַט בדעה, און צוליבן קעגנשטעלן זיך פון שפּעטערן נישט געקאָנט איבערנעמען אַזעלכע באַדייטנדיקע פּראָדוציר־כּוחות, וואָס זענען געווען אין ביאַליסטאָקער געטאָ און — ווי דאָס האָט געהאַט אַן אָרט אין דער גענעראַל־גובערניע — זיי עקספּלאָאַטירן אין די אייגענע ראַמען און פאַרן אייגענעם נוצן. אין עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען די ביאַליסטאָקער געגנט איז געוואָרן אַ פּונקט פון אַ פאַרשטאַרקטער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, אין וועלכער עס האָבן אַ באַדייטנדיקן אָנטייל גענומען קעמפער און פּאַרטיזאַנער פון ביאַליסטאָקער געטאָ, האָט הימלער אָנגעהויבן צו מאַכן באַמיונגען צו באַקומען די גאַנצע מאַכט איבערן געטאָ; באַזונדערס, ווען דאָס איבערנעמען אַזעלכע באַדייטנדיקע פּראָדוציר־כּוחות האָט נאָך געקאָנט, ווי מען האָט זיך גערעכנט, אָפּראַטעווען די זייער קלאָגעדיקע ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון „אָסטי“. האָבנדיק אין זיינע הענט דעם „זיכערהייטס“־אַפּאַראַט, האָט הימלער אַרויסגעקריגן פון דער היטלעריסטישער רעגירונג אַ דעציזיע, אויפן סמך פון וועלכער גלאָבאָצניק האָט געדאַרפט דורכפירן די ליקווידאַציע פון געטאָ און די פאַראַנענע אין אים אונטערנעמונגען און באַשעפטיקטע יידישע אַרבעטער אַריינגעמען אין „אָסטי“־לאַגערן.

אין הסכם מיט דער דעציזיע פון מילערן האָט מען דערווייל די באַפעלקערונג פון געטאָ געדאַרפט אַרויסשיקן קיין אָשוויענטשים, וו — לויט ווי עס טייטשט אויס מילער אין באַפעל פון 17־טן דעצעמבער — זי וועט ווערן אַנטשפּרעכנדיק „דורכגעזיפּט“, און דאָס וועט געבן אין רעזולטאַט פון די 30.000 יידן אַרום 8—10 טויזנט פעיקע מענטשן צו דער אַרבעט אין די באַוואָפענונגס־אונטערנעמונגען פון אָשוויענטשימער לאַגער.

די געטאָ־אונטערנעמונגען, וואָס זענען געווען אַ וויכטיקע פּאָזיציע פון הכנסה פאַר דער שטאָט און פּראָווינץ, האָבן געזאָלט בלייבן און ווייטער אַרבעטן. אין הסכם מיט דעם באַשלוס וועגן דער ליקווידירונג פון געטאָ האָט דער גאַולייטער קאָך פאַראָרדנט, אַז די יידישע אַרבעטס־כּוחות זאָלן ווערן פאַרטרעטן דורך ווייסרוסישע אַרבעטער.[77] דער ענין איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער פּאַציפיקאַציע

---

[76] „נאַצי קאָנספּירוּשי“, ב. VIII, דאָקום. 97, מילערס באַפעל. מילער האָט אויך אויפגעקלערט, אַז צוליב טראַנספּאָרט־שוועריקייטן וועט די אויסזידלונג זיך אָנהייבן ערשט פון 1943.1.11.

[77] אַרכיוו יי.ה.א., אקטן, א. — 142, ז. 51, א ראַפּאָרט פון דער קאָנפערענץ אין בערלין אין דער העלפט יאַנואַר 1943 וועגן ביאַליסטאָקער געטאָ.

פון ביאַליסטאָקער קרייז און מיטן דערשטיקן די דאָרטיקע ווידערשטאַנד=באַוועגונג, מיטן ליקווידירן די פּאַרטיזאַנישע גרופּן. דער פּלאַן איז געגאַנגען אין דער ריכטונג, אַז נאָכן אַרויסשיקן די יידישע באַפעלקערונג זאָל דאָס געטאָ באַשטימט ווערן פאַר אַן אָרט צו באַזעצן די ווייסרוסישע באַפעלקערונג פון דער געגנט אַרום די ביאַלאָוויעזשער וועלדער. ביאַלאָוויעזש איז געווען אַ וויכטיקער אָנשפּאַר=פּונקט פאַר דער פּאַרטיזאַנער=באַוועגונג, בפרט פאַר די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער=אָפּטיילונגען. דורכן אָפּרייניקן דעם געביט און דורך דער איבערזידלונג פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג, בפרט — ווי עס שרייבט וועגן דעם ענין שפּעטער צו הימלערן — ווייניקערדיקע פויערים אין די יידישע וווינונגען אין געטאָ, האָט מען זיך גערעכנט ביי די פּאַרטיזאַנער אַוועקצונעמען די שטיץ=פּונקטן און מיט דעם לייכטער צו דערדריקן די ווידערשטאַנד=באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער קרייז.[78]

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט קאָך באַשטימט דעם שטאָטישן קאָמיסאַר פון ביאַליסטאָק אַלס זיין באַפולמעכטיקטן פאַרן דורכפירן די איבערזידלונג פון די ווייסרוסן אין געטאָ.[79] גלייכצייטיק האָט מען אַריינגעטראָגן צום מיניסטער פאַר באַוואָפענונג און אַמוניציע שפּעער אַ ווענדונג וועגן צוטיילן בוי=מאַטעריאַלן אויפצובויען באַראַקן אויפן געביט פון געטאָ, ווייל מען האָט זיך גערעכנט מיט דער מעגלעכקייט פון איבערזידלען אַרום 40.000 פויערים, פאַר וועלכע מען האָט געהאַט בדעה צו שאַפן באַקוועמערע וווינונגס=באַדינגונגען.[80]

אין דער העלפט יאַנואַר 1943 יאָר זענען די צוגרייטונגען צו ליקווידירן דאָס געטאָ שוין געווען אין פולן גאַנג. דער לאַנדראַט פאָן איינזידעל אַלס לייטער פון דער אָרטיקער „טרויהאַנדשטעלע“ האָט אין פאַרשטענדיקונג מיט דעם דערמאָנטן „באַפולמעכטיקטן פאַר דער איבערבאַזעצונג פון די ווייסרוסן“ געדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט דער אָרגאַניזירונג פון די באַוואָפענונגס=אונטערנעמונגען אויפן געביט פון געטאָ, און זיי האָבן געדאַרפט באַקומען דייטשישע באַטריבספירער. כדי צוצואיילן די ביאַליסטאָקער אַקציע, האָט הימלער אַליין זיך געווענדט דעם 20=טן יאַנואַר 1943 יאָר צום וויצע=מיניסטער פון באַן=וועזן אין רייך ד״ר אינזש. גאַנצענמילער מיט אַ בקשה וועגן צושטעלן אין דעם קרייז מערער צוגן פאַר דעם טראַנספּאָרט פון יידן.[81]

---

[78] אַקטן דצ״ו — 119, שפּערס קאָרעספּאָנדענץ צו הימלערן פון 1943.2.1.

[79] קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָקער קאָמיסאַר פון 1943.1.21 צום אָבערפּרעזידענט פון דער פּראָווינץ מזרח=פּרייסן, אַרכיוו פון י.ה.א., אַקטן א — 142, ז. 51.

[80] דצ״ו, קאָרעספּאָנדענץ צווישן ביאַליסטאָק, בערלין און קעניגסבערג וועגן באַזעצן ווייסרוסן אין געטאָ.

[81] הימלער שרייבט בוכשטעבלעך: „אין דער ערשטער ריי דאַרף מען אויסזידלען יידן. דאָ איז מיר נייטיק אייער הילף און אונטערשטיצונג. כדי די ענינים שנעל צו לעזן, מוז איך האָבן מער צוגן. איך ווייס זייער גוט, ווי געשפּאַנט עס איז די סי=

אַחוץ טראַנספּאָרט־מניעות, זענען אין דער צווישנצייט אַרויסגעשוווּמען גייע שוועריקייטן און קודם־כל פון ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. די שטאָטישע מאַכט־אָרגאַנען, אַדמיניסטראַטיווע און פּאָליציייִשע, האָבן אַרויסגעזען, וואָס פאַר אַ באַדייטנדיקע שאָדנס דאָס ליקווידירן פון געטאָ וועט ברענגען דער שטאָטישער ווירטשאַפט. דערפאַר האָט זיך „דער באַפולמעכטיקער פאַר די ענינים פון דער איבערזעצונג" פארשטענדיקט מיטן קאָמאַנדאַנט פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי ד"ר אַלטענלאָה. נאָך אַ געמיינזאַמען באַזוכן די באַוואָפענונגס־אונטערנעמונגען אין געטאָ, האָבנדיק אויפסניי אַדורכגערעדט די ענינים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם ליקווידירן דאָס געטאָ, זענען זיי געקומען צום אויספיר: „אַז אַ פּלוצעמדיקע און גוואַלטזאַמע אַרויסנעמען די יידישע אַרבעטס־כוחות פון ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס וועט ברענגען פיל שאָדן דער שטאָט, באַזונדערס פאַר דער באַוואָפּע־נונגס־פּראָדוקציע.[82] אין דעם גייסט האָט ד"ר אַלטענלאָה זיך דעצידירט אַרויס־צוטרעטן לגבי זיין העכערער מאַכט אין בערלין (רסה"א) מיט אַן אַנטשפּרעכנ־דיקער ווענדונג.

אויסער דעם האָט דעם 1־טן פעברואַר 1943 יאָר דער מיניסטער שפּעער מודיע געווען הימלערן, אַז ער קאָן איצט נישט בויען קיין נייע באַראַקן אַלס דירות פאַר די פּויערים, וואָס דאַרפן באַזעצט ווערן אין ביאַליסטאָק. עטלעכע טעג שפּע־טער האָט הימלער מודיע געווען שפּעערן, אַז ער נעמט אָן זיין שטאַנדפּונקט, און אַז ער האָט שוין אַרויסגעגעבן אַן אַנטשפּרעכנדיקע פאַראָרדענונג אויסצונוצן בלויז די פאַראַנענע וווינונגען.[83] דאָס האָט באַדייט, אַז די אַקציע אין געטאָ וועט פאָרקומען, אָבער עס איז נאָך נישט באַוווּסט אין וועלכן פאַרנעם.

אין פאַרלויף פון יאַנואַר 1943 זענען ליקווידירט געוואָרן די לעצטע געטאָס: אין גראָדנע, פּרוזשאַני און יאַשינאָווקע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט בעת דער אַקציע פון 2־טן נאָוועמבער 1942 יאָר. איצט האָט געזאָלט קומען די ריי אויף ביאַליסטאָק. דעם 5־טן פעברואַר 1943 יאָר האָט די פּאָליציי־מאַכט געפאָדערט דערווייל אַרויסצוגעבן 6.000 יידן פון צווישן דער נישט באַשעפטיקטער באַפעל־קערונג. אָבער פאַקטיש האָט די א. ג. ערשטע אַקציע איינגעשלונגען אַרום 13.000 קרבנות.[84]

טואַציע אין באַן־וועזן און וועלכע פאָדערונגען מען האָט לגבי אייך. נישט געקוקט דערויף, ווענד איך זיך צו אייך מיט דער בקשה וועגן הילף אין צושטעלן מער צוגן".
אַרכיוו פון ה.ק.פּ.ה.פּ. אַקטן ד.צ. 108, דאָקומ. 330. הימלערס קאָרעספּאָנדענץ צו שפּערן פון 20.1.1943.

[82] דצ"וו, קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָקער באַפולמעכטיקטן צו קאָכן פון 20.1.1943.

[83] אַרכיוו פון ה.ק.פּ.ה.פּ., אַקטן ד.צ. — 119, דאָקומ. 341, הימלער צו שפּערן פון 9.2.1943.

[84] ב. מאַרק, דצ"וו, ז. 135.

די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן הערמעטיש פאַרמאַכט דאָס געטאָ און דורכגעפירט די באַרבאַרישע אויסזידלונג ביי דער מיטהילף פון דער עס־עסישער פּאָליציי און באַטייליקונג פון יודענראַט און יידישער פּאָליציי. דער יודענראַט, הגם ער האָט געוווּסט דעם אמת וועגן טויט־לאַגער טרעבלינקע, האָט ער דאָך אָנטיילגענומען אין דער טיילווייזער ליקווידאַציע פון געטאָ. ער האָט צונויפגעשטעלט די רשימות פון דער באַפעלקערונג לויט גאַסן, דערביי באַשטימט צום אויסזידלען דער עיקר די אָרעמע שיכטן און פּליטים פון די אַרומיקע שטעטלעך. די יידישע פּאָליציי האָט געהאָלפן דער עס־עס אויסצוגעפינען בונקערס און ערטער, ווו די יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און אויך אַליין אויסגעליפערט די יידן צו דער היטלעריסטישער מאַכט.[85]

געטריי זיין קלאַסן־שטעלונג האָט דער יודענראַט באַקעמפט די אַנטיפאַשיסטישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ, אויסגעזוכט די מיטגלידער פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און זיי איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ. אָבער נישט געקוקט אויף די גרויסע פאַרלוסטן אין געטאָ, האָבן די קאַמפס־גרופּן, וואָס זענען געוואָרן אָרגאַניזירט דורכן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד בעת די פעברואַר־אויסזידלונגען.

אינצווישן האָט די נייע מיליטערישע אוןווירטשאַפטלעכע סיטואַציע פון רייך און אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טאָטאַלער מאָביליזאַציע אַרויסגערופן די נויטווענדיקייט פון ווייטערדיקן אויסנוצן די יידישע אַרבעטס־כוחות. אַחוץ דעם, זענען געווען נישט קיין קליינע שוועריקייטן מיט די ווייסרוסישע פּויערים, וועלכע האָבן איבעריקנס נישט געקאָנט פאַרטרעטן די קוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטער אין דער באַוואָפענונגס־אינדוסטריע.

פון די איבערגעבליבענע פראַגמענטאַרישע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן ביאַליסטאָקער געטאָ, דרינגט אַרויס, אַז די פראַגע פון ווייטערדיקן גורל פון געטאָ איז באַהאַנדלט געוואָרן אין פעברואַר אויף דער קאָנפערענץ אין קעניגסבערג. די ווירטשאַפטלעך־מיליטערישע פאַקטאָרן, אַרויסגייענדיק אויסשליסלעך פון ווירטשאַפטלעכע הנחות, האָבן געמאַכט באַמיונגען, אַז מען זאָל דערווייל איבערלאָזן דאָס געטאָ. זייער שטאַנדפּונקט האָבן זיי מאָטיווירט מיט דעם, וואָס די געטאָ־אונטערנעמונגען זענען וויכטיקע ליפעראַנטן פון דער מלחמה־פּראָדוקציע.[86] דאַקעגן האָבן די פּאַרטייאישע און די פּאָליצייאישע אָרגאַנען פון דער

---

[85] דצ"ו, ז. 73—74, 148.

[86] דער קריגס־פאַרברעכער מאַכאָל, שעף פון סיפּאָ אין ביאַליסטאָק, דערמאָנט אין זיין גבית־עדות פון 1949.3.20, אַז „די ווירטשאַפט האָט זיך געקלאָגט אויפן מאַנגל פון אַרבעטס־כוחות און האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן פאַרבלייבן פון די יידן". אַרכיוו פון י.ה.א.

פראָווינץ געהאַלטן, אַז אויב עס איז אַפילו פאַראַן אַ נויטווענדיקייט פון ווייטערדיקן אויסנוצן די פּראָדוקציר-כוחות, וועלכע זענען דאָ קאָנצענטרירט, וואָלט מען זיי געקאָנט איבערטראַנספּאָרטירן אין לאַגערן און דאָרט עקספּלאָאַטירן, און דאָס געטאָ וואָלט געקאָנט ליקווידירט ווערן. מיט דעם וואָלט דער קרייז געוואָרן „יודענ-ריין“.[87]

לויט די נאָטיצן פון טאַמאַראָפן, דעם מיטגליד פון דער קאָמענדאַנטור פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, איז אויף דער קאָנפערענץ אין קעניגסבערג נישט אָנגענומען געוואָרן קיין שום באַשלוס. די ענדגילטיקע דעציזיע האָט געזאָלט אָנגענומען ווערן אין בערלין. אָבער עס איז אַ באַשטעטיקטער פאַקט, אַז אַרום דעם 20-טן פעברואַר 1943 יאָר האָט די פּאָליציי-מאַכט אין ביאַליסטאָק שוין געהאַט דיספּאָזיציעס וואָס שייך דעם פאַרבלייבן פונעם געטאָ. אויף דער באַראַטונג ביים ד"ר אַלטענלאָה דעם 19-טן פעברואַר 1943 יאָר האָט דער פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט פון סיפּ"אָ דערקלערט צווישן אַנד., אַז „...מען דאַרף זיך אין איצטיקן מאָמענט נישט רעכענען אויף דער ווייטערדיקער אַרויסשיקונג פון די יידן. אין געטאָ וועלן העכסט וואַרשיינלעך בלייבן אַרום 30.000 יידן ביז צום סוף מלחמה. מיט דעם פאַקט דאַרף מען זיך פון איצט אָן, פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפונקט, רעכענען, מען דאַרף זיך ריכטן, אַז די רסה"אָ וועט אַקצעפּטירן דעם פאָרשלאַג פון דער היגער סיפּ"אָ. דערפון אַנטשטייט פאַר דעם ענין פון באַשעפטיקונג און פאַרהיטונג פון די פּראָדוקציר-מעגלעכקייטן אַ נייע סיטואַציע“.

אומאָפּהענגיק פון דעם פּרינציפּיעלן באַשלוס האָט די באַראַטונג אויך אָנגענומען צייטווייליקע ריכטליניעס, מיט וועלכע מען דאַרף זיך רעכענען אין באַצוג צום געטאָ. די ריכטליניעס זענען געווען פאָלגנדיקע:

1) דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ בלייבט מיט קליינע ענדערונגען אין די ביז-איצטיקע גרענעצן;

2) אַלע אונטערנעמונגען אין געטאָ וועלן ווייטער זיין טעטיק, נאָר וועלן באַדינט ווערן אויסשליסלעך דורך יידישע אַרבעטס-כוחות;

3) „אומאָפּהענגיק פון די צוקונפטיקע אויפגאַבן פון דער שטאָט, מוז אָבער, צוליב פּאָליטישע צוועקן און זיכערהייטס-טעמים, דערגרייכט ווערן, אַז אין דער נאָענטסטער צייט זאָלן די 4 טויזנט יידישע אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט מחוץ דעם געטאָ, פאַרשווונדן פון דער שטאָט און אומקערן זיך אין געטאָ“. די פאָדערונג האָט קודם-כל אַרויסגערופט די געסטאַפּאָ און סיפּ"אָ.

---

[87] טאַמאַראָפס טאָגבוך, נאָטיץ פון מערץ 1943 דערמאָנט, אַז די ידיעות וועגן דער קאָנפערענץ שטאַמען פון באַראַשן, דעם פּרעזעס פון ביאַליסטאָקער יודענראַט. אַרכיוו פון יי.ה.א.

צום סוף פון דער דערמאָנטער נאָטיץ וועגן דער באַראַטונג לייענען מיר: „די אָרטיקע זיכערהייטס=אָרגאַנען נעמען אין אַכט די מעגלעכקייט פון איבערלאָזן דערווייל דאָס געטאָ. די פראַגע דאַרף ווערן אין פאַרלויף פון גאָענטסטן חודש ענדגילטיק געלעזט דורך דער רסה״אָ אין בערלין״.[88]

מיר קענען נישט דעם אַנטשפּרעכנדיקן באַשלוס פון דער רסה״א וועגן דעם עניין ביאַליסטאָק, אָבער פון פאַקט, וואָס דאָס געטאָ איז, כאָטש באַדייטנדיק פאַרקלענערט, דערווייל ווייטער געבליבן, דאַרף מען זיך משער זיין, אַז אין בערלין איז אָנגענומען געוואָרן דער שטאַנדפּונקט פון די אָרטיקע מאַכט=אָרגאַנען. נאָך דער מפּלה ביי סטאַלינגראַד האָט מען זיך אין בערלין אַלץ מער גערעכנט מיט די אַרגומענטן פוןווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער און דאָס האָט געהאַט אַן איינפלוס אויפן דערווייליקן גורל פון ביאַליסטאָקער געטאָ, דעם לעצטן יידישן ישוב אין גאַנצן קרייז.

5. דער פאַרברעכערישער כאַראַקטער פון דער עס-עסישער געזעלשאַפט „אָסטי״ און איר ראָל אין דער „אָפּעראַציע-ריינהאַרד״

מיר האָבן אויבן ארומגערעדט אין אַלגעמיינע שטריכן די פעלקערמערדערישע פּאָליטיק פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע=מאַכט בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גענ.=גובערניע און אויף אַנדערע פּוילישע אָקופּירטע געביטן אין דעם איבערברוך=פּעריאָד פון דער צווייטער וועלט=מלחמה. מיר האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די זיגזאַגן פון דער פאַרברעכערישער פּאָליטיק אין באַזונדערע פּראָווינצן זענען אַרויסגעשוומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער כסדרדיקער פאַרערגערונג פון דער מיליטערישער און ווירטשאַפטלעכער סיטואַציע פון III רייך. אין עצם זענען דאָס געווען טאַקטישע ענינים, וואָס האָבן לחלוטין נישט געענדערט די פריערדיקע דעציזיעס פון דער היטלעריסטישער רעגירונג.

די אָפּשוואַכונג פון די סלאַווישע פעלקער און די פולע אויסראָטונג פון די יידן זענען געווען צוויי וויכטיקסטע אויפגאַבן, וועלכע עס האָט זיך געשטעלט דער היטלעריזם אין דער מלחמה, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אויף מזרח. דאַקעגן, דער גרויסער איבערברוך אין דער געשיכטע פון דער מלחמה און דער אַנטשטאַנענער שאַרפער דוחק פון אַרבעטס=כוחות האָבן דיקטירט, אַז עס זאָלן אין דער פולער מאָס אויסגענוצט ווערן די נאָך געבליבענע יידישע אַרבעטס=כוחות אינעם איינטערעס פון דער דייטשישער מלחמה=ווירטשאַפט. מען האָט געזוכט אַן אויסוועג פון דער פאַרוויקלטער סיטואַציע דורכן אַרויסרוקן די נישט ווייניקער פעלקער=

[88] רצ״ו, נאָטיצן וועגן דער באַראַטונג ביי דער סיפּאָ.

מערדערישע קאָנצעפּציע — „פאַרניכטן דורך אַרבעט“. אין ענגן שייכות מיט די דאָזיקע פּלענער איז געווען דער באַשלוס פון דער היטלעריסטישער רעגירונג וועגן קאָנצענטרירן די רעשטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די קאָנצענטראַציע=לאַגערן.

כדי צו באַהאַנדלען די ענינים, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן דעמלטיקן עטאַפּ פון דער יידן=אויסראָטונג, האָבן די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער עס=עס און פּאָליציי גערופן קיין בערלין צוויי ספּעציעלע קאָנפערענצן. צוגרייטנדיק זיך צו זיי, האָט הימלער דורך אַ באַפעל פון 13=טן יאַנואַר 1943 יאָר באַאויפטראַגט דעם לייטער פון סטאַטיסטיש=וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ביים הויפּטאַמט פון דער עס=עס — קאָרהערערן צוצוגרייטן אַ סטאַטיסטישן באַריכט וועגן דער „ענדלעזונג פון דער אייראָפּעישער יידן=פראַגע“.[1] דער רעפעראַט האָט געדאַרפט צושטעלן פאַר די אָרגאַניזאַטאָרן פון די קאָנפערענצן אַ ציפערן=מאַטעריאַל וועגן די רעזולטאַטן פון דער ביז=איצטיקער יידן=אויסראָטונג.

די ערשטע קאָנפערענץ, וואָס איז גערופן געוואָרן דורך דעם נייעם שעף פון הויפּטזיכערהייטס=אַמט פונעם רייך, קאַלטענברונער, איז פאָרגעקומען — ווי עס האָט וועגן דעם דערקלערט אויפן נירענבערגער פּראָצעס דער העכערער באַאַמטער פון דער רייכס=קאַנצעלאַריע און קריגס=פאַרברעכער גאָטפריד באָלעי — אונטער דעם פאָרזיץ פון אייכמאַנען, וואַרשיינלעך אין פעברואַר 1943 יאָר. וועגן איר פאַרלויף ווייסן מיר דערווייל נישט פיל. לויט די דערקלערונגען פון באָלעין און דעם שעף פון דער רייכס=קאַנצעלאַריע ד״ר לאַמערס איז די טעמע פון די באַראַטונגען געווען — „די ענדגילטיקע לעזונג פון דער יידן=פראַגע“.[2] אייכמאַן האָט געדאַרפט אָפּגעבן דעם באַריכט וועגן פאַרלויף פון די פריערדיקע קאָנפערענצן ביים שעף פון דער סיפּ״אָ און ס. ד. און אַרומרעדן די ווייטערדיקע עטאַפּן פון דער יידן=אויסראָטונג. די פאָרשטייער פון דער סיפּ״אָ און ס. ד., וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער קאָנפערענץ, האָבן געזאָלט דערקלערן — לויט באָלעי — אַז די לעבנגעבליבענע יידן מוזן קאָנצענטרירט ווערן אין קאָנצענטראַציע=לאַגערן אָדער דאַרפן אונטערליגן אַ סטעריליזאַציע. העכסט וואַרשיינלעך איז אויך אַרומגערעדט געוואָרן דער גורל פון די געבליבענע גרעסערע געטאָס, ווי, צ. ב., דאָס ביאַליסטאָקער, לאָדזשער, און אויך די פראַגע פון ווייטערדיקן איבערטראַנספּאָר=

---

[1] קאָרהערער האָט איבערגעגעבן זיין באַריכט הימלערן ערשט אין דער העלפט מערץ 1943. אָבער עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז די ר.ז.ה.אַ האָט זיך באַנוצט מיט זיינע מאַטעריאַלן שוין פריער, אויף דער דערמאָנטער קאָנפערענץ.

[2] „דער פּראָצעס“, ב. XI, ז. 61, 152, דאָקום. פּ.ס. — 2645, גבית=עדות פון מיניסטער לאַמערס אויפן נירענבערגער פּראָצעס, 8 און 9 אַפּריל 1946; גבית=עדות פון ג. באָלעי, 5 נאָוועמבער 1945.

טירן די יידן פון רייך און פון די אָקופּירטע אייראָפּעישע לענדער אין די קאָנ=
צענטראַציע=לאַגערן אויף די פּוילישע געביטן.

די צווייטע קאָנפערענץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון פּאָהלן,
האָט זיך פאַרנומען מיט די פראַגן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גענ.=
גובערניע. די קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 13=טן פעברואַר 1943
יאָר אין קעגנווארט פון די באַקאַנטע קריגס=פאַרברעכער: פּאָהל, לערנער, פּאָלק,
האָכבערג, האָרן און אַנדערע עס=עס=פירער. זי האָט זיך פאַרנומען מיט דער ווירט=
שאַפטלעכער זייט פון די זיך אָרגאַניזירנדיקע נייע קאָנצענטראַציע=לאַגערן פאַר
יידן.

די קאָנפערענץ האָט געהאַט אַן אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער. דער יסוד פון
דער דיסקוסיע איז געווען אַן אַנקעטע=בויגן מיט עטלעכע און פופציק פראַגן, באַ=
אַרבעט דורך דעם ד"ר האָרן. די הויפּט=פראַגן, וואָס זענען דאָ באַהאַנדלט געוואָרן
אין הסכם מיט הימלערס אינסטרוקציע, זענען געווען:

1) די עקספּלואַטאַציע פון די יידישע אַרבעטס=כוחות אין דער גענ.=גובער=
ניע אין די עס=עס=אונטערנעמונגען פון דער באַוואָפענונגס=אינדוסטריע;

2) דאָס איבערנעמען און פאַרקויפן דעם רעשט פון יידישן באַוועגלעכן פאַר=
מעגן.[3]

האָרן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס ווירטשאַפטלעכער לייטער פון די לאַ=
גערן, האָט דאָ באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן כאַראַקטער פון די לאַגערן, וועגן
דער צאָל מענטשן און סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס דאַרף
אין זיי קאָנצענטרירט ווערן. ווייטער האָט ער געוואָלט פעסטשטעלן די צאָל און
קאַטעגאָריע פון יידישע אונטערנעמונגען און באַוועגלעך פאַרמעגן, אין וועמענס
באַזיץ געפינען זיי זיך און אויף וואָס פאַר אַן אופן וועט דאָס אַלץ איבערנעמען
די „אַסטי". עס האָט זיך גערעדט וועגן די אונטערנעמונגען, וואָס דאַרפן אָרגאַ=
ניזירט ווערן ביי די לאַגערן, וועגן די געביידעס, וואָס שטייען דאָרט צום באַנוץ,
וועגן די טראַנספּאָרט=מעגלעכקייטן, וועגן דער רוישטאָף=באַזע פאַר די אונטער=
נעמונגען א.אז.וו.

אויף אַלע פראַגן האָט פּאָהל געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער, אָנווייזנ=
דיק, אַז „אַנשטאָט זיי טעאָרעטיש צו באַהאַנדלען ביים גרינעם טיש, איז בעסער

[3] נירענב. דאָקומ. נ.אָ. — 1270, „פראַגן צו אָסטאינדוסטריע". דאָרט אויך אַ
נאָטיץ פון ד"ר האָרן וועגן דער קאָנפערענץ אין בערלין דעם 1943.2.13. פראַנץ קאָנ=
ראַד דערמאָנט אין זיין גבית=עדות וועגן די מיינונגס=פאַרשידנהייטן צווישן פּאָהלן און
גלאָבאָצניקן וועגן כאַראַקטער פון די „אָסטי"=לאַגערן. אַרכיוו פון יי.ה.א., טעקע 1/6,
ז. 40, ג"ע פון קאָנראַדן.

צו ענטפערן אויף זיי אויפן אָרט, און די ליטונג פון „אָסטי“ (גלאָבאָצניק און האָרן) וועלן זיך פאַרשטענדיקן וועגן די אַלע ענינים“.

צוליב דער געשפּאַנטער ווירטשאַפטלעכער סיטואַציע איז געוואָרן קלאָר, אַז די לאַגערן וועלן נישט באַקומען קיין נייע מאַשינען. צוליב דעם האָט מען געוואָלט פעסטשטעלן, צי די מאַשינען פון די אַמאָליקע יידישע אונטערנעמונגען וועלן זיין גענוג פאַר די נייע לאַגערן, און וועלכע פירמעס אין וואַרשע און אַנדערע שטעט אין דער גענ.-גובערניע וועלן איבערגעגעבן ווערן די „אָסטי“-לאַגערן.

עס זענען נאָך באַהאַנדלט געוואָרן א ריי אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, ווי דער כאַראַקטער פון די נייע לאַגערן. פּאָהל האָט אויפגעקלערט, אַז דאָס וועלן זיין קאָנצענטראַציע-לאַגערן, אָבער דערווייל וועלן זיי אונטערליגן דער „אָסטי“. ערשט שפּעטער וועט די פולע השגחה איבער זיי איבערנעמען די אָראַניענבורגער ליטונג פון אַלע לאַגערן. פאַקטיש זענען די יידישע אַרבעטס-לאַגערן אין דער גענ.-גובערניע אונטערגעליגן דעם העכערן עס-עס- און פּאָליציי-פירער קריגערן, בלויז מיטן אויסנאַם פון ווירטשאַפטלעכע ענינים און דאָס באַשעפטיקן די אסורים, וועגן וואָס עס האָט דעצידירט פּאָהלס באַפולמעכטיקטער פון קראָקע.[4] ערשט אין סעפּטעמבער 1943 זענען די לאַגערן אונטערגעאָרדנט געוואָרן אוממיטלבאַר דער אָפּטיילונג „ד“ פון דער צענטראַלער ליטונג אין אָראַניענבורג.

פון פאַרלויף פון דער באַראַטונג דרינגט אויך אַרויס, אַז דער טעטיקייט-געביט פון „אָסטי“ האָט געדאַרפט זיין די גאַנצע גענעראַל-גובערניע, און „אָסטי“ גופא האָט געדאַרפט בילדן די צענטראַלע פון אַלע שוין עקזיסטירנדיקע אָדער זיך אָרגאַניזירנדיקע יידישע לאַגערן אין דער גענ.-גובערניע. דערווייל האָבן דעם יסוד פון „אָסטי“ געבילדעט די אַרבעטס-לאַגערן אין לובלינער דיסטריקט, וואָס זענען געווען אונטער דער דירעקטער קאָנטראָל פון גלאָבאָצניקן, און אויך די פּראָדוציר-כוחות פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָבן געדאַרפט אין פאַרלויף פון פעברואַר—מערץ איבערטראַנספּאָרטירט ווערן אין לובלינער געגנט.

אומאָפּהענגיק פון דער אויבן אַרומגערעדטער קאָנפערענץ אין וופה“א, האָט אין עטלעכע טעג שפּעטער געזאָלט אין בערלין פאָרקומען א צווייטע אָרגאַניזיר-קאָנפערענץ וועגן די פראַגן פון „אָסטי“. וועגן דער דאָזיקער קאָנפערענץ דערמאָנט אין זיינע גבית-עדות, וואָס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די געריכטס-אָרגאַנען, דער עס-עס-אָבערשטורמפירער קאָנראַד, דער ליטער פון „ווערטערפאַסונג“ אין וואַרשעווער געטאָ. זי האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 18-טן פעברואַר 1943 אין בערלין און עס האָבן אין איר אָנטיילגענומען אַחוץ פּאָהלן און לערנערן אויך גלאָבאָצניק און דער עס-עס-שטורמבאַנפירער וויפּפּע פון לובלין, דער עס-עס-

---

[4] פּראָצעס פון העסן, ב. XXI.

און פּאָליציי=פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט פאָן זאַמערן און קאָנראַד פון וואַרשע און נאָך עטלעכע עס=עס=פירער.[5]

„אָסטי“ האָט געדאַרפט זיין אַ מאָנאָפּאָליסטישע אונטערנעמונג, וואָס שטיצט זיך אין איר ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אויף די מאַטעריעלע גיטער, וואָס זענען דורך דעם שטאַב פון דער „ריינהאַרד=אָפּעראַציע“ צוגעגזלט געוואָרן אויפן שטח פון דער גענ.=גובערניע. זי האָט בכן, ערשטנס, געדאַרפט מאָנאָפּאָליזירן די עקספּלאָאַטאַציע פון די יידישע אַרבעטס=כוחות, וואָס זענען ביז איצט געווען באַשעפטיקט אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען. אויפן סמך פונעם איבערנעמען דאָס אייגנטום=רעכט צום גאַנצן געבליבענעם יידישן פאַרמעגן האָט זי, צווייטנס, געדאַרפט צענטראַליזירן און אויסנוצן די ארבעטס=מכשירים, רוישטאָפן און פּראָדוקטן, וואָס האָבן אמאָל געהערט צו יידן.

ווי עס דרינגט אַרויס פון די שפּעטערדיקע דייטשישע דאָקומענטן, איז אויף איינער פון די באַראַטונגען פעסטגעשטעלט געוואָרן דער באַשטאַנד פון אַ פיקטיוון אויפזיכט=ראַט פון „אָסטי“ און עס איז אויך באַשטימט געוואָרן די הויך פון גרינדונגס=קאַפּיטאַל אויף 100.000 ר. מ. אויף דעם חשבון האָבן פּאָהל און לערנער איינגעצאָלט 25.000 ר. מ. מזומן.

סוף=כל=סוף זענען אַלע ספקות, וואָס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן אויף דער באַראַטונג אין בערלין, אויפגעקלערט געוואָרן בעת די געשפּרעכן פון האָרנען מיט גלאָבאָצניקן, וועלכער האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט די פּרטים פון דער „ריינהאַרד=אָפּעראַציע“. דעם 26=טן פעברואַר 1943 ראַפּאָרטירט האָרן פון לובלין זיין שעף האָכבערגן, אַז „די פראַגע פון פינאַנסירן די „אָסטי“ איז אויפגעקלערט. „אָסטי“ האָט צו דער דיספּאָזיציע גענוג געלט, — שרייבט האָרן, — וועגן וואָס עס האָט מיר ניִשט איינמאָל פאַרזיכערט דער עס=עס=גרופּנפירער גלאָבאָצניק און וואָס איך האָב אויך פּערזענלעך געקאָנט פעסטשטעלן. עס וועט אונדז בכן קלעקן דער גרינדונגס=קאַפּיטאַל פון 25.000 ר. מ.“.[6]

גלייכצייטיק מעלדעט האָרן, אַז די פאַנאַנדערבויונג פון „אָסטי“ וועט ניִשט קאָנען פאָרקומען אין דעם טעמפּ, ווי מען האָט ביז איצט פּלאַנירט. דאָס איבערנעמען און איבערטראַנספּאָרטירן די יידישע אונטערנעמונגען (ד. ה. די, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו יידן) וועט זיך, ווי עס זעט אויס, פאַרציען ביז יוני ד. י., אַזוי, אַז העכסט וואַרשיינלעך וועט „אָסטי“ ערשט פון יולי 1943 קאָנען אַנטוויקלען איר טעטיקייט. דערביי מוז אין דער ערשטער ריי פאָרקומען דאָס איבערנעמען

[5] האָרן דערמאָנט אין זיין ראַפּאָרט פון 1944.3.13 וועגן פּראָטאָקאָל פון 1943.2.23, וואָס איז נוגע דער אָרגאַניזיר=באַראַטונג וועגן „אָסטי“, אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, טעקע „באַווייזן“.

[6] נירענב. דאָקום. נ.אָ. — 1265, האָרנס קאָרעספּאָנדענץ צו האָכבערגן.

און אויסנוצן דאָס יידישע באַוועגלעכע פאַרמעגן אין וואַרשעווער געטאָ. ביז איצט האָט ער זיך נישט געקאָנט נעמען פאַרנעמען מיט דעם ענין, ערשט אין דער גאָענטסטער וואָך, — ראַפּאָרטירט האָרן האָכבערגן, — וועט ער זיך פאַר־אינטערעסירן מיט דעם פּראָבלעם. מיטן פאַרוואַלטן דאָס באַוועגלעכע פאַרמעגן — שרייבט האָרן, — דאַרף זיך פאַרנעמען אַ ספּעציעלער אַמט[7] אין באַשטאַנד פון ווייניקסטנס 10 מענטשן, אָבער ער האָט נאָך נישט דערצו די אַנטשפּרעכנדיקע קאַנדידאַטן.

נאָכן נעענטערן באַקענען זיך מיט די פאַרהעלטענישן אויפן אָרט, האָט האָרן שוין געקאָנט קאָנקרעט אינפאָרמירן בערלין וועגן די אונטערנעמונגען, וואָס דאַרפן ווערן אָרגאַניזירט. אין דעם אויבן ציטירטן בריוו פון 28־טן פעברואַר 1943 שרייבט האָרן, אַז

1) אין טראַווניק וועלן אָרגאַניזירט ווערן א באַרשטן־פאַבריק און קירזשנער־וואַרשטאַטן. עס רעדט זיך דאָ וועגן די באַרשטן־וואַרשטאַטן פון מעזריטשער און וואַרשעווער געטאָ אין אונטערנעמונג פון שולץ און קאָמפּ.;

2) אין פּאָניאַטאָוו דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן קאָנפעקציע־אונטערנעמונגען פון טעבענסן, נייע קוישן־וואַרשטאַטן און גרויסע וואַרשטאַטן פאַר דער איבעראַרבע־טונג פון אַלטע טעקסטיל־מאַטעריאַלן (וואָס שטאַמען פון דער „ריינהאַרד־אָפּעראַציע“);

3) אין לובלין דאַרפן אַנטשטיין: מעכאַנישע וואַרשטאַטן, אונטערנעמונגען פון וואַרשעווער געטאָ פאַר מעטאַל־אויסאַרבעטונגען און פאַבריקן פון האָלץ־שיך.

האָרן פרעגט אָן וועגן דער באַציונג פון „אָסטי“ צו די עס־עסישע „דויטשע אוסריסטונגס־ווערקע“ (D.A.W.)[8]. די דאָזיקע אונטערנעמונג אין לובלין, וואָס האָט זיך געשטיצט אין איר טעטיקייט אויף דער קנעכטישער אַרבעט פון די העפטלינגען אין מיידאַנקער לאַגער, איז פּאַקטיש געווען פאַרוואַלטעט דורך גלאָ־באָצניקן. אין גאַנג פון דער ליקווידאַציע פון די געטאָס אין לובלינער געגנט האָט זי איבערגענומען אַ געוויסע צאָל יידישע אונטערנעמונגען. איצט איז אַרויסגע־שוווּמען די פראַגע, צי די דאָרטיקע אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיקן טיילווייז אויך יידן, דאַרפן איבערגיין צו דער „אָסטי“ אָדער זאָלן בלייבן אין „דא“וו“? ווי דאַרף זיין די קעגנזייטיקע באַציונג פון די צוויי עס־עסישע אונטערנעמונגען? האָרן לייגט פאָר, אַז „אָסטי“ זאָל זיך פאַראייניקן מיטן „דא“וו“. עס דאַרף דערי־בער באַשטימט ווערן איין ווערקלייטער, און „דא“וו“ האָט שוין אַן אַנטשפּרעכנ־

[7] וואַרשיינלעך מיטן אויסנאַם פון די מאַשינען, וועלכע טעבענס האָט אין הסכם מיטן אַפּמאַך מיט גלאָבאָצניקן געזאָלט איבערשיקן אין די לובלינער לאַגערן.

[8] D.A.W איז געווען אַן עסעסישע אונטערנעמונג מיט אייגענע פיליאַלן אין פאַר־שידענע שטעט אויף די אָקופּירטע געביטן און איז געווען א באַשטאַנדטייל פון קאָנצערן „דויטשע ווירטשאַפטס בעטריבע“.

ריקן ווערקלייטער (דאָס איז דער עס=עס=אָפיציר מערווינקל), אויסגעשולטע יידישע ביוראָ=כוחות און אַנדערע אַנטשפּרעכנדיקע געהילפס=כוחות, וואָס וועלן קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר דער אַרבעט אין די ניי=געגרינדעטע אונטערנעמונגען.

האָרן האָט אויך אָנגעזאָגט זיין קומען קיין בערלין צווישן דעם 8=טן און 14=טן מערץ 1943, כדי צו שליסן א פאָרמעלן אָפּמאַך וועגן דער גרינדונג פון „אָסטי“. ווייטער אינפאָרמירט האָרן, אַז וועגן אַלע באַרירטע פראַגן דאַרף גלאָבאָצניק מאָרגן שרייבן צו פּאָהלן. דערביי באַמערקט ער, אַז גלאָבאָצניק ווינטשט זיך, אַז דער אויפזיכטס=ראַט זאָל פאַרגרעסערט ווערן דורכן צוקאָאָפּטירן קריגערן און פּאָן זאַמערן.[9]

פון דער געשטאַלטונג, וואָס די עניינים האָבן אָנגענומען מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, דרינגט אַרויס, אַז גלאָבאָצניק איז נישט איינגעגאַנגען אויף האָרנס קאָנצעפּציע וועגן דער צוזאַמענאַרבעט מיט „דאַ״וו“. די סיבות פון דעם דאַרף מען זוכן אין פאַקט, וואָס „אָסטי“ איז געווען אַ צווילינג=ברודער מיט דער „ריינהאַרד=אָפּעראַציע“, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט דער שטרענגסטער געהיימניש. צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים האָט די עקספּלאָאַטאַציע פון די יידישע אַרבעטער, שטרענג איזאָלירטע פון די אסורים פון אַנדערע פעלקער, ווי אויך די סאָרטירונג און איבעראַרבעטונג פון הונדערטער און אַפילו טויזנטער וואַגאָנען מלבושים פון דער ליקווידירטער יידישער באַפעלקערונג, געמוזט פאָרקומען אין די ראַמען פון אַ באַזונדערער אונטערנעמונג, וועלכע איז געווען אונטער אַ ספּעציעלער קאָנטראָל פון „ריינהאַרד“=שטאַב.

אין באַשטימטן טערמין זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן די עס=עסישע גדולים און אין הסכם מיט די פאַרפליכטנדיקע רעכטלעכע פאָדערונגען איז פאָרגעקומען די פאָרמעלע לעגאַליזאַציע פון „אָסטי“.[10] עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז די געזעלשאַפט האָט איר זיץ=אָרט אין בערלין מיט דער רעכט צו פאַרלייגן פיליעס אין דער געגנט, אַז איר טעטיקייט דאַרף זיין אָרגאַניזירן אינדוסטריע=אונטערנעמונגען, באַזונדערס פון דער טעקסטיל= און מעטאַל=גרופּע.

דאָס אַלץ איז געווען, פאַרשטענדלעך, אַ פיקציע, אויסגערעכנט דערויף, אַז עס זאָלן נישט אַנטפּלעקט ווערן די אייגנטלעכע צילן פון דער ניי=געגרינדעטער געזעלשאַפט. כדי צו פאַרמאַסקירן דעם כאַראַקטער פון „אָסטי“, איז — כלומרשט לויט אַ באַשלוס פון די שותפים פון 19=טן מערץ 1943 — געשאַפן געוואָרן אַז

[9] נירענב. דאָקום. נ.אָ. — 1265.

[10] „אָסטי“ איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ נאָטאַריאַלן אַקט, וואָס איז רעיעסטרירט געוואָרן אין בערלינער שטאָט=געריכט און לעגאַליזירט געוואָרן דורך אַ נאָטאַר. נירענב. פּראָצעס, נר. 4, דאָקום. נ.אָ. — 1271, באַריכט פון י. ס. פישער וועגן דער קאָנטראָל פון „אָסטי“.

אויפזיכטס־ראַט אין אַ באַשטאַנד, ווי גלאָבאָצניק האָט זיך געווונטשן, און נעמלער: פּאָהל, דער שעף פון עס־עס־הויפּטאַמט פאַר ווירטשאַפטלעכער אַדמיניסטראַציע — אלס מיניסטריאַלער דירעקטאָר; געאָרג לערנער, דער פארטרעטער פון פּאָהלן, טרעט דאָ ארויס ווי א דיפּלאָמירטער סוחר. עס ווערט אויך נישט אַרויסגעברענגט, אַז די צוויי אַנדערע מיטגלידער פונעם פיקטיוון ראַט, פראַנץ ווילהעלם קריגער און ד״ר פערדינאַנד פ. זאַממערן פראַנקענעג, זענען דער שטאַטס־סעקרעטאר פאַר זיכערהייטס־ענינים אין דער רעגירונג פון דער גענעראַל־גובערניע און דער פירער פון עס־עס און פּאָליציי פון וואַרשעווער דיסטריקט. אין דער העלפט יולי איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אינעם באַשטאַנד פון פיקטיוון אויפזיכטס־ראַט.[11]

אַלס שעף פון „אָסטי“ איז באַשטימט געוואָרן גלאָבאָצניק, וועלכער טרעט אַרויס ווי דער אינזש. א. גלאָבאָצניק, און זיין פאַרטרעטער, דער עס־עס־שטורמבאַנפירער מאַקס האָרן ווי אַ סוחר פון בערלין.

די אויסגערעכנטע פאַקטן זאָגן עדות דערויף, אַז ביים גרינדן די „אָסטי“ האָט מען זיך געשטעלט סיי פּאָליטישע און סיי ווירטשאפטלעכע צילן. די נייע קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר יידן, אָרגאַניזירטע אין די ראַמען פון דער „ריינהאַרד־אָפּעראַציע“ אין איר לעצטן עטאַפּ, זענען געווען א צווילינגס־אינסטיטוציע מיט די עקזיסטירנדיקע פאר יידן פאַרניכטונגס־לאַגערן. צוליב דער זיך פאַרציענדיקער מלחמה און צוליב דעם פאַרלירן באַדייטנדיקע ארבעטס־כוחות האָט זיך אין דער צייט געשאפן די נויטווענדיקייט פונעם וויטערדיקן פארהאלטן און אויסנוצן די יידישע אַרבעטס־כוחות. אָבער אין די דאָזיקע לאַגערן האָט דורך דער קנעכטישער אַרבעט געדאַרפט פאָרקומען די ווייטערדיקע פיזישע פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

[11] מיט אַ פיקטיוון באַשלוס פון אויפזיכטס־ראַט פון 1943.7.14 זענען אָפּגערופן געוואָרן די מיטגלידער: קריגער און פאָן זאמערן, און אויף זייער אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער ס.ס.־אָבערשטורמבאַנפירער ערליך שעלין פון קראָקע, אַקטן פון פּאָהלס פּראָצעס, דאָקומ. נ.אָ. — 1906.

קאַפּיטל פינף

די אַנטי־יידישע אויסראָטונגס־פּאָליטיק אין דער שקיעה־צייט פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד

1. די פאַרשטאַרקונג פון דער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדיסטישער און דיפּלאָמאַטישער טעטיקייט פון דער היטלעריסטישער רעגירונג

נאָך דער סטאַלינגראַדער מפּלה, וואָס „איז געווען די שקיעה פון דער פאַשיסטישער דייטשישער אַרמיי“ (סטאַלין), האָט די סאָוועטישע אַרמיי, יאָגנדיק די צעקלאַפּטע דייטשישע דיוויזיעס, ליקווידירט זייערע גרופּירונגען ביי רזשעוו און אויף דרום האָט זי באַפרייט גרויסע לאַנד־שטחים מיט קובאַן און דאָנער באַסיין. די אָנפירונג פון דער דייטשישער אַרמיי האָט אין חודש מערץ 1943 זיך געפונען אין אָנבליק פון גענעראַלן צוריקמאַרש אויף דער גאַנצער ליניע פון מזרח־פראָנט.

אין דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפאַלער סיטואַציע האָבן די היטלערישע אָנפירער זיך געכאַפּט צום אַלטן רעאַקציאָנערן געווער, צו דער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע, און זענען צוגעטרעטן צום אָרגאַניזירן נייע אויסזידלונגס־אַקציעס פון יידן פון דייטשלאַנד און פון אַנדערע אָקופּירטע לענדער. די דאָזיקע פאַרברעכערישע טעטיקייט איז געווען אַ נייע דיווערסיע, וואָס האָט געהאַט דעם ציל אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט הן פון די דייטשן, הן פון אַנדערע פעלקער פון דער אַלץ שטייגנדיקער שווערער פּאָליטישער סיטואַציע פון רייך און די שולד פון דער מיליטערישער מפּלה און פון פאָלקס־אומגליק אַרויפצוּוואַרפן אויף די יידן. צו יענער צייט איז שוין אָבער אין אָקופּירטן פּוילן געווען אומגעבראַכט אַן ערך

90 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. אירע רעשטלעך אין אַ צאָל פון עטלעכע הונדערט טויזנט זענען געווען — ווי מיר האָבן אויבן אויפגעקלערט — קאָנצענטרירט אין שטרענג איזאָלירטע לאַגערן. דער גורל פון די יידן איז שוין לאַנג געווען אַ געחתמעטער. די איזאָלאַציע איז געווען אַ צוגרייטונגס=מיטל, בכדי אין אַ געהעריקן מאָמענט צו רעאַליזירן דעם הויפּט=ציל — די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון דעם רעשט יידן.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען טרעט אַרויס די אַנטי=יידישע פּראָפּאַגאַנדע אין איר גאַנצער בולטקייט, ווי אַ ראַפינירטע דיווערסיע, וואָס האָט די אויפגאַבע צו ריכטן דעם אַלץ שטייגנדיקן גערעכטן צאָרן פון די ברייטע פאָלקס=מאַסן קעגן כלומרשטן שונא.

אין גאַנג פון דער פאַרביסענער אַנטי=יידישער העצע זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון מיסטקאַסטן די אַלטע בילבולים און פּראָוואָקאַטאָרישע שקרים קעגן די יידן. ס'זענען אויפסניי געוואָרפן געוואָרן די אַלע שוין לאַנג אָפּגענוצטע דיווערסיע=לאָזונגען, וועלכע האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין די רעדעס פון היטלערן און געבעלסן, וואָס זענען געווען אַן אָנהייב פון אַ נייער אַנטי=יידישער קאַמפּאַניע.

אין זיין ניי=יאָר רעדע (דעם 1 יאַנואַר 1943) האָט היטלער שוין פאָרויסגעזאָגט, אַז די פאַרניכטונגס=אַקציע פון די יידן וועט קאָנטינואירט ווערן [1]. אויך אין דער פּראָקלאַמאַציע פון 24=טן פעברואַר 1943 (אינעם יאָרטאָג פון גרינדן די היטלעריסטישע פּאַרטיי) האָט היטלער איבערגעחזרט דעם אַלטן אומפאַרשעמטן שקר, אַז די איניציאַטאָרן פון דער וועלט=מלחמה זענען געווען די יידן. היטלער האָט דערביי דערקלערט, אַז אַנדערע פעלקער וועלן דאָך זיך איצט גרינטלעכער פאַרנעמען מיטן יידן=פּראָבלעם, בכדי דאָס צו דערלערנען און צו לעזן [2].

אויך געבעלס האָט געפּויקט אויף אַליאַרם. דעם 18=טן פעברואַר 1943, אין מאָמענט, ווען די דייטשישע באַפעלקערונג האָט זיך געפונען אונטערן צעשמעטערנדיקן איינדרוק פון דער סטאַלינגראַדער מפּלה, איז געבעלס אַרויסגעטרעטן אין בערלין מיט אַ רעדע און היסטעריש אויסגערופן, אַז די דייטשן דראָט אַ געפאַר מצד די יידן. געבעלס האָט געשילדערט די יידן אַלס די פאַרקערפּערונג פון אַלעם שלעכטן. גלייכצייטיק האָט געבעלס באַטאָנט, אַז אויך אַנדערע פעלקער וועלן דערוואַכן און זיך אָפּרעכענען מיט די יידן [3]. פון דער אומפאַרשעמטער פּראָזאַאַגיע אין די דאָזיקע רעדעס שלאָגט זיך דורך די ציניש אָנדייטונג אויף דער אויסזידלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרניכטונגס=לאַגערן, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן אין איניקע אייראָפּעישע לענדער.

---

[1] Deutschland im Kampf Nr 81/82, Neujahrsaufruf des Führers, p. 44—54.

[2] Deutschland im Kampf Nr 83/84, p. 78—79.

פּראָקלאַמאַציע פון היטלערן 24.2.1943.

[3] Göbbels: Der Steile Aufstieg, p. 178.

צוזאמען מיט דער אומפארשעמטער פּראָפּאַגאַנדע האָט די היטלערישע מאַכט מיט טעראָר און דיפּלאָמאַטישן דרוק געצוווּנגען אירע סאטעליטן-מלוכות פון מערב- און פון דרום-אייראָפּע איר אַרויסצוגעבן גרעסערע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. פון די דאָזיקע לענדער איז אײַנגעטלעך ביז אָנהייב פרילינג 1943 שוין געווען אויסגעזידלט און פאַרניכטעט אַן ערך צוויי מיליאָן יידן. די היטלערישע פעלקער-מערדער האָבן זיך אָבער מיט דעם נישט באַפרידיקט; זיי האָבן געהאַלטן, אַז אלע יידן אין אייראָפּע און אַפילו אין אנדערע וועלט-טיילן דאַרפן פאַרניכטעט ווערן.

די היטלערישע דיפּלאָמאַטיע האָט דעריבער אין חודש יאנואר 1943 אָנגעהויבן א נייע אָפענסיווע. דאָס אויסערן-מיניסטעריום האָט, אויפן וועג פון פאַרשטענדיקונג מיט אירע אונטערגעאָרדנטע מאַריאָנעטן-רעגירונגען, געמאכט שטאַרקע באַמיונגען ארייננצוציען זיי אין דער ספערע פון פעלקערמערדערישער פּאָליטיק. די הויפּט-אויפמערקזאמקייט האָבן די היטלעריסטן געלענקט אויף די לענדער, וועלכע זענען בכלל נישט אָדער אין א שוואכער מאָס געווען ארומגענומען מיט די מאָרד-אַקציעס איבער יידן, ווי בולגאַריע, אונגארן, איטאליע און אנדערע. די פעלקערמערדערישע אונטערהאנדלונגען זענען געפירט געוואָרן אין ענגער פאַרשטענדיקונג מיט דער רסה'א, מיט אייכמאנען און מיט זיינע עקספּאָזיטורן ביי די דייטשישע אויסלענדישע קאָנסולארע פּלאַצוווקעס.

אַלע גרונט-פראגן זענען, זעלבסטפארשטענדלעך, צוערשט געוואָרן אָפּגעשטימט דורך ריבענטראָפּן און הימלערן. ריבענטראָפּ האָט דעם 23-טן יאַנואר 1943 אינפאָרמירט דעם רפס"ס וועגן די אונטערהאנדלונגען מיט די רעגירונגען פון פארשידענע לענדער. צווישן אנדערע האָט ער אויך אינפאָרמירט וועגן דער אינטערווענץ ביי דער איטאליענישער רעגירונג, אז זי זאָל אין איר אנטי-יידישער פּאָליטיק זיך פולשטענדיק שטעלן אויף די פּאָזיציעס פון היטלעריזם. ריבענטראָפּ האָט אַפילו באַפולמעכטיקט די דייטשישע אמבאסאדע אין רוים, זי זאָל מעלדן דער איטאַליענישער רעגירונג, אז אויסנאַמוויַיז וועט דערלויבט זיין די יידן — איטאליענישע בירגער צו בלייבן אויף די געביטן, וואָס געפינען זיך אין דער דייטשישער איינפלוס-ספערע, ביזן 31-טן מערץ 1943. „נאָכן דאָזיקן טערמין, — לייענען מיר אין ריבענטראָפּס נאָטיצן, — מוזן מיר צוליב מיליטערישע און פּאָליטישע טעמים האָבן פרייע הענט לגבי אלע יידן, וואָס געפינען זיך אויף די געביטן פון אונדזער מאַכט-ספערע, אַלזאָ אויך לגבי יידן — איטאַליענישע בירגער"[4].

[4] אַרכיוו פון יי.ה.א., פאָטאָקאָפּיע פון ריבענטראָפּס נאָטיץ פון 1943.1.23. ריבענטראָפּ באַטאָנט, אַז כדי צו געווינען די איטאַליענישע רעגירונג פאַר דער פעלקערמערדערישער אַקציע, האָט ער איר צוגעזאָגט צו אָנערקענען די רעכט צום פאַרמעגן פון די דערמאָרדעטע יידן.

ווייטער האָט ריבענטראָפּ מיטגעטיילט, אַז לגבי די שפּאַנישע יידן זענען נאָך פּאַרלויפיק נישט אונטערגענומען געוואָרן קיין קאָנקרעטע דיפּלאָמאַטישע שריט, אָבער זיי געפינען זיך שוין אין דער צוגרייטונגס=סטאַדיע. מען האָט אויך געמאָלדן דער שווייצאַרישער רעגירונג, אַז די יידן — שווייצאַרישע בירגער, וואָס געפינען זיך אין פראַנקרייך, וועלן שוין פון 1=טן פעברואַר „אַרונטערפאַלן אונטער די מאָסמיטלען", ד. ה. אַרויסגעשיקט ווערן אין פאַרניכטונגס=לאַגערן.

הימלער האָט אין זיין ענטפער צו ריבענטראָפּן אונטערגעשטראָכן, אַז אַלע יידן, וואָס וווינען אין פראַנקרייך און באַזיצן איטאַליענישע אָדער אַן אַנדער בירגערשאַפט, דאַרף מען אויסזידלען. „די דאָזיקע נויטווענדיקייט איז אַ פּועל=יוצא דערפון, וואָס יידן זענען אויף די דערמאָנטע געביטן, — שרייבט הימלער דעם 29=טן יאַנואַר 1943, — אַן עלעמענט פון ווידערשטאַנד און פאַרשפּרייטער פון דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז באַזונדערס געפערלעך פאַרן איטאַליענישן מיליטער". דעם געזונטן פערמענט, וואָס האָט זיך אָנהייב 1943 באַוויזן אין די רייען פון דער איטאַליענישער אַרמיי, — דער ווידערווילן ווייטער צו קעמפן אין די אינטערעסן פון פאַשיזם, האָט הימלער אויף אַ דעמאַגאָגישן אופן אויסגענוצט פאַר זיינע פאַרברעכערישע פּלענער.

הימלער האָט באַטאָנט, אַז דאָס איז אַ וויכטיקער פּרעצעדענס ביים לעזן די יידן=פראַגע אין אייראָפּע. „אויסער דעם, — שרייבט ווייטער הימלער, — איז דאָס פאַרבלייבן פון יידן אין איטאַליענישן מאַכט=געביט אַ פּרעטעקסט פאַר פיל קרייזן אין פראַנקרייך און אין גאַנץ אייראָפּע ליבעראַלער צו האַנדלען אין דער יידן=פראַגע אויפן סמך פון דעם, וואָס אונדזער אַקס=פּאַרטנער, איטאַליע, גייט נישט תמיד האַנט ביי האַנט מיט אונדז אין דער יידן=פראַגע"[5].

וועגן די שוועריקייטן, אויף וועלכע די היטלעריסטן האָבן אָנגעטראָפן ביים דורכפירן זייערע פעלקערמערדערישע אויסזידלונגס=אַקציעס, באַזונדערס אויף די דורך איטאַליענער אָקופּירטע טיילן פון פראַנקרייך, האָבן אין זייערע באַריכטן קיין בערלין צו דער היטלעריסטישער רעגירונג אינפאָרמירט דער שעף פון געסטאַפּאָ אין פאַריז קנאָכען און דער דייטשישער אַמבאַסאַדאָר אין רוים מאַקענזען[6]. דאָס האָט געצוווּנגען די היטלעריסטישע רעגירונג צו מאַכן אַ נאָך שטאַר=

---

[5] פאָטאָקאָפּיע פון הימלערס קאָרעספּאָנדענץ פון 1943.1.29 אין אַרכיוו פון יי.ה.א. געבעלס דערמאָנט אין זיינע זכרונות (פּוילישע אויסגאַבע, וואַרשע 1948, רעד. מ. פּאָדקאָווינסקי), אַז די איטאַליענער נעמען אין שוץ די יידן אין טוניס און אין די פראַנצויזישע אָקופּירטע געביטן, צווינגען זיי נישט צו טראָגן געלע לאַטעס און לאָזן נישט נעמען צו צוואַנגס=אַרבעט (ז. 45); אויך דער ס.ס.= און פּאָליציי=פירער קאַצמאַן דערמאַנט אין ראַפּאָרט פון VI.30. 1943, אַז די איטאַליענישע זעלנער האָבן פאַרקויפט געווער צו די פּאַרטיזאַנער און יידישע קעמפער אין גאַליציען=דיסטריקט.

[6] L. Poliakoff: Mussolini and the extermination of the Jews „(Jewish Socjal Studies", 1949, July).

קערן דרוק אויף דער איטאַליעניִשער רעגירונג און אויף דער „ווישי־רעגירונג“, זיי זאָלן צואיילן די יידן־דעפּאָרטאַציע.

איינצייטיק מיט דער פאַרברייטערטער פּראָפּאַגאַנדע און דיפּלאָמאַטישן דרוק זענען ארויסגעגעבן געוואָרן אַ גאַנצע ריי אדמיניסטראַטיוו־פּאָליציייאישע פאַראָרדענונגען וועגן ווייטערדיקע פעלקערמערדערישע אקציעס אין די אייראָפּעיִשע לענדער. אין יאַנואר 1943 האָט אייכמאַן (פון רסה"א) אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פּראָיעקט „וועגן אופן פון באהאַנדלען יידן פון אנדערער בירגערשאַפט“, ד. ה. יידן—בירגער פון אלע אייראָפּעיִשע לענדער און פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע געפינען זיך אין דער ספערע פון דער היטלערישער אָקופּאַציע־מאַכט. נאָכן פאַרשטענדיקן זיך וועגן אייניקע פּרטים מיטן רייכס־מיניסטער פאַר אויסערן־ענינים, האָט די רסה"א דעם 5־טן מערץ 1943 אַרויסגעגעבן אַ געהיימען צירקוליאַר צו אַלע פּאָליצוווקעס פון דער סיפּאָ און ס.ד. אין רייך און אין אַלע אָקופּירטע אייראָפּעיִשע לענדער, און אויך אין ג־ג.[7] דער דאָזיקער צירקוליאַר האָט אַ שייכות צו דער יידן־אויסזידלונג און צום קאָנפיסקירן זייערע פאַרמעגנס.

אין איינקלאַנג פון דאָזיקן באַפעל זענען מיט דער עקסטערמינאַציע ארומגענומען געוואָרן די יידן פון פאָלגנדיקע לענדער: פּוילן, לוקסעמבורג, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע, בולגאַריע, האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, עסטאָניע, ליטע, לעטלאַנד, נאָרוועגיען און די שטאַטלאָזע דייטשישע יידן. די יידן ווידער, וועלכע האָבן געהאַט איטאַליעניִשע, פינישע, שווייצאַרישע, פּאָרטוגאַלישע, דענישע אָדער שוועדישע בירגערשאַפט, האָבן כלומרשט באַדאַרפט באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אין זייערע לענדער אונטערן באַדינג, „אויב דאָס וועט זיך נישט געפינען אין ווידערשפּרוך מיט די אינטערעסן פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי“.

אין דער ערשטער גרופּע מלוכות איז די ליקווידאַציע שוין פאָרגעקומען זייט אַ ריי חדשים. דער דאָזיקער באַפעל איז דעריבער געווען נישט מער, ווי אַ סאַנקציאָנירונג פון דער פּאַקטישער זאַכלאַגע. פאַר דער צווייטער קאַטעגאָריע מלוכות ווידער איז עס געווען נישט מער, ווי אַ פאָרמאַליטעט. די צאָל יידן, וואָס האָט דעמלט געוווינט אין די אָקופּירטע געביטן און האָט געהאַט די אויבן אויסגערעכנטע בירגערשאַפטן, איז געווען אַזאַ מינימאַלע, אַז די היטלערישע מאַכט האָט, אָן שאָדן פאַר אירע פּלענער, זיך געקענט דערלויבן אויף אַזאַ דיפּלאָמאַטישן זשעסט. איבעריקנס האָט מען אין דער פּראַקטיק סיווי דאָס נישט אָפּגעהיט. חוץ דעם האָט דער צירקוליאַר פאָרגעזען, אַז יידן — בירגער פון אַנדערע לענדער, נייטראַלע אָדער באַפריינדעטע, וועלן פאָרלויפיק נישט אונטערליגן דער אקציע. אויפן פאַרלאַנג פון אויסערן־מיניסטעריום איז אייִנגעפירט געוואָרן אַ קלאַוזולע,

[7] בירענבערגער דאָקומענט נ.ג. — 2652.

אַז יידן ענגלישע און אַמעריקאנער בירגער פאַלן נישט אַרונטער דעם דאָזיקן געזעץ, און דעריבער וועלן זיי אינטערנירט ווערן אין ספּעציעלע לאַגערן, וואָס וועלן זיך געפינען אונטערן אויפזיכט פון געסטאַפּאָ. די דאָזיקע האָט מען בלומרשט אויפגעהאלטן צום עווענטועלן אויסטויש אויף דייטשישע געפאנגענע[8]. פאַקטיש האָט דאָס באַדאַרפט דינען אלס דעק־מאַנטל פאר דער היטלערישער רעגירונג בעת די געהיימע אונטערהאנדלונגען, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין רוים און אין דער שווייץ מיט פאָרשטייער פון די ענגליש־אַמעריקאַנישע רעגירונגען וועגן א סעפּאראטן שלום־אָפּמאַך[9]. די היטלערישע דיפּלאָמאַטיע האָט דאָך אָנהייב יאָר 1943 אנטוויקלט אַן אַקטיווע טעטיקייט, בכדי אָפּצוראַטעווען דייטשלאַנד פון אַן אומפארמיידלעכער מיליטערישער מפּלה. צוליבן זעלבן טעם זענען דעמלט אין צירקוליאר נישט דערמאנט געוואָרן די אונגארישע און טערקישע יידן[10]. א דרוק אויף די דאָזיקע מלוכות (נאָך דער סטאַלינגראדער מפּלה) אין דער פראגע פון אנטי־יידישער פּאָליטיק האָט געקענט ארויסרופן אַן אַלגעמיינע אויפרעגונג פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג און ס'וואָלט געהאט א פונקט פאַרקערטע ווירקונג.

צוליב די דאָזיקע שטימונגען, וואָס האָבן דעמלט געהערשט אין די אייראָפּעישע לענדער, האָט די היטלערישע מאַכט פאַראָרדנט, אז קודם־כל זאָלן פאַרענדיקט ווערן די יידן־אויסזידלונגען פון רייך, בכדי — ווי הימלער האָט באטאָנט — צו ווייזן די אנדערע אייראָפּעישע מלוכות, באַזונדערס דעם פאַשיסטישן איטאַליע, אַ ביישפּיל פון אנטי־יידישער פּאָליטיק.

אינעם רייך זענען נאָך צו יענער צייט געווען אַן ערך 50.000 יידן, פון וועלכע העכער 20.000 האָבן זיך געפונען אין בערלין[11], נישט אריינרעכענענדיק די איזאָ־

[8] אין זיינע באמערקונגען צום פּראָיעקט פון ר.ז.ה.אָ. פון 1943.2.14 האָט ראדעמאַכער אונטערגעשטראָכן, אַז „דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט פאָרגעשלאָגן דעם ר.ז.ה.אָ. אויסצוטיילן 30.000 האָלענדישע, בעלגישע, פראַנצויזישע, נאָרוועגישע און סאָוויעטישע יידן און איבערלאָזן זיי פאַרן (עווענטועלן) אויסטויש“, נירענב. דאָקום. נ.ג.—2586.

[9] „פּעלשער פון געשיכטע“ (פּויליש), ז. 70. אויספירלעכער וועגן די געהיימע אונטערהאנדלונגען, וועלכע עס האָט געפירט דער פאָרשטייער פון דער אמעריקאנער רעגירונג דאַלעס מיטן פירשט האָהענלאָהע, דעם באַפולמעכטיקטן פון די היטלעריסטן אין דער שווייץ, אין דער אַרבעט פון א. אייזענבאַך: „געהיימע אונטערהאַנדלונגען פון די מערב־מלוכות מיטן פאשיסטישן דייטשלאנד און דער גורל פון דער יידישער באפעלקערונג“, „ביולעטין“ פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, 1953 נר. 2—3 און „ביולעטין“ 1954, נר. 9—10.

[10] ראַדעמאַכערס קאָרעספּאָנדענץ פון 1943.2.8 צום שעף פון סיפּאָ און ס.ד.

[11] קאָרהערערס רעפּעראַט פון דער העלפט מערץ 1943.

אין פּראָטאָקאָל פון דער סעפּטעמבער־קאָנפערענץ ווערט דערמאָנט, אַז „ער (היטלער) האָט נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט אַרויסצוציען די יידן פון די באַוואָפענונגס־אונטערנעמונגען אין דייטשלאַנד“. נירענב. דאָקום. ר. — 124.

לירטע יידן אין די לאַגערן און אין די אונטערנעמונגען פּון דער „שמעלט־אָרגאַניזאַציע" אין שלעזיע. אויפן סמך פון הימלערס אַ דעציזיע פון סעפּטעמבער 1942, וואָס האָט באַפוילן צו באַזייטיקן די יידישע אַרבעטער פון אמוניציע־פאַבריקן אין רייך, און אויפן גרונט פון אויסערגעוויינלעכע פולמאַכטן האָט זאוקעל אַרויסגעגעבן סוף נאָוועמבער 1942 אַ געהיימע פאַראָרדענונג וועגן דעפּאָרטירן די דייטשישע יידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין דער ערשטער ריי האָבן באַדאַרפט דעפּאָרטירט ווערן די נישט קוואַליפיצירטע אַרבעטער. די יידישע פאַכלייט אָבער האָט מען פאָרלויפיק באַדאַרפט איבערלאָזן אין די זעלבע פאַבריקן ביז דעמלט, ווען ס׳וועט שוין זיין אן אויסגעשולטער עלעמענט זיי צו פאַרטרעטן[12]. דער עיקר האָט זיך געהאנדלט אין אומפאַרטרעטבאַרע ספּעציאַליסטן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין דער עלעקטרע־אינדוסטריע, אין די פאַבריקן פון א.ע.ג., סימענס און פון קרופּפּן.

דורכצופירן די דאָזיקע באשלוסן איז, ווי ביז איצט, אָנפאַרטרויט געוואָרן דער סיפּאָ. אין חודש דעצעמבער 1942 האָט דער שעף פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי מיללער פאָרגעשלאָגן הימלערן א קאָנקרעטן פלאַן פון נייע אויסזידלונגס־אַקציעס. דער דאָזיקער פלאַן האָט פאָרגעזען די אויסזידלונג (חוץ די יידן פון ביאַליסטאָקער דיסטריקט) 10.000 יידן פון געטאָ אין טערעזין (טשעכאָסלאָוואקיע), 3.000 פון אָקופּירטן האָלאַנד און 2.000 פון בערלין. צוליבן מאנגל אין טראנספּאָרט־מיטלען איז געפלאַנט געוואָרן דורכצופירן די דערמאָנטע אקציעס ערשט אין דער צייט פון 11־טן ביזן 31־טן יאנואר 1943[13]. דעם 17־טן דעצעמבער האָט הימלער אקצעפּטירט מיללערס פלאַן און פאַראָרדנט צו שיקן די טראנספּאָרטן פון יידן קיין אָשוויענטשים[14].

גלייכצייטיק איז באַשטימט געוואָרן צו דעפּאָרטירן קיין אָשוויענטשים די יידישע אסורים פון די קאָנצענטראציע־לאַגערן אין רייך. לויט די אויסרעכענונגען פון מאורערן, דעם לייטער פון אַרבעטס־איינזאַץ־אָפּטיילונג פון וופה"א זענען אין די דייטשישע לאַגערן דעמלט געווען ס"ה 1.600 יידישע אסורים, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין אָשוויענטשים. דייטשלאַנד האָט באדארפט ווערן „יידן־ריין"[15].

---

[12] „נאַצי קאָנספּיראַסי", ב. VII, ז. 816, דאָקום. ל. — 61, צירקוליאַר צו די פּרעזידענטן פון אַרבעטס־אַמטן פון 1942.11.26.

[13] „נאַצי קאָנספּיראַסי", ב. VIII, ז. 60, געהיימער צירקוליאַר פון מילערן.

[14] אַקטן פון סטראָפּס פּראָצעס, ב. IV, ז. 773, הימלערס טעלעפאָנאָגראַם צו מילערן פון 1942.12.17.

[15] אַרכיוו פון יי.ה.א., אָשוויענטשימער אַקטן, מ/16, ז. 77, 95. קאָרעספּאָנדענץ פון מורערן מיט העסן פון 1942.10.5. אין דעצעמבער זענען קיין אָשוויענטשים אָנגעקומען יידישע אַסורים פון בוכענוואַלד און אַנדערע לאַגערן.

דאָס צואיילן די אויסזידלונגען איז, צווישן אנדערע, געווען א פּועל־יוצא פון דער שרעק פאר דער אנטיפאשיסטישער טעטיקייט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. ס'איז נויטיק צו באמערקן, אַז אין צענטראַל־דייטשלאנד האָבן נאָך אָנהייב 1943 געארבעט יידן (נישט קיין אסורים) צוזאמען מיט אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, דאָס הייסט, אז זיי זענען נאָך נישט געווען איזאָלירט און אויך נישט קאָשאַרירט. זיי האָבן זיך דעריבער געפונען אין „פרייע" ארבעטס־פארהעלטענישן. הימלער, אָנגעלערנט דורך דער אַנטוויקלונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג צווישן די יידן אין דער גענעראל־גובערניע און ביאליסטאָקער געגנט, האָט אונטערגענומען ענערגישע שריט, אז די רעשט יידן, אלס עלעמענט, וואָס רעוואָלוציאָניזירט די דאָרטיקע באַפעלקערונג, זאָל ארויסגעשיקט ווערן פון די מערבדיקע לענדער. אויף דעם זאָגט עדות די ציטירטע קאָרעספּאָנדענץ מיט ריבענטראָפּן און די געהיימע פאַר־אָרדענונגען פון דער רסה"א. אַ שטערונג זענען אָבער אין א געוויסער מאָס געווען די טראנספּאָרט־שוועריקייטן. דעם 20־טן יאנואר 1943 האָט זיך הימלער דעריבער געוואָנדן צום קאָמוניקאַציע־מיניסטער גאַנצענמיללער מיט אַן אויפקלערונג, אַז צו די וויכטיקסטע ענינים אין איצטיקן מאָמענט „...געהערט דאָס אָפּטראנספּאָר־טירן די יידן פון מערב... אויב נישט, דארפן מיר זיך ריכטן אויפן שטייגן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אויך אויף די געביטן"[16].

אויפן ערשטן פייער זענען געגאנגען די יידן פון „אַלטערסגעטאָ" אין טערע־זין. אָנהייב יאָר 1943 זענען דאָרטן געווען העכער 50.000 יידן, פון וועלכע ס'רוב איז באַשטאַנען פון זקנים אין עלטער פון 60 יאָר אָן און העכער. צווישן זיי האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס זענען געווען באפריינדעט מיט די דייטשישע מיליטע־רישע און ארטיסטישע קרייזן, און האָבן געהאט הויכע מיליטערישע אויסצייכע־נונגען נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער ערשטער טראנספּאָרט קיין אָשוויענטשים איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 20־טן יאנואר. די קאָמענדאנטור פון די קאָנצענטראציע־לאַגערן האָט פאראָרדנט, אַז העם זאָל די דעפּאָרטירטע יידן פון טערעזין באשעפטיקן אין די אמוניציע־פאַבריקן אין מאָנאָוויץ[17].

אָנהייב פעברואר, נאָכן ארויספירן די ערשטע פארטיע יידן, האָט זיך קאַל־טענברונער געוואָנדן צו הימלערן וועגן אַ דערלויבעניש אַרויסצושיקן ווייטערדיקע טראנספּאָרטן, זקנים פון 60 יאָר אָן און העכער, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען אין א צאָל פון 21.000. פון אַ געהיימען בריוו פון בראנדטן צו קאלטענברונערן דערווייסן מיר זיך, אַז הימלער איז געווען קעגן דער יידן־אויסזידלונג פון טערע־

[16] אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., אַקטן ד.צ. דאָקומענט 330.

[17] „לאַגערן" (אויסג. פון יי.ה.א.), ז. 115—116, קאָרעספּאָנדענץ פון זאַמערן צו דער קאָמענדאַנטור פון אָשוויענטשימער לאַגער פון 1943.1.26.

זין. דאָס איז געווען אַ פּועל=יוצא דערפֿון, וואָס הימלער האָט געוואָלט אויסנוצן דאָס טערעזינער געטאָ פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע=צילן אין אויסלאַנד[18].

אין הסכם מיט דער ספּעציעלער פֿאַרשטענדיקונג צווישן הימלערן, שפּעערן, און זאוקלען, ביי דער אַקטיווער מיטבאַטייליקונג פֿון קרופּפּן און אַנדערע גרויסע אינדוסטריעלער, האָט זיך די דעפּאָרטאַציע פֿון די דייטשישע יידן אָנגעהויבן אין סוף פֿעברואַר 1943. וועגן דער דאָזיקער פֿאַרברעכערישער פֿאַרשטענדיקונג און פּערזענלעכער באַטייליקונג פֿון שפּעערן, קרופּפּן און אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון דייטשישן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל שרייבט זאוקעל אין אַ בריוו פֿון 26=טן מערץ 1943 [19]. דער דאָזיקער פֿאַקט ווערט אויך דערמאָנט אין אָנקלאַגע=אַקט פֿון נירנבערגער טריבונאַל קעגן קרופּפּן. פֿון בערלין איז דער ערשטער טראַנספּאָרט אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 1=טן מערץ. סך=הכּל איז באַשטימט געוואָרן אַרויסצושיקן 15.000 יידן. די היטלעריסטישע מאַכט האָט זיך אָבער אָנגעטראָפֿן אויף שוועריקייטן, ווייל די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ האָט אַ געוויסע טייל יידן אויסבאַהאַלטן[20]. העסן — דעם שעף פֿון אָשוויענטשימער לאַגער — איז מיטגעטיילט געוואָרן, אַז מען שיקט אים אַרויס 15.000 געזונטע, אַרבעטספֿעיקע יידן, וועלכע זענען ביז איצט געווען באַשעפֿטיקט אין די בערלינער אַמוניציע=פֿאַבריקן, און זיי דאַרפֿן אויך ווייטער באַשעפֿטיקט ווערן אין ענלעכע פֿאַבריקן. אין עטלעכע טעג אַרום איז קיין אָשוויענטשים טאַקע אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט יידן פֿון בערלין. פֿון די אָפֿיציעלע באַריכטן דערוויסן מיר זיך אָבער, אַז אַן ערך 40% —

---

[18] קאַלטענברונערס קאָרעספּאָנדענץ און בראַנדטס ענטפֿער, פֿאָטאָקאָפּיעס אין אַרכיוו פֿון יי.ה.א. אין טערעזינער לאַגער האָבן זיך דעמלט געפֿונען 46.735 יידן.

[19] זאוקעלס קאָרעספּאָנדענץ איז איבערגעלייענט געוואָרן אויף דער זיצונג פֿון אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל אין נירנבערג דעם 1946.VI.21, „דער פּראָצעס", ב. XVI, ז. 567.

[20] וועגן דער אויסזידלונג פֿון יידן פֿון בערלין האָט געבעלס געשריבן אין זיינע מעמואַרן (1943.3.2): „ענדלעך וועלן מיר אַרויסוואַרפֿן די יידן פֿון בערלין. פֿאַריקע נאַכט זענען צונויפֿגעשטעלט געוואָרן רשימות און אין קורצן וועלן מיר זיי אַרויסשיקן אויף מזרח. לײַדער אויך דאָס מאָל האָבן די א. ג. בעסערע ספֿערן, בפֿרט אינטעלעקטואַליסטן, נישט פֿאַרשטייענדיק אונדזער פּאָליטיק, זיך געשטעלט אַ ביסל אויף דער זייט פֿון די יידן, אין רעזולטאַט איז די ידיעה וועגן דער אַקציע דערגאַנגען צו אַ טייל יידן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן". אונטער דער דאַטע 1943.3.11 שרייבט געבעלס: „עס האָבן זיך אַרויסגעריסן אַן ערך 4000 יידן... איך האָב באַפֿוילן דער פּאָליציי, מיליטער און פּאַרטיי, אַז מען זאָל טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, כּדי די מענטשן צו באַקומען..." און ווייטער: „...לײַדער, מען האָט אַרעסטירט דערביי פֿיל יידן און יידענעס פֿון פּריווילעגירטע משפּחות, וואָס האָט אַרויסגערופֿן שרעק און צעמישונג... בפֿרט צווישן די אַרטיסטישע קרייזן..." געבעלס זכרונות, ז. 50—52.

50% פון זיי (דער עיקר פרויען און קינדער) זענען תיכּף געשיקט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריעס[21].

נאָך דער בערלינער אויסזידלונג האָבן זיך גאָר שנעל אָנגעהויבן ענלעכע אַקציעס אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער. צוליב דער פאַרהעלטניסמעסיק גרויסער צאָל ייִדן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אונגאַרן, רומעניע און בולגאַריע, איז איצט אויף די דאָזיקע לענדער געמאַכט געוואָרן אַ ספּעציעלער דרוק, ווייל ווארשיינלעך האָט מען דאָ אָנגעטראָפן אויף ערנסטע שוועריקייטן, באַזונדערס אין אונגאַרן, וווּ היטלער אליין האָט געמוזט אינטערווענירן. אַלס באַזע פאַר דער ייִדן=עקסטערמינאַציע אין אונגארן האָט טאַקע געדינט די פאַרשטענדיקונג פונעם 17=טן אפּריל 1943 צווישן היטלערן מיטן רעגענט האָרטי.

נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין קיין פּרטים פון דער דייטשיש=אונגארישער פאַרשטענדיקונג, איז דאָך וויכטיק פאַר אונדזער פּראָבלעם צו ציטירן אייניקע אויסדרוקן פון די פאַשיסטישע מערדער. אויף דער געשטעלטער פראַגע פון האָרטי, וואָס וועט געשען מיט די ייִדן, האָט ריבענטראָפּ אומפאַרשעמט געענטפערט: „די ייִדן וועלן געשיקט ווערן אין קאָנצענטראַציע=לאַגערן אָדער אומגעבראַכט ווערן. קיין אנדער עווענטואַליטעט איז נישט פאַראַן“. אויף דעם רעגענטס ווייטערדיקע פראַגן האָט היטלער דערקלערט: „אין פּוילן האָט מען די דאָזיקע פראַגע שוין פולקאָם געלייזט. ווען די ייִדן ווילן דאָרט נישט אַרבעטן, ווערן זיי דערשאָסן, ווען זיי קענען נישט ארבעטן, ווערן זיי איזאָלירט. זיי דאַרפן באַהאַנדלט ווערן, ווי טובערקולאָז=באַצילן, פון וועלכע אַ געזונטער קערפּער קען זיך אָנשטעקן“[22]. אַזוי האָט מען די רעגירונגען פון די האַלב אָקופּירטע לענדער, דורך פּאָליטישן דרוק, ביי דער מיטבאַטייליקונג פון די לאָקאַלע פאַשיסטישע עלעמענטן, אַריינגעצויגן צום אָרגאַניזירן מאַסן=אויסזידלונגען פון ייִדן, בכדי זיי פיזיש צו פאַרניכטן.

בכדי זיך צו פאַרלייכטערן די דאָזיקע טעטיקייט און צו פאַרזיכערן זיך אַ דערפאָלג אין די פאַרברעכערישע אקציעס, האָט די היטלערישע מאַכט אָרגאַניזירט פאַרשידענע פּראָוואָקאַציעס. אָנהויבנדיק פון אונטערצינדן דעם רייכסטאַג, איז דער פּראָוואָקאַציע=סיסטעם געווען דער יסוד פון דער היטלעריסטישער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק און איז אַ באַגלייט דערשיינונג פון פאַשיסטישן פעלקערמאָרד. עס איז למשל באַקאַנט, אַז אין חודש אפּריל 1943 האָט די היטלערישע פּראָפּאַגאַנדע אָנגעווענדעט אַלע מעטאָדן, כדי אראָפּצוואַרפן

---

[21] ארכיוו פון ייִ.ה.א., אַקטן מ/16, ז. 24, טעלעפאָנאָגראַם פון מוירערן צו העסן פון 1943.3.2 און ראַפּאָרטן פון לאַגער=קאָמענדאַנט שוואַרץ.

[22] „דער פּראָצעס“ ב. XXXV, ז. 426—431, ב. XIX, ז. 567, דאָקום. ד. — 736, פּראָטאָקאָל פון געשפּרעך פון 1943.4.17, אונטערגעשריבן דורך פּ. שמידט.



er Reichsführer-SS	Feld-Kommandostelle, Mai 1943

gb.Nr. 19 9/49
F/V.

An den
Chef der Sicherheitspolizei und des SD.
SS-Gruppenführer Dr. Kaltenbrunner
B e r l i n

Lieber Kaltenbrunner !

Von dem Buch "Die jüdischen Ritualmorde" habe ich eine größere Anzahl bestellt und lasse es bis zum Standartenführer versenden. Ich übersende Ihnen mehrere 100 Stück damit Sie diese an Ihre Einsatz-Kommandos, vor allem aber an die Männer, die mit der Judenfrage zu tun haben, verteilen können.

Ich gebe im Zusammenhang mit diesem Buch folgende Aufträge:

1. Es sind sofort überall [illegible] anzustellen über Ritualmorde der Juden, soweit sie noch nicht evakuiert sind. Derartige Fälle sind herauszuziehen und mir vorzulegen. Wir müssen in dieser Richtung dann mehrere Prozesse machen.

2. Die ganze Ritualmord-Frage ist von Sachverständigen in den Ländern Rumänien, Ungarn und Bulgarien aufzugreifen.

Ich denke daran, daß wir diese Ritualmordfälle dann in unserer Presse bringen, um damit die Herausnahme der Juden aus den Ländern zu erleichtern.
Diese Dinge können selbstverständlich dann nur im Einvernehmen mit dem Auswärtigen Amt vor sich gehen.

3. Überlegen Sie einmal, ob wir nicht in Zusammenarbeit mit dem Auswärtigen Amt einen rein antisemitischen illegalen Sender für England und Amerika machen können. Er müßte gespeist werden mit Material, das -so wie es der "Stürmer in der Kampfzeit gemacht hat- den Engländern und Amerikanern serviert wird. Ich halte hier eine sensationelle Aufmachung

- 2 -

הימלערס באַפעל צו אָרגאַניזירן פּראָצעסן פון ריטועלע מאָרדן אַלס וויכטיקע
אַקציע אין דער אנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע

פון זיך און ארויפוואַרפן אויף דער סאָוועטישער מאַכט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן בעסטיאַלישן אויסמאָרדן 12.000 פוילישע אָפיצירן אין די קאַטינער וועלדער ביי סמאָלענסק.

דאָס קאַטינער פאַרברעכן איז געווען איין רינג אין דער קייט פון די היטלערישע אקציעס, וואָס האָבן געצילט צו דער פיזישער עקסטערמינאַציע פון פוילישן פאָלק. דער ציל פון דער קאַטינער היהשער פּראָוואָקאַציע איז געווען אַ קלאָרער און דייטלעכער: אָפּצוּוועַנדן די אויפמערקזאַמקייט פון פוילישן פאָלק פון די פאַרברעכנס, וואָס די אָקופּאַציע־מאַכט איז באַגאַנגען אויף דער פוילישער און סאָוועטישער ערד, און צעקריגן די פּאָליאַקן מיטן ראַטנפאַרבאַנד, וועמענס אַרמיי האָט נאָרוואָס צעשמעטערט די היטלערישע קריגס־מאַשין. ס'איז דעריבער נישט קיין צופאַל דאָס, וואָס די אַמעריקאַנער מלחמה־אונטערצינדער האָבן פרילינג 1952 זיך באַמיט צו באַנייען די קאַטינער פּראָוואָקאַציע. זיי האָבן איצט, פּונקט ווי די היטלעריסטן אין יאָר 1943, געוואָלט אָפּוועַנדן די אויפמערקזאַמקייט פון די פעלקער אין דער גאַנצער וועלט פון די מערדערייען, וואָס זיי פירן דורך אין קאָרעע און אין די קאָלאָניאַלע לענדער. זיי האָבן געוואָלט אָפּוועַנדן די אויפמערקזאַמקייט פון די פעלקער פון דעם אויפשטעלן די היטלערישע ווערמאַכט און פון זייערע צוגרייטונגען צו א נייער וועלט־מלחמה. די קאַטינער פּראָוואָקאַציע האָט אָבער געהאַט אַ פּונקט פאַרקערטע ווירקונג: אויף די פּאָליאַקן און אויף די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד האָט די קאַטינער פּראָוואָקאַציע געמאַכט א דערשיטערנדיקן איינדרוק [23].

אויף דער אומפאַרשעמטער היטלערישער פּראָוואָקאַציע האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פ.פ.ר. געענטפערט מיט א ספּעציעלער דעקלאַראַציע פון 23 אַפּריל 1943, אין וועלכער ער האָט דעמאַסקירט דעם ליגן פון דער פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע [24].

די היטלערישע פּראָפּאַגאַנדע, גרייטנדיק זיך דורכצופירן נייע פעלקער־מערדערישע אקציעס אין די לענדער פון דרום־אייראָפּע, האָט זיך ווייטער באַנוצט מיטן אַלטן אָפּגענוצטן פּראָוואָקאַציע־געווער. אויף הימלערס איניציאַטיוו האָט די היטלערישע פּראָפּאַגאַנדע זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט די מיטלאַלטערלעכע בלוידערייען און שקרים וועגן „ריטואַל־מאָרד“ פון יידן. דעם 19־טן מאַי 1943 האָט הימלער באַפוילן קאַלטענברונערן, אַז אין אַלע לענדער, ווו ס'געפינען זיך

---

[23] „דער פּראָצעס“, ב. XIX, ז. 565, דאָקום. ר. — 135, קאָרעספּאָנדענץ פון קאָמיסאַר קובע פון מאַי 1943 צו לאָהזע; וועגן קאַטין פג"ל לאָהזעס קאָרעספּאָנדענץ צו ראָזענבערגן פון 1943.6.18.

[24] „W dziesiątą rocznicę powstania PPR — Materiały i Dokumenty“, Warszawa 1952 r., p. 141 „W sprawie niemieckiego odkrycia zbrodni katyńskiej“.

באַך יידן, זאָל ער תיכף אָנהייבן אָרגאַניזירן אויספאָרשונגען וועגן די דורך זיי באַגאַנגענע ריטועלע מאָרדן. די אָנגעזאַמלטע „באַווייזן“, — האָט הימלער אונטערגעשטראָכן, — וועלן דינען צום אָרגאַניזירן א ריי עפנטלעכע פּראָצעסן. לויט הימלערס באַפעל האָבן די אויספאָרשונגען באַדאַרפט געפירט ווערן דורך ספּעציעלע עקספּערטן, קודם־כל אין רומעניע, אונגארן און אין בולגאריע. פאַר קאַלטענברונערן האָט הימלער מיט אמתן ציניזם אויפגעדעקט די צילן פון דער נייער היטלערישער פּראָוואָקאַציע. „די פאַלן פון ריטואַל־מאָרד, דענק איך, וועלן מיר פאַרעפנטלעכן אין אונדזער פּרעסע, און דאָס וועט אונדז פאַרלייכטערן אַרויסצופירן די יידן פון די דאָזיקע לענדער“.[25]

גלייכצייטיק האָט הימלער באַפוילן דעם שעף פון דער רסה"א, ער זאָל, אין פאַרשטענדיקונג מיטן אויסערן־מיניסטעריום, אָרגאַניזירן ראַדיאָ־אוידיציעס פאַר ענגלאַנד און אַמעריקע. די דאָזיקע אוידיציעס דאַרפן זיין אויסגעפילט מיט סענסאַציאָנעלע אינפאָרמאַציעס. צו דעם צוועק האָט ער געראַטן זיך צו פאַרשטענדיקן מיטן עסעס־גרופּנפירער דאָקטאָר מארטין און אויך צוציען צו דעם צוועק די מיטאַרבעט פון „שטירמער“. לסוף שרייבט הימלער: „דערביי גלויב איך, אז מיט אַ שטאַרקער אנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער ענגלישער און אפשר אויך אין דער רוסישער שפּראַך וועגן א גרויסן ריטואַל־מאָרד וועלן מיר קענען אין דער גאַנצער וועלט אקטיוויזירן די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע“. גלייכצייטיק האָט הימלער איבערגעשיקט קאַלטענברונערן צום צוועק פון אַנטי־יידישן קרייץ־צוג געהילפס־מאַטעריאַלן, ווי 100 פּאַשקוויל־עקזעמפּלאַרן פון העלמוט שראַמס; „דער יידישער ריטואַל־מאָרד, אַ היסטאָרישע אונטערזוכונג“, כדי ער זאָל זיי איבערגעבן אלס פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל פאַר די אָפּעראַציע־גרופּן.

דער ציל פון דער דאָזיקער פּראָוואָקאַציע איז געווען ענלעך צו די פריערדיקע: צו שטאַרקן דעם עקסטערמינאַציע־קורס לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און לגבי אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער. הימלער האָט באַפוילן צו אָרגאַניזירן די דאָזיקע פּראָוואָקאַציע אין דער צייט, ווען דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט געפירט דעם העלדישן קאַמף מיטן בלוטיקן אָקופּאַנט, ווען די יידישע קעמפער האָבן געוואונען די סימפּאַטיע פון אַלע פרייהייטס־ליבנדיקע פעלקער און פון דער אנטי־פאַשיסטישער באַוועגונג, וואָס איז געווען דער באַגייסטערונגס־כוח פאַר דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, וועלן מיר פאַרשטיין די אינטענץ פון די פּראָוואָקאַטאָרישע בילבולים און שקרים, וואָס די היטלעריסטן האָבן פאַרשפּרייט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.

---

[25] אַרכיוו פון יי.ה.א., פאָטאָקאָפּיע פון הימלערס קאָרעספּאָנדענץ צו קאַלטענברונערן פון 19 מאַי 1943.

הימלערס באפעל איז געווען אנזאג אנצוהייבן א נייע אנטי-יידישע קאמפאניע. אויפן געגעבענעם סיגנאל האבן אלע קעמערלעך פון דער צענטראליזירטער פראפאגאנדע-מאשין אין פאשיסטיש דייטשלאנד אנגעהויבן זייער אפענסיווע. אין אלע צו יענער צייט דייטשישע צייטונגען טרעפן מיר כמעט די זעלבע לאזונגען, וואס רעדן וועגן דער פולשטענדיקער, אומרחמנותדיקער פארניכטונג פון די יידן אין אייראפע [26].

2. די שוועריקייטן פון ווייטערדיקער עקספלאטאציע פון די יידישע שקלאפישע ארבעטס-כוחות

אין דער צייט, ווען די רסה"א און דאס אויסערן-מיניסטעריום האבן געמאכט געמיינזאמע באמיונגען וועגן ארגאניזאציאנעלע צוגרייטונגען צו ווייטערדיקע פארברעכערישע אנטי-יידישע אקציעס אין די אקופירטע אייראפעישע לענדער, איז אויף דער פוילישער ערד דורכגעפירט געווארן די איבערגרופירונג פון די עטלעכע טויזנט יידן, כדי זיי פולשטענדיק צו עקספלאאטירן פאר זייער פארניכטונג.

אלס אויסדרוק פון דער נייער אריענטאציע אויפן געביט פון פולשטענדיקן אויסנוצן די פארקנעכטונגס-ארבעט פון די אסורים איז אין א געוויסער מאס געווען דער דערמאנטער צירקוליאר פון דער רסה"א. מיר געדענקען, אז דער שעף פון סיפ"א און ס.ד. מיללער האט אין א געהיימען צירקוליאר פון 17-טן דעצעמבער 1942 באפוילן, אז ס'זאלן וואס שנעלער ארויסגעפירט ווערן פון די באפרייענדעטע אדער נייטראלע לענדער עטלעכע צענדליק טויזנט אסורים-ארבעטער [1]. אבער שוין דעם 23-טן מערץ 1943 האט דער זעלבער שעף פון סיפ"א און ס.ד. געמוזט אין א געהיימען צירקוליאר אפרופן זיין פריערדיקן באפעל און מעלדן זייגע אונטערגעארדנטע פאליצייאישע ארגאנען, אז „אין פאל ווען די אסורים זענען באשעפטיקט אין אמוניציע-פאבריקן, ביי קריגס-וויכטיקע ארבעטן אדער ביי דרינגענדיקע ארבעטן פארן מזרח-פראנט דארף מען רעזיגנירן פון ווייטערדיקן אויסזידלען די דערמאנטע אסורים. אויב דאס אפציען די דאזיקע ארבעטס-כוחות קאן ארויסרופן א פארקלענערונג פון דער פראדוקציע-פעיקייט אדער דערפירן צום שליסן די פאבריקן, ליגט אין אינטערעס פון דער ווער-מאכט-אנפירונג צו רעזיגנירן פון אפציען די נויטיקע ארבעטס-קרעפטן" [2].

די דאזיקע פאראָרדענונג האט מיללער ארויסגעגעבן, ווייל שפעטער און זאו-

[26] די היטלעריסטישע אויסגאבע „די יודענפראגע" פון 4.15. און 1943.5.15.
[1] דאקום. פ.ס. — 1063, מילערס צירקוליאר פון 1942.12.17.
[2] „דער פראצעס", ב. XXXVII, ז. 440, דאקום. ל. — 41.

קעל האָבן געהאלטן אין איין פאָדערן נייע קאָנטינגענטן ארבעטער. זייערע פאָדע־רונגען האָבן זיי מאָטיווירט מיט דעם, וואָס דאָס פאַרזיכערן די באַוואָפענונגס־אונטערנעמונגען מיט ארבעטס־קרעפטן וועט אין א געוויסער מאָס לינדערן די אָנגעשטרענגטע סיטואַציע אין לאַנד און גלייכצייטיק דערמעגלעכן א ווייטער־דיקע מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון דער באַפעלקערונג אויף ארבעט אין רייך.

מילגערם לעצטע פאַראָרדענונג האָט פּאַקטיש געהאט א שייכות צו דער נישט־יידישער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער. דער דאָזיקער פּאַקט דערמעגלעכט אונדז אָבער בעסער צו פארשטיין די האנדלונגען פון דער היטלע־רישער מאַכט לגבי די רעשטלעך פון דער יידישער באַפעלקערונג. באַזונדערס וועט פאר אונדז קלאָר ווערן די דעציזיע פון דער צענטראלער מאַכט וועגן צייט־ווייליקן אויפהאלטן די געטאָס אין ביאַליסטאָק און אין לאָדזש.

אַלס בולטער באַווייז, אַז מען האָט דעצידירט צייטווייליק אָפּצולייגן די ליקווידאציע פון לאָדזשער געטאָ איז דער פּאקט, וואָס די עסעס־זאָנדערקאָמאַנדע (באטמאן), וואָס האָט אין „ווארטע־לאַנד" דורכגעפירט די יידן־פארניכטונג אין כעלמנע, האָט סוף מערץ 1943 איבערגעריסן איר פארברעכערישע טעטיקייט. די דאָזיקע טעטיקייט האָט זי קאָנטינואירט אין די באלקאַן־לענדער אין דער עסעס־דיוויזיע „פּרינץ אויגען"[3].

* * *

דאָס פונאנדערבויען די לאַגערן, וואָס זענען אָרגאניזירט געוואָרן אין שייכות מיטן איבערנעמען דורך דער עסעס די יידישע פּראָדוציר־קרעפטן אין דער גענע־ראַל־גובערניע, האָט אָנגעטראָפן אויף נישט פּאָרויסגעזעענע שוועריקייטן. דער עסעס־הויפּט־שטורמפירער האָרן, וואָס איז דורך דער וופה"א געקאָמאַנדירט געוואָרן קיין לובלין אלס ווירטשאפטס־לייטער פון די לאַגער־אונטערנעמונגען, האָט דעם 26־טן פעברואר אין א בריוו צו זיין שעף אָנגעוויזן אויף די שוועריקייטן, וואָס ער זעט פאָר אין צוזאמענהאנג מיטן איבערנעמען און איבערטראַנספּאָרטירן די ארבעטער און די פאַבריקס־איינריכטונגען. זיינע באַמערקונגען, וועלכע מיר האָבן אויבן ציטירט, האָבן דער עיקר געהאט א שייכות צו די ווארשעווער און ביאַליסטאָקער געטאָס, פונוואנען די פּראָדוציר־קרעפטן האָבן באַדאַרפט איבערגעשיקט ווערן קיין לובלין, טראַווניק און פּאָניאַטאָוו. די דאָזיקע שוועריקייטן האָבן זיך אויך באַצויגן צו די לאַגערן אין פּלאַשאָוו, אין יאַנאָוו און

---

[3] אויף דער בקשה פון גרייזערן האָט הימלער דערלויבט דער גאַנצער ס.ס.־קאָ־מאַנדע בלייבן ווייטער אונטער דער אָנפירונג פון באָטמאַנען און ווערן א באַשטאַנדטייל פון דער ס.ס.־ישער דיוויזיע „פּרינץ אויגען". הימלער האָט באַפוילן קאַלטענברונערן, ער זאָל פאַרפליכטן די מיטגלידער פון דער זאָנדערקאָמאַנדע צו האַלטן בסוד די פאַר־ברעכערישע אַקציע אין כעלמנאָ, אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., אַקטן ד.צ. 354/57, קאָרעספּאָנ־דענץ פון גרייזערן מיט הימלערן, קאַלטענברונערן און יוטנערן.

צו די ראַדאָמער אונטערנעמונגען א.א. אויסער די אָרגאַניזאַציאָנעלע שוועריקייטן, האָט מען אין דער זעלבער צייט אָנגעטראָפן אויף שטערונגען, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צו דער טעכנישער פונאַנדערבויונג פון די לאַגערן.

דאָ איז נייטיק צו באַמערקן, אַז פּאָהל האָט אין חודש יאַנואַר 1943, אין שייכות מיט דער פונאַנדערבויונג פון נייע עסעסישע אַרבעטס-לאַגערן און מיטן פאַרויסגעזעענעם צופלוס פון נייע אסורים אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן, פאָרגעשטעלט פאַר שפּעערן נאָך אין חודש יאַנואַר 1943 אַן אַלגעמיינעם פּלאַן וועגן נויטיקע בוי-מאַטעריאַלן אויף פונאַנדערצובויען צוועלף קאָנצענטראַציע-לאַגערן. שפּעער האָט דעם 2-טן פעברואַר 1943 פּאָהלס פאָרשלאַג באַשטעטיקט[4].

אָבער שוין אָנהייב אַפּריל 1943 איז שפּעער אַרויסגעטראָטן קעגן דער ווייטערדיקער פונאַנדערבויונג פון דיווירטשאַפטס-אָביעקטן אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן. אין זיין בריוו צו הימלערן פון 5-טן אַפּריל באַגרינדעט שפּעער זיין קעגנערשאַפט צוליבן פעלן פון אייזן, האָלץ און אַרבעטס-קראַפט, וועלכע מ׳דאַרף לויט זיין מיינונג אויסנוצן אין די שוין עקזיסטירנדיקע באַוואָפענונגס-אונטערנעמונגען. דערביי האָט שפּעער באַטאָנט, אַז פאַר דער אַלגעמיינער קריגס-ווירטשאַפט זענען די אונטערנעמונגען, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין די לאַגערן, פון קנאַפּער באַדייטונג. פון דעם הריגנט, אַז שפּעער איז נישט געווען גענייגט צו אַפּראָבירן הימלערס פּלענער וועגן אויסבויען נייע קאָנקורענץ-אונטערנעמונגען.

„איך גלויב, — רעזומירט שפּעער, — אַז מיר מוזן די מאַנשאַפט אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן, וועמענס אַרבעטס-קראַפט עס שטייט צו אונדזער דיספּאָזיציע, ראַציאָנעלער אויסנוצן אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער באַוואָפענונג“. „דאָס עווענטועלע פונאַנדערבויען די לאַגערן, — שרייבט ווייטער שפּעער, — דאַרף דורכגעפירט ווערן ביים באַנוצן אַ מינימאַלע צאָל מאַטעריאַלן און ביים אָנווענדן פרימיטיווע בויונגס-מיטלען“.

גלייכצייטיק האָט שפּעער אינפאָרמירט הימלערן, אַז ער האָט באַפוילן זיין פאַרשטייער, ער זאָל צוזאַמען מיט אַ דורך הימלערן באַשטימטער פּערזאָן דורכפירן אַן אינספּעקציע אין אַלע קאָנצענטראַציע-לאַגערן און נאָכדעם קומען מיט פאָרשלאָגן וועגן די מעגלעכקייטן פון זייער אויסנוצן.

---

[4] מיט אלע ענינים פון צוגרייטן פּלענער צו בויען קאָנצענטראַציע-לאגערן האָט זיך פאַרנומען דער שטאַב „צ“ פון וו.פ.ה.אָ., אין שפּיץ פון וועלכן עס איז געשטאַנען דער ס.ס.-אָבערגרופּנפירער קאַמלער. אַלע פּלענער האָבן געמוזט ווערן באַשטעטיקט דורכן מיניסטער שפּער; ערשט נאָך זיין באַשטעטיקונג האָט דער שטאַב „צ“ פאַרטיילט די באַקומענע קאָנטינגענטן מאַטעריאַלן צווישן די באַזונדערע לאַגערן. אורטייל פון פּאָהלס פּראָצעס, ז. 8038; ג“ע פון פּראַנץ אייערענשמאַלץ, א קריגס-פאַרברעכער, וואָס איז אין פרילינג 1951 באַפרייט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט.

פאַרן 1943 יאָר זענען באַשטימט געוואָרן אויף פאַנאַנדערבויען 12 קאָנצענטראַציע-לאַגערן 7 מיליאָן ר.-מ., פאַרן 1944 יאָר — 6 מיליאָן ר.-מ.

אין דער ערשטער העלפט פון חודש מאי 1943 האָט קאַמלער, דער שעף פון דער אָפּטיילונג „צ“ אין וופה“א, דורכגעפירט אַן אינספּעקציע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די דאָזיקע ענינים האָבן זיך פאַרצויגן ביז זומער 1943. דעם 10־טן יוני נאָך האָט שפּעער געמאָלדן הימלערן, אַז לויט די פעסטשטעלונגען פון דער אינספּעקציע, וועלן אין די לאַגערן קיין בויונגס־אַרבעטן נישט קאָנען דורכגעפירט ווערן נישט בלויז צוליבן מאַנגל אין בוי־מאַטעריאַלן, נאָר דער עיקר צוליבן מאַנגל אין אַרבעטס־קראַפט [5].

פאַקטיש אָבער האָט שפּעערס קעגנערשאַפט געהאַט אַן אַנדער סיבה. אמת איז, אַז דאָס קאָלאָסאַלע פונאַנדערבויען די דייטשישע קריגס־אינדוסטריע פון פרילינג 1943 האָט פאַרפילפאַכט די באַדערפעניש אויף אַרבעטס־קראַפט, אָבער די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון דער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע לענדער, וואָס זענען צו יענער צייט ריקזיכטלאָז דורכגעפירט געוואָרן, האָבן באַזאָרגט די באַוואָפענונגס־אונטערנעמונגען אין רייך מיט א ריזיקער צאָל אַרבעטער. לויט זאָוקעלן האָט מען אין יאָר 1943 פאַרשלעפּט קיין דייטשלאַנד 2 מיליאָן פרעמדע אַרבעטער [6].

אויף שפּעערס אויבן דערמאָנטע סוגעסטיעס האָט פּאָהל אין נאָמען פון הימלערן צוגעגרייט אַן ענטפער, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלבן פאַרמאַסקירטן כאַראַקטער, ווי די בריוו פון שפּעערן. פּאָהל שרייבט, אַז די אַרבעטס־קראַפט פון די אסורים איז שוין אויסגענוצט אין דער מאַקסימאַלער מאָס, אַז אין די עקזיסטירנדיקע 16 קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען ביזן 31־טן מאַי 1943 געווען 160 טויזנט אסורים, פון וועלכע 63% איז געווען דירעקט באַשעפטיקט אין דער קריגס־אינדוסטריע. „ס'איז לײדער נישט מעגלעך, — פאַרענטפערט זיך פּאָהל, — צוצושטעלן אסורים צו דער דיספּאָזיציע פון דער גאַנצער דייטשישער באַוואָפענונגס־ און קריגס־אינדוסטריע, ווייל אסורים האָבן מיר נישט גענוג“ [7]. דאָס פונאַנ־

---

[5] קאָרעספּאָנדענץ פון בראַנדטן (פערזענ. שטאַב) צו פּאָהלן פון 14 מאַי 1943 (אַקטן ד. צ. 585); קאַמלערס ראַפּאָרט וועגן איבערטראָגן די באַוואָפענונגס־אונטערנעמונגען אין די לאַגערן. דאָקומ. נ.אָ. — 1215.

געהיימע קאָרעספּאָנדענץ פון שפּעערן פון 1943.6.10, אַקטן ד.צ. 587.

[6] זאַוקעלס דערקלערונג אויף דער זיצונג פון נירענבערגער טריבונאַל, 1946.5.31, „דער פּראָצעס“, ב. V, ז. 153.

[7] וואָס נוגע דעם רעשט אַסורים, זענען 15% געווען באַשעפטיקט אין די לאַגער־מאַגאַזינען, 22% איז בכלל נישט געווען פעיק צו אַרבעט. אַקטן ד.צ. 586—588, פּאָהלס קאָרעספּאָנדענץ פון 1943.7.9. פּאָהל האָט אָבער דאָ אָנגעגעבן פאַלשע ציפערן. עס איז גענוג צו דערמאָנען, וואָס העס אַליין האָט באַשטעטיקט, אַז אין דער צווייטער העלפט 1943 זענען בלויז אין אָשוויענטשים געווען 140.000 אסורים (אין דער העלפט 1944 — שוין 630.000).

אַקטן פון העס פּראָצעס, ב. XXI, ז. 10, 77; אקטן דצ. 585, קאָרעספּאָנדענץ פון פּאָהלן צו בראַנדטן פון 1943.4.19.

דערבויען אָבער די לאַגערן, באַזונדערס דאָס דורכפירן אין זיי בויונגס=ארבעטן, איז
לויט פּאָהלן אָבער אומבאַדינגט נויטיק, כלומרשט כדי צו הייבן די ארבעטס=
פּראָדוקטיווקייט פון די אסורים, ווייל דער איצטיקער צושטאַנד אין די לאַגערן
ברענגט צו קאַלאָסאַלער שטערבלעכקייט.

מיר האָבן זיך אַ ביסל לענגער פאַרהאַלטן ביים באַהאַנדלען דעם בריוו=
אויסטויש צווישן שפּעערן און פּאָהלן פרילינג 1943, אין וועלכן ס'ווערט באַהאַנדלט
די פראַגע וועגן פונאַנדערבויען די לאַגערן, ווייל דאָס איז אַן אָפּשפּיגלונג פון
קאָנקורענץ=רייבונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישן די באַזונדערע דורך זיי
רעפּרעזענטירטע מאָנאָפּאָליסטישע קליקעס.

דער דייטשישער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל, אין זיין „דראַנג נאַך אָסטן",
אין זיין ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער עקספּאַנסיע אויף מזרח, האָט זיך
געניוויטיקט און טאַקע אויסגענוצט די הילף פון דער היטלערישער פּאַרטיי און
פון דער עסעס. די דייטשישע גרויס=אינדוסטריעלער האָבן גענאָסן פון דער דאָ=
זיקער הילף ביים דורכפירן די מאַסן=רעפּאַרטאַציעס פון דער באַפעלקערונג פון די
אָקופּירטע לענדער אויף צוואַנגס=ארבעט אין רייך. די אינדוסטריעלער האָבן
אויך גענאָסן פון דער דערמאָנטער הילף ביים רויבן די פאַרמעגנס אין די
דאָזיקע לענדער א.א.וו. ס'איז נויטיק צו דערמאָנען, אז דעם 8=טן מאַי 1943 האָט
זאַוקעל דעפּעשירט צו הימלערן, אַז גערינג פאָדערט צוצושטעלן תיכף 400 טויזנט
אַרבעטער פאַר דער מעטאַלורגישער און קוילן=גרובן=אינדוסטריע. ער בעט דערי=
בער ביי הימלערן זיין אונטערשטיצונג ביים דורכפירן די אקציע פון ווערבירן נייע
אַרבעטס=כוחות[8].

מיט קנאה האָבן די דייטשישע מאָנאָפּאָליסטן געקוקט אויף דעם שטייגנדיקן
כוח פון דער עסעס, אויף די אַלץ נייע עסעס = אונטערנעמונגען, אויפן איבערנע=
מען דורך זיי די רוישטאָפן און מאַשינען, אויף זייער שטרעבן פולשטענדיק איבער=
צונעמען די קוואַליפיצירטע יידישע ארבעטס=קרעפטן, וואָס זענען געווען באַשעפ=
טיקט אין פריוואַטן סעקטאָר נישט בלויז אין דער גענעראַל=גובערניע, נאָר אויך
אין לאָדזש, ביאַליסטאָק און שלעזיע. שפּעערס אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג דאַרף
מען נישט אויסטייטשן מיט דעם, אז ער איז בכלל געווען קעגן דער פונאַנדער=
בויונג פון די קאָנצענטראַציע=לאַגערן, שפּעער און אַנדערע דייטשישע מאָנאָפּאָ=
ליסטן זענען געווען קעגן פונאַנדערבויען אין די לאַגערן די עסעס=אונטערנעמונ=
גען. זיי זענען אָבער נישט געווען קעגן די לאַגערן אלס רעזערוואַר פון ארבעטס=
קראַפט און פון מאָרד=קאָמבינאַטן. דערמיט דערקלערט זיך דאָס קאָלאָסאַלע
פונאַנדערבויען אין יאָר 1943 אונטערנעמונגען אין דער געגנט פון אָשוויענטשי=
מער לאַגער. זייַנע אסורים זענען דאָך דאָרט ס'רוב עקספּלאָאַטירט געוואָרן דורך

---

[8] קאָפּיע פון זאַוקעלס דעפּעשע אין די אקטן פון ה.ק.פ.ה.פ., דצ. 595.

י. ג. פֿאַרבן־אינדוסטריע, דורך קרופּפּ, טיסענען, גערינגן און אַנדערע דייטשישע מאָנאָפּאָליסטן. די פֿונאַנדערבוויונג האָט דערגרייכט אַזאַ פֿאַרנעם, אַז ס׳איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט פֿונאַנדערצוטיילן די לאַגער־קאָמבינאַטן אויף דריי זעלבשטענדיקע לאַגערן. דאָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין חודש אויגוסט 1943 [9].

נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין אַ גענויעם אַנאַליז פֿון די דערמאַנטע קאָנקורענץ־רייבונגען, וועלן מיר בלויז אונטערשטרייכן, אַז שפּעטערס אָפּאָזיציע האָט געפֿונען איר אויסדרוק אינעם לאַנגזאַמען פֿונאַנדערבויען די לאַגערן פֿון „אָסטי“ און אינעם אָפּלייגן דעם טערמין פֿון איבערנעמען די פּראָדוציר־קרעפֿטן פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ.

אומאָפּהענגיק פֿון דעם שוין דערמאַנטן, זענען נאָך געווען אַנדערע אינערלעכע שוועריקייטן, וועגן וועלכע האָרן דערמאַנט אין זיינע שפּעטערדיקע ראַפּאָרטן פֿון מערץ 1944. קודם־כּל זענען נישט געווען קיין פּאַראָרדענונגען וועגן פֿאַרקויפֿן דורך דער „אָסטי“ דאָס באַוועגלעכע יידישע פֿאַרמעגן. קריגער האָט אַזאַ באַפֿעל אַרויסגעגעבן ערשט אין אַפּריל 1943, ער איז אָבער שנעל אָפּגערופֿן געוואָרן, ווייל דער עסעס־שטורמבאַנפֿירער מעיער, דער באַפֿולמעכטיקטער פֿון גרייפֿעלדן אין קראָקע, האָט פֿאַר זיך פֿאַרלאַנגט די רעכט איבער דעם יידישן פֿאַרמעגן. אויך ביים איבערנעמען די אונטערנעמונגען זענען אַנטשטאַנען שוועריקייטן. די „אָסטי“ האָט געזאָלט איבערנעמען נישט בלויז די יידישע פּראָדוציר־קרעפֿטן אין לובלינער, וואַרשעווער און ביאַליסטאָקער געגנט, נאָר — ווי האָרן דערמאַנט עס — איז צוגעזאָגט געוואָרן דער „אָסטי“ דאָס פֿאַרוואַלטן מיט די לאַגער־אונטערנעמונגען אין ראַדאָמער און אין קראָקעווער דיסטריקט [10]. „דעם 1־טן יולי 1943, נאָך לאַנגע וואַקלונגען, — שרייבט האָרן — האָט די „אָסטי“ געקאָנט איבערנעמען די ראַדאָמער אונטערנעמונגען“. אויסער די אַלע דערמאַנטע שוועריקייטן און שטערונגען, איז איינע פֿון די הויפּט־סיבות דאָך געווען דער העלדישער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט צונישט געמאַכט גלאַבאָצניקס האָפֿנונגען אויף איבערצונעמען די דאָרטיקע פּראָדוציר־כּוחות.

---

[9] העס פּראָצעס, ב. XXI, ז. 9.

[10] ראַפּאָרט פֿון ד״ר האָרן פֿון 1944.3.13, אקטן פֿון סטראָאָפּס פּראָצעס.

3. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און דער אויפשטייג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז אַלס באַזע פון „אָסטי“ האָבן געזאָלט זיין די פּראָדוקציר־קרעפטן אין וואַרשעווער געטאָ. אין הסכּם מיט הימלערס באַפעל האָט אין פעברואַר און אין מערץ 1943 גלאָבאָצניק זיך זייער ענערגיש פאַרנומען מיטן איבערפירן דעם אינווענטאַר פון געוויסע דייטשישע פירמעס אין לובלינער געגנט. אין נאָמען פון גלאָבאָצניקן זענען אין געטאָ טעטיק געווען זיינע באַפולמעכטיקטע: פראַנץ קאָנראַד און וואַלטער צ. טעבענס. חוץ די דאָזיקע באַפולמעכטיקטע האָט גלאָבאָצניק אַרויסגעשיקט קיין וואַרשע זיינע מענטשן, וועלכע האָבן באַדאַרפט האָבן דעם אויפזיכט און מיטהעלפן ביים אָרגאַניזירן דעם טראַנספּאָרט [1]. אין לובלינער געגנט זענען אַלזאָ איבערגעשיקט געוואָרן די פאַבריקס־איינריכטונגען פון אייניקע פירמעס, ווי שולינג, שולץ, האַללמאַן א.א. [2] קיין וואַרשע איז לסוף אָנגעקומען גלאָבאָצניק אַליין מיט זיינע עסעס־אָפּטיילונגען, בכדי איבערצונעמען אַנדערע אונטערנעמונגען און קודם־כּל כּדי אַרויסצושיקן קיין לובלין די רעשט פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין הסכּם מיט הימלערס באַפעל פון 16־טן פעברואַר 1943 און מיט קריגערס דערגענצונגס־באַפעל פון 18־טן אַפּריל [3] האָט מען צוערשט געדאַרפט אַרויספירן פון דאָרטן די באַפעלקערונג, די מאַשינען און די סחורות, ערשט נאָכדעם האָט מען געדאַרפט אין דער דאָזיקער שטאָט־טייל צעשטערן אַלע בנינים און דעם גאַנצן געטאָ־שטח פולשטענדיק ניוועלירן.

דעם 19־טן אַפּריל אָבער, ווען די פּאָליצײ־אָפּטיילונגען, וואָס זענען אָנגעקומען מיט גלאָבאָצניקן צוזאַמען מיט די אַזוי גערופענע „טראַווניק־מענער“, האָבן אַרומגערינגלט דאָס געטאָ און אָנגעהויבן אַריינמאַרשירן, כּדי מיט געוואַלד אויסצוזידלען פון דאָרט די איינוווינער, איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד קעגן דער היטלערישער אָקופּאַציע־מאַכט.

די באַוואָפנטע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ איז אָנגעוואַקסן שטופנווייז, פּאַראַלעל צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַנטיפאַשיסטישער אונטערערדישער באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד. מיט דער אַנטשטייונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין יאַנואַר 1942, דער „ערשטער פּאַרטיי, וואָס

[1] אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב, 7. 696, ג״ע פון ק. קאַלעסקע, סטראָאָפּס אדיוטאַנט, פון 1945.6.10 אין וויסבאַדען.

[2] „אַקטועלע אינפאָרמאַציע“ (פּויליש), נר. 7/80, 9/82, 12/85, 14/87, 15/88 פון מערץ און אַפּריל 1943.

[3] אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. V, ז. 1004.

האָט אונטערגענומען א דעצידירטן באוואָפנטן קאַמף קעגן אָקופּאַנט" (ביערוט), איז פאָרגעקומען א קאָנסאָלידאַציע פון אַלע רעוואָלוציאָנערע גרופּן אין אונטערערדישן געטאָ און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די פּ.פּ.ר גרופּע אין געטאָ. אין מערץ איז אַנטשטאַנען דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו מאָביליזירן די יידישע געזעלשאַפט אויף דער באַזע פון פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלן פראָנט, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן דורך דער פּ.פּ.ר., צום אַקטיוון קאַמף קעגן אָקופּאַנט.

צום אַנטיפאַשיסטישן בלאָק זענען צוגעטרעטן, חוץ דער פּ.פּ.ר., לינקע אייניהייטספראָנטיקע עלעמענטן פון די לינקע ציוניסטישע גרופּן. די רעכטע פירער פון בונד, וואָס זענען געווען פארבונדן מיט דער דעלעגאַטור פון דער פּוילישער לאָנדאָנער רעגירונג, זענען נישט צוגעשטאַנען צום בלאָק[4]. דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק האָט אָרגאַניזירט אין געטאָ קאַמפּס=גרופּן, וואָס האָבן געבילדעט אַ באַשטאַנד=טייל פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ", און וועלכע האָבן זיך געגרייט צום קאַמף קעגן אָקופּאַנט.

אין אָקטאָבער 1942, נאָך דער גרויסער זומער=אויסזידלונג, איז געשאַפן געוואָרן די יידישע קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט איבערגענומען די אידעאָלאָגישע פּלאַטפאָרם פון אנטיפאשיסטישן בלאָק און געווען אַן אויסגעברייטערטע פאָרם פון נאַציאָנאַלן קאַמפּס=פראָנט.

אין יאַנואַר 1943 האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן די טעטיקייט פון דער פּוילישער אַנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד=באַוועגונג, עס איז געוואקסן די צאָל סאַבאָטאַזש=אַקטן אין די פאַבריקן, אָנפאַלן אויף היטלעריסטישע פּאָליציי=פּאָסטנס א.א.וו. אויך דער זש.אָ.ב. האָט אין די טעג פון 18—20 יאַנואר דורכגעפירט א באוואָפנטן זעלבסטשוץ קעגן דער אויסזידלונג פון עטלעכע טויזנט יידן. די יאנואר זעלבסטשוץ איז געווען דער ערשטער סטימול צום ווייטערדיקן אַקטיוון קאַמף און דער זש.אָ.ב. גרייט זיך זייט דאַן צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

שוין דער ערשטער ארויסטריט אין געטאָ דעם 19=טן אַפּריל האָט אַרויסגערופן אן ענטוזיאַזם נישט נאָר ביי דער געטאָ=באַפעלקערונג, נאָר אויך אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. די פּ.פּ.ר. און „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" האָבן געאיילט מיט קאָנקרעטער הילף פאַרן קעמפנדיקן געטאָ, קודם=כל מיט אַמוניציע, און דערמיט דערפילט נישט נאָר דעם מענטשלעכן חוב לגבי קעמפער קעגן געמיינזאמען שונא, נאָר אזויארום פאַרשטאַרקט דעם אַלגעמיינעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמפּס=פראָנט. דער פירער פון דער פּוילישער פאַראייניקטער ארבעטער=פּארטיי ב. ביערוט האָט אויפן פאַראייניקונגס=קאָנגרעס דעם 15=טן דעצעמבער 1948 אונטערגעשטראָכן, אַז „די פאָלקס=גוואַרדיע („גוואַרדיאַ לודאָוואַ") איז געווען

[4] ב. מאַרק: „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", וואַרשע 1953, ז. 123.

די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאָלפן דעם העלדיש קעמפנדיקן געטאָ אין וואַרשע" [5].

די גוואַרדיע לודאָווע האָט דעמלט אָרגאַניזירט ספּעציעלע אָפּעראַטיווע גרופּן, וועלכע זענען אָנגעפאַלן אויף וואַר־פּונקטן פון דער עסעס און זשאַנדאַרמעריע, אָרגאַניזירט סאַבאָטאַזש־אַקטן אויף די באַנען, דערשאָסן היטלעריסטישע אָפיצירן, געהאָלפן אַרויספירן א ריי גרופּן פון געטאָ אין די וועלדער א.א.וו. [6].

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען א ווichטיקער רינג אין דער קייט פון קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן מיטן היטלערישן אָקופּאַנט דורך די פּוילישע אונטערערדישע אַנטיפאַשיסטישע כוחות. דער דאָזיקער אויפשטאַנד, פּונקט ווי די גאַנצע ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געביטן, איז נישט געווען אַן אויסדרוק פון רעזיגנאַציע, נאָר פון באַוווסטזיניקן דראַנג פון די יידישע מאַסן, וועלכע האָבן געשטרעבט אַריינצוטראָגן זייערע כוחות און קרבנות אינעם אַלגעמיינעם קאַמף, וואָס די פאַרקנעכטעטע אייראָפּעישע פעלקער האָבן געפירט פאַר דער באַפרייונג פון היטלערישן יאָך. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען א געשיכטלעכע נויטווענדיקייט אַלס פּועל־יוצא פון כסדרדיקן שטייגן פון די פּראָגרעסיווע, אַנטיפאַשיסטישע כוחות אין דער יידישער געזעלשאַפט.

אין גאַנג פון די קאַמפן, וואָס די אויפשטענדלער האָבן געפירט, האָט דער אָרגאַן פון פּ.פּ.ר. „טריבונאַ וואָלנאָשטשי" פון 15־טן מאַי 1943 אַזוי אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון אויפשטאַנד: „די קאַמפן אין געטאָ האָבן א קאָלאָסאַלע פּאָליטישע באַדייטונג. דאָס איז אין די אָקופּירטע לענדער דער שטאַרקסטער אָרגאַניזירטער אויסדרוק פון זעלבסטשוץ. די פאַרטיידיקונג פון געטאָ האָט באַוויזן, וואָסער פּאָפּולאַריטעט ס'האָט געוווּנען אין דער געזעלשאַפט דער לאָזונג פון אַקטיוון ווידערשטאַנד און באַוואָפנטן קאַמף. די ביז גישט לאַנג געהאָרכזאַמע יידן האָבן געשטעלט אַזאַ ווידערשטאַנד, וואָס האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג און אָנערקענונג אין לאַנד און אין דער וועלט". דער אויפשטאַנד האָט אָן ספק געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויף דעם אויסברייטערן זיך פון דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג און קאַמף פון פּוילישן פאָלק קעגן אָקופּאַנט.

אויפן פאָן פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער סיטואַציע אין לאַנד איז פאַר דער אָקופּאַנטישער מאַכט די וואָפן־ברודערשאַפט צווישן פּאָליאַקן און יידן געווען באַזונדערס געפערלעך. די מעגלעכקייט, אַז דאָס קאַמפס־פעלד זאָל איבערגעטראָגן ווערן אויסער די געטאָ־מויערן, די מעגלעכקייט פון אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין וואַרשע האָט אַרויסגערופן אַ פּחד אויף די אָקופּאַנטן. מיט דעם

[5] Bolesław Bierut: Podstawy ideologiczne PZPR, Warszawa 1952, p. 35.
[6] Fr. Jóźwiak: PPR w walce o wyzwolenie, p. 102.

דערקלערט זיך די אינטערווענץ פון גובערנאַטאָר פישער און פון מיליטערישן קאָמענדאַנט אין וואַרשע ראָסום ביים גענעראַל סטראָאָפּ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די מיליטערישע אָפּעראַציעס קעגן די אויפשטענדלער. דערמיט דערקלערט זיך די פאָדערונג פון די מאַכט־אָרגאַנען, אַז דער אויפשטאַנד אין געטאָ זאָל וואָס שנעלער דערשטיקט ווערן. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן אַרויסגערוקט דעם אַרגומענט, אַז „אין פאַל ווען ס'וועט אויסברעכן אַן אויפשטאַנד אין גאַנץ וואַרשע, וועלן אונדזערע מיליטערישע און פּאָליצייאישע קרעפטן נישט זיין אימשטאַנד דעם אויפשטאַנד צו דערשטיקן". די דאָזיקע ווערטער האָט איבערגעחזרט גענעראַל סטראָאָפּ אויף זיין פּראָצעס אין וואַרשע, אין יולי 1951.

באַהערשט פון דאָזיקן פּחד און אויפן סמך פון הימלערס באַפעל פונעם 24־טן אַפּריל, האָט גענעראַל סטראָאָפּ, דיספּאָנירנדיק מיט באַדייטנדיקע מיליטערישע און פּאָליצייאישע קרעפטן, בלוטיק און אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דערשטיקט דעם אויפשטאַנד און פולשטענדיק פאַרניכטעט דאָס געטאָ. אין משך פון אַ גאַנצן חודש האָבן זיך די קאַמפן געצויגן. ערשט דעם 16־טן מאַי האָט סטראָאָפּ ראַפּאָרטירט הימלערן וועגן דער פאַרענדיקטער „גראָסאַקציאָן"[7], הגם די ספּאָראַדישע קאַמפן פון די געטאָ־קעמפער (אַזוי גערופענע „גרוזאָוועצעס") האָבן זיך נאָך געצויגן אַ לענגערע צייט.[8]

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אָדיל גלאָבאָצניק, דער שעף פון דער „ריינהאַרד־אָפּעראַציע", אַ דערפאַרענער אין די מערדערלעכע אַקציעס אויפן געביט פון ג.־ג., האָט דאָס מאָל געמוזט זיך פאַרנעמען מיט דער ווירטשאַפטלעכער זייט פון דער „אַקציע אין גרויסן מאַסשטאַב". דאָס איז נאָך איין באַווייז אויף דער ריכטיקייט פון אונדזער פעסטשטעלונג, אַז אינעם פּראָבלעם פון ליקווידירן די יידישע באַפעלקערונג זענען די פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע פראַגן געווען ענג צווישן זיך געבונדן.

פון ערשטן מאָמענט אָן, זינט די עס־עס־גענעראַלן סטראָאָפּ און גלאָבאָצניק האָבן זיך געטראָפן אין וואַרשע, זענען צווישן זיי אַנטשטאַנען געוויסע אַנטאַגאָניזמען צוליב חלוקי דעות וועגן אופן פון ליקווידירן דאָס געטאָ[9]. גלאָבאָצניק האָט פאַרלאָזט וואַרשע, איבערלאָזנדיק קאָנראַדן און אַנדערע אַגענטן זיינע, וועלכע האָבן באַדאַרפט איבערנעמען די סחורות, מאַשינען און דורכפירן די דעפּאָרטאַציע פון דער איבערגעבליבענער באַפעלקערונג.

---

[7] ראַפּאָרט פון גענ. סטראָאָפּ.

[8] אויספירלעכער אין דער אַרבעט פון ב. מאַרק: „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ" (פּויליש).

[9] גלאָבאָצניקס ראַפּאָרט פון 1944.1.5; נירענב. דאָקום. פּ.ס. — 057. וועגן די זינערלעכע פּרעסטיזש־שטרייטן, פג"ל אַקטן „זשעגאָטא", דאָקום. פון 1943.4.21.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז אומגעקומען בעת די קאַמפן אָדער דערשאָסן געוואָרן דורך די סיפּאָ-אָפּטיילונגען. לויט סטראָאָפּס ראַפּאָרט זענען געפאַלן 7.000 ייִדן און כמעט נאָך אַזויפיל זענען דערשאָסן געוואָרן בעתן קאָנוואָירן זיי אין די לאַגערן פון לובלינער געגנט. פאַקטיש אָבער איז די צאָל געהרגעטע געווען אַ פיל גרעסערע. טראָץ דעם העלדישן ווידערשטאַנד האָט זיך סטראָאָפּס אָפּטיילונגען איינגעגעבן צו כאַפּן עטלעכע צענדליק טויזנט ייִדן, לויט סטראָאָפּס ראַפּאָרט 56.065 ייִדן,[10] וואָס זענען מיט געוואַלד אַוועקגעפירט געוואָרן אין די לאַגערן פון פּאָניאַטאָוו, טראַוווניק אָדער אין צייטווייליקן לאַגער (צולאַג) אויפן פלי-פעלד אין לובלין. פונדאַנען האָט מען זיי מיט דער באַן איבערגעפירט קיין מיידאַנעק (ס'רוב פרויען און קינדער), אין די לאַגערן פון לובלין, בודזין און דאָראָהוטשי. עטלעכע טראַנספּאָרטן האָט מען גלייך געשיקט קיין טרעבלינקע.[11]

צוליב די קאַמפן, וואָס זענען פאָרגעקומען אויפן געטאָ-שטח, האָבן די באַפולמעכטיקטע פון דער „אָסטי“ אָנגעטראָפן אויף באַדייטנדיקע שוועריקייטן ביים איבערנעמען די פאַבריקס-איינריכטונגען, די סחורות און די רוישטאָף-זאַפּאַסן. חוץ דעם, האָבן די ייִדישע קעמפער אונטערגעצונדן די פאַבריקן, פאַרניכטעט די מאַשינען, כדי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון אָקופּאַנט. אין שייכות מיט דער דאָזיקער סיטואַציע איז לויט די דערקלערונגען פון קאַלעסקע — סטראָאָפּס אַדיוטאַנט — פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון די דייטשישע אייגנטימער פון די אונטערנעמונגען אין געטאָ מיט דער באַטייליקונג פון סטראָאָפּן וועגן דער פראַגע פון שנעלן טראַנסלאָקירן די מאַשינען און די סחורות אין די לובלינער לאַגערן.[12]

דער העלדישער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַ ריזיקע שטויסקראַפט אָנצוהייבן דעם קאַמף מיטן אָקופּאַנט. ער האָט אויך געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ווידערשטאַנדס-באַוועגונג צווישן די ייִדן. די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך געשטאַרקט און פונאַנדערגעוואַקסן. אונטער דער ווירקונג פון די ווייטערדיקע נצחונות פון דער רויטער אַרמיי זענען אויך אין אַנדערע געטאָס אויסגעבראָכן באַוואָפנטע אויפשטאַנדן. די צענטראַלע היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען האָבן באַקומען אַלאַרמירנדיקע ידיעות וועגן צוגרייטונגען צו באַוואָפנטע אַרויסטריטן אַלס זעלבסטשוץ קעגן ווייטער-

---

[10] „ביולעטין“ פון יי.ה.א., נר. (5) 1, 1953, ז. 95, סטראָאָפּס דעפּעשע פון 5.16.1943.

[11] אַרכיוו פון יי.ה.א., גבית-עדות נר. 504.

[12] אַקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. V, ז. 974, ג"ע פון ב. קאַלעסקע.

דיקע אויסזידלונגען פון די יידישע קאמפס־אָרגאַניזאַציעס אין טשענסטאָכאָוו,[13] אין ביאַליסטאָק,[14] אין פארשידענע שטעט פון גאַליציען דיסטריקט[15] און אין שלעזיע.

די דראָענדיקע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון די יידישע געביטן אין דער צייט, ווען די פּאָליטישע סיטואַציע פון דריטן רייך האָט זיך שטאַרק פאַר־ערגערט, האָט ערנסט באַאומרואיקט הימלערן און די אָקופּאַנטישע מאַכט. דאָס מאָל איז הימלער שוין געווען גענייגט צו רעזיגנירן פון די נוצן פון דער עקס־פּלאָטאַציע פון דער יידישער אַרבעטס־קראַפט. ער איז שוין געווען דערפאַר, אַז די ליקווידאַציע פון די יידן, באַזונדערס אין דער גענ.־גובערניע, זאָל וואָס שנעלער פאָרקומען.

הימלער, באַאומרואיקט פון דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון די וואַרשע־ווער אויפשטענדלער, אוים מורא פאַר ווייטערדיקע קאָנסעקווענצן פון דער אַנטי־פאַשיסטישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג צווישן די יידן, האָט זיך רעצידירט צו־צואיילן די מערדערלעכע אַקציע. „די עוואַקואַציע פון דעם רעשט 300.000 יידן אין גענעראַל־גוווערנעמענט, — לייענען מיר אין הימלערס נאָטיצן פון 10־טן מאַי 1943 וועגן באַקעמפן די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג, — וויל איך גישט אָפּהאַלטן. נאָר וואָס שנעלער דורכפירן“.[16] דאָס זעלבע באַשטעטיקט אויך אַ נאָטיץ פון גרייפעלדטן פון 12־טן מאַי, ווו ס'ווערט דערמאָנט, אַז אין הסכם מיטן באַפעל פון רפס“ס, איז „דאָס באַזייטיקן 300—400 טויזנט יידן, וואָס געפינען זיך אין דער ג.־ג., אַ ברענענדיקע פראַגע“.[17]

אין די נאָענסטע וואָכן האָט די אָקופּאַציע־מאַכט פּאַקטיש דורכגעפירט ווייטערדיקע סעלעקציעס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אָדער פולשטענדיקע ליקווידאַציעס. ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן דאָס געטאָ אין טשענסטאָכאָוו, נאָך דעם, ווי דאָרט איז אויפגעדעקט געוואָרן די באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג; שפּעטער איז ליקווידירט געוואָרן דאָס געטאָ אין פּיעטר־קאָוו, קעלץ, ראַדאָם, הרוביעשאָוו, סטרי, לוקאָוו, בראָדי און אין אַנדערע שטעט פון דער ג“ג. מיט אַ ספּעציעלער בעסטיאַלישקייט האָבן די היטלערישע אָקופּאַנטן דורכגעפירט די פאַרניכטונג־אַקציעס אין גאַליציען דיסטריקט, נעמענדיק נקמה פאַרן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וואָס די יידן האָבן געשטעלט בעת די אויסזיד־לונגען אין די לאַגערן.

---

[13] ל. ברענער: „ווידערשטאַנד און אומקום פון טשענסטאָכאָווער געטאָ“, וואַר־שע 1950.

[14] ב. מאַרק: „דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ“, וואַרשע 1952.

[15] „דער פּראָצעס“, ב. XXXVII, ז. 391, קאַצמאַנס ראַפּאָרט.

[16] אַרכיוו פון ה.ק.פּ.ה.פּ., אַקטן רצ. — 849.

[17] רצ“וו, אַקטן 21, גרייפעלדטס נאָטיץ פון 1943.5.12.

גענעראַל קאַצמאַן, דער שעף פון עס־עס און פּאָליציי, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער פאַרברעכערישער אַקציע, האָט דעם 30־טן יוני ראַפּאָרטירט קריגערן וועגן זיין טעטיקייט: „...צוליב דעם, וואָס עס האַלטן אין איין אָנקומען אַליאַרמירנדיקע ידיעות וועגן דער שטייגנדיקער באַוואָפענונג פון די יידן, זענען אין די לעצטע 14 טעג פון יוני 1943 גלייכצייטיק אין אלע טיילן פון גאַליציען דיסטריקט אָנגענומען געוואָרן די שאַרפסטע מיטלען צו פאַרניכטן דעם יידישן באַנדיטיזם". און ווייטער שרייבט קאַצמאַן, געבנדיק נישט ווילנדיק אַ באַשטעטיקונג אויף די העלדישע אַרויסטריטן פון די יידישע קעמפער „...וואָס קלענער די צאָל יידן, וואָס איז געבליבן אין דיסטריקט, אַלץ מער פאַרביסן איז זייער ווידערשטאַנד. אין קאַמף באַנוצן זיי זיך מיט פאַרשידנאַרטיק געווער, צווישן אַנדערע פון איטאַליענישער אָפּשטאַמונג" [18].

אַלס רעזולטאַט פון די מאָרד־אַקציעס, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין גאַליציאַנער דיסטריקט, זענען (לויט קאַצמאַנען) ביז סוף יוני 1943 אומגעקומען אויפן אָרט און אין די טויט־לאַגערן 435.000 יידן. דערביי דערמאָנט קאַצמאַן, אַז אין דיסטריקט זענען שוין קיין געטאָס נישט פאַראַן. פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען נאָך געבליבן בלויז 21.156 נפשות, וועלכע זענען קאָנצענטרירט אין 21 לאַגערן, וואָס געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון שעף פון עס־עס און פּאָליציי,[19] און די צאָל יידן האַלט זיך אין איין פאַרקלענערן.

אין דער זעלבער צייט, אין מאַי און יוני 1943, זענען פאָרגעקומען אַקציעס אין שלעזיע, וווּ מ'האָט ליקווידירט די געטאָס טשעלאַדזש, מאָדזשעיוו און זשיוויעץ. עס זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן סעלעקציעס אין סאָסנאָוועץ, בענדין און אין אַנדערע שטעט.[20]

די דאָזיקע פאַרניכטונגס־אַקציעס, וואָס זענען מיט דער גענויער היטלערישער בעסטיאַלישקייט דורכגעפירט געוואָרן אין פרילינג 1943, האָבן אַוועקגענומען ביי די דייטשישע אונטערנעמונגען אַ באַדייטנדיקע צאָל אַרבעטס־כוחות און גאַנץ אָפּט די איינציקע פאַכלייט אין געגעבענעם פּראָדוקציע־געביט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָבן זיך אויך פאַרקלענערט ביז אַ מינימום די פּערספּעקטיוון פון גלאָבאָצניקן וועגן פונאַנדערבויען די אונטערנעמונגען אין די לאַגערן פון דער

---

[18] ראַפּאָרט פון גענ. קאַצמאַן, ז. 24, 63. אויספירלעכער אין אַרטיקל פון א. אייזענבאך וועגן דער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג אין גאַליציישן דיסטריקט אין „דאָס נייע לעבן", 1949, נר. (309) 28.

[19] קאַצמאַנס ראַפּאָרט, ז. 14. לויט אַנדערע קוועלן זענען נאָך אין 1943.3.1 געווען אין גאַליציען־דיסטריקט 42.162 יידן (פ. פרידמאַן: „דער אומקום פון די פּוילישע יידן" (פּויליש), ז. 28).

[20] באַשולדיקונגס־אַקט קעגן קוטשינסקין, דעם לייטער פון דער יידישער אָפּטיילונג פון „אָרגאַניזאַציע שמעלט". אַרכיוו פון יי.ה.א.

לובלינער געגנט. אויסער דעם, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז בעתן בלוטיקן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ פאַרניכטעט געוואָרן אַ באַדייטנדיקער טייל פאַבריקס-איינריכטונגען, סחורות און רוישטאָפן, וואָס איז געווען אַ פּועל-יוצא פון די סאַבאָטאַזש-אַקטן, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך די יידישע קעמפער. קאָנראַד, למשל, גיט אָן, אַז בעת די קאַמפן זענען אין געטאָ פאַרברענט געוואָרן באַדייטנדיקע זאַפּאַסן פון פערד-האָר, פוטערס, פוטער-אויסאַרבעטונגען, אין ערך 1000 וואַגאָן פעדערן (פאַר דער פּראָדוקציע) א. א. אמת איז, אַז קאָנראַדן האָט זיך איינגעגעבן — ווי ער האָט דערקלערט — איבערצופירן קיין לובלין (טיילווייז נאָכן אויפשטאַנד) אַ גרעסערע צאָל מאַשינען, אין דעם 12 וואַגאָן מיט מאַשינען צו מעטאַל-באַאַרבעטונגען, אַ סך וואַגאָנען מיט פוטערס און אַנדערע רוישטאָפן. צוליב די גרויסע פאַרלוסטן, וואָס זענען געווען אַ פּועל-יוצא פונעם פאַרניכטן די מאַשינען און די סחורות (וואָס האָבן באַדאַרפט איבערגענומען ווערן דורך די עס-עס-אונטערנעמונגען), און אויך צוליב דעם, וואָס די ווידערשטאַנד-באַוועגונג צווישן די יידן האָט וואָס ווייטער אַלץ מער זיך אויסגעברייטערט, איז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער „אָסטי" געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פראַגע-צייכן.

עס זענען אַלזאָ אַנטשטאַנען ווייטערדיקע אינערלעכע שוועריקייטן צווישן דער נויטווענדיקייט אויסצונוצן די יידישע אַרבעטער און דער שטרעבונג צו ליקווידירן יעדע ווידערשטאַנדס-נעסט פון דער יידישער באַפעלקערונג. אויף אַ זיצונג פון דער רעגירונג פון דער גענעראַל-גובערניע, דעם 21-טן מאַי 1943 יאָר, איז קריגער אַרויסגעטראָטן מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיר האָבן געמוזט באַזייטיקן די יידן פון די באַוואָפענונגס-וואַרשטאַטן און פון דער קריגס-ווירטשאַפט, מיטן אויסנאַם פון די וויכטיקסטע צווייגן פון דער קריגספּראָדוקציע. די געבליבענע יידן לעבן אין גרעסערע לאַגערן און פון דאָרט גייען זיי צו דער אַרבעט. דער רפס"ס האָט אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג, אַז מען זאָל אַ סוף מאַכן צום באַשעפטיקן יידן. אין דער דאָזיקער פראַגע האָב איך זיך פאַרשטענדיקט מיטן גענעראַל שינדלער און כ'מיין, אַז מ'וועט נישט קאָנען באַפרידיקן דעם פאַרלאַנג פון דער רפס"ס. צווישן די יידישע אַרבעטער זענען דאָך פאַראַן ספּעציאַליסטן פון פאַרשידענע געביטן, מעכאַניקער און אַנדערע קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וועלכע קענען נישט פאַרטרעטן ווערן דורך פּאָליאַקן. איך בעט דעם עס-עס-אָבערגרופּענפירער קאַלטענברונער, ער זאָל דאָס פאָרשטעלן פאַר רפס"ס און זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דער אַקציע פון דערווייטערן די יידן פון די באַוואָפענונגס-אונטערנעמונגען".[21]

[21] פראַנקס טאָגבוך, זיצונג פון 1943.5.31; סט. פּיאָטראָווסקי: „די מיסיע פון אָדל גלאָבאָצניק" (פּויליש), ז. 54.

דער דאָזיקער אַרויסטריט פֿון קריגערן איז לגמרי נישט געווען קיין אויסדרוק
פֿון הומאַניטאַריזם אָדער זאָרג וועגן גורל פֿון די איבערגעבליבענע יידישע אַרבע=
טער. די פֿאָדערונג פֿון הויפּט=שעף פֿון „ריינהאַרד=אָפּעראַציע“, אַז מ׳זאָל פֿאָר=
לויפֿיק שוינען די יידישע ארבעטס=קרעפֿטן, איז געווען אַן אויסשליסלעכער פּועל=
יוצא פֿון די נויטן פֿון דער קריגס=ווירטשאַפֿט. אין דעם דערמאָנטן פֿאַל איז קרי=
גער צוגעגאַנגען צום פּראָבלעם פֿון ווייטערדיקן עקספּלאָאַטירן בלויז פֿון שטאַנד=
פּונקט פֿון די אינטערעסן פֿון דער דייטשישער באַוואָפֿענונגס=אינדוסטריע, הגם
דאָס האָט קאָלידירט מיט דער אויבן דערמאָנטער טענדענץ אויסצוראָטן די רעשט
יידישע באַפֿעלקערונג, ווי אַ געסט פֿון באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד קעגן אָקופּאַנט.

די דאָזיקע קעגנזאַצן זענען אין יאָר 1943 נישט געווען קיין אָפּגעזונדערטע
דערשיינונג. די קעגנזאַצן זענען אויפֿגעשוומען אַלץ אָפֿטער, און דאָס שוין נישט
בלויז אויפֿן געביט פֿון אַנטי=יידישער פּאָליטיק. אויף ענלעכע פֿאַרשאַרפֿטע קעגנ=
זאַצן טרעפֿן מיר אָן אין דער פּאָליטיק פֿון די היטלעריסטישע מאַכט=אָרגאַנען
אויף די אָקופּירטע געביטן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. דאָס איז געקומען אלס רעזולטאַט
פֿון די נצחונות פֿון דער רויטער אַרמיי און אין צוזאמענהאַנג מיטן שטייגן פֿון
די פּאַרטיזאַנער=קאַמפֿן. דאָס זעען מיר אויך אין דער באַפֿעלקערונגס=פּאָליטיק
אויף די אָקופּירטע געביטן פֿון פּוילן. אַלס בולטער באַווייז אין דעם פּרט איז דער
געהיימער היטלערישער מעמאָראַנדום פֿון „אויבערשלעזישן אינסטיטוט פֿאַר
ווירטשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג“, וועלכער האָט זיך פֿאַרנומען מיטן פֿאָרשן די לאַגע
פֿון די פּוילישע אַרבעטער אין מזרחדיקן טייל פֿון אויבערשלעזיע, כּדי אויסצוגע=
פֿינען די סיבות פֿונעם פֿאַלן פֿון דער פּראָדוקציע אין די אָרטיקע אונטערנעמונגען
פֿון דער באַוואָפֿענונגס=אינדוסטריע. דער דאָזיקער מעמאָראַנדום אונטערן קעפּל
„די באַדייטונג פֿון פּוילישן פּראָבלעם פֿאַר דער באַוואָפֿענונגס=ווירטשאַפֿט אין
אויבערשלעזיע“ [22] איז נאָך איין באַווייז וועגן די עקזיסטירנדיקע וואַקלונגען אין
דער היטלעריסטישער עקסטערמינאַציע=פּאָליטיק לגבי דער פּוילישער באַפֿעלקע=
רונג. עס איז קלאָר, אַז זיי זענען אַנטשטאַנען אויפֿן אַלגעמיינעם באָדן פֿון דער
דעמאָלטיקער ווירקלעכקייט. פֿון איין זייט, האָט די אָקופּאַציע=מאַכט באַרויבט די
פּוילישע אַרבעטער פֿון זייערע עלעמענטאַרסטע עקזיסטענץ=באַדערפֿעניש, און
פֿון דער צווייטער זייט, האָט זי געפֿאָדערט צו פֿאַרגרעסערן די אַרבעטס=פּראָדוק=
טיווקייט. פֿאָרוואַרפֿנדיק די מאַכט=אָרגאַנען, אַז זיי פֿאַרניכטן די אַרבעטס=
קרעפֿטן, שרייבן די אויטאָרן פֿון מעמאָראַנדום, אַז „זיי האָבן לגמרי נישט דעם
ציל צו פֿאַרשפּרייטן רחמנות=פּראָפּאַגאַנדע... פֿאַרקערט, דער דאָזיקער פֿאָרוואורף
איז הויל פֿון יעדער הומאַניטאַרער טענדענץ. ביי אַלע פֿאָראָרדענונגען און פֿאָר=

[22] דער מעמאָריאַל איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין „דאָקומענטאַ אָקופּאַציאָניס טעו=
טאָניצע“, ב. I (פּויזן 1945).

שלאָגן איז דער הויפּט-שטאַנדפּונקט די אויסשליסלעכע נוצן פאַר דער דייטשישער קריגס-ווירטשאַפט" [23]. מיר זעען דעריבער, אַז אין דאָזיקן פאַל איז די אַרגומענטאַציע אַנאַלאָגיש מיט די אַרגומענטן, מיט וועלכע קריגער האָט זיך גערעכטפאַרטיקט אין זיין ציטירטער רעדע פון 31-טן מאי 1943.

די דאָזיקע אַלע פאַקטן זאָגן עדות אויף דעם אומאויפהערלעכן וווּקס פון די אינערלעכע שוועריקייטן אין דער היטלעריסטישער פּאָליטיק פון פאַרניכטן די באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער.

4. די ווירטשאַפטלעכע עקספּלאָאַטאַציע פון די יידן-לאַגערן אין לובלינער געגנט

גלאָבאָצניקן האָט זיך, טראָץ די שוועריקייטן פון אינערלעכן און אויסערלעכן כאַראַקטער, דאָך איינגעגעבן — אַדאַנק דעם איבערפירן פון עטלעכע צענדליק טויזנט יידישע אסורים פון וואַרשעווער געטאָ און פון אַנדערע ליקווידירטע ישובים — באַדייטנדיק פונאַנדערצובויען די אַרבעטס-לאַגערן אין זיין דיסטריקט. די לובלינער לאַגערן, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן קאָנצענטראַציע-לאַגער אין מיידאַנעק פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסן קאָמבינאַט, האָבן זיך געפונען אונטערן דירעקטן אויפזיכט און קאָנטראָל פון גלאָבאָצניקן, ווי דעם שעף פון דער „ריינהאַרד-אָפּעראַציע". די דאָזיקע לאַגערן, מיטן אויסנאַם פון 3—4, זענען קיינמאָל נישט איבערגעגאַנגען אונטער דער פאַרוואַלטונג פון „אָסטי", וועלכע איז, ווי מיר האָבן אויבן באַצייכנט, געווען אַ פיקציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיטן צוועק צו פאַרמאַסקירן די פאַרניכטונגס-פּאָליטיק לגבי יידן אויף איר לעצטן עטאַפּ.

וואָס פאַר אַ ווירטשאַפט-פּאָטענציאַל, פּראָדוקציע-פאָרמען און צושטאַנד פון דער באַשעפטיקונג איז געווען אין דעם לובלינער לאַגער-קאָמבינאַט אין דער העלפט פון יאָר 1943?

מיט דעם דעמאָלטיקן מצב באַקענט אונדז דער געהיימער מעמאָריאַל, וואָס גלאָבאָצניק האָט דעם 21-טן יוני 1943 אַרויסגעשיקט צו הימלערן. אינעם דאָזיקן מעמאָריאַל אינפאָרמירט גלייכצייטיק גלאָבאָצניק וועגן פּראָדוקציע-פאָרמען אין די דאָזיקע לאַגערן.[1] אויפן סמך פון דאָזיקן מעמאָריאַל און פון אַנדערע דייטשישע

[23] דצ"ו, ז. 15, 47.

[1] נירענב. דאָקומענט נ.אָ. — 485, גלאָבאָצניקס געהיימע קאָרעספּאָנדענץ צו בראַנדטן מיט אַן אויספירלעכע אויפקלערונג; פּג"ל אויך אקטן פון קרופּס פּראָצעס, דאָקום. II—50.

דאָקומענטן שטעלן מיר פעסט, אַז אין העלפט יאָר 1943 האָבן עקזיסטירט פאָלגנדיקע לאַגערן:

1) עס־עס־אַרבעטסלאַגער פּאָניאַטאָוו. דער לאַגער האָט פּראָדוצירט וועכנטלעך צענדליקער טויזנטער שטיק פאַרשידענע מלבושים: קאָסטיומען, מאַנטלען, וועש, היטלען, זאָקן, רוקזעק, טאָרבעס א.א. אין חודש יוני האָט דער דאָזיקער לאַגער געהאַט באַשטעלונגען אויף דריי חדשים.

2) עסעס־אַרבעטסלאַגער טראַווניק. דער לאַגער האָט אויסגעפירט קירזשנער־אַרבעטן, אָנגענומען באַשטעלונגען אויף טויזנטער שטיק פוטער־אויסאַרבעטונגען: מאַנטלען, וועסטלען, היטלען און הענטשקעס; געהאַט באַשטעלונגען אויף 9 חדשים. גלאָבאָצניק האָט נאָך געוואַרט אויף 300 וואַגאָנען פוטער־זאַכן צום איבעראַרבעטן.

3) עסעס־לאַגער בודזין. דאָ האָט מען אָנגעהויבן בויען די אעראָפּלאַנען־פאַבריק היינקעל.

4) די דייטשישע באַוואָפענונגס־פאַבריק (דא"וו) לובלין. אין דאָזיקן לאַגער האָט מען זיך פאַרנומען מיט האַלב־פּראָדוקציע: מיט פאַרריכטן און איבערבויען אויטאָס (קאַראָסעריעס), מיט אויסאַרבעטן הענטלעך צו לאָפּעטעס, פּאַפּע, קעסטלעך אויף אַמוניציע, מעבל, הילצערנע שיך (50 טויזנט פּאָר חודשלעך), מיט פאַרריכטן שיך (פון פראָנט) א.א.

5) באַקליידונגס־פאַבריקן (בק"וו) אין לובלין. אין דאָזיקן לאַגער האָט מען סאָרטירט און איבערגעאַרבעט פאַרשידענע סאָרטן טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען, וואָס זענען אין גאַנג פון דער „ריינהאַרד־אָפּעראַציע" צוגערויבט געוואָרן ביי די דערמאָרדעטע ייִדן. גלאָבאָצניק האָט בוכשטעבלעך אַזוי ראַפּאָרטירט, אַז „די טויגבאַרע געגנשטאַנדן ווערן סאָרטירט, קאָנטראָלירט, גערייניקט און גריים געמאַכט צום אַרויסשיקן"; דערביי האָט גלאָבאָצניק אונטערגעשטראָכן, אַז ביזן באַריכטס־פּעריאָד (העלפט 1943) האָבן די וואַרשטאַטן איבערגענומען און אַרויס־געשיקט 1800 (!) וואַגאָנען טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען.

6) בערשטן־פאַבריק אין לובלין. די דאָזיקע אונטערנעמונג — ווי עס דרינגט פון אַנדערע דאָקומענטן — איז געגרינדעט געוואָרן אין חודש מאַי 1943, גע־שטיצט דער עיקר אויף די ליקווידירטע בערשט־אונטערנעמונגען אין מעזריטש. אין זיין באַריכט האָט גלאָבאָצניק דערמאָנט, אַז די דאָזיקע אונטערנעמונגען האָבן באַקומען באַשטעלונגען אויף 3,5 מיליאָן בערשטלעך פאַר דער דייטשישער אַרמיי.

7) טאָרף־פאַבריק (אויסאַרבעטונגען פון טאָרף) אין דאָראָהוסקא. געגרינ־דעט געוואָרן פרילינג 1943. די באַשטעלונגען אויפן יאָר 1943 האָבן באַטראָפן 10.000 טאָן. פון דעם באַריכט פון עסעס־אונטערשאַרפירער פישער, וואָס האָט אין מאַי 1944 דורכגעפירט לויט פאָהלס באַפעל די קאָנטראָל פון „אָסטי" (ד.ה.

נאָך איר ליקווידאַציע), דרינגט, אַז די דאָזיקע צוויי לעצטע אונטערנעמונגען האָבן פֿאָרמעל צו יענער צייט געהערט צו דער „אָסטי".[2]

8) קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לובלין. אין זיין ראַפּאָרט האָט גלאָבאָצניק געמאָלדן, אַז אין די שטאָטישע קריגס־אונטערנעמונגען, אויף דעם סאָרטיר־פּונקט פֿון חזיר־האָר, ביים אויסאַרבעטן שיך פֿון שטרוי א.א. ווערט אויסגענוצט בלויז אַ טייל פֿון די אסורים. די רעשט אסורים איז אין אַרבעטס־רעזערוו פֿאַר די אונטערנעמונגען, וואָס וועלן ערשט אויפֿגעבויט ווערן אין לאַגער, ד.ה. פֿאַר די אונטערנעמונגען, וואָס פּראָדוצירן טיילן צו עראָפּלאַנען, צו דעמאָנטירטע און צעשטערטע אויטאָס, פֿאַר אויסאַרבעטן אויפֿרייס־מאַטעריאַל א.א.

אין די אויסגערעכנטע לאַגערן זענען אין אַלגעמיין אין יוני 1943 געווען באַשעפֿטיקט 45.000 יידישע אַרבעטער. גלאָבאָצניק האָט זיך אַפֿילו גערעכט, אַז אין די נאָענטסטע חדשים וועט די צאָל באַשעפֿטיקטע אין די לאַגערן זיך פֿאַרגרעסערן. אויפֿן סמך פֿון דער שוין לאַנג אָנגענומענער דעציזיע האָט ער געזאָלט איבערנעמען דאָס ביאַליסטאָקער און עווענטועל דאָס לאָדזשער געטאָ.

ווי מיר זעען, האָט גלאָבאָצניק געשטרעבט איבערצונעמען די קאָנטראָל איבערן רעשט יידן אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן, מיטן אויסנאַם פֿון שלעזיע, וואָס איז געווען די דאָמענע פֿון אָשוויענטשימער לאַגער און פֿון העסן. אומאָפּהענגיק פֿון פּאָליטישן ציל צוצואיילן דעם ליקווידאַציע־פּראָצעס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, האָט גלאָבאָצניק זיך באַמיט גלייכצייטיק איבערצונעמען דעם מיליטערישן באַשטעלונגס־פּאָרטפֿעל, וואָס איז ביז איצט צוגעטיילט געוואָרן פֿאַר די אונטערנעמונגען אין לאָדזשער און אין ביאַליסטאָקער געטאָ. אויף אַזאַ אופֿן וואָלט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו פֿאַרגרעסערן די רווחים פֿון עסעס־קאָנצערן („ד.וו.ב."), אַ באַשטאַנד־טייל פֿון וועלכן עס זענען געווען די לאַגער־אונטערנעמונגען אין לובלינער געגנט. גלאָבאָצניק האָט פֿולשטענדיק אָפּן סוגערירט הימלערן, אַז ער זאָל אים איבערגעבן דאָס לאָדזשער געטאָ, וואָס האָט צו יענער צייט געציילט 80.000 נפֿשות. „וואָס שייך ליצמאַנשטאַט, — שרייבט גלאָבאָצניק, — שלאָג איך פֿאָר, אַז די גוט קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער און מאַשינען זאָלן צוגעטיילט ווערן צום פּאָניאַטאָווער לאַגער, בכדי דעם דאָזיקן לאַגער אַנטשפּרעכנדיק צו פֿאַרגרעסערן און דאַן איבערטראָגן קיין פּאָניאַטאָוו די גאַנצע פּראָדוקציע פֿון ליצמאַנשטאַט. דערמיט, — פֿאַרענדיקט גלאָבאָצניק, — קען ליצמאַנשטאַט ליקווידירט ווערן".

---

[2] פּאָהלס פּראָצעס, דאָקום. נ.אָ. — 1271, י. ס. פֿישערס ראַפּאָרט; „אָסטי" האָט איבערגענומען אין אַפּריל 1943 2 גלאָז־הוטעס אין וואָלאָמין, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך פּוילישע אַרבעטער (645), דאָס איז געווען ווערק I; די טאָרף־באַזע אין דראָהיטשע (1000 יידישע אַרבעטער), איז געווען דאָס ווערק II; די בערשטן־פֿאַבריק אין לובלין איז געווען דאָס III ווערק (200 יידישע אַרבעטער).

דער פאַרברעכערישער גערעדאַנק פון דאָזיקן פאָרשלאַג איז קלאָר: די ליקווי־דאַציע פון לעצטן גרעסערן יידישן ישוב (אינעם ענין ביאַליסטאָק איז פריער שוין געפאַלן דער באַשלוס) און עקספּלאָאַטירן זיינע אַרבעטס־כוחות ביזן געהעריקן מאָמענט, ווען ס'וועט קומען די פולשטענדיקע פיזישע אויסראָטונג פון די יידן.

אין זעלבן באַריכט פון יוני 1943 האָט גלאָבאָצניק זיך געקלאָגט פאַר הימלערן, אז טראָץ דער אַזוי גרויסער צאָל אָנגעזאַמלטע פּראָדוציר־קרעפטן (אפילו אָן ביאַליסטאָק און לאָדזש) איז די ווירטשאַפטלעכע פּאָטענץ פון די לאַגערן פולקאָם נישט אויסגענוצט. די פּראָדוציר־מעגלעכקייטן פון די אונטערנעמונגען זענען פיל העכער פון די ביזאיצטיקע דערגרייכונגען. די אַרבעטס־קראַפט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לובלין איז אויסגענוצט בלויז אויף 50%. אין פּאָניאַטאָוו אויף 60% און אין טראַווניק אויף 90%. גלאָבאָצניק שטעלט פעסט, אַז אין דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון די לאַגערן הערשט אַ געוויסע סטאַגנאַציע; ער רעדט גלייכצייטיק ברייט אַרום אין זיין באַריכט די סיבות פון דער סטאַגנאַציע.

גלאָבאָצניק האָט ריכטיק אונטערגעשטראָכן, אַז די גרונט־סיבה פון דער דאָזיקער לאַגע איז דער פאַקט, וואָס ביים פונאַנדערטיילן די באַשטעלונגען מיידט אויס די מיליטערישע מאַכט, אונטער פאַרשידענע תירוצים, זיינע לאַגערן. אויך די ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן, — קלאָגט זיך ווייטער גלאָבאָצניק, — האָבן אַ נעגאַטיווע באַציונג צו די עסעסישע אונטערנעמונגען און ווילן דאָרט נישט מאַכן קיין באַשטעלונגען.[3]

די האַזיקע באַציונג פון די מיליטעריש־ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן צו די עסעסישע אונטערנעמונגען דערקלערט גלאָבאָצניק מיט דעם דראַנג פון די גרויסע פירמעס צו פאַרזיכערן פאַר זיך די רווחים פון דער קריגס־אינדוסטריע.

צוליב די זעלבע סיבות מאַקע — האָט אויפגעקלערט גלאָבאָצניק, — וועט מען בקרוב דעם לאָדזשער געטאָ צוטיילן באַדייטנדיקע באַשטעלונגען, בכדי אוממעגלעך צו מאַכן זיין ליקווידאַציע.

דער קאָנפליקט, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין די דערמאָנטע פאַלן, איז געווען בלויז איין פראַגמענט פון די אַלגעמיינע קאָנקורענץ־קאָנפליקטן, וואָס זענען דורך אויגדז שוין באַהאַנדלט געוואָרן. ס'איז קלאָר, אַז די רייבונגען האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צום גרונט־פּראָבלעם — צו דער פיזישער אויסראָטונג פון די יידן. אין דער דאָזיקער פראַגע זענען צווישן זיי נישט געווען קיין קעגנזאַצן אויף קיין שום עטאַפּ פון דער מלחמה. עס זענען נישט געווען קיין באַוואָרענישן פון דער וועהרמאַכט־אָנפירונג אָדער פון די ווירטשאַפטס־ספערן לגבי דער טעטי־

[3] געהיימער ראַפּאָרט פון גלאָבאָצניקן פון 21.6.1943, נירענב. דאָקום. נ.א. — 485.

קייט פון ריינהארד=שטאַב און וועגן די פונקציעס פון די לובלינער לאַגערן. זענען דאָך די איינריכטונגען אין די טויט=לאַגערן, די גאַז=קאַמערן, קרעמאַטאָריעס, דושעגובקעס געבויט געוואָרן אין די אונטערנעמונגען פון זאורערן, דיימלערן, בעגצן, וואָס זענען געווען אונטער דער קאָנטראָל פון מיניסטער שפּעער.

גלאָבאָצניקס באַמערקונגען באַציען זיך בלויז צו דער פינאַנס=פּאָליטיק פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין געגעבענעם קאָנקרעטן פאַל אין צוטיילן באַשטעלונגען פאַר די אייגענע אונטערנעמונגען, בכדי זיך צו פאַרזיכערן וואָס גרעסערע פּראָפיטן. דאָס איז דעריבער איינער פון די סימפּטאָמען פון קאָנקורענץ=קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך פאַרשידענע מאָנאָפּאָליסטישע גרופּן וועגן בעסערע באַדינגונגען פון עקספּלאָאַטירן די פאַרקנעכטעטע ארבעטס=כוחות, וועגן רענטאַבעלע באַשטעלונגען, וועגן צוטיילונג פון רוישטאָף און וועגן גרויסע רווחים. דער באַהאַנדלטער קאָנקורענץ=קאַמף איז געווען דער זעלבער, לויט זיין קלאַסן=כאַראַקטער און אינהאַלט, ווי אין יעדער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, הגם ער האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט אין א פאַרמאַסקירטער פאָרם.

דאָס, וואָס גלאָבאָצניק איז נישט געווען אימשטאַנד פולשטענדיק אויסצונוצן די אָנגעזאַמלטע יידישע ארבעטס=קרעפטן, איז אויך געווען א פּועל=יוצא פון דער ספּעציפישער סיטואַציע. ס'איז באַוווסט, אַז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם, באַזונדערס אין פּעריאָד פון אַלגעמיינעם קריזיס פון דעם סיסטעם, איז די אוממעגלעכקייט פולשטענדיק אויסצונוצן די פּראָדוציר=פעיקייטן פון דער אינדוסטריע. דעם פאַקט אָבער פון נישט אויסנוצן אין די לובלינער לאַגערן דעם ווירטשאַפטס=פּאָטענציאַל אין דער צייט, ווען אין רייך האָט זיך געפילט א שטאַרקער מאַנגל אין ארבעטס=הענט, דאַרף מען דערקלערן נישט מיט אַ נאָרמאַלן קריזיס, נאָר קודם כל מיט דער אָפּאָזיציע פון מיניסטעריום פאַר אמוניציע און באַוואָפענונג און פון הויפּט=אינספּעקטאָראַט פון באַוואָפענונג. די דאָזיקע צענטראַלע אַמטן, וואָס האָבן פאַקטיש רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון גרויס=קאַפּיטאַל, האָבן געהאַט א דעצידירנדיקן איינפלוס אויף דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער מלוכה בכלל און אויף דעם סיסטעם פון צוטיילן מלחמה=באַשטעלונגען, פאַרטיילונג פון רוישטאָפן און פון ארבעטס=קרעפטן בפרט. צו דעם נאָך איז די ראָל פון מיניסטער שפּעער פאַר דער צייט שטאַרק אויסגעוואַקסן. און שפּעער טאַקע האָט פאַקטיש אָנגעפירט מיט דער צוטיילונג פון באַשטעלונגען אויף אזא אופן, אַז פון זיי זאָלן הויפּטזעכלעך געניסן די מאָנאָפּאָליסטישע פירמעס.

שפּעער, נישט וועלנדיק דערלאָזן צו דער פונאַנדערבוייונג פון די אונטערנעמונגען ביי די לובלינער לאַגערן, האָט פּרובירט זיי אונטערגראָבן אויף א „קאַלטן

אופן", ד.ה. דורכן פארקלענערן די באשטעלונגען און דורך צוטיילן פאר זיי וויניק רוישטאָפן. אין דעם ווייזט זיך אַרויס די ספּעציפישקייט פון קאָנקורענץ־קאַמף.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער סיטואַציע האָט גלאָבאָצניק אויפגעקלערט הימלערן זיין לאַגע און געבעטן וועגן אַן אינטערווענץ. פאַרשווייגנדיק דעם פעלקערמערדערלעכן כאַראַקטער פון די לאַגערן און זייער פאַרבינדונג מיט דער „ריינהאַרד־אָפּעראַציע", האָט גלאָבאָצניק סוגערירט דעם געדאַנק, אַז די לאַגערן זענען אַנטשטאַנען, בכדי צו פאַרלייכטערן דער קריגס־אינדוסטריע אין רייך און צו שאַפן פאַר איר אַרבעטס־רעזערוון. דעריבער האָט ער געבעטן הימלערן, אַז ער זאָל אינטערווענירן אין דער אָבערקאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט, אין ווירט־שאַפטס־מיניסטעריום פון רייך און ביי אַנדערע מאַכט־אָרגאַנען, בכדי „צו ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף די פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן, אויף דער שפּאָרזאַמ־קייט פון אַרבעטס־קראַפט אין רייך, וואָס מ'קען אויף אַזאַ אופן באַקומען. אַן אַנט־שפּרעכנדיקער בריוו פון הימלערן אין דערמאַנטן זין, — האָט אונטערגעשטראָכן גלאָבאָצניק, — וואָלט געווירקט צו פּאָפּולאַריזירן די דאָזיקע לאַגערן, און חוץ דעם, וואָלט דאָס געווען אַ באַווייז, אַז זיי זענען געוואָרן פונאַנדערגעבויט אויפן פּערזענלעכן באַפעל פון הימלערן".

גלאָבאָצניקס האַפענונגען איבערצונעמען די דאָזיקע צוויי לעצטע און גרויסע יידישע ישובים, וועלכע וואָלטן גלייכצייטיק זיין אַרבעטס־לאַגערן, זענען צו יענער צייט נישט געווען אָן גרונט. לאָמיר זיך דערמאַנען, אַז דער באַשלוס וועגן איבער־נעמען דורך גלאָבאָצניקן דעם ביאַליסטאָקער געטאָ און זיינע פּראָדוקציר־קרעפטן איינשליסן אין די לובלינער לאַגערן איז אין בערלין אָנגענומען געוואָרן שוין אין פעברואַר 1943. אין דאָזיקן פאַל האָט קודם כל דעצידירט דאָס, וואָס ביאַליסטאָק האָט זיך געפונען אין קרייז פון דער וואַקסנדיקער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג בכלל און פון דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג בפרט. ווי נאָר די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ דינט אַלס באַזע פאַר דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג און אַלס אָנשפּאַר־פּונקט פאַר די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, איז זיין גורל שוין געווען אָפּגע־משפּטער. די ליקווידאַציע פון געטאָ איז שוין געווען בלויז אַ פראַגע פון צייט, וואָס איז נויטיק געווען אויף איבערצוטראַנספּאָרטירן די מאַשינען און די מענטשן אין דער לובלינער געגנט.

אין דער ערשטער ריי — ווי מיר האָבן שוין אויפגעקלערט — האָט אין הסכם מיט הימלערס באַפעל באַדאַרפט דורכגעפירט ווערן די ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. דער אויסברוך פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, דאָס פאַרניכטן גרויסע זאַפּאַסן פון רוישטאָף, סחורות און מאַשינען האָבן בלויז דער־נענטערט דעם טערמין פון איבערנעמען דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ. די טעכנישע שוועריקייטן און דער קאָנקורענץ־קאַמף פון די צוויי מאָנאָפּאָליסטישע קליקעס,

וואָס האָט דערפירט צו א סטאַגנאַציע אין דער ווירטשאפטלעכער טעטיקייט אין די לובלינער עסעסישע לאַגערן, האָבן אין א געוויסער מאָס געהאמעוועט דעם דאָזיקן פּראָצעס. פון דעם אויבן באַהאַנדלטן באַריכט דרינגט אָבער, אַז גלאָבאָצניק האָט אין יוני שוין גערעכנט איבערצופירן אין דער נאָענטסטער צייט די מאַשינען און די מענטשן פון געטאָ און אויף דער אויפלעבונג פון דער ווירטשאַפטס=טעטיקייט אין די עסעסישע לאַגערן דורכן איבערנעמען אלע זיינע מיליטערישע באַשטעלונגען.

אויך אַנדערע דאָקומענטן באַשטעטיקן, אַז אין יוני 1943 האָט זיך די אָקופּאַציע=מאַכט אין ביאַליסטאָק גערעכנט מיט דער מעגלעכקייט פון ליקווידירן דאָס געטאָ. דער שעף פאַר יידישע ענינים ביי דער ביאַליסטאָקער געשטאַפּאָ פרידעל גיט אָן אין זיינע דערקלערונגען [4], אַז אין צוזאמענהאַנג מיטן אָנזאָג פון איבערנעמען דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ דורך גלאָבאָצניקן, האָבן די מיליטעריש=ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן, וועלכע זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט די אונטערנעמונגען אין געטאָ און דעריבער געווען פאַראינטערעסירט אין אויפהאַלטן דעם דאָזיקן צענטער פון קריגס=פּראָדוקציע, אַרויסגעוויזן א גרויסע אומרואיקייט. די ביאַליסטאָקער באַוואָפענונגס=אינספעקציע (פרעזע) און דער פאַרוואַלטער פון די געטאָ=אונטערנעמונגען — דער שטאָטישער טרויהענדער=אמט (בריקס) האָבן אינטערוועניִרט אין אָ.ק.וו. אין בערלין און אין קרולעוויעץ ביים גאולייטער קאָך. זיי האָבן אויפמערקזאם געמאכט אויף די היזקות, וואָס די באַוואָפענונגס=אינדוסטריע וועט ליידן צוליבן איבעררייסן די אַרבעט אין די אינדוסטריע=ווארשטאַטן פון געטאָ. זיי האָבן אַרויסגערוקט א פּראָיעקט פון פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ לויטן מוסטער פון לאָדזש אין אַ קאָנצענטראַציע=לאַגער און אַרויסציען אלע יידישע אַרבעטער פון די פּלאַצוווקעס, וואָס געפינען זיך אויסערן געטאָ. צוליב דעם האָט די רסה״א פאַרלאַנגט פון די ביאַליסטאָקער סיפ״אָ און ס.ד.=אָרגאַנען זיי זאָלן צושטעלן סטאַטיסטישע ידיעות וועגן דער באוואָפענונגס=פּראָדוקציע אין געטאָ, אויפקלערן אויף ווי לאַנג ס׳וואָלט פאָרגעקומען דער איבעררייס אין דער פּראָדוקציע און ווי גרויס וואָלט געווען דער אלגעמיינער פארלוסט אין פאַל פון איבערפירן די פּראָדוציר=קראַפט פון געטאָ אין לובלינער געגנט.

די דאָזיקע פאַקטן זאָגן עדות, אַז עס האָט זיך דערנענטערט די ליקווידאציע=צייט פון ביאַליסטאָקער געטאָ און פון איבערנעמען אים דורכן שטאַב פון דער „ריינהארד=אָפּעראַציע“.

דערווייל זענען פאָרגעקומען וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן. די נייע היטלערישע זומער=אָפענסיווע איז צעשמעטערט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער ארמיי. אין אָנבליק פון דער מפּלה, האָט דער אָקופּאנט צוגעאיילט די ליקווידא=

[4] אַרכיוו פון יי.ה.א., פרידלס ג״ע אין ביאַליסטאָקער תפיסה, דעם 1949.6.13.

ציע פון די רעשטלעך יידן, צווישן אַנדערע — אויך פון די ביאַליסטאָקער. אין אויגוסט 1943 איז גלאָבאָצניק צוגעטרעטן צו ליקווידירן דעם לעצטן יידישן ישוב אין ביאַליסטאָקער געגנט.

אַנדערש האָט אויסגעזען די סיטואַציע אין לאָדזש. אין דאָרטיקן געטאָ איז נישט געווען קיין גרעסערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, אין לאָדזשער קרייז האָט נישט געווירקט קיין באַדייטנדיקע באַוואָפנטע ווידערשטאַנד־באַוועגונג, מיט וועלכער דאָס געטאָ וואָלט געקענט אָנהאַלטן אַן ענגערן קאָנטאַקט. וועגן דעם האָבן, פאַרשטייט זיך, געוווסט הן די לאָקאַלע, הן די צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען. די לאָדזשער געשטאַפּאָ און די געטאָ־פאַרוואַלטונג האָבן געהאַט זייערע געהיים־אַגענטן, וועלכע האָבן זיי געבראַנגט גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן די הערשנדיקע שטימונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ[5]. דאָ איז נישט פאַרנאָטירט געוואָרן, ווי אין וואַרשע, ביאַליסטאָק און אין אַנדערע שטעט, קיין צוגרייטונגען צו אַקטיוון ווידערשטאַנד.

דאָס לאָדזשער געטאָ איז אָבער געווען איינס פון די גרעסטע אינדוסטריע־פּונקטן פאַר ווערמאַכט־פאַרזאָרגונג און האָט זיך געפונען אונטער דער פולשטענדיקער קאָנטראָל פונעם באַוואָפענונגס־אינספּעקטאָראַט און פון שפּעערס מיניסטעריום. די דאָזיקע קרייזן האָבן געקעמפט פאַר זייערע רעכט צום דאָזיקן גרויסן און ביליקן אָביעקט פון עקספּלאָאַטאַציע. זיי האָבן זיך דעריבער קעגנגעשטעלט די פּרוּוון פון פּאָהלן און גלאָבאָצניק, וועלכע האָבן געוואָלט איבערנעמען דאָס לאָדזשער געטאָ צוזאַמען מיט זיינע גרויסע באַשטעלונגען. בכדי אָבער צו פאַרלייכטערן גלאָבאָצניקן איבערצונעמען דאָס לאָדזשער געטאָ, האָט הימלער דעם 11־טן יוני דורך אַ געהיימען באַפעל פאַרוואַנדלט דאָס לאָדזשער געטאָ אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער[6]. אינעם זעלבן חודש נאָך און אין יולי זענען אָנגעקומען אין געטאָ גרעסערע קאָמיסיעס, הן פון א.ק.וו. און באַקליידונגס־אַמט, הן פון דער שטאַטהאַלטעריי אין פּויזן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיטן לאָדזשער שעף פון געשטאַפּאָ בראַדפיש און מיטן שעף פון ג״פ. ביבאָוו גענוי קאָנטראָלירט די אונטערנעמונגען אין לאָדזש, זאַמלענדיק גלייכצייטיק ציפערן־מאַטעריאַל וועגן

---

[5] שוסטער, דער לייטער פון דער אויפטראַג־איבערוואַכונגסשטעלע טיילט מיט בייבאָוון דעם 18 מערץ 1943, אַז

„...die politische Ereignisse der letzten Monate haben sich auch in Getto ungünstig ausgewirkt. Die verantwortlichen Juden glauben Morgenluft zu wittern und versuchen immer wieder durch passiren Widerstand die Arbeit der Getteverwaltung zu verschweren“. נאָטיץ. VI. אַקטן ג.פ.
„Unhaltbare Zustande im Getto“.

[6] נירענב. דאָקום. נ.אָ. — 519, גרייזערס קאָרעספּאָנדענץ צו פּאָהלן פון 1944.2.14.

גרויס פֿון זייער פּראָדוקציע. דער לאָדזשער ענין איז דעריבער נאָך אַלץ נישט געווען געלעזט, אויב גלאָבאָצניק, וואָס איז געווען גענוי אינפֿאָרמירט אין אַלע איינצלהייטן, האָט געשריבן אין זיין באַריכט, אַז „ליצמאַנשטאַט געפֿינט זיך אין אַ סטאַדיע פֿון דיסקוסיע". די געזאַמלטע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן זענען וואַרשיינלעך געווען וואָגיק, אויב אין בערלין האָט מען, אין פֿאַרשטענדיקונג מיט גרייזערן, באַשלאָסן דאָס לאָדזשער געטאָ דערווייל נאָך איבערלאָזן. די פֿראַגע וועגן עווענטועלן איבערנעמען עס דורך גלאָבאָצניקן וועט ווייטער אויפֿשווימען אין אָקטאָבער 1943, ד.ה. נאָך די ווייטערדיקע מיליטערישע מפּלות פֿון רייך און נאָכן באַדייטנדיקן איבעררוקן זיך פֿון דער פֿראָנט־ליניע אויף מערב.

5. די פּאָליטיש־מיליטערישע מפּלות פֿון דייטשלאַנד און זייער ווירקונג אויפֿן פּראָצעס פֿון יידן־פֿאַרניכטונג

זומער 1943 האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער עטאַפּ פֿון די טראַגישע יאָרן פֿון די יידן אין אייראָפּע. די פּאָליטישע געשעענישן, וואָס זענען צו יענער צייט פֿאָרגעקומען, ווי דער דורכפֿאַל פֿון דער דייטשישער אָפֿענסיווע אויפֿן מזרח־פֿראָנט, די נצחונות פֿון סאָוויעטישן מיליטער אויף אַלע פֿראָנט־אָפּשניטן, דער ריזיקער וווּקס פֿון דער באַוואָפֿנטער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און די אָפּעראַציע פֿון די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, האָבן אַרויסגערופֿן אַ ווילדע רעאַקציע פֿון די היטלעריסטישע פֿאַרברעכער, וועלכע האָבן שוין געזען זייער אומפֿאַרמיידלעכן אומקום. דאָס האָט אויך געפֿונען אַן אָפּשפּיגלונג אינעם פֿאַרשאַרפֿטן קורס פֿון דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי די יידן. העכער 90% פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן און אַ גרויסע צאָל יידן פֿון די אייראָפּעישע לענדער זענען שוין פֿאַקטיש געווען פֿאַרניכטעט, אָבער צוליב דער אומזיכערער מיליטעריש־פּאָליטישער סיטואַציע האָבן די מאַכט־אָרגאַנען צוגעאײַלט דעם פּראָצעס פֿון דער ווייטערדיקער ליקווידאַציע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג.

די שטעלונג פֿון דער פּוילישער רעאַקציע, וועלכע האָט מיטגעאַרבעט מיטן אָקופּאַנט, האָט פֿאַרלייכטערט די היטלעריסטן די עקסטערמינאַציע פֿון דער איבערגעבליבענער יידישער באַפֿעלקערונג. די דעלעגאַטור פֿון דער לאָנדאָנער רעגירונג און איר עקספּאָזיטור — דער אַנטיקאָמוניסטישער קאָמיטעט („אַנטיק"), די אָנפֿירונג פֿון דער א.ק., נ.ס.ז. און פֿון אַנדערע רעאַקציאָנערע גרופּן האָבן אַפֿילו גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין מאָרדן די יידישע באַפֿעלקערונג. גלייכצייטיק מיט דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער אַנטיקאָמוניסטישער העצע, מיטן אומ־

ברענגען פ.פ.ר.-טוער און אַנדערע אַנטיפאַשיסטישע קעמפער האָבן די באַנדעס פון א.ק., נ.ס.ז. ליקווידירט די יידישע קעמפער, וועלכע זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך דער גווארדיע לודאָווע, אָדער זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון געשטאַפּאָ.

אין יוני 1943 איז די פאַשיסטישע דייטשישע ארמיי, באַזאָרגט מיט באַדייטנדיקע טעכנישע מכשירים, געווען גרייט צו א נייער זומער-אָפּענסיווע. פונקט ווי בעת די פריערדיקע אָפּענסיוועס, איז אויך איצט געפּלאַנט געוואָרן אין גאנג פון די מערדערישע אָפּעראַציעס צו ליקווידירן ס׳רוב איבערגעבליבענע יידן אויף די אָקופּירטע סאָוועטישע און פוילישע געביטן. דאָרט זענען דאָך די פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אָפּערירט אין הינטערגרונט פון דער דייטשישער אַרמיי, געווען אן אמתע שרעק פאר די אָקופּאַנטישע מאַכט-אָרגאַנען. אויפן סמך פון די דערהאלטענע ראַפּאָרטן פון די געגנטן זענען די מאכט-אָרגאַנען געווען גענוי אינפאָרמירט וועגן דעם מאַסן-אָנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונגען[1]. די היטלעריסטן האָבן זיך דעריבער גרויזאם נוקם געווען אין די איבערגעבליבענע, איזאָלירטע אין די געטאָס אָדער אין ארבעטס-לאַגערן פארקנעכטעטע, יידן. קובע, דער קאָמיסאַר איבער ווייסרוסלאנד, האָט אין זיין בריוו פון 18-טן יוני 1943 צום מיניסטער איבער די מזרח-געביטן ראָזענבערג דערמאנט צווישן אנדערע וועגן די בעסטיאַלישע פארברעכנס[2]. ער שרייבט, אַז די מאַסן-ליקווידאציע פון די יידן האָט געמאכט א שווידערלעכן איינדרוק אויף דער אַרומיקער באַפעלקערונג און האָט נאָך מער פארשטאַרקט די ווידערשטאַנדס-באַוועגונג קעגן דער אָקופּאַציע-מאַכט. אַפילו די קאַטינער פּראָוואָקאַציע האָט נישט געהאָלפן, ווייל די אָרטיקע באַפעלקערונג גלויבט נישט אין דעם.

אַלס אויסדרוק פון נייעם קורס פון דער היטלערישער מאכט איז געווען הימלערס געהיימער צירקוליאר, וואָס איז פונאנדערגעשיקט געוואָרן דעם 21-טן יוני 1943, ד.ה. האַרט פאר דער נייער אָפּענסיווע, צו די העכערע אָנפירער פון עסעס און פון דער פּאָליציי און אויך צו פּאָהלן (וופה״א) און מיללערן (רסה״א). אויפן סמך פון דאָזיקן באַפעל האָט מען געזאָלט אַלע ארבעטנדיקע יידן, וואָס געפינען זיך אויף די אָקופּירטע מזרח-געביטן, ביזן 1-טן אויגוסט 1943 דעפּאָרטירן אין קאָנצענטראַציע-לאגערן. דער „אומנוצלעכער“ טייל פון דער באַפעלקערונג,

---

[1] וועגן אָנטייל פון יידן אין דער פּארטיזאנער-באַוועגונג אין ווייסרוסלאנד, פג״ל די ארבעט

L. Canawa: Wsienarodnaja partizanskaja wojna w Biełorusi protiw faszystowskich zachwatczikow, t. I, Mińsk 1949.

אויך ה. סמאָליאר: „פון מינסקער געטאָ“, מאָסקווע 1949; ב. מארק: „דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ“, ווארשע 1952.

[2] „דער פּראָצעס“, ב. XXXVIII, ז. 371, דאָקום. ר. — 135.

ד.ה. קינדער, זקנים און א טייל פרויען, דארף „עוואקואירט ווערן אויף מזרח" (פונקט 1), ד. ה. צום פארניכטן. די געטאָס דארף מען ליקווידירן. פון 1־טן אויגוסט קאָנען זיך די יידן געפינען בלויז אין קאָנצענטראציע־לאַגערן (פונקט 2).

גלייכצייטיק האָט הימלער פאראָרדנט, אז אלע באוואָפענונגס־אונטערנע־מונגען און ווארשטאַטן, וואָס ארבעטן פאר דער מלחמה־ווירטשאפט און באשעפ־טיקן יידישע ארבעטער, זאָלן איבערגעטראָגן ווערן אין א גרויסן קאָנצענטראציע־לאַגער נאָענט פון ריגע, ווו זיי וועלן פארוואנדלט ווערן אין לאַגער־אונטערנעמונ־גען. די גאנצע רעאָרגאניזאציע דארף פארענדיקט ווערן ביזן 1־טן אויגוסט 1943. באשעפטיקן זיך מיט דעם וועט פאָהל, וועלכער דארף גלייכצייטיק צוהיטן, אז די רעאָרגאניזאציע זאָל נישט ברענגען צו קיין פארשפעטיקונג אין די נויטיקע צושטעלונגען פאַר דער ארמיי. אין הימלערס באפעל געפינט זיך א באמערקונג, אז מ'דארף די יידישע אסורים צוטיילן צו ארבעט אין די שאַכטן, און דעריבער דארפן זיי בלייבן קאָנצענטרירט אין שכנות פון די שאַכטן [3].

דער ציל פון דעם אויבן דערמאנטן באַפעל איז געווען די אומבאדינגטע איזאָלאַציע פון די יידן, זיי אוממעגלעך צו מאַכן אָנצובינדן א קאָנטאקט און מיטצוארבעטן מיט די פארטיזאנער־אָפטיילונגען אָדער אַנטלויפן צו זיי. הימלער האָט נאָך שטאַרקער פארצויגן די אייזערנע שנור אויפן האַלדז פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער באַפעל האָט קודם כל געהאט א שייכות צו די אָקופירטע סאָוויעטישע געביטן (ווייסרוסלאַנד און אוקראינע), וועלכע זענען שוין געווען דירעקט באדראָט פון די אָפטיילונגען פון דער סאָוויעטישער ארמיי. היינט איז קיין ספק נישט, אַז דער באַפעל איז געווען אַן אויסדרוק פון דער צו יענער צייט אַלגעמיינער פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. קורץ נאָכן איינ־ברעכן זיך פון דער דייטשישער אַפענסיווע זענען ענלעכע פאראָרדענונגען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אַלע אָקופירטע געביטן פון פוילן.

ס'דארף באַמערקט ווערן, אז הימלערס פאראָרדענונג, וואָס איז געווען אַן אָנזאָג פון דער תיכפדיקער פארניכטונג פון די יידישע אַרבעטס־כוחות, האָט אַרויסגערופן שוועריקייטן אין ווירטשאַפטלעכן זין. דאָס איזאָלירן די יידן אין קאָנצענטראציע־לאַגערן האָט דאָך באדייט שליסן א גאנצע ריי גרעסערע באוואָ־פענונגס־אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהערט צו די גרויסע אינדוסטריעלער. צוליב דער שווערער סיטואציע האָט די מאכט געזוכט אַן אויסוועג דורך אויס־געפינען פארטרעטערישע כוחות. מיטן דאָזיקן ענין האָט זיך צווישן אנדערע פאַר־נומען די צווישן־מיניסטעריאַלע קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 13־טן יולי 1943 אינעם מיניסטעריום פאר די מזרח־געביטן אונטערן פאָרזיץ פון ראָזענ־

[3] נירענב. דאָקום. נ.אָ. — 2403; אין אַן אנדערן דאָקומענט ווערט אָנגעגעבן די דאַטע פון באַפעל אויף — 1943.7.21; פּאָהלס פּראָצעס, דאָקום. נ.אָ. — 2074.

בערגן[4]. לויטן פארעפנטלעכטן פּראָטאָקאָל האָבן אין דער קאָנפערענץ זיך באטייליקט: מייער (ראָזענבערגס פארטרעטער), זאוקעל, קאָך, קובע, די לייטערס פון די הויפּט=סעקציעס ביים מיניסטעריום פאר די מזרח=געביטן, א פאָרשטייער פון שפּעערס מיניסטעריום, די שטאַטס=סעקרעטארן באקע און קערנער, דער אָבערגרופּנפירער בערגער, א פאָרשטייער פון הויפּט=קאָמיסאריאט פאר האנטווערקער=ענינים, א פאָרשטייער פון שטאַב פאַר דער מזרח=ווירטשאפט און אנדערע.

דער קאָמיסאַר קובע האָט נאָכן „אָפּגעבן א געניעם באריכט וועגן יידן=פּראָבלעם אין ווייסרוסלאַנד..." פאָרלאַנגט, ס'זאָלן אים צוגעשטעלט ווערן ארבעטער=קרעפטן, וואָס זאָלן פארטרעטן אין די אויטאָ=פאַבריקן פון מינסק און לידע 16.000 באשעפטיקטע יידן, וועלכע דארפן אין דער נאָענטסטער צייט ארויסגעפירט ווערן אין די קאָנצענטראציע=לאַגערן. נאָר אויף אזא אופן, — האָט באטאָנט קובע, — וועט אין זיין פּראָווינץ קענען איינגעהאלטן ווערן דער ריטם פון דער פּראָדוקציע[5]. דער גאולייטער מייער ווידער האָט אויפמערקזאם געמאכט, אז דאָס פּראָבלעם איז פיל ערנסטער, ווייל עס רירט אָן פיל גרעסערע ארבעטער=קרעפטן; מען דארף דעריבער „איבערפירן 22.000 יידן און 50.000 קאָנצענטרירן אין די לאַגערן אויף מזרח". אין שייכות מיט דעם, האָט מייער געפאָדערט פון צענטראלן קאָמיסאריאט פאַרן האַנטווערקעריי, ס'זאָלן וואָס שנעלער צוגעשטעלט ווערן פארטרעטונגס=קרעפטן[6].

הימלערס דעציזיע איז פולשטענדיק אפּראָבירט געוואָרן דורך די צענטראלע ווירטשאפטס=פאַקטאָרן, וועלכע האָבן זיך באגרענעצט בלויז צום זוכן מיטלען צו לינדערן די אנטשטאַנענע שוועריקייטן. אלע אָנפירער פון די היטלערישע לאַגערן האָבן געפירט אן איינשטימיקע פּאָליטיק פון אונטעריאָכן און אויסראָטן די פעלקער און אין דער ערשטער ריי דאָס יידישע פאָלק. אין דאָזיקן פּראָבלעם זענען קיין פּרינציפּיעלע מיינונגס=פארשידנהייטן צווישן זיי קיינמאָל נישט געווען.

אַן אַנדערער קלאָרער באַווייז, וואָס באשטעטיקט, אז ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער עטאַפּ פון פארניכטן די רעשטלעך פון דער יידישער באפעלקערונג, איז געווען דער פאקט, וואָס דווקא פאַרן אָנהייבן די זומער=אָפּענסיווע

---

[4] נירענב. דאָקום. נ.אָ. — 1831.

[5] קובע האָט מיט דער גאנצער שארפקייט און אכזריות דורכגעפירט די פארניכטונגס=פּאָליטיק לגבי יידן. קובע האָט אָבער אויך געהאט ווירטשאפטלעכע פאראינטערעסירונגען, ווייל ער האָט געצויגן גרויסע פּראָפיטן פון רויב פון יידישן פארמעגן און עקספּלאָאטאציע פון יידישע ארבעטס=כוחות. אין דעם פּרט האָט ער געפירט פּרעסטיזש=שטרייטן מיט דער סיפּאָ און ס.ד. פג"ל „נירענבערגער פּראָצעס" נר. IX. דאָקום. נ.אָ. — 2262 פון 1943.7.25. קובע איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער אין מינסק דעם 22 סעפּטעמבער 1943.

[6] „דער אורטייל אין ווילהעלמשטראסע=פּראָצעס" (דייטש), ז. 113.

האָט די היטלערישע רעגירונג, נישט רעכענענדיק זיך מיט מאָטיוון פון אויסער־פּאָליטישן כאַראַקטער, פאַרעפנטלעכט דעם 1־טן יולי א געזעץ, אויפן סמך פון וועלכן די יידן ווערן אויסגעשלאָסן פון געזעצלעכן שוץ און איבערגעגעבן דער אויסשליסלעכער יורידיקציע פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי [7]. ס'איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אז די 13־טע נאָוועלע צום ראַסיסטישן געזעץ פון יאָר 1935 האָט נישט אריינגעברענגט קיין ענדערונגען אין דער רעכטלעכער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אונטער דער היטלערישער אָקופּאַציע. זי האָט בלויז אויף א געזעצלעכן אופן לעגאַליזירט די פאַקטישע לאַגע, וואָס האָט עקזיסטירט זייט א ריי יאָרן, און איז געווען א פאַרענדיקונג, ווי מיר האָבן אויבן געשריבן, פון די אונטערהאַנדלונגען, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין חודש סעפּטעמבער 1942 צווישן טהיראַקן, הימלערן און באָרמאַנען וועגן פאָרמעלן אויסשליסן די יידן פון אונטערן רעכטלעכן שוץ און זיי איבערגעבן אין די הענט פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי צום פאַרניכטן. אויב אין האַרבסט 1942 האָט מען זיך נאָך געוואַקלט מיטן פאַרעפנטלעכן אַזאַ פאַרברעכערישן דאָקומענט, זענען זומער 1943, ווען די גאַנצע וועלט האָט שוין געוווּסט וועגן היטלערישן פעלקער־מאָרד, ווען די מפּלה פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד האָט זיך דערנענטערט, נישט געווען קיין שטערונגען און באַוואָרענישן [8]. דעם 3־טן יולי האָט הימלער, שטיצנדיק זיך אויפן דאָזיקן געזעץ, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך באָרמאַנען, פריקן, טיראַקן און שווערין־קראָסיגקן, ארויסגעגעבן א נייע פאַראָרדענונג, אין וועלכער ער האָט באַפוילן דער געשטאַפּאָ צו ליקווידירן די רעשטלעך פון דער יידישער באַפעלקערונג [9].

אינצווישן, דעם 5־טן יולי, האָט די היטלערישע ארמיי אָנגעהויבן די דעצידירנדיקע, אויסערגעוויינלעך גוט צוגעגרייטע אָפענסיווע, וואָס האָט באַדאַרפט ברענגען די לעצטע אַנטשיידונג אויפן מזרח־פראָנט. די אָפענסיווע האָט זיך אָנגעהויבן אין ראַיאָן פון אָריאָל און ביעלגאָראָד. זי האָט געהאַט דעם ציל ארומצורינגלען די סאָוועטישע ארמיי אויפן קורסקער אָפּשניט. די אָנפירונג פון דער ווערמאַכט האָט אריינגעפירט אין קאַמף איהרע הויפּט־קרעפטן. קאָנצענטרירנדיק זיי אויף קליינע פראָנט־אָפּשניטן, האָט די ווערמאַכט־אָנפירונג גערעכנט אויף דעם, אז מיט א קאָנצענטרירטן אָנגריף פון צפון און פון דרום אין דער ריכטונג פון קורסק וועט זי באַווייזן דורכצורייסן די סאָוועטישע פאַרטיידיקונגס־ליניע,

---

[7] ר.ג.־בל. 1943, ב. I, ז. 372, דאָס איז געווען די 13 פאַראָרדענונג צום געזעץ וועגן דייטשישן בירגער־רעכט.

[8] דעם ציל פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג האָט מען מאַסקירט מיט דער פאָרמול „שטראָפבאַרע האַנדלונגען פאָן יודען ווערדן דורך דער פּאָליציי געהאַנדעט“ (§1. פּונקט 1).

[9] נירענב. דאָקום. פּ.ס. — 3085.

אַרומרינגלען און פאַרניכטן די סאָוועטישע ארמיי[10]. די דייטשישע זומער־אָפענסיווע האָט אָבער נישט דערגרייכט די אָנגעמערקטע צילן. די דייטשישע אַרמיי האָט זיך שטאַרק אויסגעבלוטיקט און די אָפענסיווע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקער מפּלה. איצט איז די סאָוועטישע ארמיי איבערגעגאַנגען צו אַן אָפענסיווע. זי האָט דורכגעפירט די אזוי גערופענע דריטע סטראַטעגישע אָפּעראַציע ביי קורסק, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך דאָס פאַרנעמען אָריאָל, ביעלגאָראָד און אַ ריי אַנדערע שטעט. „אין רעזולטאַט פון דער שענדלעכער מפּלה אין יולי־אויגוסט 1943 איז די פאַשיסטישע ארמיי געווען געצוווּנגען איבערצוגיין צו פאַרטיידיקונג אויף דער גאַנצער פראָנט־ליניע. אויב מיר ווילן צו דעם צוגעבן, אַז די ענגליש־אַמעריקאַנער אַרמייען האָבן דעם 10־טן יולי, נאָכן פאַרענדיקן די אַפריקאַנער קאַמפּאַניע, נאָכן אַרויסשטויסן די דייטשישע אַרמייען פון טוניס און אַלזשיר, געלאַנדעט אין סיציליע. אויב מיר ווילן אויך צוגעבן, אַז איטאַליע איז נאָכן אַרעסטירן מוסאָליניס (דעם 25־טן יולי) געוואָרן אַן ארענע פון וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן, ווילן מיר נאָך בעסער פאַרשטיין, ווי קאַטאַסטראָפאַל ס'האָט זיך זומער 1943 פאַרגעשטעלט די לאַגע פון די פאַשיסטישע מלוכות, און באַזונדערס פון דייטשלאַנד.

אין שייכות מיט אונדזער טעמע שטעלט זיך ווידער די פראַגע: וויאַזוי האָט זיך אין דעם דאָזיקן מלחמה־פּעריאָד געשטאַלטיקט די היטלערישע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי די יידן, און וואָס פאַר אַ פאָרמען האָט זי אָנגענומען אויף די אָקופּירטע געביטן פון פּוילן?

קודם־כל האָט די רעגירונג באַשלאָסן, אַז מען דאַרף מער נישט אָפּציען מיט דער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ. די קאָנקרעטע צוגרייטונגען האָבן זיך וואַרשיינלעך אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט יולי 1943, נאָך דעם, ווען די מזרח־אָפענסיווע האָט זיך איינגעבראָכן. אויף צוצואיילן דעם שוין פון לאַנג אָנגענומענעם באַשלוס האָט אָן ספק געווירקט הימלערס דעציזיע וועגן איבערפירן גלאָבאָצניקן אויף אַן אַנדער אַמט. דעם 10 יולי 1943 האָט הימלער געמאָלדן קריגערן און גלאָבאָצניקן, אַז דער לעצטער ווערט איבערגעטראָגן, און זיין אַמט אלס פירער פון עסעס און פּאָליציי אין לובלינער דיסטריקט נעמט איבער דער עסעס־גרופּנפירער און גענעראַל־לייטענאַנט פון דער פּאָליציי שפּאָרענבערג[11]. גלאָבאָצניק איז ווייטער געבליבן אין לובלין אלס שעף פון דער „ריינהאַרד־אָפּעראַציע" און פון די לובלינער לאַגערן. גלאָבאָצניק האָט דאָך געהאַט אויסצופירן וויכטיקע אויפגאַבן: ליקווידירן צוויי גרויסע יידישע ישובים אין ביאַליסטאָק און אין לאָדזש

[10] י. סטאַלין: „וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פון ראַטנפאַרבאַנד". ז. 76—78.

[11] ארכיוו פון ה.ק.פּ.ה.פּ. אקטן דצ. 593, הימלערס דעפּעשע פון 1943.7.10.

און דורכפירן די לעצטע אָפּרעכענונגען פון די פינאַנסיעל־ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין די ראַמען פון די פעלקערמערדערלעכע אַקציעס.

קודם כל האָט גלאָבאָצניק זיך פאַרנומען מיט ביאַליסטאָק. פון דאָרט זענען דאָך געקומען די באַאומרואיקנדיקע ידיעות. אויסער דעם, איז נאָך לענגערע צוגרייטונגען אויסגעבראָכן דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד פון די יידישע אסורים אין טרעבלינקע. די יידן האָבן דאָרטן אויסגעהרגעט די עסעס־קאָמאַנדע, דעראָבערט זיך געווער און אַמוניציע און זענען אַנטלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער [12].

דער באַוואָפנטער אַרויסטריט פון די יידישע אסורים אין נאָענטן טויטלאַגער, די ידיעות וועגן דער וואַקסנדיקער אַקטיווקייט פון די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין לובלינער און ביאַליסטאָקער געגנט און וועגן יידישן אָנטייל אין זיי, דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון די יידישע אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס בעת דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ (העלפט אויגוסט 1943), די אינפאָרמאַציעס וועגן צוגרייטונגען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק, — זענען געווען א וואָרנונג פאַר די היטלעריסטן, זיי זאָלן צוגיין מיט אַ ספּעציעלער פאָרזיכטיקייט צו דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

גלאָבאָצניק האָט אַרויסגעשיקט קיין ביאַליסטאָק אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרטרויטע עסעס־אָפיצירן. צווישן זיי האָבן זיך געפונען מאַגיעל און קאָנראַד. שפּעטער איז גלאָבאָצניק פערזענלעך געקומען אין געטאָ. די פּאָליציי־אָפּטיילונגען האָבן באַזעצט אַלע אונטערנעמונגען אין געטאָ, בכדי צו פאַרהיטן פון עווענטועלן פאַרניכטן די פאַבריקן, רוישטאָפן און פאַרטיקע סחורות אין פאַל פון אַ באַוואָפנטן אַרויסטריט פון די יידן. אויף אַזאַ אופן האָט די אָקופּאַנטישע מאכט, אויפן סמך פון די דערפאַרונגען אין וואַרשעווער געטאָ, פאַרהיט די פאַבריקן און סחורות פון פאַרברענען.

דעם 16־טן אויגוסט 1943, ווען די עסעס־אָפּטיילונגען האָבן אַרומגערינגלט דאָס געטאָ און זיי זענען צוגעטרעטן צו דער ליקווידאַציע, איז אויסגעבראָכן דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד, וואָס איז אין משך פון חדשים צוגעגרייט געוואָרן דורך דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. נאָכן היסטאָרישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז דער באַוואָפנטער אַרויסטריט פון ביאַליסטאָקער געטאָ געווען דער צווייטער גרויסער אַקט פון באַוואָפנטן קאַמף פון די יידן אין פּוילן קעגן די היטלערישע אונטערדריקער. דער אַרויסטריט פון ביאַליסטאָקער געטאָ איז געווען אַ וויכטיקער צושטייער אין דער אַלגעמיינער באַפרייונגס־באַוועגונג

[12] וועגן אויפשטאַנד אין טרעבלינקע פּג"ל גבית־עדות פון ס. רייזמאַן, אַקטן פון פּישערס פּראָצעס, ב. XVIII, ז. 15; אַקטן פון „זשעגאָטאַ“, פּרעסע־קאָמוניקאַט נר. 1 (פון 1943.9.5).

פון די אונטערדריקטע פעלקער קעגן דייטשישן פאשיזם. דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז אין יענער צייט געווען א גרויס געשעעניש, וואָס האָט, פונקט ווי דער העלדישער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ, געווירקט אויפן אויסברייטערן זיך פון דער כוואַליע פון באוואָפנטן ווידערשטאַנד אין אָקופירטן פוילן.

אין משך פון צען טעג האָבן די יידישע קעמפער אין ביאַליסטאָקער געטאָ העלדיש זיך געשלאָגן. די אָקופאַציע-מאַכט איז אין קאמף מיט די פארטיידיקער פון געטאָ געווען געצווונגען אָנצוקומען נאָך הילף צו פאַנצער-אָפּטיילונגען פון דער עסעס און ווערמאַכט. ערשט נאָכן אריינפירן אין שלאַכט די דאָזיקע מיליטער-אָפּטיילונגען האָט זיך איר איינגעגעבן צו ברעכן דעם ווידערשטאנד אין געטאָ און ארויספירן אן ערך 20.000 יידן קיין פאָניאַטאָוו, בליזשין און טייל־ווייז אויך קיין אָשוויענטשים און מיידאנעק. דער לעצטער ישוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ביאַליסטאָקער געגנט האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן[13].

דער דאָזיקער העלדישער אקט פון ווידערשטאַנד אויפן פאָן פון דער אלץ זיך פארערגערנדיקער מיליטעריש-פּאָליטישער סיטואַציע פון רייך האָט, פונקט ווי דער ווארשעווער אויפשטאַנד, ארויסגערופן א ווילדע רעאקציע פון הימלערן. אין חודש אויגוסט 1943 האָט הימלער ארויסגעגעבן א באַפעל וועגן אומבאדינגטן איזאָלירן אין קאָנצענטראציע-לאַגערן אלע יידן אויף די אָקופירטע פּוילישע געביטן.

נאָך אין חודש יוני 1943 זענען אין דער גענעראל-גובערניע ליקווידירט גע־וואָרן אלע ארבעטס-לאַגערן. אין גאַליציאַנער דיסטריקט זענען שוין דעמלט ליקווידירט געוואָרן א ריי לאַגערן, פון וועלכע די אסורים זענען געווען באַשעפטיקט ביים בויען וועגן, שאָסייען, אין שטיינהאַקערייען און אין ווארשטאַטן, וואָס האָבן געארבעט פאר דער ארמיי[14]. אין ראדאָמער דיסטריקט זענען צווישן די ארבעטנ־דיקע יידן אין די אונטערנעמונגען פון „האסאג" אין טשענסטאָכאָוו און אין זיינע פיליעס דורכגעפירט געוואָרן סעלעקציעס. אין דער זעלבער צייט (יולי 1943) זענען די באַוואָפענונגס-אונטערנעמונגען אין ראדאָם צוזאמען מיט די באַשעפ־טיקטע יידישע ארבעטער איבערגעגאנגען אונטער דער לייטונג פון „אָסטי".

אין אויגוסט זענען אין קראָקעווער דיסטריקט ליקווידירט געוואָרן די רעשט־לעך פון ריישער, סטריער און אנדערע געטאָס. דעם 20-טן אויגוסט האָט שערנער, דער קראָקעווער עסעס- און פּאָליציי-פירער, ארויסגעשיקט א געהיימען צירקו־ליאַר צו אַלע אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיקן יידישע אסורים פון פּלאַשאָווער לאַגער. אינעם צירקוליאר ווערט געמאָלדן, אַז אין הסכם מיט הימלערס נייער

---

[13] ב. מארק: „דער אויפשטאנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ", ווארשע 1952.

[14] אין יוני—יולי 1943 האָט מען ליקווידירט די לאַגערן אין טשאָרטקאָוו, באָר־שטשאָוו, זלאָטשאָוו, טלוסטע, זבאָראָוו, זשולקוויע ביי טאַרנאָפּאָל און אין אַנדערע פּונקטן.

פאַראָרדענונג וועלן אין דער צוקונפט די דאָזיקע אסורים קענען זיין באַשעפטיקט בלויז אין לאַגער[15]. אין הסכם מיט דעם, האָט שערנער פאַראָרדנט, אַז אָנהייבנדיק פון 2=טן סעפּטעמבער וועלן די יידישע אַרבעטס=קרעפטן נישט ווערן צוגעשטעלט פאַר די אַרבעטס=וואַרשטאַטן, וואָס געפינען זיך אויסערן לאַגער=געביט. שערנער האָט דעריבער אונטערגעשטראָכן, אַז „די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז אַן ענדגילטיקע און איז אַרויסגעגעבן אין פאַרשטענדיקונג מיט דער באַוואָפענונגס=אינספּעקציע". אַלס רעזולטאַט האָבן אַן ערך 30 דייטשישע פירמעס, וואָס האָבן ביז איצט גענאָסן פון דער אַרבעט פון די פּלאַשאָווער אסורים, פאַרלוירן די יידישע אַרבעטס=קראַפט.

אין שייכות מיט דער אויבן דערמאַנטער פאַראָרדענונג זענען אויך ליקווידירט געוואָרן (2/9 1943) די קלענערע לאַגערן אין באָכניע, טאַרנווו און אין אַנדערע שטעט פון קראָקעווער דיסטריקט. אַן ענלעכע סיטואַציע טרעפן מיר אויף די מערב=געביטן, ד.ה. אין „וואַרטעלאַנד" און שלעזיע. אויך דאָרט האָבן, אויפן סמך פון הימלערס דערמאַנטער פאַראָרדענונג, די אָרטיקע מאַכט=אָרגאַנען דורכגעפירט אין א שנעלן טעמפּ די „אָפּרייניקונג" פון געביט, ליקווידירט די קלענערע ישובים און נאָך מער ווי ביז איצט אומרחמנותדיק איזאָלירט די גרעסערע לאַגערן.

אין „וואַרטעלאַנד" איז פאַראָרדנט געוואָרן צו ליקווידירן די לאַגערן אין פּויזנער ראַיאָן. אין העכער 100 קלענערע לאַגערן האָבן אָנהייב 1943 געאַרבעט אַן ערך 11.000 יידישע אסורים, וועלכע זענען געווען קאָשאַרירט אויף אַרבעטס=פּלאַצוועקעס. אויפן סמך פון הימלערס פאַראָרדענונג פון 9=טן אויגוסט איז מען צוגעטראָטן צו דער פולקאָמער ליקווידאַציע פון די דאָזיקע לאַגערן און די אסורים זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער געשטאַפּאָ צום דערשיסן[16]. לויט געוויסע אויסרעכענונגען זענען שוין אין אויגוסט ליקווידירט געוואָרן 107 לאַגערן, צווישן זיי אַלע לאַגערן אין פּויזנער געגנט[17]. די איבעריקע (אַרום 15 לאַגערן) זענען ליקווידירט געוואָרן אין משך פון די ווייטערדיקע 2—3 חדשים.

אין הסכם מיט הימלערס באַפעל פון חודש יוני איז דאָס לאָדזשער געטאָ, ווי מיר האָבן אויבן דערמאַנט, פאָרמעל אָנערקענט געוואָרן אַלס קאָנצענטראַציע=

[15] דער פּאָליציי=פירער שערנער האָט אין א ספּעציעלן צירקוליאַר געמאָלדן, אַז לויטן אויפטראַג פון הימלערן וועלן די יידישע אַרבעטער קאָנען באַשעפטיקט ווערן נאָר אין די לאַגערן. אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן פון קראָקעווער פּאָליציי=פירער.

[16] אַרכיוו פון מערב=אינסטיטוט, אַקטן I—200, ז. 16, די געסטאַפּאָ אין פּויזן האָט דעם 1943.10.9 געמאָלדן דעם לאַנדראַט אין יאַראָטשין, אַז אין איינקלאַנג מיט הימלערס באַפעל פון 9 אויגוסט 1943 דאַרף מען אַלע יידן פון אַרבעטס=לאַגער דעפּאָרטירן.

[17] י. טרונק: „אַרבעטס=לאַגערן", „בלעטער פאַר געשיכטע", ב. I, ה. 2, ז. 28.

לאַגער. בכדי צו פאַרלייכטערן גלאָבאָצניקן איבערצונעמען דאָס לאָדזשער געטאָ, האָט הימלער נאָך דער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ דערגענצט זיין פריערדיקן באַפעל מיט א נייער פאַראָרדענונג (סעפּטעמבער 1943), לויט וועלכער די פּראָדוציר־קרעפטן פון לאָדזשער געטאָ האָבן באַדאַרפט איבערגעטראַנספּאָר־טירט ווערן אין די לובלינער לאַגערן[18]. אויף אַזאַ אופן האָט דער שעף פון „ריינ־האַרד־אָפּעראַציע" געקאָנט נאָך פאַרן איבערנעמען זיין נייעם אמט פולשטענדיק פאַרענדיקן זיין פאַרניכטונגס־ווערק.

דער חודש אויגוסט איז פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין שלעזיע אויך געווען א בלוטיקער. שוין אין דער ערשטער וואָך (1—8) זענען ליקווידירט געוואָרן די צוויי לעצטע געטאָס אין בענדין און אין סאָסנאָוועצ. אן ערך 20.000 נפשות זענען ארויסגעפירט געוואָרן קיין אָשוויענטשים, ווו די מערהייט פון זיי איז אומ־געקומען אין גרויזאמע יסורים. אייניקע גרופּעס יידן זענען ארויסגעפירט געוואָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן אין אננאבערג. אהער האָט זיך אויך איבערגעטראָגן די „דינסטשטעלע" פון דער שמעלט־אָרגאַניזאַציע[19].

די יידן פון שלעזיע, ווי אסורים פון אָשוויענטשים, האָבן זיך אויך געפונען אין פאַרשידענע אנדערע לאַגערן אלס פיליעס פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, זיי האָבן געארבעט אין די אונטערנעמונגען פון קרופּפּ, י.ג. פאַרבען, ה. גערינג־ווערקע, סימענס א.א. אויסער די יידן פון פוילן, זענען דאָרט אויך געווען יידן פון אַלע אייראָפּעישע לענדער. לויט געוויסע דייטשישע מאַטעריאַלן האָבן די דאָזיקע אונטערנעמונגען סוף אויגוסט 1943 באשעפטיקט ארום 25.000 יידישע אסורים, פון וועלכע אן ערך 3600 זענען געווען אויסלענדישע יידן[20]. פאַקטיש איז די צאָל יידן אין אָשוויענטשימער לאַגער־קאָמבינאַט געווען פיל גרעסער. דער דעמלטיקער לאַגער־קאָמענדאַנט העס האָט דערקלערט, אַז סוף זומער 1943 האָט די צאָל אַרבעטנדיקע אסורים באַטראָפן 140.000. דאָס איז געווען אין ענגן שייכות מיט דער באַדייטנדיקער פונאנדערבויונג פון די באוואָפענונגס־אונטערנע־מונגען אין שלעזיע. נאָך דעם, ווי פאָהל האָט אין אויגוסט 1943 דורכגעפירט אן

---

[18] פאָהלס פּראָצעס, דאָקום. נ.אָ. — 519, פאָהלס קאָרעספּאָנדענץ פון 1944.2.9 צו הימלערן.

[19] באשולדיקונגס־אקט קעגן קוטשינסקין, דעם לייטער פון דער „דינסטשטעלע" אין סאָסנאָוועצ, ארכיוו פון יי.ה.א.

[20] קאָרעספּאָנדענץ פון דער לייטונג פון אָשוויענטשימער לאגער מיט דער אָפּט. D II אין אָראַניענבורג. פון די בריוו פון 8.28 און 1943.9.1 דרינגט, אז אין די איינציקע שלעזישע אונטערנעמונגען האָבן דעמלט געארבעט 3581 דייטשישע, פראַנ־צויזישע, טשעכישע, האָלענדישע, בעלגישע, נאָרוועגישע און גריכישע יידן (חוץ פּוי־לישע יידן), ארכיוו פון יי.ה.א., אָשוויענטשימער אקטן.

אינספּעקציע, האָט ער פאראָרדנט דורכצופירן א רעאָרגאניזאציע פון קאָמבינאַט, פונאנדערטיילן אים אויף דריי זעלבסטשטענדיקע קאָנצענטראציע-לאגערן.

דער מאנגל אין ארבעטס-כוחות אין רייך איז צו יענער צייט געווען אזוי גרויס, אַז פון סעפּטעמבער 1943 אָן האָט מען אָנגעהויבן איבערשיקן יידישע אסורים-ספּעציאליסטן פון אָשוויענטשים אויף ארבעט אין די אונטערנעמונגען אין דייטשלאנד און אין נידערשלעזיען. פאר די יידישע אסורים האָט מען איינגעאָרדנט ספּעציעלע לאַגערן ביי די ארבעטס-ווארשטאַטן. דעם 4-טן סעפּטעמבער האָט מאורער זיך געוואָנדן מיט א ביטע צו העסן, ער זאָל אים אָפּטרעטן א טייל יידישע אסורים[21]. דערביי איז נויטיק אויפצוקלערן, אַז די ניי-געגרינדעטע ארבעטס-לאגערן זענען נישט געווען אונטערגעאָרדנט דער אָפּטיילונג „ד“ פון ווּפה“א, נאָר אין הסכם מיט קאלטענברונערס געהיימען באַפעל פון 26-טן יולי 1943 ארונטערגעפאלן אונטער דער אויסשליסלעכער קאָנטראָל פון געשטאַפּאָ[22]. אין רייך און אין נידערשלעזיען האָבן פיל אזעלכע ארבעטס-לאַגערן נאָך עקזיסטירט אין דער העלפט 1944 יאָר.

אַזוי אַרום האָבן די מאכט-אָרגאנען דורכגעפירט אן „אָפּריייניקונג“ פון געביט אין אַלע אָקופּירטע פראָווינצן אין אזא טעמפּ, ווי דער מזרח-פראָנט האָט זיך איבערגערוקט אויף מערב. די אויבן געבראכטע פאַקטן באקרעפטיקן נאָך מער די ריכטיקע פעסטשטעלונג פון דער פ.פ.ר., פון דער אנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג און פון די יידישע קעמפער, אז דער „ארבעטס-איינזאַץ“ פון יידן איז בלויז אן איבערגאנגס-עטאַפּ, וואָס איז פאר די היטלערישע מאכט-אָרגאַנען געווען אן אומבאדינגטע נויטווענדיקייט, וואָס איז געווען דיקטירט דורך די נויטן פון דער מלחמה-ווירטשאפט. פאקטיש אָבער איז נישט פאָרגעקומען קיין ענדערונג אין די פרינציפּיעלע איינשטעלונגען פון דער היטלערישער עקסטערמינאציע-פּאָליטיק לגבי די יידן. ס'איז אָנגעווענדעט געוואָרן דער מעטאָד פון פארניכטן די מענטשן דורך פארקנעכטונגס-ארבעט. דאָס האָט אָבער אָנגעהאלטן אזוי לאנג, ווי די געשעענישן האָבן דערלויבט. ווען די מיליטעריש-פּאָליטישע סיטואציע פון פאשיסטישן דייטשלאנד האָט זיך סוף זומער 1943 פארערגערט, האָבן די אָקופּאנטישע מאַכט-אָרגאנען אָנגעווענדט פיל שארפערע מיטלען, בכדי צו קענען אין געהעריקן מאָמענט פולשטענדיק אויסראָטן די לעצטע גרופּן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

[21] אַרכיוו יי.ה.א., אַקטן 16/1, ז' 19.

[22] „פּראָצעס“, ב. XXVI, ז' 699, דאָקומענט פּ.ס. — 1063, באַפעל פון רסה“א פון 26 יולי 1943.

6. די ליקווידאַציע פון די יידן-לאַגערן אין דער גענ.-גובערניע און אין „וואַרטע-לאַנד"

סוף זומער 1943 זענען פון מזרח-פראָנט אָנגעקומען וויכטיקע ידיעות וועגן דער קאָנטר-אָפענסיווע פון דער סאָוויעטישער ארמיי און וועגן איר שנעלן מאַרש אויף מערב. די מאַכט-אָרגאַנען האָבן גלייכצייטיק דערהאַלטן באַאומרואיקנדיקע ידיעות וועגן אויפשטאַנד פון די צום טויט פאַרמשפּטע יידן אין טרעבלינקע, וועגן העלדישן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ און אויך וועגן וויטערדיקע צוגרייטונגען צו באַוואָפנטע ארויסטריטן אין די לאַגערן פון לובלינער געגנט. די דאָזיקע ידיעות און אַנדערע פאַקטאָרן, וועגן וועלכע מיר שרייבן ווייטער, האָבן געהאַט א דעציִדירנדיקע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער שטעלונג פון די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען צו די יידן-לאַגערן, וועלכע זיי האָבן אָרגאַניזירט. פון שפּאַרענבערגס דערקלערונגען דרינגט, אַז הימלער האָט סוף אויגוסט 1943 אַרויסגעשיקט צו קריגערן א באַפעל, אין וועלכן מיר לייענען צווישן אַנדערע: „דאָס יידן-פּראָבלעם אין לובלינער דיסטריקט האָט אָנגענומען דראָענדיקע פאַרמען. די דאָזיקע לאַגע מוז סוף כל סוף אויפגעקלערט ווערן. דעם דאָזיקן ענין צו דערלייִדיקן האָב איך איבערגעגעבן גלאָבאָצניקס אָפּטיילונג". הימלער האָט מיטן דאָזיקן באַפעל פאַרפליכטעט קריגערן און שפּאָרענבערגן, זיי זאָלן גלאָבאָצניקן געבן רעאַלע הילף ביים דערשטיקן די ווידערשטאַנדס-נעסטן אין דער לובלינער געגנט [1].

אין די האַנדלונגען פון די היטלערישע מאַכט-אָרגאַנען האָט זיך באַמערקט אַן אומרואיקער געאייל, כדי מ'זאָל אמאָל — ווי גלאָבאָצניק האָט זיך אין יאָר 1942 אויסגעדריקט — נישט זיין געצוווּנגען צוליב נישט פאָרויסגעזעענע שוועריקייטן אָפּצושטעלן די פעלקערמערדערישע אקציעס, און דאָס קען דערפירן צו דעם, אַז א געוויסע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג זאָל זיך אָפּראַטעווען. ס'איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז צוליב דער מורא פאַרן ווייטערדיקן אויסברייטערן זיך פון דער ווידערשטאַנדס-כוואַליע האָט די מאַכט אין חודש אויגוסט איבערגעריסן די אַזוי גערופענע „גראָס-אַקציאָן", ד.ה. די אויסזידלונג פון פויערים אין זאַמאָשטשער געגנט, כדי אַזויאַרום אָפּצושטעלן דעם צופלוס פון פויערים אין די פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונגען [2].

---

[1] סט. פּיאָטראָווסקי: אַדיל גלאָבאָצניק, ז. 57. פג"ל אקטן פון נירענב. פּראָצעס נר. 8, דאָקום. נ.א.—060.

[2] ביז אויגוסט 1943 האָט מען אויסגעזידלט פון זאַמאָשטשער געביט 110.000 פויערים. פג"ל ז. קליקאָווסקי: דייטשישע פאַרברעכנס אין זאַמאָשטשער געביט. בולעטין ה.ק.פ.ה.ט. II 52.

די אַלע אויביקע מאָמענטן האָבן געווירקט אויף דעם, אז הימלערס דערמאנטער באפעל וועגן פולשטענדיקן איזאָלירן די יידן אין די לאַגערן איז שוין נישט געווען גענוגנדיק. די סיטואציע האָט זיך אזוי ראדיקאל געענדערט, אז די מאַכט-אָרגאַנען, מורא האָבנדיק פאַר עווענטועלע קאָמפּליקאציעס, האָט געזען דעם איינציקן אויסוועג אין דער פולשטענדיקער ליקווידאציע פון די עסעסישע לאַגערן אין דער גענעראַל-גובערניע, באזונדערס אין לובלינער געגנט.

אויפן ווייטערדיקן גורל פון די לאַגערן האָט נישט קיין קליינע ווירקונג געהאט גלאָבאָצניקס באַריכט פונעם 21-טן יוני 1943 וועגן דער ווירטשאפטלעכער טעטיקייט פון די לובלינער לאַגערן, שפּעטערס שטעלונג און די אוממעגלעכקייט אויסצונוצן די אָנגעזאמלטע דאָרט פּראָדוציר-קרעפטן. די געענדערטע פּאָליטישע סיטואציע, דאָס אויסערגעוויינלעכע פארשטאַרקן זיך פון שפּעערס פּאָזיציע זענען געווען אן אָנווייזונג פאַר די אָרגאַנען פון עסעס אויף די אומגינסטיקע באדינגונגען אויפצוהאַלטן די אונטערנעמונגען אין די לובלינער לאַגערן.

אין חודש יולי 1943 האָט גלאָבאָצניק באַקומען א מעלדונג פון הימלערס קאַנצעלאריע, אז ער ווערט איבערגעטראָגן אויף אן אנדער אָרט. גלאָבאָצניק איז מאָמענטאַל צוגעטרעטן צום איבערגעבן פּאָהלן אַלע לאַגערן. נאָך אין חודש יולי האָט מען (פון די נישט אויסגענוצטע רעזערוון אין מיידאנעק) ארויסגעשיקט קיין אָשוויענטשים און אין די ראדאָמער אמוניציע-פאבריקן עטלעכע טויזנט יידישע ארבעטער, וועלכע האָבן באַדארפט אויסגענוצט ווערן אין די פאבריקן פון „י. ג. פארבען" אין מאָנאָוויץ, גלייכצייטיק זענען צווישן די אסורים אין מיידאַנעק דורכגעפירט געוואָרן סעלעקציעס[3].

אין שייכות מיט די נייע דיקטאטאָרישע קאָמפּעטענצן פון מיניסטער שפּעער איז אָנהייב סעפּטעמבער 1943 ארייַנגעקומען א ראדיקאַלע ענדערונג אין דער סיטואציע פון די לאַגערן פאַר יידן אין דער צענטראַלער גובערניע בכלל און אין לובלינער דיסטריקט בפרט. דעם 2-טן סעפּטעמבער איז ארויס היטלערס א דעקרעט וועגן דער „קאָנצענטראציע פון דער קריגס-ווירטשאפט"[4]. אין איינקלאַנג מיטן דאָזיקן דעקרעט זענען אַלע ענינים, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן באַקומען רוישטאָפן און מיט דער אינדוסטריעלער און האַנטווערקער-פּראָדוקציע, איבערגעגאַנגען צו דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ פון מיניסטעריום פאַר באַוואָפענונג און אמוניציע, וואָס האָט, אין צוזאמענהאנג מיט די נייע פונקציעס, באַקומען דעם נאָמען „רייכס-מיניסטעריום פאַר די ענינים פון באַוואָפענונג און קריגס-פּראָדוקציע".

---

[3] „לאַגערן" (פּובליקאַציע פון יי.ה.א.) I, ז' 113—114, 138—141.

[4] ר.ג.ב.ל. 1943, ב. I, ז. 529, דעקרעט פון היטלערן.

דער דעקרעט וועגן צענטראליזירן די לייטנדע אָרגאַנען אויפן געביט פון דער קריגס־ווירטשאַפט האָט געגעבן שפּעערן אויסערגעוויינלעכע פולמאַכטן. די גאַנצע פּראָדוקציע אויפן פאַרזאָרגונגס־געביט פאַר דער ווערמאַכט איז איבערגעגאַנגען אונטער דער לייטונג און אויפזיכט פון שפּעערן [5]. לויטן 6־טן פּאַראַגראַף פון דעקרעט האָט זיך די דאָזיקע פאַראָרדענונג פאָרמעל באַצויגן צום גרויסן רייך, צום פּראָטעקטאָראַט און צו די „איינגעגלידערטע געביטן", פאַקטיש אָבער האָט זי אויך ארומגענומען די גענעראַל־גובערניע. שפּעערן איז אויך אונטערגעאָרדנט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע „טאָדט" צוליב איר קריגס־ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט. אויפן סמך פון היטלערס דעקרעט איז שפּעער געוואָרן דער שעף פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג [6].

דער אויבן דערמאַנטער דעקרעט, וואָס האָט שפּעערן ווי דעם פאָרשטייער פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל איבערגעגעבן אומבאַגרענעצטע קאָמפּעטענצן אויפן געביט פון דער באַוואָפענונגס־פּראָדוקציע, האָט געהאַט דעם ציל צו פאַרלייכטערן די ווייטערדיקע צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל און אונטערנעמונגען אין דייטשלאַנד. ס'האָט זיך געשאַפן אַזא סיטואַציע, וואָס איז געווען אומגינסטיק פאַר די עסעסישע אונטערנעמונגען. אין הסכם מיט דער ערשטער אויספיר־פאַראָרדענונג פון דערמאָנטן דעקרעט, וואָס איז דעם 6־טן סעפּטעמבער 1943 פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך שפּעערן און פראַנקן (דעם דעמלטיקן רייכס מיניסטער פאַר פאָלקס־ווירטשאַפט), האָבן אַלע מאַכט־אָרגאַנען פון דעמלט אָן דערהאַלטן אינסטרוקציעס און פאַראָרדענונגען אין אַלע ענינים, וואָס זענען געווען נוגע דער פּראָדוקציע פאַר די אַרמיי־באַדערפענישן, אויסשליסלעך פון מיניסטער שפּעער. דער דאָזיקער באַשלוס איז אַריין אין קראַפט דעם 1־טן נאָוועמבער 1943 [7].

די דערמאָנטע פאַראָרדענונג האָט אין דער ערשטער ריי געקענט קרייצן גלאָבאָצניקס פּלענער איבערצונעמען דאָס לאָדזשער געטאָ. די יידישע אַרבעטס־לאַגערן האָבן דערביי געקענט אַרונטערפאַלן (אויפן געביט פון דער פּראָדוקציע־קאָנטראָל) אונטער שפּעערס מיניסטעריום. בכדי דאָס אויסצומיידן, האָט די לייטונג פון ווּפה"א צוגעאײַלט דאָס פאָרמעלע פאַרוואַנדלען די לאַגערן פאַר יידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און געמאַכט ווייטערדיקע צוגרייטונגען זיי פולשטענדיק צו ליקווידירן, נאָך איידער דאָס געזעץ גייט אַריין אין קראַפט.

---

[5] אין דער פאַראָרדענונג פון 1943.10.29 האָט שפּעער אינפאָרמירט אַלע מאַכט־אָרגאַנען, אַז די גאַנצע לייטונג, אָרגאַניזאַציע און פּראָדוקציע פון דער קריגס־ווירטשאַפט איז אים אונטערגעאָרדנט אַלס מיניסטער פון באַוואָפענונג און קריגס־פּראָדוקציע. — פּראָצעס פון קרופּס־קאָנצערן, אַקטן נ.אָ. — II, 151.

[6] ר.ג.־בל., ב. I, ז. 530.

[7] ר.ג.־בל., ב. I, ז. 531.

דעם 7־טן סעפּטעמבער 1943, נאָך א באַראַטונג (3־טן סעפּט.) מיט קריגערן, איז וועגן דעם דאָזיקן ענין פאָרגעקומען אין בערלין אין דער וופה"א א געהיימע קאָנפערענץ, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט, חוץ פּאָהלן, די לייטערס פון גלאָבאָצניקס און האָרנס לאַגערן פאר יידן, די הויכע דיגניטאַרן פון עסעס: גליקס, לערנער, מאורער, שעללין, פלאָרשטעדט א.א. אין הסכם מיטן אָנגענומענעם באַשלוס, האָט מען צען ארבעטס־לאַגערן מיט יידישער אַרבעטס־קראַפט, וואָס האָבן זיך געפונען אין לובלינער דיסטריקט, באַדאַרפט פאַרוואַנדלען אין פיליעס פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין מיידאַנעק[8]. די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די דאָזיקע לאַגערן, וואָלטן פאָרמעל (פאַקטיש זענען זיי שוין פון לאַנג געווען) געוואָרן אסורים פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. די לאַגערן וואָלטן געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן אונטערן דירעקטן אויפזיכט פון עסעס אָבערשטורמפירער פלאָרשטעדט, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאר זייער „זיכערקייט".

אויף דער זעלבער קאָנפערענץ איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז חוץ די צען לובלינער לאַגערן, זאָל עסעס וופה"א איבערנעמען די ארבעטס־לאַגערן אין דער גענעראַל־גובערניע. פלאָרשטעדטן איז אויך אָנפאַרטרויט געוואָרן צו איבערגעבן דער אָפּטיילונג „ד" די רעשט לאַגערן פאר יידן אין דער גענעראַל־גובערניע, וואָס ער האָט באַדאַרפט דורכפירן אין פאַרשטענדיקונג מיט מאורערן, שעללינען און האָרנען. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז מ'דאַרף אויפלייזן די לאַגערן מיט אַ קליינער מאַנשאַפט, וועלכע ארבעטן אויס א פּראָדוקציע, „וואָס איז נישט וויכטיק פארן קריג און פארן נצחון".

אין אייניקע וואָכן ארום האָט פלאָרשטעדט צוגעגרייט די לאַגערן אויף איבערצוגעבן די אָפּטיילונג „ד". אין דער דעמלטיקער פּאָליטישער סיטואַציע פון לובלינער געגנט האָט דאָס באַדייט דאָס צואײַלן זייער ליקווידאַציע־טערמין. די עסעסישע מאכט־אָרגאַנען האָבן באַקומען א ידיעה, אז אין די לאַגערן איז אָרגאַניזירט אַ קאָנספּיראַטיווע נעץ פון ווידערשטאַנדס־קעמערלעך. דעם 14־טן אָקטאָבער איז אין טויט־לאַגער פון סאָביבאָר אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד פון די צום טויט פאַרמשפּטע יידן. נאָכן דערהרגענען העכער 10 עסעס מענער פון דער לאַגער־וואַך האָבן זיך עטלעכע הונדערט אסורים ארויסבאַקומען אויף דער פריי. ס'רוב פון זיי זענען דאָך אומגעקומען פון די קוילן פון דער לאַגער־וואַך און פון די מינעס, וואָס זענען געווען פאַרלייגט אויף די פעלדער ארום דעם לאַגער[9].

---

[8] נירענב. דאָקומענט. נ.אָ. — 599, געהיימע נאָטיץ פון 1943.9.7 וועגן איבערנעמען דורך דער „ווירטשאַפט־פאַרוואַלטונג הויפּט־אַמט" (וו.פ.ה.א) אלע יידישע ארבעטס־לאַגערן אין דער גענעראַל־גובערניע.

[9] א. פּעטשאָרסקי: „דער אויפשטאַנד אין סאָביבאָר", „בולעטין" פון יי.ה.א. 1952, נר. (3) 1.

נאָכן אויפשטאַנד פון די יידישע אסורים אין סאָביבאָר זענען די אַרבעטס-לאַגערן געוואָרן אויפגעלייזט. דעם 20-טן אָקטאָבער האָט גלאָבאָצניק, נאָכן פאַרענדיקן די „ריינהאַרד-אָפּעראַציע", פאַרלאָזט לובלין און געפאָרן קיין בערלין, כדי אָפּצוגעבן אַ באַריכט פון זיין פעלקערמערדערישער טעטיקייט, איידער ער האָט איבערגענומען דעם אַמט פון העכערן עס-עס- און פּאָליציי-פירער פון דער אַדריאַטישער סטרעפּע מיטן זיץ-אָרט אין טריעסט. פּאָהל האָט דעם 22-טן אָקטאָבער אים אינפאָרמירט וועגן זיין פאַראָרדענונג, אַז די אָפּטיילונג „ד" זאָל אין דער גענעראַל-גובערניע איבערנעמען די לאַגערן פון טראַווניק, פּאָניאַטאָוו, ראַדאָם, בודזין, פּלאַשאָוו, לעמבערג (יאַנאָווער לאַגער), „דאַוו" און אַלטער-פלוגהאַפען אין לובלין. פּאָהל האָט אים גלייכצייטיק מיטגעטיילט, אַז ער ווערט באַפרייט פון אַמט אַלס שעף פון „אָסטי".[10]

אין די נאָענטסטע טעג האָבן זיך אָנגעהויבן די לעצטע צוגרייטונגען צו דער ליקווידאַציע פון די אויבן אויסגערעכנטע לאַגערן און צו דער פאַרניכטונג פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט. עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז חוץ „זיכערהייטס"-טעמים האָט אויפן צואיילן די דאָזיקע ליקווידאַציע געהאַט אַ ווירקונג שפּעטערס פאַראָרדענונג פון 6-טן סעפּטעמבער 1943, וואָס האָט באַדאַרפט אַריין אין קראַפט דעם 1-טן נאָוועמבער.

כדי אויסצומיידן אַלע מעגלעכקייטן פאַר קאָנקורענץ-שטרייטן מיט די מיליטעריש-ווירטשאַפטלעכע ספערן, וועלכע האָבן שוין איצט געהאַט די פולשטענדיקע קאָנטראָל איבער אַלע פאַבריקן פון דער קריגס-אינדוסטריע, האָבן די מאַכט-אָרגאַנען פון עס-עס פאַרזיכערט דער אינספּעקציע, אַז ס'וועט דורכגעפירט ווערן אַ ווייטערדיקע פונאַנדערבויונג פון די לאַגערן פאַר יידן און אַ וווקס פון זייער פּראָדוקציע. קריגער, וועלכער האָט גענוי געוווסט, אַז ס'דאַרף זיך אָנהייבן די ליקווידאַציע פון די לאַגערן, האָט דעם 2-טן נאָוועמבער פאַרזיכערט דעם גענעראַל שינדלער, דעם שעף פון דער באַוואָפענונגס-אינספּעקציע אין דער גענעראַל-גובערניע, אַז ער וועט פאַר די לאַגער-אונטערנעמונגען צושטעלן 10.000 יידישע אַרבעטער, וואָס וועט דערמעגלעכן אויסצופירן די ווערמאַכט-באַשטעלונגען.

דער דערמאָנטער פאַקט, וועגן וועלכן גלאָבאָצניק האָט אין זיין געהיימען באַריכט פון 5-טן יאַנואַר 1944 ראַפּאָרטירט הימלערן,[11] באַווייזט די צווייפּנימדיקע האַנדלונג פון די עס-עס-פירער אַפילו אין באַצוג צו די מיליטערישע אָרגאַנען, וועלכע האָבן געוווסט די סודות פון דער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק לגבי די יידן.

---

[10] גלאָבאָצניקס ראַפּאָרט פון 1944.1.5, נירענב. דאָקום. נ.אָ. — 057.

[11] דצ"ו, פג"ל אויך די רעצענזיע פון א. אייזענבאך וועגן דער ארבעט פון סט. פּיאָטראָווסקי אין „בלעטער פאר געשיכטע", ב. II (1949), ה. 1—4.

דעם 3=טן נאָוועמבער האָט זיך כמעט אין אַלע לובלינער לאַגערן אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון די ייִדישע אסורים. אין משך פון צוויי טעג זענען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דערשאָסן געוואָרן די יידישע אַרבעטער אין די לאַגערן אין מיידאַנעק, פון אַלטן פלי=פלאַץ אין לובלין, פון טראַווניק, פּאָניאַטאָוו און אַנדערע לאַגערן. אין משך פון דער דאָזיקער פאַרברעכערישער אַקציע, דער אַזוי גערופענער „שניט=פייערונג“ („דאָזשינקי“), וואָס איז אין געהיים צוגעגרייט געוואָרן אין אַלע פּרטים, זענען לויט די אָפיציעלע רעלאַציעס אומגעקומען 42.000 יידן [12]. די יידן האָבן נישט געקענט אַרויסטרעטן אין באַוואָפנטן קאַמף, ווייל אומעטום האָט זיך די אַקציע אָנגעהויבן אומגעריכט. זיי האָבן דאָך באַוויזן צו פאַרניכטן אין די לאַגערן די פאַבריקן צוזאַמען מיט די אָנגעזאַמלטע אין זיי מאַטעריאַלן. לויט דער רעלאַציע פון שפּאָרענבערג האָט מען בלויז איבערגעלאָזט 2.000 יידן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אויף די פלי=פלעצער אין זאַמאָשטש, ביאַלע פּאָדלאַסקע און אין פולאַווו. אויך אין מיידאַנעק האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אַ געוויסע צאָל פרויען.[13]

אינעם באַגאַנגענעם פאַרברעכן האָט אַ דעצידירנדיקע ראָל געשפּילט דער פּאָליטישער מאָמענט. די מורא, אַז די אסורים זאָלן נישט באַפרייט ווערן דורך דער סאָוועטישער אַרמיי אָדער דורך די פּאַרטיזאַנער, האָט דעצידירט וועגן זייער גורל. דערביי דאַרף מען אויפקלערן, אַז די לאַגער=אונטערנעמונגען האָבן דעמלט אויסגעפירט וויכטיקע באַשטעלונגען, וואָס לאָזט זיך לייכט פעסטשטעלן אויפן סמך פון גלאָבאָצניקס און האָרנס רעלאַציעס.

לויט גלאָבאָצניקס באַריכט פונעם 5=טן יאַנואַר 1944 זענען אויפגעבויט געוואָרן 18 אינדוסטריע=פאַבריקן, אין וועלכע ס'זענען געווען באַשעפטיקט אַרום 52.000 יידישע אַרבעטער. די לייטונג פון אַלע פאַבריקן, אויסער די אונטערנעמונגען, וואָס האָבן פּראָדוצירט הייזקעל=אַעראָפּלאַנען, האָט זיך געפונען אין די הענט פון גלאָבאָצניקן. אין לובלינער דיסטריקט האָבן זיי, חוץ די צוויי קאָמביִנאַטן „אָסט אינדוסטריע“ און „דויטשע אוסריסטונגס=ווערקע“, אויך אַרומגענומען די טעקסטיל=אונטערנעמונגען אין פּאָניאַטאָוו און די קירזשנער=וואַרשטאַטן אין טראַווניק.

די „אָסטי“ האָט זיך זינט זומער 1943 שטאַרק פונאַנדערגעבויט. די „אָסטי“ האָט, חוץ די גלאָז=הוטעס אין וואָלאָמין, איבערגענומען די פאַבריקן, וואָס האָבן איבערגעאַרבעט טאָרף אויף קוילן פאַר די גענעראַטאָרן, און די פּראָדוקציע פון סמאָלע אין דאָראָהוטשע, ווי אויך די פאַבריקן פון בערשט און קאָשיק=אויסאַר=

[12] אקטן פון סטראָאָפּס פּראָצעס, ב. IV, ז. 853, גבית=עדות פון ס.ס.=אָבערשטורמבאַנפירער יאָהאַן אָפּערמאַן פאַרן פּוילישן דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל אין נירענבערג.

[13] שפּאָרנבערגס גבית=עדות, אקטן פון שפּאָרנבערגס פּראָצעס.

בעטונגען אין לובלין. פון 1-טן יולי האָט די „אָסטי“ איבערגענומען ביים עס-עס- און פּאָליציי-פירער אין ראַדאָם די דאָרטיקע וואַרשטאַטן פון באַקליידונג, טישלעריי, פאַרשידענע פאַבריקן און שטיינהאַקערייען, אין וועלכע עס זענען געווען באַשעפטיקט 6.000 יידישע אַרבעטער. אויסער דעם האָט „אָסטי“ סוף זומער פונאַנדערגעבויט אַ פאַבריק אין לובלין, אויסנוצנדיק די מאַשינען, וואָס זי האָט באַקומען פון די געטאָס אין וואַרשע און אין ביאַליסטאָק. אין דער דאָזיקער פאַבריק האָבן געאַרבעט 1.500 יידן. די „אָסטי“ האָט אויך איבערגענומען אַ קליינע פאַרמאַציע-פאַבריק אין לובלין, וואָס האָט באַשעפטיקט אויסשליסלעך יידישע אַרבעטער.

די אַלע אויסגערעכנטע פאַבריקן זענען ליקווידירט געוואָרן, מיטן אויסנאַם פון די הוטעס אין וואָלאָמין, די ציגל- און צעמענט-פאַבריקן אין לובלין און אין זאַמאָשטש, אין וועלכע ס׳האָבן געאַרבעט פּאָליאַקן, און די ראַדאָמער וואַרשטאַטן. לויט האָרנס באַריכט האָט די „אָסטי“ דעמלט פאַרלוירן 16.000 אַרבעטער.[14] דאָ ווערן, וואַרשיינלעך, אַריינגערעכנט די קירזשנער-פאַבריקן אין טראַווניק, וועלכע זענען אין אָקטאָבער איבערגעגאַנגען צו דער „אָסטי“.

ס׳איז ווערט צו דערמאָנען, אַז לויט גלאָבאָצניקס אויסרעכענונגען האָט דער „דאַ“וו“ באַשעפטיקט 5.445 יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אין משך פון די ערשטע 10 חדשים פון יאָר 1943 געאַרבעט 1.115.000 אַרבעטס-טעג און האָבן געגעבן א פּראָדוקציע פון מיליאָנען זלאָטעס.[15]

ווי האָט אויסגעזען דער באַשטאַנד פון די באַשטעלונגען אין די פאַבריקן דעם 3-טן נאָוועמבער, ד. ה. אין טאָג פון דער ליקווידאַציע? אויפן סמך פון גלאָבאָצניקס אָנגעגעבענע ציפערן קומט אויס, אַז:

אָסט-אינדוסטריע	אויף אַ סומע פון	5.552.000 זל.
דייטשישע אַמוניציע-ווערק	„ „ „	7.989.000 „
טעקסטיל-ווערק פּאָניאַטאָוו	„ „ „	13.000.000 „
פּעלצן-ווערק טראַווניק	„ „ „	4.536.000 „
	צוזאַמען	31.077.000 זל.

גלאָבאָצניק שטרייכט אונטער, אַז די סומע 31 מיליאָן איז בלויז דער אַרבעטס-לוין, דער אַלגעמיינער ווערט פון דער פּראָדוקציע איז פיל העכער. גלאָבאָצניק און האָרן האָבן אין זייערע באַריכטן אויך אָנגעגעבן די גענויע רשימה און דעם ווערט פון די באַשטעלונגען אויפן 3-טן נאָוועמבער.

[14] דאָקומענטן וועגן דער „אָסטאינדוסטריע“, נ. א. — 551, נ. אָ. — 854, נ. אָ. — 1039, נ. אָ. — 1906 אין די אַקטן פון פּאָהלס פּראָצעס; האָרנס ראַפּאָרט פון 1944.3.13 וועגן דער ליקווידאציע פון „אָסטי“.

[15] גלאָבאָצניקס באריכט פון אָנהייב יאנואר 1944.

די באַשטעלונגען, וואָס זענען אין דער ווייט גרעסטער מערהייט געמאַכט געוואָרן דורך דער מיליטערישער מאַכט, קאָנען אײַנגעטיילט ווערן אין פאָלגנדיקע גרופּן:

טעקסטיל־	סעקטאָר	אויף	אַ סומע	פון	10.338.000 זל.
האָלץ־	„	„	„	„	5.728.000 „
פוטער־	„	„	„	„	4.816.000 „
מעטאַל־	„	„	„	„	4.171.000 „
לעדער־	„	„	„	„	1.970.000 „
אַנדערע	„	„	„	„	4.054.000 „
				צוזאַמען	31.097.000 זל.

נישט אַרײַנלאָזנדיק זיך אין פּרטימדיקן ציפערן־אַנאַליז, דאַרף דאָך אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז נישט רעכענענדיק זיך מיט די קאָלאָסאַלע פּראָדוציר־מעגלעכקייטן פון די אויסגערעכנטע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געווירקט, אַז די עס־עס־אָרגאַנען און די באַוואָפענונגס־אינספעקציע זאָלן זיין פאַראינטערעסירט אין דער ווייטערדיקער פונאַנדערבויונג און אנטוויקלונג פון די פאַבריקן,[16] איז דאָך געקומען זייער פולשטענדיקער ליקווידאַציע.

האָרן דערמאָנט, אַז אַלע באַמיונגען צו ברענגען אויפסנייִ אין באַוועגונג די פאַבריקן II, III און V פון דער „אָסטי“ האָבן שוין נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן. סוף נאָוועמבער האָט פּאָהל פאַראָרדנט פונאַנדערצולאָזן די פאַרמאַסקירטע אַקציען־געזעלשאַפט. דעם 1־טן דעצעמבער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ כלומרשטער פּראָטאָקאָל פון אַן אַקציאָנערן־פאַרזאַמלונג פון דער „אָסטי“. האָרן איז באַשטימט געוואָרן אלס ליקווידאַטאָר און אלס יורש דער „דאַ“וו“[17]. פּאָהל האָט דעם 7־טן דעצעמבער פאַראָרדנט, אז פאָרלויפיק זאָל מען זיך אָפּהאַלטן מיטן פונאַנדערלאָזן די געזעלשאַפט. דאָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן פּראָיעקט איבערצוטראָגן די „אָסטי“ קיין לאָדזש[18]. צוליב דעם, וואָס ס׳האָט זיך נישט איינגעגעבן איבערצונעמען דאָס לאָדזשער געטאָ אַלס קאָנצענטראַציע־

---

[16] אורטייל אין פּאָהלס פּראָצעס, ז. 7959. — הימלער האָט אין זיין רעדע דעם 1943.10.4 אונטערגעשטראָכן דעם ווירטשאַפטלעכן מאָמענט און דערקלערט: „... דאַן (בעת דער מאַסן־שחיטה) האָבן מיר נישט דערשאַצט די מענטשן־מאַסע אַלס אַרבעטס־כוחות אין אַזאַ מאָס, ווי מיר טוען דאָס איצט. דער דאָזיקער מאָמענט איז אָן באַדייטונג, אויב מיר טראַכטן מיט קאַטעגאָריעס פון דער צוקונפט. ער איז אָבער באַדויערונגס־ווערט, אויב עס גייט וועגן... פאַרלוסט פון אַרבעטס־כוחות...“

[17] האָרנס באַריכט פון 1944.3.13; דאָקום. נ.אָ. — 1906, פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון 1943.12.1.

[18] נירענב. דאָקומענט. נ.אָ. — 1263.

לאַגער, איז מען ערשט דעם 24־טן פעברואר 1944 צוגעטרעטן צו דער ענדגילַ־טיקער ליקווידאציע פון דער „אָסטי"־געזעלשאפט.

* * *

די ליקווידאציע פון די לאַגערן אין לובלינער דיסטריקט איז נישט געווען קיין אָפּגעזונדערטע דערשיינונג. דער באשלוס פון די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען האָט זיך באַצויגן צו דער גאנצער צענטראלער גובערניע. אין משך פון חודש נאָוועמבער זענען אויך אנדערע לאַגערן פאר יידן ליקווידירט געוואָרן. אַזוי זענען ליקווידירט געוואָרן די לאַגערן אין שעבניע ביי יאסלע (3 נאָוו.), די לאַגערן יולאג I, II און III אין פלאַשוו, ביעזשאן און פּראָקאָטשים (15 נאָוו.), דער לאַגער אין קאָמאַראָווסקער הוטע און אויך דער אַזוי גערופענער יאַנאָווער לאַגער אין לעמבערג (20 נאָוו.). אינעם לעצטן לאגער האָבן די אסורים, וואָס האָבן אָנגעהאלטן אַ געוויסן קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאנער, צוגעגרייט אַן אויפשטאַנד. די פּלוצימדיקע ליקווידאציע פון לאַגער האָט אומגעריכט געטראָפן די אָרגאַניזאטאָרן פון ווידערשטאַנד. אַ געוויסע גרופּע אסורים האָט דאָך געשטעלט אַן אקטיוון ווידערשטאַנד און זיך דורכגעריסן דורך דער עסעס־וואך אין וואלד אריין. די איבעריקע זענען אומגעקומען [19]. דער יאַנאָווער לאַגער איז נישט געוואָרן פולשטענדיק ליקווידירט. אַ געוויסע גרופּע פאכמענער איז דאָרט געבליבן. אין אַנדערע לאַגערן ווידער, ווי אין בליזשין, איז דורכגעפירט געוואָרן (נאָוועמבער 1943) אַ סעלעקציע צווישן די אסורים.

אין דער צענטראלער גובערניע זענען נאָך געבליבן אייניקע יידישע לאַגערן אין ראדאָם, בליזשין, פלאַשוו און לעמבערג. אין הסכם מיט אַ פריערדיקער דעצי־זיע זענען זיי אָנהייב 1944 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן (ביז דעמלט זענען זיי געווען צוואנגס־ארבעטס־לאַגערן). אין ווירטשאַפטלעכן זין האָבן זיי געהערט צו דער נייער צענטראלע פון דא"וו אין דער גענעראַל־גובערניע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין קראָקע.

די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אויף אַזאַ אופן פאַרניכטעט איין יידישן ישוב נאָכן צווייטן, אַ לאַגער נאָך אַ לאַגער און גלייכצייטיק ליקווידירט די נאָך לעבנגעבליבענע יידישע באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע פּוילישע געביטן.

---

[19] פ. פרידמאַן: „דער אומקום פון די לעמבערגער יידן" (פּויליש), ז. 38. בעת דער ליקווידאציע פון לאגער איז אויסגעבראָכן דעם 20.11.1943 א בונט פון דער א.ג. טויט־בריגאַדע, וועלכע האָט געציילט הונדערט און עטלעכע צענדליק יידישע אסורים, וועלכע די היטלעריסטן האָבן געצוווּנגען צו פאַרברענען די טויטע קערפּערס און פאַרווישן די שפּורן פון די באַגאַנגענע פאַרברעכנס.

7. די פרווון פון „ריינהאַרד"-שטאַב איבערצונעמען דאָס לאָדזשער געטאָ

אויף די פוילישע אָקופּירטע געביטן איז פון די גרעסערע יידישע ישובים נאָך דער ליקווידאציע פון די לאַגערן געבליבן בלויז דאָס לאָדזשער געטאָ. ווי מיר האָבן שוין דערמאנט, איז דאָס לאָדזשער געטאָ געווען א פאראינטערעסירונגס=אָביעקט הן פון שפּעערן, הן פון הימלערן און גלאָבאָצניקן. האַרבסט=צייט פון יאָר 1943 האָט דאָס לאָדזשער געטאָ געציילט העכער 80.000 איינוווינער, פון וועלכע 60.000 האָבן געארבעט אין פארשידענע אונטערנעמונגען. הימלערס באַפעל פון סעפּטעמבער וועגן איבערטראנספּאָרטירן די פּראָדוציר=קרעפטן פון לאָדזשער געטאָ אין די לובלינער לאַגערן איז אויך געווען אַן אויסדרוק פון דער ווירטשאַפטלעכער פאראינטערעסירונג פון דער עסעס. גלאָבאָצניק האָט זיך, ווי מיר ווייסן, מיט דער דאָזיקער פראַגע ענערגיש באַשעפטיקט. ער האָט אהין ארויסגעשיקט דעם באַקאַנטן עסעס אָבערשטורמפירער קאָנראד, וועלכער האָט באַדאַרפט אויספאָרשן די מעגלעכקייטן וועגן שנעלן איבערפירן פון דאָרט די מענטשן און מאַשינען.

די פּאָליטישע סיטואציע האָט זיך דערווייל ראדיקאַל געענדערט. צוליב דעם, וואָס די היטלערישע מאַכט=אָרגאַנען האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אין לובלינער געגנט עקזיסטירט א פארצווייגטע ווידערשטאַנדס=באַוועגונג צווישן די יידישע אסורים, ווי אויך צוליב דער נאָענטקייט פון פראָנט[1], איז מען געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איבערפירן אהין דאָס לאָדזשער געטאָ איז נישט צוועקמעסיק. אויסער דעם, זענען ארויסגעשווומען פיל טעכנישע שוועריקייטן. ס'איז דעריבער אַנטשטאַנען א נייע, נישט ווייניקער פארברעכערישע קאָנצעפּציע צו פארוואנדלען דאָס לאָדזשער געטאָ אין א קאָנצענטראציע=לאַגער, וואָס וועט איבערגענומען ווערן דורך דער „אָסטי". דאָס זיך=אָרט פון דער דאָזיקער געזעלשאפט זאָל דעריבער איבערגעטראָגן ווערן קיין לאָדזש.

אין שייכות מיט דעם האָט הימלער דעם 3=טן דעצעמבער, אין א געהיימען באַפעל צו פּאָהלן, פאראָרדנט צו פארוואנדלען דאָס לאָדזשער געטאָ אין א קאָנצענטראציע=לאַגער[2]. אַלס פועל=יוצא דערפון וואָלט דאָס געטאָ פולשטענדיק

---

[1] די דייטשישע קאַפּאָס אין מיידאַנעק, וועלכע האָבן געהאַט קאָנטאַקטן מיט די ס.ס.=מענער, האָבן דערקלערט די מאסן=עקזעקוציע פון יידן דעם 3 נאָוועמבער 1943 צ.א. דערמיט, וואָס די סאָוויעטישע מיליטער=אָפּטיילונגען האָבן זיך גערוקט אויף מערב אין ראיאָן פון לוצק און ראָוונע. פג"ל לוקאשקעוויטש: „דער קאָנצענטראציע= און פארניכטונגס=לאַגער מיידאַנעק" פון ה.ק.פ.ה.פ., ב. IV, ז. 98.

[2] נירענב. דאָקומענט נ.אָ. — 519, פּאָהלס געהיימע קאָרעספּאָנדענץ צו הימלערן פון 9.2.1944.

אַרונטערגעפאַלן אין אַדמיניסטראַטיוו=פּאָליטישן, ווי אויך אין ווירטשאַפטלעכן זין, אונטער דער לייטונג פון עסעס. פאָהל און קאַלטענברונער האָבן, אין הסכם מיטן אויבן דערמאָנטן באַפעל, אַרויסגעשיקט זייערע פאָרשטייער קיין לאָדזש, בכדי זיי זאָלן זיך דאָרט באַקענען מיט דער סיטואַציע און פעסטשטעלן די קאָנקרעטע מעגלעכקייטן פון פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ קאָנצענטראַציע=לאַגער, וואָס זאָל איבערגענומען ווערן דורך דער „אָסטי“. אייכמאַן — דער שעף פון דער אָפּטיילונג פאַר יידישע ענינים ביי דער רסה"א און האָרן — דער ערשטער שעף פון „אָסטי“, זענען אַרויסגעפאָרן קיין לאָדזש. זיי זענען אַהין אָנגעקומען דעם 14=טן דעצעמבער אין דער באַגלייטונג פון מעלהאָרנען, דעם העכערן רעגירונגס=ראַטגעבער אין פויזן [3]. צוזאַמען מיטן שעף פון לאָדזשער געשטאַפּאָ בראַטפיש האָבן זיי באַזוכט אַלע אַרבעטס=וואַרשטאַטן. זיי האָבן צוזאַמענגעשטעלט גענויע סטאַטיסטישע ציפערן פון דער באַפעלקערונג אין געטאָ, וועגן איר סטרוקטור, אָרגאַניזאַציע א.אַ.וו. פון זייער קורצן פּראָטאָקאָל, וואָס איז דאָרט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, דערוויסן מיר זיך, אַז זיי האָבן דעמלט אַרומגערעדט די באַדינגונגען פון איבערנעמען דאָס געטאָ דורך דער צענטראַלע פון די קאָנצענטראַציע=לאַגערן.

זיי האָבן פעסטגעשטעלט די נויטווענדיקייט פון פאַרקלענערן דאָס געטאָ דורך אַ סעלעקציע פון די געטאָ=איינוווינער, דורך אויסזידלען די קראַנקע, זקנים, פרויען און קינדער. מאַורער האָט זיך באַדאַרפט פאַרנעמען מיטן דורכפירן די ראָזיקע פאַראָרדענונגען; ער האָט זיך באַדאַרפט פאַרנעמען מיט דער זיכערהייטס=פראַגע פון לאַגער, מיט דער דערנערונג און באַקליידונג פון די אַסורים. האָרנען ווידער זענען אָנפאַרטרויט געוואָרן די טעכניש=ווירטשאַפטלעכע פראַגן.

אויף דער דערמאַנטער באַראַטונג זענען אויך באַהאַנדלט געוואָרן פערסאָנעלע פראַגן, די פראַגע פון רעאָרגאַניזירן די אונטערנעמונגען און צופּאַסן זייער גאַנצע אַדמיניסטראַציע צו דער סיסטעם פון קאָנצענטראַציע=לאַגערן, לוין פאַר אַסורים א.א. [4]. עס זענען אויך באַהאַנדלט געוואָרן פינאַנסיעלע פראַגן. מען האָט דאָך באַדאַרפט פעסטשטעלן, צי דאָס יידישע פאַרמעגן איז איבערגעגאַנגען צו דער לאָקאַלער מאַכט, אָדער די וופה"א וועט קאָנען דאָס פאַרמעגן איבערנעמען. האָרן האָט לסוף געמאָלדן, אַז אין שייכות מיט דער ליקווידאַציע פון די אונטערנעמונג V „אָסטי“, ד.ה. די פאַבריקן פון מעטאַל=אויסאַרבעטונגען אין לובלין, וועט ער די מענטשן און מאַשינען איבערשיקן קיין לאָדזש. אויף איבערצונעמען די דאָזיקע אונטערנעמונגען זענען טאַקע פון געטאָ געשיקט געוואָרן 10 מענטשן קיין לובלין.

---

[3] אַקטן ג.פ. VI/15, ז. 382—384, ידיעות וועגן די קאָמיסיעס.

[4] נירענב. דאָקומענט נ.אָ. — 519. — מען האָט שוין אַפילו באַשטעלט 344 פירער, 544 אָפּטיילונגס=לייטער, חוץ דעם 200 קאַפּאָס און אויפזעערס.

דער שעף פון „אָסטי“ האָט איבערגעלאָזט אין לאָדזש אַ ברייט באַארבעטע אַנקעטע, וואָס האָט אַרומגענומען אויספירלעכע ידיעות וועגן לאָדזשער געטאָ. די ידיעות האָט ביבאָוו באַדאַרפט איבערשיקן קיין לובלין. ביבאָוו האָט, טראָץ די פילמאָליקע אויפפאָדערונגען, די פאַרלאַנגטע ידיעות נישט צוגעשטעלט. דאָס אָפּשלעפּן מיטן צושיקן די געפאָדערטע אינפאָרמאַציעס איז נישט געווען אַזוי צוליב די טעכנישע שוועריקייטן ביים זאַמלען זיי, ווי צוליבן דרוק, וואָס איז געקומען מצד דער באַוואָפענונג=אינספּעקציע און א.ק.וו. ווי נאָר שפּעטער האָט זיך דערוווסט וועגן הימלערס דעציזיע וועגן לאָדזש, האָט ער תיכף ארויסגעשיקט קאָמיסיעס דעם ענין אויסצופאָרשן. דאָס געטאָ איז פון 9=טן דעצעמבער אָן באַזוכט געוואָרן דורך פאַרשידענע קאָמיסיעס פון א.ק.וו., פון דער באַוואָפענונגס=אינספּעקציע אין פּויזן און אין לאָדזש, וועלכע האָבן ארויסגעפאָדערט פון דער געטאָ=פאַרוואַלטונג פאַרשידענע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן דער גרויס פון דער ארבעטס=קראַפט, וועגן פּראָבלעם פון דער איצטיקער פּראָדוקציע און וועגן אירע פאַרגרעסערונגס=מעגלעכקייטן. אויסער דעם איז ביבאָוו אַליין — נאָכן וויזיט פון אייכמאַנען און האָרגען — געפאָרן אינטערווענירן ביי די צענטראַלע מאַכט=אָרגאַנען אין פּויזן און אין בערלין[5]. ווי ס'איז באַוווסט, האָט דאָך דאָס לאָדזשער געטאָ געהערט צו די דאָזיקע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער שפּעערס קאָנטראָל.

דעם 10=טן יאַנואַר 1944 האָט ריבבע ארויסגעשיקט צו דער באַוואָפענונגס=אינספּעקציע די פאַרלאַנגטע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן. דערביי האָט ריבבע אויפגעקלערט, אַז ביים איצטיקן צושטאַנד קאָנען די געטאָ=פאַבריקן טעגלעך אויסאַרבעטן די פולע אויסשטאַטונג (אויסער שיך) פאַר 5.000 זעלנער[6]. ענלעכע מאַטעריאַלן זענען ארויסגעשיקט געוואָרן מיט עטלעכע טעג שפּעטער קיין לובלין. מיט די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָט זיך האָרן באַנוצט ביים אויסאַרבעטן זיין באַריכט וועגן לאָדזשער געטאָ.

עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז אויפן צייטווייליקן גורל פון לאָדזשער געטאָ האָט אין אַ געוויסער מאָס געווירקט די דעציזיע פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז דעם 4=טן יאַנואַר 1944 פאָרגעקומען אין היטלערס הויפּט=קוואַרטיר. היטלער — אַרומגערינגלט פון זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער: שפּעער, זאַוקעל, קייטעל, מילך, באַקע[7], הימלער און לאַמערס — האָט געפאָדערט אַן אויפקלערונג, וויפל ארבעטס=קרעפטן די דייטשישע קריגס=ווירטשאַפט דאַרף האָבן

---

[5] אקטן ג.פּ. 17/VI, ז. 15, ידיעות וועגן ביבאָווס רייזעס.

[6] ארכיוו פון יי.ה.א., אקטן ג.פּ. 21/XXXVII.

[7] גענעראַל פעלדמאַרשאַל מילך איז געווען דער גענעראַל=אינספּעקטאָר פון לופט=פלאָט; באַקע איז געווען דער שטאַאַטס=סעקרעטאַר אין אַפּראָוויזאַציע=מיניסטעריום פון III רייך.

אויף: 1) איינצוהאַלטן דעם ביזאיצטיקן פּראָדוקציע-פּאָטענציאַל, און 2) אויף צו פאַרשטאַרקן די באַוואָפענונגס-פּראָדוקציע. היטלער האָט חוץ דעם געפאָדערט, עס זאָל פעסטגעשטעלט ווערן די צאָל אַרבעטער, וואָס מען קאָן באַקומען אַלס דערגענצונג פון רייך און פון די אָקופּירטע לענדער.

זאַוקעל און שפּעער האָבן אויפגעקלערט. זאַוקעל האָט דערקלערט, אַז כדי איינצוהאַלטן דעם ביזאיצטיקן פּראָדוקציע-צושטאַנד מוז ער האָבן אין יאָר 1944 2,5 ביז 3 מיליאָן נייע אַרבעטער. אין קעגנפאַל וועט די קריגס-פּראָדוקציע באַדייטנדיק פאַלן. שפּעער ווידער האָט דערקלערט, אַז אומאָפּהענגיק פון זאַוקעלס פאָדערונגען מוז ער האָבן אויף צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון אייזן נאָך 1,3 מיליאָן אַרבעטער. שפּעער האָט באַטאָנט, אַז דאָס „באַקומען אַ צוגאָב פון אַרבעטס-קרעפטן פון די אָקופּירטע געביטן דאַרף געשען בתנאי, אַז פון דאָרטן זאָלן נישט אַרויסגעצויגן ווערן די אַרבעטער פון דער קריגס-אינדוסטריע“[8]. אין קעגנפאַל וועט דאָס אין רעזולטאַט דערפירן צום פאַלן פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע.

לויט לאַממערס פּראָטאָקאָל פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ זעען מיר, אַז היטלער האָט אַפּראָבירט שפּעערס שטעלונג און אונטערגעשטראָכן, אַז די פאַראָרדענונג וועגן דעפּאָרטירן אַרבעטס-קרעפטן פון די אָקופּירטע לענדער אין רייך זאָל נישט אַרומנעמען די אַרבעטער, וועלכע זענען דאָרט באַשעפטיקט אין דער קריגס-אינדוסטריע, ווייל אַזאַ אופן פון איבערוואַרפן אַרבעטער קאָן אַריינברענגען אַ כאַאָס אין דער מלחמה-ווירטשאַפט. די דאָזיקע דעציזיע האָט זיך קודם-כל באַצויגן צו די נישט-יידישע אַרבעטער פון די אָקופּירטע לענדער. הגם הימלער האָט אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ פייערלעך פאַרזיכערט צוצושטעלן 4 מיליאָן אַרבעטער[9], איז די ווירטשאַפטס-סיטואַציע אין רייך, צוו. אנד. דער מאַנגל אין אַרבעטס-קראַפט, געווען זייער אַ קריטישע.

די דעציזיע פון 4-טן יאַנואַר האָט דירעקט געהאַט אַן איינפלוס אויפן פאַרלויפיקן גורל פון לאָדזשער אינדוסטריע-פונקט, דער עיקר צוליב דעם, וואָס דאָס מיניסטעריום פאַר אַמוניציע און באַוואָפענונג האָט געהאַט אין לאָדזשער געטאָ עטלעכע צענדליק טויזנט כמעט אומזיסטע אַרבעטער, צווישן זיי פיל פאַכלייט, וועלכע האָבן אויסגעפירט וויכטיקע באַשטעלונגען פאַר דער אַרמיי.

אייכמאַן און האָרן האָבן דערווייל בייגעלייגט אַ באַריכט צו זייער העכערער מאַכט וועגן זייער באַזוך אין געטאָ. דעם 24-טן יאַנואַר, נאָכן באַקומען צוגאָב מאַטעריאַלן פון לאָדזשער געטאָ, האָט האָרן איבערגעשיקט צו פאָהלן אַ גענויעם

[8] אין טעקסט איז בוכשטעבלעך

„...diese Arbeitskräfte dürfen nicht der schaffenden Rüstungs- und Zulieferungsindustrie der besetzten Gebiete entnommen werden“.

[9] דער פּראָצעס“, ב. XXVII, ז. 106, דאָקום. פּ.ס. — 1292.

באַריכט א.ג. „די פאַבריקן אין לאָדזשער געטאָ און די „אָסט⸗אינדוסטריע“ [10] האָרנס באַריכט האָט אויספירלעך אינפאָרמירט וועגן לאָדזשער געטאָ. ער האָט אָנגעגעבן די צאָל פון דער באַפעלקערונג אויפן 11⸗טן יאַנואַר 1944, די אַלגעמיינע שטערבלעכקייט, דעם שטח פון געטאָ, די פאַרבוטענע א.א.וו. פון דער אַלגעמיינער צאָל 80.062 יידן האָבן אין 99 אונטערנעמונגען געאַרבעט 60.200 פּערזאָן:

אין מעטאַל⸗סעקטאָר		—	5.317	אַרבעטער
„ האָלץ⸗	„	—	4.463	„
„ לעדער⸗	„	—	11.570	„
„ טעקסטיל⸗	„	—	28.754	„
„ אַנדערע	„	—	10.096	„

פון דער רעשט זענען 19.862 פּערזאָן געווען באַשעפטיקט אין דער געטאָ⸗אַדמיניסטראַציע (קאַנצעלאַריעס, אָרדנונגס⸗דינסט, פייערלעשער), די איבעריקע זענען געווען קינדער יינגער פון 10 יאָר און קראַנקע.

האָרן האָט סוגערירט, אַז די צאָל באַשעפטיקטע אין דער מלחמה⸗פּראָדוקציע זאָל פאַרגרעסערט ווערן מיט 17.500 אַרבעטער דורכן פאַרקלענערן אויף אַ העלפט די אַרבעטער אין דער אַדמיניסטראַציע און דורכן ליקווידירן 14 אַנשטאַלטן פון דער נישט קריגס⸗פּראָדוקציע (וואָס האָבן באַשעפטיקט 10.921 אַרבעטער).

האָרן האָט באַצייכנט די טעכנישע אויסשטאַטונג פון די פאַבריקן, אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע אין רייך, אַלס פּרימיטיווע. האָרן האָט אויך געהאַלטן, אַז די דיסלאָקאַציע איז נישט פּלאַנמעסיק, ווייל די אונטערנעמונגען אויפן געטאָ⸗שטח זענען אַזוי פונאַנדערגעוואָרפן, אַז דער מהלך צווישן די ענדפּונקטן מאַכט אויס אין אַ גראָדער ליניע 3,5 קילאָמעטער. אויף צו באַזוכן אַלע פאַבריקן דאַרף מען דעריבער דורכמאַכן 25 קילאָמעטער.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש זענען האָרנס באַמערקונגען וועגן דער אַרבעטס⸗פּראָדוקטיווקייט אין די אונטערנעמונגען. ער האַלט, אַז זי איז זייער אַ נידעריקע. אַלס ביישפּיל ווייזט ער אָן אויף דעם, אַז דער דורכשניטלעכער ווערט פון אַ טאָג אַרבעט אין דער פּראָדוקציע מאַכט אויס אויף יעדן געטאָ⸗איינוווינער 1,5 ר. מ., דעמלט ווען אַן אַרבעטער, וואָס ווערט אויסגענוצט פּראָדוקטיוו (ד. ה. אין קאָנצענטראַציע⸗לאַגער), פּראָדוצירט טעגלעך אין א ווערט פון 2,5 רמ. די סיבה פון אַזאַ אונטערשיד זעט האָרן, צווישן אַנדערע, אין דעם, וואָס די לייטונג אין די

[10] דער ראַפּאָרט איז דאַטירט פון לובלין, דעם 1944.1.22, טיילט זיך אויף 5 קאַפּיטלען: באַמערקונגען, לאָדזשער געטאָ, געטאָ⸗אונטערנעמונגען, צי אַרבעטן די געטאָ⸗אונטערנעמונגען ווירטשאַפטלעך (רענטאַבל), דאָס איבערנעמען די אונטערנעמונגען דורך דער „אָסטי“. קאָפּיעס פון דעם ראַפּאָרט האָבן באַקומען אין בערלין די העכערע ס.ס.⸗פירער בייער און פאָלק.

דאָזיקע אונטערנעמונגען געפינט זיך אין יידישע הענט, וואָס עס פעלט די געהעריקע קאָנטראָל איבערן פּראָדוקציע־פּראָצעס און פון אַ געהעריקן אויסנוצן די אַרבעטס־קרעפטן. פון האָרנס באַמערקונגען דרינגט, אַז דער פּאָפּולערסטער לאָזונג אין געטאָ „פּ.פּ." (פּראַצוי פּאָוואָלי) האָט געברענגט דער אָקופּאַציע־מאַכט פיל מאַטעריעלע שאָדן.

האָרן האַלט, אַז די געטאָ־אונטערנעמונגען ברענגען נישט קיין רווחים. די אויסרעכענונגען פון דער אָרטיקער מאַכט וועגן די גרויסע רווחים פון דער פּראָדוקציע אין געטאָ זענען, לויט זיין מיינונג, פאַלשע. זיי רעכענען נישט קיין דירה־געלט, קיין נאָרמאַלע שטייערן, די אויסגאַבן אויף רוישטאָף און אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס די פאַבריקן באַקומען בחינם פון די געטאָ־זאַפּאַסן, וואָס אַ טאָג־לוין, אָנשטאָט 2,5 רמ. מאַכט אויס 0,75 רמ. האָרן האָט נישט ווילנדיק מיילווייז אויפגעדעקט דעם פּאָרהאַנג פון דער רויבערישער פּאָליטיק פון דער געטאָ־פּאַרוואַלטונג און פון דער שקלאַפן־עקספּלאָאַטאַציע איבער די רעשטלעך יידן אין לאָדזש. האָרן האָט אָנגעוויזן, אַז לויט די מאַטעריאַלן פון ג. פּ. זענען אין יאָר 1943 דורכשניטלעך געווען באַשעפטיקט 60.000 אַרבעטער אין משך פון 300 אַרבעטס־טעג. ביי אַ דורכשניטלעכן לוין פון 0,75 רמ., אָנשטאָט אַפילו דעם נידעריקן לוין פון 1,75, האָט מען אין משך פון איין יאָר פאַרדינט 18 מיליאָן מאַרק. דאָס הייסט נישט, אַז האָרן האָט געהאַלטן, אַז מ'דאַרף די יידישע אַרבעטער אויסצאָלן דעם פולן לוין. אין דעם סיסטעם פון „ק. ל." האָבן די אסורים אַפילו דעם דאָזיקן נעבעכדיקן לוין אויך נישט באַקומען. זיי האָבן דאָרט באַקומען בלויז שמאַטעס און תפיסה־זופּעס. די קאָלאָסאַלע הכנסות פונעם קאָנפיסקירטן יידישן פאַרמעגן און פון דער אַרבעט פון די יידישע אסורים, וואָס זענען געפלאָסן אין די קאַסעס פון דער אָרטיקער מאַכט פון דער ה.ט.א. און פון די גרויסע דייטשישע פירמעס, וואָלטן איצט איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער וו.פּ.ה.א. אויף צו פאַרפעסטיקן ווירטשאַפטלעך די עס־עס און אויף בויען נייע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

האָרן האָט סוגערירט, אַז כדי אויסצומיידן „אָרטיקע שוועריקייטן", זאָל די „אָסטי" איבערנעמען דאָס געטאָ בעתן פאַרוואַנדלען עס אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. לסוף האָט האָרן אַרויסגערוקט אַ ריי פאָדערונגען צו פאַהלן: ס'זאָלן אים צוגעשטעלט ווערן דערפאַרענע קאַפּאָס פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווי אויך קרעדיטן פון 20 מיליאָן מאַרק אויף איינצוקויפן רוישטאָפן, מאַשינען. א. א.

מיר האָבן זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף האָרנס באַריכט, ווייל דער אַנאַליז פון די באַהאַנדלטע פראַגן אין דאָזיקן באַריכט וועט אונדז דערמעגלעכן בעסער צו פאַרשטיין די סיבות, פאַרוואָס ביידע צדדים האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן לאָדזשער געטאָ אַלס וויכטיקער פּונקט פון דער קריגס־אינדוסטריע און קוואַל פון קאָלאָסאַלע הכנסות.



Abschrift.

Der Reichsstatthalter
im Reichsgau
Wartheland

Posen, den 14. Februar 1944.

Akt.Zek: P. 306/44

Geheime Reichssache!

An

SS-Obergruppenführer Pohl,
Verwaltungshauptamt

Berlin-Lichterfelde-West,
Unter den Eichen 127-129.

Lieber Parteigenosse Pohl !

Anläßlich des vorgestrigen und gestrigen Besuches des Reichsführers-SS in Posen hatte ich Gelegenheit, folgende zwei Fragen, die Ihr Arbeitsgebiet betreffen, zu besprechen und zu klären. Die erste Frage ist folgende :

Das Ghetto in Litzmannstadt soll nicht in ein KL umgewandelt werden, wie es die von Ihrer Dienststelle in meinen Gau entsandten SS-Oberführer Baier und SS-Hauptsturmführer Dr. Volk in ihrer bei meiner Behörde, der Reichsstatthalterei in Posen, gehabten Besprechung am 5. Februar betont haben. Der Erlaß des Reichsführers-SS vom 11. Juni 1943 wird insofern nicht mehr zur Ausführung kommen. Ich habe mit dem Reichsführer folgendes vereinbart :

a) Das Ghetto wird personell auf ein Mindestmaß verringert und behält nur so viel Juden, wie sie unbedingt im Interesse der Rüstungswirtschaft erhalten werden müssen.

b) Das Ghetto bleibt damit ein Gau-Ghetto des Reichsgaues Wartheland.

c) Die Verringerung wird durch das im Gau schon früher tätig gewesene Sonderkommando des SS-Hauptsturmführers Bothmann durchgeführt werden. Der Reichsführer wird Befehl erteilen, dem

גרייזערס בריוו צו פּאָהלן, אין וועלכן ער מאכט אים באַקאַנט וועגן זיין אָפּמאַך
מיט הימלערן בנוגע דעם לאָדזשער געטאָ

שטיצנדיק זיך אויף הימלערס דעציזיע און אויף די אינפאָרמאַציעס פון האָרנען, איז פאָהל צוגעטרעטן איבערצונעמען דאָס לאָדזשער געטאָ. בכדי צו פינאַליזירן די אָנגעהויבענע אַרבעט, זענען אַרויסגעפאָרן קיין פויזן די דעמלטיקע לייטערס פון „וו“-אָפטיילונג: דער עס-עס-אָבערפירער באַיער און דער עס-עס-הויפטשטורמפירער פאָלק. דעם 5-טן פעברואַר 1944 האָבן זיי דאָרט אָפגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט גרייזערס פאָרשטייער: רייכסהויער און האוסלערן.

לויטן פראָטאָקאָל פון דער באַראַטונג [11] האָבן די פאָרשטייער פון דער אָרטיקער מאַכט כלומרשט נישט געוווסט וועגן הימלערס דעציזיע וועגן פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער. זיי האָבן דערקלערט, אַז גרייזער האָט הימלערס אַ בריוו פון סעפטעמבער 1943, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן איבערטראָגן די פראָדוציר-כוחות פון געטאָ קיין לובלין. די פאָרשטייער פון וו.פ.ה.א. האָבן צוגעזאָגט מיטצוטיילן גרייזערן וועגן הימלערס לעצטער דעציזיע. דערביי האָבן זיי באַטאָנט, אַז „צוליב טעכנישע און היינט אויך פאָליטישע טעמים קומט די אויסזידלונג מער נישט אין באַטראַכט“. די באַראַטונג האָט אַלס באַזע פאַר די געשפרעכן אָנגענומען הימלערס לעצטע דעציזיע און זיך באַגרענעצט בלויז צו ווירטשאַפטלעך-פינאַנסיעלע פראַגן. באַיער און פאָלק האָבן זיך באַמיט אויפצוווייזן, אַז דאָס פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער וועט נישט בלויז הייבן די פראָדוקציע פון די דאָרטיקע אונטערנעמונגען, נאָר וועט אין רעזולטאַט ברענגען נוצן פאַר דער גאַנצער פראָווינץ. ס'וועט פאַרקלענערט ווערן דער געטאָ-שטח און זיין באַפעלקערונג, און די שטאָט וועט באַקומען אַ טייל פון דעם פריי געוואָרענעם שטח. אויסער דעם, וועלן די לאַגער-אונטערנעמונגען קאָנען באַשטימען אַ טייל פון זייער פראָדוקציע פאַר די נויטיקע באַדערפענישן פון דער פראָווינץ.

שפעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש וועגן די פינאַנסן. גרייזערס פאָרשטייער האָבן פאַרלאַנגט אַנטשעדיקונג פאַר די מאַשינען אין דער הייך פון 18—20 מיליאָן מאַרק און אַ חלק אין די רווחים פון די אונטערנעמונגען. די עס-עס-לייט האָבן אויף דעם געענטפערט מיט צינישער אָפנהאַרציקייט, אַז דאָס פאַרמעגן נאָך די יידן און דער שטח איז אַ רעגירונגס-אייגנטום און געהערט דעריבער צום רייך. דערביי האָבן זיי דערקלערט, אַז די אונטערנעמונגען ברענגען נישט קיין רווחים און די שטייערן זענען איצט פיל גרעסערע. פאָהלס באַפולמעכטיקטע האָבן, נאָך לאַנגע דינגענישן, פראָפאָנירט גרייזערן פאַר עקספלאָאַטירן די מאַשינען און בנינים אַן אַרענדע-סומע, וואָס וואָלט אויסגעצאָלט געוואָרן דער אָרטיקער מאַכט נאָכן באַקומען אַ הסכם פונעם פינאַנס-מיניסטער.

---

[11] דאָקומענט נ.אָ. — 519, דער פראָטאָקאָל איז צוגעגרייט און אונטערגעשריבן געוואָרן דורכן ס.ס.-הויפטשטורמפירער פאָלק אין בערלין דעם 1944.2.9.

ווי מיר זעען, האָבן זיך די געשפּרעכן געפירט אַרום צווייטראַנגיקע ענינים, דאָס אָננעמען אַ דעציזיע וועגן פּרינציפּיעלע ענינים איז נישט געלעגן אין זייער קאָמפּעטענץ. גרייזערס פאָרשטייער האָבן זיך באַמיט צו דערגיין, ווי ווייט עס וועלן גרייכן די הנחות פון פּאָהלס פאָרשטייער. אַלס אַן אַטוט אין דער אָפּשלעפּונגס־שפּיל איז געווען דאָס פעלן פון הימלערס אָפיציעלער דעציזיע. אינצווישן האָט דער גאַולייטער, אין פאַרשטענדיקונג מיט דער באַוואָפענונגס־אינספּעקציע, געמאַכט שטאַרקע באַמיונגען אַז דאָס געטאָ זאָל בלייבן אונטער זיין אויסשליסלעכער קאָנטראָל און מיילא וועט ער פאַרזיכערן פאַר זיך די מעגלעכקייט פון עקספּלאָאַטירן דעם דאָזיקן ווערטפולן אָביעקט.

דעם 9־טן פעברואר, נאָך דעם, ווי פּאָהל האָט דערהאַלטן די באַריכטן פון זיינע שלוחים, האָט ער געמאָלדן הימלער, וועגן די אַנטשטאַנענע שוועריקייטן. גלייכצייטיק האָט ער אים געבעטן מיטצוטיילן גרייזערן זיין דעציזיע וועגן לאָדזש, ווייל — האָט ער אונטערגעשטראָכן אין דאָזיקן בריוו — ער וויל נאָך אין משך פון חודש פעברואר פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. די שוועריקייטן זענען וואַרשיינלעך געווען ערנסטע, אויב פּאָהל אַליין אין דער באַגלייטונג פון פאָלקן איז געפאָרן קיין לאָדזש, כדי צו פאַרענדיקן זיין פאַרבערעכעריש ווערק [12].

דאָס אָנקומען קיין לאָדזש פון פאַרשידענע דעלעגאַציעס, דאָס כסדר'דיקע לוסטרירן די אַרבעטס־וואַרשטאַטן און ספּעציעל די פאַרזיכטס־מיטלען, וועלכע זענען דערביי אָנגעווענדעט געוואָרן, דאָס פאָדערן פון דער יידישער אַדמיניסטראַציע, זי זאָל צושטעלן גענויע סטאַטיסטישע ציפערן וועגן דער באַפעלקערונג און וועגן דער געטאָ־פּראָדוקציע — האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע באַאומרואיקונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. זי האָט אָפּגעפילט, אַז עס דעצידירט זיך איר גורל. פאַרשידענע קלאַנגען און ווערסיעס האָבן קורסירט אין לאָדזש וועגן דעם באַזוך פון די קאָמיסיעס. זיי האָבן אויך געפונען אַ געוויסע אָפּשפּיגלונג אינעם „ביולעטין פון דער מעגלעכער כראָניק", אין וועלכן ס'איז פאַרצייכנט געוואָרן, אַז די עסעס דאַרף איבערנעמען דאָס געטאָ, אַז דאָס געטאָ גייט איבער אונטער דער „אָסטי"־פאַרוואַלטונג און אַלס לייטערס פון לאָדזשער געשטאַפּאָ וועלן ווערן קאָנראַד און האָרן. הגם דאָס געטאָ איז געווען שטרענג איזאָלירט, הגם די געשפּרעכן צווישן די פאָרשטייער פון די אָנפירנדיקע מאַכט־אָרגאַנען פון עסעס און א.ק.וו. מיט בראַדפישן און ביבאָוו זענען געפירט געוואָרן אין שטרענגער געהיימ־

[12] אורטייל אין פּאָהלס פּראָצעס, ז. 8073; אין „ביולעטין פון דער געטאָ־כראָניק" ווערט אין די טעג פון 2 ביזן 14 יאַנואַר 1944 נאָטירט, אַז דאָס געטאָ באַזוכן פאַרשידענע קאָמיסיעס פון דער ס.ס. און ווערמאַכט. אַרכיוו פון יי.ה.א., אַקטן ג"פ 17/VI, ז. 51—70.

ניש, דאָך זענען צו דער באַפעלקערונג און באַזונדערס צו דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע דערגאַנגען געוויסע ידיעות וועגן ווייטערדיקן גורל פון געטאָ[13].

נאָך מער האָט זיך פאַרשטאַרקט די באַאומרואיקונג, ווען ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן אויסזידלונגען, וואָס דאַרפן דאָ פאָרקומען און וועגן איבערזידלונגען פון אַנדערע ערטער. אַז די קלאַנגען האָבן אַ גרונט, האָט די באַפעלקערונג געזען אין דעם, וואָס דעם 7־טן פעברואַר — ווי ס'האָבן נאָטירט די כראָניקער — האָט מען אין געטאָ געוווּסט, אַז ס'איז אָנגעקומען פון די לובלינער מעטאַל־פאַבריקן אַ גרעסערע צאָל מאַשינען. וועגן איבערשיקן די דאָזיקע מאַשינען האָט האָרן שוין פאָרויסגעזאָגט אויף דער דעצעמבער־באַראַטונג אין לאָדזש. אין משך פון איין וואָך (7—14 פעברואַר) זענען פאַקטיש אָנגעקומען 15 וואַגאָנען מיט מאַשינען[14].

אין די ערשטע טעג פון פעברואַר האָט מען אין לאָדזש אויך געוווּסט, אַז די אָרטיקע מאַכט האָט געפאָדערט אַרויסצושיקן 1500 יידישע אַרבעטער אין די באַוואָפענונגס־פאַבריקן פון דער גענעראַל־גובערניע[15]. דער דאָזיקער באַשלוס איז וואַרשיינלעך אָנגענומען געוואָרן אין דער העלפט יאַנואַר, ווען אין שייכות מיט פּראָיעקט צו פאַרקלענערן דאָס געטאָ און עס איבערגעבן דער „ריינהאַרד־אָפּעראַציע", האָט דער נייער שטאַטס־סעקרעטאַר פאַר זיכערהייטס־ענינים אין גענעראַל־גובערניע, דער עסעס־אָבערגרופּנפירער קאָפּפּע, פאַרלאַנגט, אַז גרייזער זאָל אים אָפּטרעטן 1500 יידן. גרייזער, וועלכער האָט אין משך פון 4 יאָר מיטגעאַרבעט מיט קאָפּפּען, האָט מסכים געווען אויף דער דאָזיקער טראַנזאַקציע. ער האָט אָבער אין זיין דערמאָנונג פון 12־טן פעברואַר אינסטרואירט ביבאָוון, אַז דאָס קענען נישט זיין קיין קוואַליפיצירטע אַרבעטער. „עס קענען בשום אופן נישט זיין אַזעלכע יידן, וועלכע זענען פאַבריקס־פאַכלייט און דאַרפן אין די אינטערעסן פון דער באַוואָפענונגס־אינדוסטריע אויף ווייטער אין געטאָ אויסגענוצט ווערן".

די דערמאָנטע פאָרמולירונג באַווייזט, אַז כאָטש גרייזער האָט אָפּגעטראָטן אַ געוויסע צאָל פון זיינע שקלאַפן, האָט ער דאָך גערעכנט, אַז מ'וועט איבערלאָזן דאָס געטאָ אין די ראַמען פון ביזאַיצטיקן סיסטעם. דעריבער האָט ער געוואָלט איבערלאָזן פאַר די געטאָ־אונטערנעמונגען קוואַליפיצירטע אַרבעטס־קרעפטן.

---

[13] „בולעטין פון דער געטאָ־טאָגכראָניק", דעם 1944.2.14 ווערט נאָטירט, אַז זינט אַ לענגערער צייט רעדט מען אין געטאָ וועגן דעם, אַז דאָס געטאָ גייט אַריבער פון דער קאָמפּעטענץ פון בירגערמייסטער אונטער דער אויפזיכט פון דער ס.ס.... דאָס געטאָ, מחמת עס געהערט צוםווירטשאַפטלעכן סעקטאָר, וועט, וואַרשיינלעך, איבערגענומען ווערן דורך דער געזעלשאַפט „אָסט־אינדוסטריע", אקטן ג"פ. 17/VI, ז. 70.

[14] אקטן ג"פ, 87/XXXIV.

[15] אקטן ג"פ. 17/VI, ז. 57, 59.

דער גורל פון לאָדזשער צענטער איז קורץ נאָך דער טרעפונג פון הימלערן מיט גרייזערן געלעזט געוואָרן. אין די טעג פון 12־טן פעברואר 1944 איז געקומען צו א געוויסער פארשטענדיקונג, לויט וועלכער — ווי עס דרינגט פון גרייזערס בריוו פונעם 14־טן פעברואר 1944 צו פאָהלן:

1) „דאָס לאָדזשער געטאָ וועט נישט ווערן פארוואנדלט אין א קאָנצענטראַציע־לאַגער, נאָר ס'וועט בלייבן ווי א צענטראל געטאָ אין דער פראָווינץ „ווארטע".

2) דאָס געטאָ וועט פארקלענערט ווערן ביז צום נויטיקן מינימום און „וועט איינהאַלטן אזויפיל יידן, וויפל די אינטערעסן פון דער באוואָפענונגס־ווירטשאַפט וועלן עס פאָדערן". ס'איז אויך באשלאָסן געוואָרן, אז „פאַרקלענערן דאָס געטאָ", ד. ה. ליקווידירן אַ גרעסערע צאָל פון זיינע איינוווינער, וועט דורכפירן די ספּעציעלע עסעס־זאָנדערקאָמאנדע פון באטמאַן, וועלכע הימלער האָט אָפּגערופן פון קראָאַציע, וואָס האָט שוין פראקטיק אין מאָרדן יידן. די אויספאָרשונג וועגן טויט־לאַגער אין כעלמנאָ ווייזט טאַקע ארויס, אז די פאַרברעכערישע עסעס־בריגאַדע האָט זיך אין מערץ 1944 אומגעקערט, און אין משך פון א קורצער צייט האָט זי דאָרט קאָנטינואירט איר פעלקערמערדערישע אקציע.

3) חוץ דעם איז מען אין פויזן געקומען צו א הסכם, אַז דאָס באַנוצן זיך און דיספּאָנירן מיטן גאַנצן יידישן באַוועגלעכן פארמעגן געהערט אויסשליסלעך צו דער שטאטהאַלטעריי, ד.ה. צו ה.ט.אָ. דער שטח און דאָס אומבאוועגלעכע פאַרמעגן אָבער וועט נאָך דער ליקווידאציע פון געטאָ געהערן צו דער שטאָט. די ר.פ.ס.ס. וועט דעמלט ארויסגעבן דער ה.ט.אָ. די געהעריקע פאראָרדענונגען [16].

די אויבן דערמאָנטע פארשטענדיקונג האָט צונישט געמאכט אלע פריערדיקע אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם, אז דאָס געטאָ זאָל איבערגענומען ווערן דורך דער „אָסטי". ס'איז אויך געקומען צו א בריוו־אויסטויש צווישן גרייזערן און פאָהלן, אין וועלכע פאָהל האָט אונטערגעשטראָכן, אז פונעם מאָמענט, ווען הימלער האָט געמאָלדן זיין דעציזיע, האָט שוין נישט די וופה"א קיין שייכות מיטן געטאָ. אין דאָזיקן גייסט טאַקע האָט פאָהל מודיע געווען קאלטענברונערן און בראַנדטן וועגן די פאָרגעקומענע ענדערונגען [17].

די ג"פ, אויספירנדיק די ביזאיצטיקע פאַרפליכטונגען, האָט אין דער ערשטער דעקאדע פון מערץ ארויסגעשיקט אין די סקארזשיסקער באַוואָפענונגס־פאבריקן 1.600 יידן. זי האָט אָבער באקומען פון לובלין נאָך 13 וואגאָנען מאַשינען (צוזאמען 28 וואגאָנען) [18].

---

[16] געהיימער בריוו פון גרייזערן צו פאָהלן פון 1944.2.14, נירענב. דאָקום. נ.אָ. —519.

[17] דצ"ו, פאָהלס בריוו צו גרייזערן פון 1944.2.16 און קאלטענברונערן (2.17.).

[18] אַקטן ג.פּ. 17/VI, ז. 102, 105, 114; 87/XXXIV.

דער גורל פונעם לאָדזשער ישוב איז ענדגילטיק געלייזט געוואָרן ערשט אין אייניקע חדשים ארום. דאָס האָט געהאט אן ענגן שייכות מיט דער סיטואציע אויף די אָקופירטע געביטן. אָנהייב יוני 1944, ערב דעם מיליטערישן דעסאַנט פון די פאַרבינדעטע אין צפון=פראנקרייך, האָט הימלער פאראָרדנט דעפיניטיוו צו ליקווידירן דאָס געטאָ. דעמלט האָבן דאָרט נאָך געלעבט אַן ערך פון 70 טויזנט יידן. גרייזער האָט שוין גישט אָפּאָגירט, מחמת דער מזרח=פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו די גרענעצן פון דער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט. מורא האָבנדיק פאר א פּלוצימדיקער אָפּענסיווע פון דער סאָוויעטישער ארמיי, וועלכע וואָלט געקאָנט אָפּראַטעווען די לעבנגעבליבענע יידן, האָט גרייזער תיכף אָנגעהויבן צוגרייטן די דעפּאָרטאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג קיין אָשוויענטשים.

דאָס איז אָבער געשען אין דער צייט, ווען די געטאָ=אונטערנעמונגען האָבן אויסגעפירט וויכטיקע באשטעלונגען פאר דער ווערמאכט. די באַוואָפענונגס=אינספּעקציע האָט געמאכט שטאַרקע באַמיונגען אויף איבערצורוקן דעם דעפּאָרטאציע=טערמין פון די יידן, אויך שפּעטער האָט אינטערווענירט. דעם 9=טן יוני האָט גרייזער, צוליב דער געשאפענער סיטואציע, ארויסגעשיקט א דעפּעשע צו הימלערן, אין וועלכער ער האָט אים געמאָלדן, אז „קעגן אייער פאראָרדענונג צו ליקווידירן דאָס לאָדזשער געטאָ ווערן דורך דער באַוואָפענונגס=אינספּעקציע אָנגענומען קעגנשריט“[19]. ווייטער האָט גרייזער געמאָלדן, אַז שפּעטער האָט דעם 5=טן יוני באַפוילן דעם ספּעציעלן באַפולמעכטיקטן פון דער באַוואָפענונגס=אינספּעקציע צונויפצוזאמלען גענויע ציפערן וועגן דעם באַשעפטיקונגס=צושטאַנד און וועגן דער פּראָדוקציע אין די פאַרשידענע פאַבריקן. „די דאָזיקע ציפערן זאָל ער איבערשיקן צום פירער“. דערביי האָט גרייזער באַטאָנט, אַז ער האָט שוין פארענדיקט אלע צוגרייטונגען צו דער עוואקואציע פון דער באַפעלקערונג, און דעריבער האלט ער פאר זיין חוב אויפמערקזאם צו מאַכן אויף שפּעטערס קעגנערשאפט. הימלער האָט אין זיין ענטפער פון 10=טן יוני באַפוילן גרייזערן צו קאָנטינואירן די ליקווידאציע פון געטאָ[20].

נאָכן דעסאנט, וועלכן די מיליטערישע אָפּטיילונגען פון די מערב=פארבינדעטע האָבן דורכגעפירט דעם 6=טן יוני, און בפרט נאָכן אָנהייבן א נייע אָפּענסיווע פון סאָוויעטישן מיליטער אויפן צענטראלן פראָנט (22=טער יוני) האָבן שוין הן שפּעער, הן די באַוואָפענונגס=אינספּעקציע נישט ארויסגערוקט קיינע פאָרבאַהאַלטן. צוליב דער נייער מיליטערישער סיטואציע האָט מען באדארפט דורכפירן די דעפּאָרטאציע אין א שנעלערן טעמפּ. דעם 23=טן יוני איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט, ביז סוף אויגוסט זענען פון לאָדזש אַרויסגע-

---

[19] אַרכיוו פון ה.ק.פ.ה.פ., אַקטן ד. צ. — 334, גרייזערס דעפּעשע פון 1944.6.9.
[20] אַקטן ד.צ. — 335, הימלערס טעלעגראַמע פון 1944.6.10.

שיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים העכער 60 טויזנט ייִדן[21]. די מאַשינען און די פאַבריקס-איינריכטונגען זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו פאַרשידענע דייטשישע פירמעס אין רייך. דאָס מעבל, שטוב-איינריכטונגען און בגדים פון דער אויסגעזידלטער באַפעלקערונג זענען איבערגעגעבן געוואָרן דעם אויסזידלונגס-שטאַב פון עסעס[22]. דער לעצטער ייִדישער ישוב אין אָקופּירטן פּוילן האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

8. די נייַע כוואַליע פון אַנטי-ייִדישער פּראָפּאַגאַנדע ערב דער מפּלה פון דייטשלאַנד און דאָס צוגרייטן א באַזע פאַר דער צוקונפטיקער דיווערסיע-טעטיקייט פון נעאָהיטלעריזם

נאָך דער מאָסקווער קאָנפערענץ פון די אויסערן-מיניסטאָרן פון די פאַרבינדעטע מלוכות (30-טער אָקטאָבער 1943), און בפרט נאָך דער טעהעראַנער קאָנפערענץ פון די שעפן פון די 3 מלוכות האָט זיך געשטאַרקט די אַנטיהיטלעריסטישע קאָאַליציע. ס'איז אויך געווען קלאָר, אַז דאָס דעמלטיקע פאַשיסטישע דייטשלאַנד וועט שוין נישט קאָנען קומען צו זיך, איבערהויפּט נאָך די טויט-קלעפּ, וואָס עס האָט באַקומען פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, וועלכע האָט אין א גרויסער מאָס פאַרניכטעט די מיליטערישע פּאָטענץ פון רייך. די סטאַלינגראַדער מפּלה, די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע פון דייטשישן מיליטער נאָכן גיגאַנטישן געראַנגל אינעם אָרלאָווער-קורסקער געביט, דאָס פאַרלירן „דעם שוצוואַל“ ביים דניעפּר, דער אומאויפהערלעכער מאַרש פון סאָוועטישן מיליטער אויף מערב — דאָס איז געווען אַן אומצווייפלהאַפטער באַווייז, אַז דאָס איינברעכן זיך פון דער מלחמה-מאַשין און פון דער בלוטיקער היטלערישער „אָרדנונג“ אין אייראָפּע איז אומפאַרמיידלעך.

די נצחונות פון דער סאָוויעטישער אַרמיי האָבן אָבער געגרייכט ווייט איבער דעם מזרח-פראָנט און געהאַט אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג. די מפּלה פון די דייטשישע אַרמייען אויפן סאָוועטישן פראָנט האָבן צעטרייסלט דעם גאַנצן בנין פון פאַשיסטישן בלאָק, וועלכער איז זיך פונאַנדערגעפאַלן. דעם 3-טן

---

[21] „לאָדזשער געטאָ“, ז. 266. — פאָהל האָט דעם 1944.8.15 צווישן געגעבן ג. לערנער, אַז חוץ די אונגאַרישע ייִדן, ווערן אין די לאַגערן דעפּאָרטירט 60.000 ייִדן פון לאָדזש. נירענב. דאָקומענט פּ.ס. — 1166.

[22] אַקטן, ג.פּ. 60/IV, ז. 51, ביבאָווס קאָרעספּאָנדענץ פון 1944.7.31 צו דער גרופּע „אינדוסטריע אונד געווערבעאַופּבאַושטעללע“ אין פּויזן.

וועגן די זעלבע ענינים פג"ל דאָקומענטן- וועגן דער באַראַטונג אין לאָדזש דעם 1944.10.23 מיטן אַנטייל פון ביבאָוון, בירגערמייסטער מאַרדער א.א.

סעפּטעמבער האָט איטאַליע, איינער פון די הויפּט־פּאַרטנערן פון דער „אַקס“, זיך צוריקגעצויגן פון קריג, און דעם 13־טן אָקטאָבער האָט זי דערקלערט קריג דייטשלאַנד. אין מיטל־ און דרום־אייראָפּע — אין פּוילן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין די באַלקאַן־לענדער האָט זיך געשטאַרקט די באַוואָפנטע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. „אין די אָקופּירטע אייראָפּעישע לענדער, — האָט סטאַלין געזאָגט (נאָוועמבער 1943) — ווערט צייטיק אַן אויסברוך פון קאַמף קעגן דעם פאַשיס־טישן אונטערדריקער. די דייטשן האָבן פולשטענדיק פאַרלוירן זייער אַמאָליקן פּרעסטיזש, הן אין די לענדער פון די פאַרבינדעטע, הן אין די נייטראַלע לענדער. זייערע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע באַציונגען מיט די נייטראַלע לענדער זענען צעטרייסלט“ [1].

דער היטלערישער בלאָק האָט ווינטער־צייט 1943/44 שוין פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ טרויעריק בילד. די סאַטעליטן פון דריטן רייך האָבן זיך באַמיט צו אַנטלויפן פון דער אונטערגייענדיקער קריגס־שיף. די אינערלעך־פּאָליטישע שטיץ־פונקטן פון דייטשלאַנד אין די דאָזיקע לענדער זענען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער כסדרדיקער פאַרערגערונג פון דער מיליטערישער סיטואַציע אויף די פראָנטן וואָס ווייטער אַלץ מער וואַקלדיקער געוואָרן. בלויז דורך טעראָר, דורך פּאָליצייאישן און מיליטערישן דרוק האָט מען געקאָנט דעם פאַשיסטישן בלאָק אויפהאַלטן פון תיכּפדיקער פולשטענדיקער צעפאַלונג.

צוליב דער דאָזיקער פּאָליטישער סיטואַציע האָבן די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען פאַרשטאַרקט אויפן געביט פון דער אַנטי־יידישער פּאָליטיק זייער פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אַדמיניסטראַטיוו־פּאָליצייאישע טעטיקייט. פון די דאָקומענטן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף די פּראָצעסן פון די היטלערישע מלחמה־פאַרברעכער, דערווייסן מיר זיך, אז דאָס אויסערן־מיניסטעריום און אייכמאַן אָדער זיינע באַפולמעכטיקטע (דאַנעקער, גינטהער א.א.) האָבן צו יענער צייט אויסגעאיבט וואָס ווייטער אַלץ אַ מער שטאַרקערן דרוק אויף די אייראָפּעישע לענדער. זיי האָבן אַ באַזונדערן דרוק אויסגעאיבט אויף די סאַטעליטן אין דער ריכטונג פון צואיילן די אויסזידלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג קיין אַשוויענטשים און מיידאַנעק. אויפן דאָזיקן אָפּשניט פון פעלקערמערדערישער טעטיקייט האָבן זיי נאָך געקאָנט האָבן די לעצטע שאַנסן פון דערפאָלג. עווענטועלע פּאָליטישע ענדערונגען האָבן דאַך געקאָנט האַמעווען אָדער פולשטענדיק אוממעגלעך מאַכן אומצוברענגען די רעשט יידן.

כדי אויפצוקלערן די דעמלטיקע אַנטי־יידישע פּאָליטיק, וועט גענוג זיין צו ציטירן פון דער רייכער דייטשישער דאָקומענטאַציע איינעם פון די כאַראַקטע־

---

[1] י. סטאַלין: „וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פון ראַטנפאַרבאַנד“. ז. 90.

ריספּישע דאָקומענטן. דאָס איז א טעלעגראַם־בריוו פונעם 23־טן סעפּטעמבער 1943, וואָס מיללער און אייכמאַן האָבן פונאנדערגעשיקט צו אלע העכערע פּאָליציי־ און עסעס־פירער און צו די ספּעציעלע באַפולמעכטיקטע אין אלע לענדער וועגן אופן פון באהאנדלען יידן — בירגער פון פאַרשידענע מלוכות[2].

אין דאָזיקן באַפעל מעלדעט די רסה"א, אז „אין פאַרשטענדיקונג מיטן אויסערן־מיניסטעריום וועלן די פאַראָרדענונגען וועגן יידן־אויסזידלונגען פון איצט אָן חל זיין אויף אלע יידן, וואָס געפינען זיך אינעם ווירקונגס־קרייז פון דער דייטשישער מאַכט, ווי בירגער פון איטאליע, שווייץ, שפּאַניע, פּאָרטוגאַליע, דענעמאַרק, שוועדן, פינלאנד, אונגארן, רומעניע און טערקיי"[3].

מיללער האָט אין זיין באַפעל אָנגעמערקט, אַז „צוליב אויסערן־פּאָליטישע טעמים קען נאָכנישט פאָרקומען די אויסזידלונג פון די דאָזיקע יידן אויף מזרח". צוליב זיכערהייטס־טעמים אָבער וועלן זיי קאָנצענטרירט ווערן אין לאגערן אין דייטשלאַנד: מענער אין בוכענוואַלד, פרויען און קינדער — אין ראַווענסברוק. די איטאַליענישע יידן קענען תיכף אויסגעזידלט ווערן; יידן פון אנדערע לענדער — אָנהייבנדיק פון 10־טן, און יידן פון טערקיי — אָנהייבנדיק פון 20־טן נאָוועמבער 1943.

דער אויבן דערמאנטער באַפעל איז נאָך איין באווייז, אז די היטלערישע מאַכט־אָרגאנען האָבן ביי דער מיטהילף פון די אָרטיקע רעאקציאָנערע רעגירונגען אויסגעברייטערט די אקציע פון יידן־פאַרניכטונג אויך אויף די נייטראלע לענדער. ס'זענען דעריבער אין יאָר 1944 ווייטער ארויסגעפירט געוואָרן הונדערטער טויזנטער יידן אין די אָשוויענטשימער קרעמאטאָריעס און אין אנדערע לאגערן. עס איז גענוג צו דערמאנען, אז פון אפּריל ביז דער העלפט יוני 1944 האָבן די היטלעריסטן דעפּאָרטירט פון אונגאַרן אַ קנאַפּן האַלבן מיליאָן יידן, כלומרשט אויף אַרבעט, פאקטיש אויף אומקום אין די אָשוויענטשימער קרעמאטאָריעס[4].

גלייכצייטיק האָט דער אָקופּאנט, אין אָנבליק פון זיין נאָענטער און אומפאַרמיידלעכער מפּלה, צוגעטרעטן צו דער ליקווידאציע פון אלע לאַגערן אין דער

[2] „דער פּראָצעס", ב. XXXII, ז. 187, דאָקומ. פּ.ס. — 3319, טעלעפאָנאָגראַם פון 1943.9.23.

[3] אין דערמאָנטן טעלעפאָנאָגראַם ווערט גאָרנישט דערמאָנט וועגן ענגלישע און אַמעריקאַנער יידן. וואַרשיינלעך דערקלערט זיך דאָס מיט דער שטרעבונג צו פאַרלייכטערן זיך די געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט די מערב־מלוכות, וועלכע זענען געפירט געוואָרן זינט דער העלפט 1943 אין דער שווייץ.

אויספירלעכער וועגן דעם ענין אין דער אַרבעט פון א. אייזענבאַך: „די געהיימע אונטערהאַנדלונגען פון די מערב־מלוכות מיטן היטלעריסטישן דייטשלאַנד און דער גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג". „ביולעטין" פון י.ה.א., נר. 9—10.

[4] „דער פּראָצעס" XXXVIII, ז. 360.

גענעראַל־גובערניע און אַנדערע אָקופּירטע פּוילישע געביטן. א טייל אסורים האָט מען טראַנספּאָרטירט אויף מערב, כדי זיי ווייטער צו עקספּלאָאַטירן אין די דייטשישע אונטערנעמונגען. „אויב אָבער עס וואָלט אַנטשטאַנען אַזאַ סיטואַציע, — לייענען מיר אין אַן אינסטרוקציע פון דער סיפּ״אָ און ס.ד. פון אויגוסט 1944, — אַז די עוואַקואַציע פון די אַסורים איז שוין נישט מעגלעך, דאַרף מען זיי תיכף ליקווידירן. אַזוי דאַרף מען טאָן מיט יידן, וואָס זענען באַשעפטיקט אין דער קריגס־אינדוסטריע. פאַר יעדן פּרייז דאַרף מען אויסמיידן, אַז זיי זאָלן אַריינפאַלן לעבעדיקע אין די הענט סיי פון שונא פון מערב, סיי פון דער רויטער אַרמיי״ [5].

אָנהייב 1944 יאָר האָבן זיך די היטלערישע מאַכט־אָרגאַנען ווידער גענומען צום אַלטן דיווערסיע־געווער פון אַלע רעאַקציאָנערע קליקעס אין אונדזער עפּאָכע — צו דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. מ׳האָט זיך איצט דערמאַנט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז דאָס „געהיימע געווער פון פירער״, אַז צוליבן מאַנגל אין אַנדערע פּאָליטישע אַרגומענטן איז עס דאָס בעסטע מיטל, וואָס פאַראייניקט אַלע רעאַקציאָנערן און אַלע אָנהענגער פון פאַשיזם. אין די געהיימע מעמאָריאַלן פון געבעלס פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום פון יאָר 1944 האָט מען נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין דעמאָלטיקן מלחמה־עטאַפּ און אין דער קאַטאַסטראָפאַלער סיטואַציע פון דייטשלאַנד קען די אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע שטאַרק ווירקן „אַלס אויפרייס־מאַטעריאַל פאַר דער פינפטער קאָלאָנע פון 20־טן יאָרהונדערט. ווייל דער אַנטיסעמיטיזם איז היינט צו טאָג א געהיימער פאַראָל, מיט וועלכן עס לאָזן פון זיך הערן די אַלע, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען דעם גייסט פון דער צייט״ [6].

היטלער, אַפּשאַצנדיק די גרויסע ראָל פון דער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע, ווי א דיווערסיע־געווער פאַר די צוקונפטיקע פּאָליטישע פּלענער פון דייטשישן פאַשיזם און אימפּעריאַליזם, האָט אָנהייב 1944 באַפוילן ראָזענבערגן, ווי זיין „באַפולמעכטיקטן איבער דער גאַנצער גייסטיקער און אידעישער דערציונג פון די נ.ס.ד.א.פּ.־מיטגלידער״, ער זאָל אונטערנעמען א נייע אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע אין ברייטן מאַסשטאַב. ראָזענבערג האָט די דאָזיקע נייע אָפּענסיווע באַראַטן אָנהייבן פון צונויפרופן אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַנטי־יידישן קאָנגרעס.

דעם 16־טן פעברואַר 1944 איז פאָרגעקומען די ערשטע אָרגאַניזיר־באַראַטונג, וואָס איז גערופן געוואָרן דורך האַגעמייערן, איינעם פון ראָזענבערגס

[5] „דער פּראָצעס״, ב. XXXVII, ז. 486, דאָקום. ל. — 053.

[6] פון מעמאָריאַל פון וואָלף מייער־קריסטיאַן א. ט. „די בעהאַנדלונג דער יודענפראַגע אין דער דויטשען פּרעסע״ (מערץ 1944), ציטירט לויט מ. ווײַנרײַך, דצ״ו, ז. 260.

באַנטסטע מיטאַרבעטער. חוץ די מיטגלידער פון ראָזענבערגס שטאַב זענען פאַרבעטן געוואָרן פאָרשטייער פון אויסערן=מיניסטעריום, פון פּראָפּאַגאַנדע=מיניסטעריום, פון רסה"א, פון דער אַנטי=יידישער שפּיאָנאַזש=אַגענטור „וועלט=דינסט“ און אנדערע.

דער ציל פון עם קאָנגרעס איז געווען: פונאנדערצופלאקערן א נייע קאַמפּאַניע קעגן יידן ווי זיי זאָלן זיין די שולדיקע אין אַלע מפּלות און מלחמה=חורבנות, גלייכצייטיק, אין אָנבליק פון דער אומפאַרמיידלעכער מפּלה, — צוגרייטן אין די איראָפּעישע לענדער פינפטע קאָלאָנעס פאר דער צוקונפטיקער דיווערסיע=ארבעט פון די פאשיסטישע גרופּעס. דאָס מאָל איז געגאַנגען דער עיקר אינעם געווינען די רעאַקציאָנערע טיילן פון דער אינטעליגענץ אין די איראָפּעישע לענדער פאר פאַרברעכערישע אידעען פון פאשיזם. „מיר האָבן די אויפגאַבע, — לייענען מיר אינעם פּראָטאָקאָל פון דער אָרגאַניזיר=באַראַטונג פונעם 24=טן פעברואר 1944 — דורכן דאָזיקן קאָנגרעס צו דערגרייכן צום געבילדעטן שיכט פון די איראָפּעישע פעלקער, צו וועלכע מיר האָבן נאָך ביז היינט מיט דער אנטי=יידישער פּראָפּאַגאַנדע נישט געקענט צוקומען“ [7].

דער גובערנאַטאָר פראַנק האָט אָנערקענט דעם דאָזיקן פּראָיעקט אלס אַ גלענצנדיקע אידעע און האָט באַטאָנט, אַז ס'איז די פּאַסיקסטע צייט פאַר אַזעלכע „אַנטי=יידישע דעמאָנסטראַציעס. אויפן איצטיקן מלחמה=עטאַפּ איז אזא קאָנפערענץ א באַווייז אויף דעם אומבויגזאַמען קאַמפּס=ווילן פון רייך, וואָס קלערט נישט צו רעזיגנירן אויף קיין איין מאָמענט פון פּרינציפּיעלן פּונקט פון זיין מלחמה=פּראָגראַם“.

בכדי אויף אַ פּאַסיקן אופן צו פאַרמאַסקירן פאַר אויסלאַנד דעם פּאַקטישן ציל פון פּראָיעקטירטן קאָנגרעס, האָט מען אויף אַ געמיינזאַמער באַראַטונג אָנגענומען א ריי פּראָיעקטן, מיט וועלכע ס'איז ווערט זיך צו באַקענען.

דער קאָנגרעס ווערט גערופן אויף דער איניציאַטיוו פון א „וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע“, ד.ה. פון דעם „אינסטיטוט צו פאָרשן די יידן=פראַגע“, נישט אָנגעבנדיק דעם ווייטערדיקן טיטול: „פיליע פון דער העכערער נ.ס.ד.א.פּ.=שול“. אויסער דעם, האָט די איינלאַדונג געזאָלט זיין אונטערגעשריבן דורך עטלעכע דייטשישע און אויסלענדישע „באַוווּסטע וויסנשאַפטלער“. ס'האָבן באַדאַרפט איינגעלאַדן ווערן נישט בלויז „וויסנשאַפטלער“ פון די פאַרבינדעטע מלוכות, נאָר אויך פון נייטראַלע, ווי שוועדן, שווייץ, שפּאַניע א.א.וו. קענענדיק די שטימונגען אין אויסלאַנד, איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוגעבן אויף די איינלאַדונגען בלויז די הויפּט=רעדנער. דער פאָרשטייער פון אויסערן=מיניסטעריום האָט אין שייכות

---

[7] פּאַטאָקאָפּיע פון פּראָטאָקאָל ביי מ. וויינרייך, דצ"וו, ז. 241.

מיט דעם אונטערגעשטראָכן, אַז „אָנפירן מיטן קאָנגרעס דאַרף מען נישט=טענדענציעז, כדי ער זאָל נישט פארלירן דעם געווונטשענעם אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד“. מ'האָט אויך מורא געהאַט, אַז דורכן באַטייליקן זיך אין אים פון אַ גרעסערער צאָל היטלערישע פערזענלעכקייטן, וועט די ווירקונג פון קאָנגרעס זיין אַ שוואַכערע. ס'איז אָבער ארויסגערוקט געוואָרן א קעגן=ארגומענט, אז „דאָס, וואָס דער רייכסלייטער ראָזענבערג איז דורכן פירער באַפולמעכטיקט געוואָרן צו האלטן דעם רעפעראט, לייגט שוין זיין פּאָליטישן חותם אויפן קאָנגרעס“.

דער קאָנגרעס, וועלכן מען האָט פּלאנירט צו רופן אין דער נאָענטסטער צייט, האָט באַדאַרפט זיין אַן אָנהייב פון אַ גרויסער קאַמפּאַניע. שוין דעמלט איז באַשטימט געוואָרן, אַז אין קומענדיקן יאָר דאַרף אָרגאַניזירט ווערן „אַ גרויסע קאַמפּאַניע אויפן געביט פון יידן=באַקעמפונג“. צו דער דאָזיקער אַקציע האָט מען געוואָלט צוציען, חוץ אַנטראָפּאָלאָגן, אויך מיטאַרבעטער אויפן געביט פון סאָציאַלער, ווירטשאַפטלעכער און ביאָלאָגישער וויסנשאַפט.

פארשידענע צענטראלע אמטן האָבן גענומען אויף זיך די צוגרייטונגען צום קאָנגרעס. די גרעסטע מעגלעכקייטן האָט געהאט דאָס אויסערן=מיניסטעריום, וואָס האָט געהאט א ברייט פונאנדערגעבויטע נעץ פון פארשידענע קאָנסולארע אמטן, האנדלס= און קולטור=מיסיעס, וועלכע האָבן אין אלע לענדער, ווו עס זענען געווען אזעלכע אינסטיטוציעס, געפירט א שפּיאָנאַזש= און דיווערסיע=טעטיקייט לטובת דעם פאשיסטישן דייטשלאנד. אלס ערשטער שריט איז געווען דאָס שאפן דורך ריבענטראָפּן א ספּעציעלן אמט „אינפאָרמאציאָנס=שטעלע“ (אינפ. XIV, ער איז אויך אָנגערופן געוואָרן „אַנטי=יידישע אויסלאנדאקציאָן“), וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן אמבאסאדאָר י. ק. שלייער. די אויפגאבע פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז געווען צו קאָאָרדינירן און פארשטאַרקן די טעטיקייט פון אַלע אַנטי=יידישע אַקציעס, פון די רעפערענטן און עקספּערטן, וואָס זענען געווען טעטיק אין די פארשידענע אָפּטיילונגען פון אויסערן=מיניסטעריום [8]. פון דעם דרינגט, אז חוץ די שטענדיקע מיטארבעטער, האָט די „אינפאָרמאציאָן=שטעלע“ געהאט אויך רעפערענטן=פארבינדלער פון די אָפּטיילונגען פון האנדלס=פּאָליטיק, קולטור=פּאָליטיק, פּרעסע, ראַדיאָ און פון אנדערע אָפּטיילונגען אין אויסערן=מיניסטעריום. פאָן טהאדדען, דער דעמלטיקער רעפערענט פאר יידישע ענינים ביים אויסערן=מיניסטעריום, איז אויך געווען א שטענדיקער מיטארבעטער. ביזן יאָר 1943 איז ער טעטיק געווען אלס ראטגעבער אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון זעלבן מיניסטעריום.

[8] „דער פּראָצעס“, ב. XXXII, ז. 160; פּ. XLI, ז. 159, דאָקום. ריבענטראָפּ — 319, צירקולאַר פון אונטערשטאַטס=סעקרעטאר שטענגראכט פון 1944.4.28 וועגן די אויפגאַבן פון אינפּ. XIV, דאָקום. פּ.ס. — 3319.

EXCERPTS FROM DOCUMENT No. 3319-PS
CONT'D.

(Seite 24 des Originals)

Inf. XIV
Antijuedische Auslandsaktion

A R B E I T S T A G U N G

der Judenreferenten der deutschen Missionen in Europa

am 3. und 4. April 1944

in Krummhuebel/Rsgb., Hotel Sanssouci.

(Tel. Nr.: 394 u. 395)

- - -

T a g u n g s f o l g e

3. April:
900 Uhr

Gesandter Prof. Dr. S i x:
Begruessung

Gesandter S c h l e i e r, Leiter Inf. XIV:
Eroeffnung der Tagung,

Aufgaben und Ziele der antijuedischen Auslandsaktion

Gesandter Prof. Dr. S i x:
Die politische Struktur des Weltjudentums

LR. Dr. v. T h a d d e n:
Judenpolitische Lage in Europa; Uebersicht ueber den Stand der antijuedischen Exekutivmassnahmen.

Prof. Dr. M a h r:
Antijuedische Auslandsaktion im Rundfunk

(Wendel) S. 25

- 18 -

ערשטע זייט פון פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ אין קארפּאַטש פון די יידן־רעפערענטן ביי די היטלעריסטישע דיפּלאָמאַטישע מיסיעס אין אייראָפּע

די אינפ. XIV האָט אויך ענג מיטגעארבעט מיט א ריי אנדערע היטלערישע אַמטן און מיסיעס אין אייראָפּע, וועלכע זענען געווען אגענטורן פון שפּיאָנאַזש און דיווערסיע.[9]

די אינפ. XIV האָט קודם־כל צוזאמענגערופן א בעראטונג פון אַלע רעפּע־רענטן און ראטגעבער פאר יידישע פראגן ביי די געזאנדשאפטן און אויסלענדישע מיסיעס. דעם 17־טן פעברואר 1944 האָט שלייער, אין הסכם מיט ריבענטראָפּס דירעקטיוו, ארויסגעשיקט א צירקוליאר צו אלע דייטשישע דיפּלאָמאטישע פּלאַ־צוווקעס אין די אָקופּירטע, נייטראלע און אין די סאַטעליטן־מלוכות. אין דאָזיקן צירקוליאר האָט ער געמאָלדן, אז „לויט א ספּעציעלן באַפעל זאָל די אנטי־יידישע אויסלאנד־דינסט מיט אלע מיטלען פארשטארקט ווערן". גלייכצייטיק איז מיט־געטיילט געוואָרן, אַז כדי אויפצוקלערן אלע ענינים, וועלכע זענען געבונדן מיט דער נייער אקציע, ווערט אין פארשטענדיקונג מיט דער רסה"א צונויפגערופן קיין קארפּאטש אויפן 3—4 אפּריל אַ קאָנפערענץ, אין וועלכער עס וועלן זיך באטייליקן אלע „רעפערענטן פון די יידן־ענינים".

ס'איז אויך פּראָיעקטירט געוואָרן צו אָרגאניזירן בעת דער קאָנפערענץ אן אַנטי־יידישע אויסשטעלונג. אין שייכות מיט דעם האָט שלייער (דעם 27־טן פעברואר) אויפגעפאָדערט די קאָנסולארע אמטן, זיי זאָלן צושיקן דעם נויטיקן אַנטי־יידישן מאַטעריאַל, ווי ביכלעך, צייטשריפטן, אויפרופן, קאריקאטורן א.א.

אינעם באשטימטן טערמין איז טאקע אין קארפּאטש פּאָרגעקומען א געהיי־מע באַראַטונג, צו וועלכער עס זענען געקומען די רעפערענטן פאר יידן־ענינים פון אַלע דיפּלאָמאַטישע פּלאַצוווקעס און אויסלענדישע מיסיעס. דער אַמטלעכער פּראָטאָקאָל פון דער דאָזיקער בעראטונג, וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן אויף דעם נירנבערגער פּראָצעס, האָט נישט געגעבן קיין גענוי בילד פון אלע פראגן, וואָס זענען דעמלט באהאַנדלט געוואָרן. די הויפּטרעפעראַטן, וואָס זענען גע־האַלטן געוואָרן דורכן ראטגעבער פאָן טהאדדען און דורכן רסה"א־פאָרשטייער,

---

[9] אין דער ערשטער ריי דאַרף מען אויסרעכענען:
א) ראָזענבערגס אינסטיטוציע (הויפּט־אַמט פאַר איבערמלוכהשע מאַכטן),
ב) פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום און די אָרגאַניזירטע דורכן מיניסטעריאַלן די־רעקטאָר ד"ר בערנט די א. ג. „אייראָפּעישע אַקציאָן" (אַן אַנטי־יידישע און שפּיאָנאַזש־אַגענטור),
ג) רייכזיכערהייטס־הויפּטאַמט, בפרט דער דעפּאַרטאַמענט VI, וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען דער באַקאַנטער קריגס־פאַרברעכער שעלענבערג,
ד) אַנטי־יידישער אינסטיטוט אין פראַנקפורט אַ./מ.,
ה) אַנטי־יידישע וועלט־ליגע,
ו) „וועלט־דינסט" (אַנטי־יידישע אַגענטור).

דעם עסעס=שטורמפירער באַלעגזיפּען, זענען „צוליב זייער געהיימען כאַראַקטער — ווי ס׳ווערט באַצייכנט אין פּראָטאָקאָל — נישט אַריינגעשריבן געוואָרן אין פּראָטאָקאָל“. דער קיצור פון אייניקע רעפעראַטן און באַריכטן, וואָס זענען יאָ אַריין אין פּראָטאָקאָל, זענען אַ בולטער באַווייז, אַז די דעמלטיקע אָפיציעלע אויסלענדישע פּלאַצוווקעס פון דייטשלאַנד זענען געווען אַן אינסטרומענט צום רעאַליזירן די פעלקערמערדערישע פּאָליטיק פון דער היטלערישער רעגירונג.[10]

וואָס פאַר אַ פאַרלויף האָט געהאַט די דאָזיקע באַראַטונג?

נאָכן דערעפענונגס=וואָרט פון פּראָפעסאָר ד״ר זיקס האָט שלייער איבערגענומען דעם פּאָרזיץ און געהאַלטן אַ רעפעראַט „וועגן די אויפגאַבן און צילן פון דער אַנטי=יידישער אַקציע אין אויסלאַנד“. שלייער האָט זיך צערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו פאַרשטאַרקן אין געגעבענעם מאָמענט די אַנטי=יידישע קאַמפּאַניע אין אויסלאַנד, באַטאָנענדיק, וואָס פאַרא וויכטיקע ראָל די נייטראַלע לענדער דאַרפן שפּילן ביים דורכפירן די דאָזיקע קאַמפּאַניע. אין די דאָזיקע מלוכות זענען פאַראַן גרויסע „אויסשטראַלונגס=מעגלעכקייטן אויף ענגלאַנד און אַמעריקע...“ אויסער דעם „דינען די נייטראַלע לענדער אַלס וויכטיקער באָבאכטונגס=פונקט“. הייסט עס, אַז פונדאַנען קאָן מען דערפאָלגרייך ווירקן אפילו אויף די פיינטלעכע לענדער. די דיפּלאָמאַטישע פּלאַצוווקעס האָבן דעריבער געהאַט די אויפגאַבע געהעריק אויסצונוצן די פּראָפּאַגאַנדע=מאַטעריאַלן, וואָס די אינפ. XIV האָט באַאַרבעט, כדי זיי „אויסנוצן אין דער פּרעסע און ראַדיאָ, אין פלוגבלעטלעך, אין בראָשורן און אין פליסטער=פּראָפּאַגאַנדע“.

דער פּראָפעסאָר זיקס האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט „וועגן דער פּאָליטישער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער וועלט“. באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראַטנפאַרבאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקע. ער האָט איבערגעחזרט די אַלטע פּלוידערייען וועגן „זשידאָ=קאָמונע“ און וועגן דער פאַרבינדונג פון די יידן מיט דער גרויסער פינאַנסעריע. וועגן אומברענגען מיליאָנען יידן האָט ער גערעדט קאַלט: „דאָס פיזישע באַזייטיקן דאָס מזרח=יידנטום שוואַכט אָפּ די ביאָלאָגישע רעזערוון פון יידנטום“. אָבער בלויז דאָס אָפּשוואַכן די רעזערוון, — האָט זיקס געזאָגט, — אַנטשיידט נאָך נישט דאָס פּראָבלעם. די ענדגילטיקע לעזונג פון דאָזיקן פּראָבלעם וועט זיין די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון די יידן. „נישט בלויז אין דייטשלאַנד, — פירט אויס זיקס, — נאָר אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב מוז די יידן=פראַגע געלעזט ווערן“. טהאַדדען האָט ווידער גערעדט וועגן דער „פּאָליטישער לאַגע פון די יידן אין אייראָפּע“. זיין רעפעראַט איז נישט

[10] פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ אין קאַרפּאַטש, „דער פּראָצעס“, ב. XXXII, ז. 164, דאָקום. פּ.ס. — 3319, צירקוליאַר פון שלייער פון 1944.4.20.

אריין אין פּראָטאָקאָל. עס ווערט אָבער דערמאנט, אַז ער האָט פּאָרגעשטעלט די סיבות פון דער ייִדן-אויסזידלונג אויף מזרח און געגעבן אַן איבערבליק „וועגן דער אַקטועלער אנטי-ייִדישער פּאָליטיק און די מאָסמיטלען אין די אייראָפּעישע לענדער". ער האָט, הייסט עס, גערעדט וועגן דער אַנטי-ייִדישער פּאָליטיק און וועגן די רעאַליזאציע-מיטלען.

טהאדדען האָט אויפגעפאָדערט די דעלעגאטן פון באַזונדערע לענדער, זיי זאָלן זיך אנטקעגנשטעלן די פאראָרדענונגען פון דער אָרטיקער מאַכט, וועלכע קענען האמעווען דאָס דורכפירן די פּלאנירטע אַקציעס, זיי זאָלן כסדר אינפאָרמירן דאָס אויסערן-מיניסטעריום וועגן די מעגלעכקייטן — אויף א דיפּלאָמאַטישן וועג — צו פארשאַרפן דעם אנטי-ייִדישן קורס. זיי דארפן אויך אינפאָרמירן וועגן פארטיידיקונגס-שריט, וואָס די ייִדן האָבן אונטערגענומען, בכדי תיכף קעגנווירקן.

דער דעלעגאַט פון רסה"א באַללענזיפּען, וועמענס רעדע איז אויך נישט אַריין אין פּראָטאָקאָל, האָט איבערגעגעבן וועגן דער פארניכטונגס-אקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אונגארן. דאָ דארף באַמערקט ווערן, אז אין חודש מערץ 1944 האָט זיך אין אונגארן, אלס רעזולטאַט פון דיפּלאָמאַטישן דרוק, אָנגעהויבן די פאַרברעכערישע „אויסזידלונגס-אקציע" קיין אָשוויענטשים. אין משך פון פרילינג און זומער 1944 האָט מען אין אָשוויענטשים אומגעבראַכט העכער אַ האַלבן מיליאָן ייִדן.[11]

ווייטער האָבן גערעדט די איצט באַקאַנטע מלחמה-פאַרברעכער: פּראָפּ. ד"ר מאָהר וועגן דעם אָנטייל פון ראדיאָ אין דער אנטי-ייִדישער אקציע אין אויסלאנד, פרוי האוסמאן — וועגן דער פרעסע און פאָטאָגראפיע אין דינסט פון דער אקציע, און ד"ר וואלץ — וועגן דער אָרגאניזאציע פון אנטי-ייִדישער אינפאָרמאציע-דינסט און וועגן צופּאסן די פּראָפּאַגאַנדע צו דער מענטאַליטעט פון דער באַפעלקערונג אין יעדער געגעבענער מלוכה. לסוף האָט דער ראַטגעבער קוטשער גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט אויסצוארבעטן פּראָפּאַגאַנדע-טעזן, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאסט צו די באַדערפענישן פון יעדן געגעבענעם לאנד. אלע פלאצוווקעס און מיסיעס דארפן אָבער אָננעמען אלגעמיינע לאָזונגען, ווי: „די ייִדן האָבן ארויסגערופן די מלחמה און האָבן אין איר ארייַנגעצויגן אלע פעלקער צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן"; „דער נצחון פון די ייִדן (ד.ה. פון די פארבינדעטע מלוכות) וואָלט געווען אַן אומגליק פאר די פעלקער און וואָלט דערפירט צום אונטערגאנג פון דער קולטור" א.א.וו. די לאָזונגען דארפן ערשט גענוי באארבעט ווערן אין גאַנג פון דער פּראקטישער פּראָפּאַגאַנדע-ארבעט.

[11] „נאַצי קאָנספּירוישי", ב. I, ז. 955; ב. VII, ז. 146; „דער פּראָצעס", ב. XXXVIII, ז. 360.

נאָך די רעדעס[12] האָבן די דעלעגאַטן פֿון די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטישע פּלאַצוווקעס און מיסיעס אָפּגעגעבן באַריכטן: ד״ר קלאָססען (פֿראַנקרייך), ד״ר ביינערט (שפּאַניע), ד״ר מאַטהיאַס (פּאָרטוגאַל), דער וויצע־קאָנסול ד״ר יאַנקע (שווייץ). זיי האָבן גערעדט וועגן די שוועריקייטן, אויף וועלכע די אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע טרעפֿט אָן אין זייערע לענדער, וועגן דער נויטווענדיקייט דאָס גע־העריק צו מאַסקירן, ווייל די באַפֿעלקערונג איז קעגן יעדער אַנטי־יידישער קאַמ־פּאַניע. דער קאָנסול ד״ר מייסנער האָט איבערגעגעבן, אַז אין איטאַליע זענען איצט נישטאָ קיין באַדינגונגען צו פֿירן אַן אַגיטאַציע קעגן יידן. דאַלברוק (שוועדן) און כריסטענזען (דענעמאַרק) האָבן דערקלערט, אַז אין זייערע לענדער איז בכלל נישט פֿאַראַן קיין „יידן־פּראָבלעם". דעריבער קען מען ביי זיי די פּרעסע און דעם ראַדיאָ פֿאַר די דאָזיקע צוועקן נישט אויסנוצן.

ס'האָבן אויך גערעדט: וויילימנהויס (רומעניע), האָפּפּמאַן (בולגאַריע), פּראָפּ. ד״ר וואַלץ (קראָאַציע), קאָרבעלט (סלאָוואַקיע), פּאָזעמאַן (טערקיי). אַלע האָבן באַטאָנט, אַז צוליב דער קעגנערשאַפֿט פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג טרעפֿט איצט אָן די אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע אויף גרויסע שוועריקייטן, דערי־בער זענען די טעטיקייטס־מעגלעכקייטן זייער באַגרענעצטע. דער דעלעגאַט פֿון טערקיי האָט געהאַלטן, אַז אַ ברייטע אַקציע אָדער אַ דרוק וואָלט אפֿילו „געקענט אַרויסרופֿן פֿאַר אונדז אומגינסטיקע פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס". דעריבער דאַרף מען נישט פֿאַרעפֿנטלעכן קיין ידיעות וועגן דער געהיימער אַרבעט אין די דאָזיקע לענדער.

אויפֿן דיווערסיע־כאַראַקטער פֿון דער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע ווייזט אָן דער פֿאַקט, וואָס זי איז פֿאַרבונדן געוואָרן, ווי אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן, מיט דער אַנטי־סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע („די אַנטי־יידישע און אַנטי־סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע מוז פֿאַראייניקט ווערן").

לסוף האָט ד״ר שיקערט אין זיין רעפֿעראַט „די וויסנשאַפֿט און דאָס יידן־פּראָבלעם" זיך באַמיט צו איבערצייגן די דעלעגאַטן, אַז כדי די אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע זאָל ווירקן אויף די אויסלענדישע געלערנטע, מוז זי זיך שטיצן אויף „וויסנשאַפֿטלעכע" אַרגומענטן.

שלייער האָט סומירט די דיסקוסיע און אַלעמען אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויפֿן חוב צו זאַמלען אַנטי־יידישן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל און די צוגעשיקטע (דורך דער אינפֿ. XIV) ספּעציעלע מאַטעריאַלן אויסנוצן אין ראַדיאָ, אין פֿילם, אין זייערע ווירטשאַפֿטלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע באַציונגען. זיי דאַרפֿן דעריבער

---

[12] אין קאָרפּאַטש האָבן געזאָלט געלייענט ווערן נאָך אַנדערע רעפֿעראַטן: פֿון טאַ־בענבערגן וועגן ווירטשאַפֿטלעכן אַספּעקט פֿון דער אַנטי־יידישער אַקציע, ד״ר בערבער — וועגן דער אַקציע אין ענגלאַנד א.א., דאָקומענט פּ.ס. — 3319.

צוזאַמענשטעלן א רשימה פון געסט פון יעדן לאַנד, וועלכע דאַרפן פאַרבעטן ווערן אויפן אנטי=יידישן=קאָנגרעס. נאָך דער דיסקוסיע זענען ארויסגערוקט געוואָרן א ריי פאָרשלאָגן, צוו. אנד.: דאָס שאַפן אַן אנטי=יידישן ארכיוו[13], אַרויסגעבן אַ דיפּלאָמאַטיש האַנט=בוך וועגן דער „וועלט=פּאָליטיק פון די יידן", אויסנוצן יאַפּאַן און דרום=אפריקע פאַר פּראָפּאַגאַנדע א.א.וו.

די קאָזיקע קאַרגע אינפאָרמאַציעס וועגן דער באַראַטונג אין קאַרפּאַטש ווייזן אָן אויף דעם, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א פאַרזאַמלונג פון היטלערישע שפּיאָנען און דיווערסאַנטן, וועלכע האָבן דורך פאַרשידענע דיפּלאָמאַטישע פּלאַצוועקעס, מיסיעס און לאַנדסמאַנשאַפטן געפירט א לעגאַלע טעטיקייט אין אויסלאַנד פאַר דער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק פון דייטשישן פאַשיזם. זיי האָבן אויך צוגעגרייט א באָדן פאַר דער קינפטיקער דיווערסיע=אַרבעט פון פאַרשידענע געהיטלערישע גרופּן און „פינפטע קאָלאָנען" אין די אייראָפּעישע לענדער. אַזוי אַרום איז די אַנטי=יידישע פּראָפּאַגאַנדע איצט, אין אָנבליק פון דער אומפאַרמיידלעכער מפּלה פון דייטשלאַנד, געווען דאָס זעלבע געווער פון דיווערסיע=טעטיקייט, ווי אין פריערדיקן מלחמה=פּעריאָד. ראָבערט לעי האָט אין מאַי 1944 דאָס באַצייכנט אויף פאָלגנדיקן אופן: „דאָס צווייטע געהיימע געווער איז דער אַנטיסעמיטיזם. אויב ער וועט דורך דייטשלאַנד קאָנסעקווענט דורכגעפירט ווערן, וועט ער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וועלט=פּראָבלעם, מיט וועלכן אַלע אָן אויסנאַם פעלקער וועלן זיך מוזן באַשעפטיקן"[14]. די צענטראַלע פון די אַנטי=יידישע און שפּיאָנאַזש=קעמערלעך אין אויסלאַנד איז טאַקע געווען די אָפּטיילונג אינפ. XIV פון אויסערן=מיניסטעריום.

דעם אנטי=יידישן קאָנגרעס האָט מען גערעכנט צונויפצורופן אין פּאַריז אָדער פּאָשאַנע (פּרעשבורג), אָדער פּראָג, לסוף האָט מען דעצידירט אויף קראָקע. אין שייכות דערמיט זענען אהין אָנגעקומען גרעסערע קאָמיסיעס פון ראָזענבערגס שטאַב, פון אויסערן=מיניסטעריום און פון דער רסה"א, בכדי ארומצורעדן מיטן גענעראַל=גובערנאַטאָר פראַנק די וויטערדיקע איינצלהייטן פון קאָנגרעס. ס'איז באַשטימט געוואָרן דער טערמין אויפן 30=טן יוני, און ס'איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן א רשימה פון עטלעכע הונדערט פאַרבעטענע געסט. צוליב זיכערהייטס=טעמים איז באַשלאָסן געוואָרן נישט צו פאַרעפנטלעכן קיין קאָמוניקאַטן פאַרן פאַרענדיקן פון קאָנגרעס. אויפן קאָנגרעס האָבן באַדאַרפט גלייענט ווערן א ריי

[13] שלייער און טהאַדן האָבן אין אַפּריל 1944 אַרויסגעשיקט אינסטרוקציעס וועגן שאַפן אַן אַנטי=יידישן אַרכיוו, וואָס האָט זיך געטיילט אויף 3 אָפּטיילונגען: פּערסאָנעלער אַרכיוו (מאַטעריאַלן וועגן יידישע פּערזענלעכקייטן), זאַכלעכער און פאָטאָגראַפישער אַרכיוו.

[14] „נאַצי קאָנספּיראַסי", ב. I, ז. 143; „דער אַנגריף" פון 1944.5.14.

רעפּעראַטן. אינעם לעצטן (פּערטן) טאָג האָבן די דעלעגאַטן באַדאַרפט אונטערשרייבן אַ רעזאָלוציע, וואָס שטיצט אונטער די היטלעריסטישע אַנטי-יידישע פּאָליטיק. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן אַ גרויסע קאַמפּאַניע אין דער פּרעסע, דורכן ראַדיאָ און דורכן פילם.

צוליב דער נייער סאָוויעטישער אָפענסיווע און צוליבן מיליטערישן דעסאַנט פון די פאַרבינדעטע אין פראַנקרייך איז דער טערמין פון קאָנגרעס איבערגערוקט געוואָרן אויף יולי 1944. באָרמאַן האָט אָבער פאַראָרדנט, „אין שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מיליטערישער סיטואַציע", אַז דער קאָנגרעס זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף סעפּטעמבער 1944. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער סיטואַציע פון פאַשיסטישן דייטשלאַנד האָט אָבער איבערגעשטראָכן אַלע פּלענער פון אָרגאַניזירן און צונויפרופן דעם קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט באַדאַרפט זיין נישט קיין געוויינלעכע אַקאַדעמישע אימפּרעזע, נאָר אַן אָרגאַניזירטע דורך דער היטלערישער רעגירונג פּאָליטישע אַקציע מיט אַ קאָנקרעטן ציל. וועגן כאַראַקטער פון דאָזיקן קאָנגרעס זאָגט אַמבעסטן עדות דער פאַקט, וואָס אין אים האָבן זיך געזאָלט באַטייליקן: באָרמאַן, פראַנק, געבעלס, הימלער, קאַלטענברונער, לאַממערס, ריבענטראָפּ, ראָזענבערג, ראָבערט לעי, זאַוקעל, זייס-אינקוואַרט און פיל אַנדערע באַקאַנטע היטלערישע פאַרברעכער. ס'האָבן זיך אויך געזאָלט באַטייליקן פירער פון רעאַקציאָנערע קליקעס אין די אייראָפּעישע לענדער [15].

אין דער צעווילדעוועטער אַנטי-יידישער פּראָפּאַגאַנדע האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלט דאָס פּראָפּאַגאַנדע-מיניסטעריום. דורך פאַרשידענע קאַנאַלן האָט עס זיך אָנגעשלאָסן אין דער פעלקערמערדערישער אַקציע. די לייטונג האָט זיך געפונען אין די הענט פון געבעלס אַגענטור — „אַנטי-יידישע אַקציע", וועלכע האָט אין יאָר 1944 פאַרעפנטלעכט יידן-פרעסערישע „וויסנשאַפטלעכע" אַרבעטן אין „אַרכיוו פאַר יידן-פראַגן, שריפטן פאַר גייסטיק גובר זיין דאָס יידנטום". אין שייכות מיט היטלערס באַפעל וועגן פאַרשטאַרקן די אַנטי-יידישע פּראָפּאַגאַנדע, האָבן די מיטאַרבעטער פון געבעלסן אויסגעאַרבעט אַ ריי פּראָיעקטן וועגן די מעטאָדן און פאָרמען פון דער קאַמפּאַניע. זייער כאַראַקטעריסטיש זענען געווען די סוגעסטיעס פון וואָלף מייער קריסטיאַן. אין מעמאָריאַל א.ג. „די באַהאַנדלונג פון דער יידן-פראַגע אין דער דייטשישער פּרעסע" האָט ער צווישן אַנדערע געשריבן, אַז אַלס פאָרבאַדינג צום דערפאָלג פון דער אַקציע איז גוט דורכצוטראַכטן דעם פּלאַן, נענוי פאָרמולירן די אויפגאַבן וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון אַלע קאַמפּס-מיטלען. דער אויטאָר האָט נישט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן, אַז דאָס

---

[15] מ. ווײַנרײַך, דצ"ו, ז. 242—252; ווײַנרײַך גיט אָן אַפילו אַ רשימה פון די פּראָיעקטירטע אָנטיילנעמער, רשימה פון רעפעראַטן און אַנדערע אײנצלהייטן פון געפּלאַנטן קאָנגרעס.

געמיינזאמע ווירקן פון אלע מיטלען הייסט, אַז דער ניי=אָרגאַניזירטער קאמף קעגן דעם וועלט=יידנטום, ווי קעגן שונא פון דייטשלאנד און פון אייראָפּע, „דאַרף געפירט ווערן אָפן — אָבער אָרגאַניזאַציאָנעל נישט אָנזעעוודיק — דורכן גאַנצן דייטשן פאָלק און פון זיינע פריינד אין אייראָפּע“.[16]

אויך די אויבערקאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט האָט זיך באַטייליקט אין דער אַקציע פון צוגרייטן א באָדן אין די פיינטלעכע לענדער פאַר דער קינפטיקער טעטיקייט פון נעאָהיטלעריזם און פון דער פינפטער קאָלאָנע. די אָנפירונג פון דער ווערמאַכט האָט אָנהייב 1944 פארעפנטלעכט א ריי ארבעטן, ווי „דער ייד אלס וועלט=פּאַראַזיט“, „פּאַרוואָס קעמפן מיר“ און אנדערע. אין זיי זענען איבערגעחזרט געוואָרן די אלטע פלוידערייען און שקרים, אַז די מלחמה איז אָנגעוואָרפן געוואָרן די דייטשן דורך די יידן, אַז די יידן זענען פּאראזיטן און „ווילן אויפצווינגען די דייטשן א שקלאַפיש לעבן“ און א.וו. דעריבער זענען די יידן דער גרעסטער שונא און דאַרפן פארניכטעט ווערן. די אָנפירונג פון דער ווערמאַכט האָט פאַרשפּרייט צווישן די אַנגלאָ=זאַקסישע מלחמה=געפאַנגענע גיפט=ליטעראַטור אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. דאָס איז פאָרגעקומען אין העלפט פון יאָר 1944, ווען די גאַנצע וועלט האָט שוין געוווּסט וועגן דעם בעסטיאַלישן אויסמאָרדן מיט דעם אקטיוון אָנטייל פון דער ווערמאַכט אַן ערך 6 מיליאָן יידן אין אייראָפּע. די ווערמאַכט=אָנפירונג האָט דאָס געטאָן אין ענגער פאַרשטענדיקונג מיטן פּאַרטיי=אַפּאַראַט און עסעס, מיט וועלכן זי איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן אויך אין פּרט פון ווייטערדיקן אויסראָטן די יידישע באַפעלקערונג און אויך אינעם צוגרייטן באַדינגונגען פאַר די קומענדיקע רעוואַנזש=פּלענער.

אויך דאָס מיניסטעריום פאַר אויסערן=ענינים האָט זיך פאַרנומען מיטן פאַרשפּרייטן גיפט=ליטעראַטור צווישן די מלחמה=געפאַנגענע. ס'איז אפילו געשאַפן געוואָרן א ספּעציעלער שטאַב אונטער ריבענטראָפּס אָנפירונג. דער ציל פון דער טעטיקייט פון שטאַב איז פאָרמולירט געוואָרן פאָלגנדיק: „געווינען די געפאַנגענע פאַר דער אַקטיווער פּראָפּאַגאַנדע אין אַנטי=באָלשעוויסטישן און אַנטי=יידישן גייסט, באַווירקן די געפאַנגענע זיי זאָלן נאָכן אומקערן זיך אהיים ווערן טרעגערס פון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע“[17].

אזויארום האָבן אלע אָפיציעלע פאקטאָרן אין פאשיסטישן דייטשלאנד אונטערן מאנטל פון אַנטי=יידישער פּראָפּאַגאַנדע אין פּעריאָד פון דעפיניטיוון אונ=

---

[16] מ. וויינרייך, דצ"ו, ז. 283. עס זענען, למשל, פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די ענגלישע קריגס=געפאַנגענע 20.000 עקזעמפּלאַרן פון דער בראָשור „How odd of God“ וועגן וועלכער היטלער אליין האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דער „צום מערסטן ווירקנדיקער אַנטי=יידישער מאַטעריאַל“.

[17] מ. וויינרייך, דצ"ו, ז. 281.

טערגאַנג פון דער בלוטיקער „אָרדנונג“ געפירט א דיווערסיע-טעטיקייט אין לאַנד און אין אויסלאַנד פונקט אזוי, ווי זיי האָבן עס געטאָן אין פעריאָד פון צוגרייטן און רעאַליזירן די פאַרברעכערישע אגרעסיע און פעלקער-מאָרד. ווען די העלדישע סאָוויעטישע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו די טויערן פון בערלין, זענען די פאַרברעכערישע לאָזונגען איבערגענומען געוואָרן דורך דער היטלערישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע „ווערוואָלף“. פאַר דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך פאַר אַלע היטלעריסטן, עסעס-לייט און פאַשיסטישע גענעראַלן, וואָס טרוימען וועגן רעוואַנזש, איז היטלערס פּאָליטישער טעסטאַמענט (פונעם 29-טן אַפּריל 1945), אין וועלכן ער האָט באַפוילן צו קאָנטינואירן דעם קאַמף אין פאַשיסטישן גייסט, געוואָרן דער וועגווייזער פאַר זייער ווייטערדיקער טעטיקייט. היטלער האָט אַפילו אין מאָמענט פון זיין שענדלעכן טויט נישט פאַרגעסן צו פאַרפליכטן זיינע איבערגעבליבענע בלוטיקע מיטאַרבעטער, אז זיי זאָלן אין אַרסענאַל פון זייער מלחמה-פּאָליטיק אַריינעמען דעם קאַמף קעגן יידן.[18]

די אויבן דערמאַנטע פאַקטן זענען א באַווייז, אז די אַנטי-יידישע פּראָפּאַגאַנדע איז געווען א פאַרטיידיקונגס-געווער פון אונטערגייענדיקן דייטשישן פאַשיזם. אין לעצטן מלחמה-פעריאָד איז דאָס געווען א דיווערסיע פון דער היטלערישער רעגירונג, וואָס האָט זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן א פערמענט אין די נייטראַלע און אין די פיינטלעכע לענדער, דער עיקר צווישן דער באַפעלקערונג פון אַמעריקע און ענגלאַנד. דורכן איינשפּריצן די באַצילן פון ראַסן- און נאַציאָנאַלן האַס האָט די היטלערישע רעגירונג פּרובירט צעקלאַפּן און אָפּשוואַכן דעם אַלגעמיינעם פאָלקס-קאַמף קעגן פאַרהאַסטן שונא. גלייכצייטיק האָט זי זיך באַמיט צוצוגרייטן אַ באָדן פאַר דער קומענדיקער פּאָליטישער אקציע פון דייטשישן אימפּעריאַליזם.

---

[18] „דער פּראָצעס“, ב. XLI, ז. 552, דאָקומ. שטרייכער — 9, היטלערס טעסטאַמענט פון 29 אַפּריל 1945.

נאָכוואָרט

וואָסערע פעסטשטעלונגען רוקן זיך ארויס פונעם אנאליז פון דער פעלקערמערדערישער פּאָליטיק פון היטלעריסטישן דייטשלאנד לגבי די יידן אין פעריאָד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה? די היסטאָרישע פאקטן באווייזן, אז די היטלעריסטישע פּאָליטיק פון אונטעריאָכן, בארויבן און פארטיליקן פעלקער איז געווען אן אויסדרוק פון די עקספּאנסיע־שטרעבונגען פונעם דייטשישן אימפּעריאליזם צו וועלט־העגעמאָניע. די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער בארבארישער מלחמה, פארן פעלקערמאָרד, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן איבער אייניקע פעלקער און באזונדערס איבער דער יידישער באפעלקערונג, פאלט קודם־כל אויף די דייטשישע פאשיסטן, וועלכע האָבן רעאליזירט די פארברעכערישע פּלענער פונעם דייטשישן אימפּעריאליזם. די פאראנטוואָרטלעכקייט פאלט אויך אויף די מאָנאָפּאָליסטישע רעאקציאָנערע קרייזן פון אמעריקע, ענגלאנד און פראנקרייך, וועלכע האָבן דעם היטלעריזם אונטערגעשטיצט פּאָליטיש און ווירטשאפטלעך, וועלכע האָבן אָפּגעוואָרפן די פּאָליטיק פון קאָלעקטיווער זיכערקייט, געהעצט דאָס היטלעריסטישע דייטשלאנד צו אגרעסיע און אזויארום מיטגעווירקט צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיי האָבן דערמעגלעכט די היטלעריסטן צו אָקופּירן די אייראָפּעישע לענדער און צו רעאליזירן זייער פעלקערמערדערישע פּאָליטיק. די סוגעסטיעס פון די מערב־מלוכות, באזונדערס פון די פאראייניקטע שטאטן, וואָס זענען ארויסגערוקט געוואָרן אין די יאָרן 1937 — 1938 אין דער פראגע פון „לעזן דאָס יידן־פּראָבלעם“, ווי אויך זייער האלטונג בעת דער מלחמה — האָבן פארלייכטערט דער היטלערישער רעגירונג אויסצופירן אירע פארברעכערישע פּלענער פון פארניכטן מיליאָנען אייראָפּעישע יידן.

די העלדישע סאָוועטישע ארמיי, פארניכטנדיק די הויפּט־נעסטן פונעם וועלט־פאשיזם, האָט באפרייט די פעלקער פון אייראָפּע און פונעם ווייטן מזרח פון אונטערדריקונג פון די דייטשישע און יאפּאנישע אגרעסאָרן. די סאָוועטישע ארמיי האָט געבראכט נאציאָנאלע און סאָציאלע באפרייונג די פעלקער פון די פאָלקס־דעמאָקראטישע לענדער.

די היטלערישע „אידעאָלאָגיע“ האָט קולטיווירט אין מענטשן די חיהשע אינסטינקטן, געפירט צו מערדערייען און רויב, צו פארניכטונג פון קולטור־אוצרות, פעלקער־פארטיליקונג און האָט געברענגט אין סך־הכל א שוידערלעכן בלוטיקן שניט.

וועגן די פארלוסטן אין מענטשן און אויך וועגן די מאטעריעלע שאָדנס, וואָס די פעלקער האָבן געליטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז נאָך קיין גענויע סטאטיסטיק נישטאָ. לויט די פאָרלויפיקע אויסרעכענונגען זענען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה אומגעקומען אן ערך 40 מיליאָן מענטשן, אין דעם 6 מיליאָן פוילישע בירגער. אלס קרבן פון היטלעריסטישן פעלקערמאָרד זענען געפאלן 6 מיליאָן יידן, ד. ה. 70 פראָצענט פון דער אלגעמיינער צאָל יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אייראָפּע אין יאָר 1939. די גרעסטע צאָל פון דער יידישער באפעלקערונג איז אויף א שוידערלעכן אופן פארפייניקט געוואָרן אין ספּעציעלע טויט־לאגערן אָדער אין קאָנצענטראציע־לאגערן; א טייל איז אומגעקומען צוליב דער פארברעכערישער פּאָליטיק, וואָס די אָקופּאציע־מאכט האָט אָנגעווענדעט לגבי די יידן ערב דעם פעריאָד פון דער מאסנווייזער פארניכטונג. דאָס האָט פולשטענדיק באשטעטיקט אדאָלף אייכמאַן, דער באקאנטער היטלערישער פארברעכער פונעם רייכס־זיכערקייטס־הויפּט־אמט.

די היטלערישע בארבארן האָבן זיך נישט באגרענעצט בלויז צו פיזישער עקסטערמינאציע. זיי האָבן אויך פארניכטעט די קולטורעלע דעראָבערונגען פון די פעלקער פון פיל הונדערטער יאָרן. דער היטלערישער אָקופּאנט האָט פארניכטעט די ווערטפולע רייכטימער פון דער פוילישער קולטור און קונסט. דער אָקופּאנט האָט בארויבט און דעוואסטירט די שטעט און דערפער פון פוילן, און אלע יידישע קולטור־אוצרות. דעם ווערט פונעם אוועקגערויבטן אינדוסטריעלן פארמעגן אליין האָט די פוילישע רעגירונג אָפּגעשאצט אויף אן ערך 9—10 מיליארד זלאָטעס.

די פארלוסטן אין מענטשן און די מאטעריעלע שאָדנס וואָלטן אָן ספק געווען באדייטנדיק קלענער, ווען די פארבינדעטע מערב־מלוכות וואָלטן — אין הסכם מיט זייערע צוזאָגן — אין יאָר 1942 אָדער אפילו אין יאָר 1943 געעפנט א צווייטן פראָנט אין אייראָפּע. אָבער די רעאקציאָנערע ענגליש־אמעריקאנישע קליקעס, וואָס זענען בכלל נישט געווען פאראינטערעסירט אינעם צעגראָמירן דעם דייטשישן פאשיזם, נאָר בלויז אים אָפּצושוואכן, האָבן כסדר אָפּגעשלעפּט מיטן שאפן א צווייטן פראָנט; און דאָס האָט אין רעזולטאט פארפילפאכט די צאָל מענטשלעכע קרבנות.

די צווייטע וועלט־מלחמה, בפרט פון דעם מאָמענט, ווען דער ראטנפארבאנד איז אין איר ארייננעצויגן געוואָרן, איז פאר די שלום־ליבנדיקע פעלקער געווען

און אנטיפאשיסטישע באפרייונגס־מלחמה. י. סטאלין האָט שוין אין זיין ערשטער רעדע פונעם 3־טן נאָוועמבער 1941 אונטערגעשטראָכן די אינטערנאציאָנאלע באפרייערישע אויפגאבן פונעם ראטנלאנד. „דער ציל פון דער פאָטערלענדישער מלחמה קעגן די פאשיסטישע אונטערדריקער איז נישט בלויז צו דערווייטערן די געפאר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף אונדזער לאנד, נאָר אויך צו העלפן אלע פעלקער אין אייראָפּע, וועלכע קרעכצן אונטערן יאָך פונעם דייטשישן פאשיזם“.

י. סטאלין האָט אין זיין רעדע פון 3־טן נאָוועמבער 1942, ד. ה. אין פעריאָד, ווען א באדייטנדיקער טייל פון אייראָפּעישן קאָנטינענט האָט זיך געפונען אונטער דער היטלערישער אָקופּאציע, אָנגעצייכנט דעם אנטיפאשיסטישן פראָגראם פון קאמף: באזיגן און פארניכטן די היטלערישע מלוכה, באפרייען די אונטערדריקטע פעלקער און פארזיכערן א לאנגדויערנדיקן שלום. דעם דאָזיקן פראָגראם האָט סטאלין נאָך בולטער פאָרמולירט אין זיין רעדע פונעם 6־טן נאָוועמבער 1943, אין וועלכער ס'איז צווישן אנדערע געזאָגט געוואָרן, אז „אלע פאשיסטישע פארברעכער, שולדיקע אין דער איצטיקער מלחמה און אין דער פיין פון די פעלקער, אומאָפּהענגיק פון דעם, אין וועלכן לאנד זיי זאָלן זיך נישט האָבן אויסבאהאלטן“, וועלן פאר זייערע באגאנגענע פארברעכנס באקומען די פארדינטע שטראָף, אז ס'וועלן ליקווידירט ווערן די רעשטלעך פונעם פאשיזם אין אייראָפּע און ס'וועט איינגעשטעלט ווערן א לאנגדויערנדיקע מיטארבעט פון די פעלקער אויפן געביט פוןווירטשאפטלעכן און קולטורעלן אויפבוי.

דער דאָזיקער פראָגראם האָט — דאנק דער קאָנסעקווענטער שטעלונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג — געפונען זיין אָפּשפיגלונג אין אלע וויכטיקע אקטן, וואָס זענען דורך די פארבינדעטע מלוכות בעת דער מלחמה אונטערגעשריבן געוואָרן. ער האָט אויך געפונען זיין אויסדרוק אין דער טעהעראנער דעקלאראציע, נאָכדעם אין דער יאלטער דעקלאראציע, אין וועלכער ס'זענען באשטימט געוואָרן די גרונט־פרינציפּן פון דער נאָכמלחמה־פּאָליטיק בנוגע דייטשלאנד. אויך אין די פּאָטשדאמער באשלוסן (1945.8.2) לייענען מיר צווישן אנדערע: „דער ציל פון דער דאָזיקער פארשטענדיקונג איז דורכצופירן אין לעבן די קרימער דעקלאראציע בנוגע דייטשלאנד. דער דייטשישער מיליטאריזם און נאציאָנאל־סאָציאליזם וועלן אויסגעריסן ווערן מיט די ווארצלען און די פארבינדעטע וועלן אין געמיינזאמער פארשטענדיקונג הן איצט, הן אין דער צוקונפט אָננעמען אנדערע נייטיקע פאראָרדענונגען, כדי צו באקומען די זיכערקייט, אז דייטשלאנד וועט שוין מער קיינמאָל נישט זיין קיין געפאר פאר אירע שכנים אָדער פארן וועלט־שלום... די פארבינדעטע האָבן נישט דעם ציל צו פארניכטן דאָס דייטשישע פאָלק אָדער פארוואנדלען אין א פאָלק פון שקלאפן. די פארבינדעטע שטרעבן צו געבן דעם דייטשישן פאָלק א מעגלעכקייט איבערצובויען זיין לעבן אויף דער באזע פון שלום און דעמאָקראטיע“.

דער פאָטשדאמער אָפמאך שטעלט פעסט, אז דער באדינג צו פארזיכערן דעם שלום איז די פולשטענדיקע אנטוואָפענונג און די דעמיליטאריזאציע פון דייטשלאנד. צו דעם צוועק וועלן פולשטענדיק ליקווידירט ווערן אלע היטלעריסטישע באוואָפנטע כוחות, די עסעס־און עס־אַ־אָפטיילונגען, די געסטאפאָ, זייערע שטאבן, דער אָפיצירן־קאָרפוס, די רעזערוו־אָפטיילונגען א. אז. וו. די היטלעריסטישע פארטיי און אירע נעבן אָרגאניזאציעס וועלן פארניכטעט ווערן, ס'וועט נישט דערלאָזט ווערן צו וועלכער נישט איז נאציאָנאל־סאָציאליסטישער טעטיקייט אָדער פראָפאגאנדע". די מיטגלידער פון דער היטלעריסטישער פארטיי און אנדערע שונאים פון א פרידלעך דייטשלאנד וועלן באזייטיקט ווערן פון די פאראנטוואָרטלעכע פאָסטנס אין די עפנטלעכע אמטן, אין די וויכטיקע אונטערנעמונגען א. אז. וו. אחוץ דעם, וועלן אלע, וועלכע זענען פאראנטוואָרטלעך פאר דער מלחמה און פאר די פארברעכנס לגבי דער מענטשהייט, באשטראָפט און באזייטיקט ווערן. די באטייליקטע אינעם אונטערשרייבן דעם פאָטשדאמער אָפמאך, זייענדיק איבערצייגט, אז די הויפט־באזע פונעם אגרעסיוון דייטשישן אימפעריאליזם איז געווען די קאָלאָסאלע קאָנצענטראציע פון די ווירטשאפטלעכע כוחות פון דייטשלאנד, וואָס איז געווען די סיבה פון דער שטרעבונג פונעם דייטשישן מאָנאָפאָליסטישן קאפיטאל צו הערשן איבער דער וועלט, האָבן אויך באשלאָסן נישט צו דערלאָזן צום אויפבוי פון דעם „ווירטשאפטלעכן כוח, וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין דער פאָרם פון קארטעלן, סינדיקאטן, טרעסטן און אין אנדערע פאָרמען פון מאָנאָפאָליסטישע פארשטענדיקונגען".

די אגרעסיווע אימפעריאליסטישע כוחות אין אמעריקע, ענגלאנד און פראנקרייך האָבן תיכף נאָכן אונטערשרייבן דעם פאָטשדאמער אָפמאך אונטערגענומען אן ענערגישע קאמפאניע, בכדי צו דערפירן צום אנולירן די פארשטענדיקונג פון די פיר גרויסמאכטן, כדי אָפצוראטעווען א סך ווערמאכט־גענעראלן, דירעקטאָרן פון די קאָנצערנען, דיפלאָמאטן, ווי אויך אָנפירער פון דער היטלעריסטישער פארטיי און פון עס־עס מיט דער כוונה אויסצונוצן זיי ביים ווידעראויפלעבן דעם מיליטאריזם און נעאָהיטלעריזם אין דייטשלאנד.

היינט איז שוין פאר קיינעם קיין סוד נישט, אז די רעאקציאָנערע קרייזן פון אמעריקע און ענגלאנד האָבן אויסגעאיבט א שטארקן דרוק אויפן גאנג פון נירענבערגער פראָצעס (20.11.1945—1.10.1946), אויף וועלכן עס זענען געמשפט געוואָרן די וויכטיקסטע היטלערישע קריגס־פארברעכער. דאָס האָט גורם געווען דערצו, אז דער אינטערנאציאָנאלער מיליטערישער טריבונאל אין נירענבערג זאָל באפרייען אזעלכע באקאנטע פארברעכער, ווי שאכט, פאפען און פריטשע. אחוץ דעם, האָט דער טריבונאל נישט אָנערקענט אלס פארברעכערישע אָרגאניזאציעס די היטלערישע רעגירונג, דעם גענעראל־שטאב און די הויפט־אָנפירונג פון דער

ווערמאַכט, נאָך דער סאָוויעטישער מיטגליד אינעם טריבונאַל האָט קעגן דעם
בייגעלייגט א וואָטום סעפּאַראַטום.
אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג זענען, וואָס אַן אמת, אין די
שפּעטערדיקע יאָרן פאָרגעקומען אין נירענבערג ווייטערדיקע פּראָצעסן (11) פון
קריגס=פארברעכער, וועלכע האָבן זיך רעקרוטירט פון מיליטערישע, עסעסישע,
דיפּלאָמאַטישע און ווירטשאַפטלעכע ספערן. די אמעריקאַנער און ענגלישע אָקו=
פּאַציע=מאַכט האָט אָבער די דאָזיקע פּראָצעסן אויסגענוצט אײַנצושלעפערן די
עפנטלעכע מיינונג, בכדי צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז די קריגס=פארברעכער ווערן
באַשטראָפט. אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָבן זיי זיך באַמיט די פאַרברעכער
אָפּצוראַטעווען און אויפהאַלטן פאַרן אויפבוי פונעם פאַשיזם און אימפּעריאַליזם
אין דייטשלאַנד, וואָס האָט געדאַרפט לויט זייערע פּלענער אויפסניי פאַרוואַנדלט
ווערן אין א מלחמה=נעסט אין אייראָפּע.
דאָס רוב פון די פאַרברעכער, וועלכע זענען דעמאָלט פאַרמישפּט געוואָרן אויף
לעבנס=לאַנגער תפיסה און אפילו אויף טויט=שטראָף, איז דורך דער אמעריקאַ=
נער אָקופּאַציע=מאַכט שפּעטער שטופּנווייז באַפרייט און רעהאַביליטירט געוואָרן.
איצט געפינען זיי זיך שוין אַלע אין דינסט פון דער אדענאַוער=רעגירונג, אָדער
פון אמעריקע. צווישן זיי געפינען זיך אייניקע צענדליק ד רעקטאָרן פון אי. ג.
פאַרבען, פון קרופּ=קאָנצערן און אַנדערע מאָנאָפּאָלן, פיל גענעראַלן, באַנקירן
דיפּלאָמאַטן, אָפיצירן פון דער עסעס, ו.פ.ה.א., וועלכע זענען מיטשולדיק אינעם
פאַנאַנדערפלאַקערן די צווייטע וועלט=מלחמה, אין דער אגרעסיע, רויב און פעל=
קערמאָרד אויף די אָקופּירטע געביטן.
אין דער זעלבער צייט ווידער האָט די ענגליש=אמעריקאַנער מאַכט אָפּגע=
זאָגט פּוילן, פּונקט ווי דעם ראַטנפאַרבאַנד און אַלע פאָלקס=דעמאָקראַטישע לענ=
דער, ארויסצוגעבן פיל היטלערישע קריגס=פאַרברעכער. ס'וועט גענוג זיין צו
דערמאָנען, אַז ס'זענען נישט ארויסגעגעבן געוואָרן אַזעלכע באַקאַנטע פאַרברע=
כער, ווי דער פעלדמאַרשאַל לוסט, די גענעראַלן גודעריאַן, וואַלדענפעלס, ראָדע,
בערגער, ריינעפאַהרט, באַך=זשעליעווסקי, קאָפּפע און פיל, פיל אַנדערע. די
ענגליש=אמעריקאַנער אָקופּאַציע=אָרגאַנען האָבן אונדז אויך נישט ארויסגעגעבן
די קריגס=פאַרברעכער: העפּלע, ווינקלער (דער שעף פונעם „הויפּט טרויהאַנד=
שטעלע אָסט"). אויף דער פריי געפינען זיך אויך די באַקאַנטע פאַרברעכער:
אייכמאַן, ראַדעמאַכער, קאַצמאַן. די אמעריקאַנער אָקופּאַציע=מאַכט אין טרי=
זאָניע האָט אין פרילינג 1952 אַנולירט אייניקע געזעצן, וואָס זענען געשאַפן גע=
וואָרן נאָך דער מלחמה, צוו. א. דאָס געזעץ נר. 2 פונעם 10=טן אָקטאָבער 1945,
וואָס ליקווידירט די עסעס, עס=אַ, עסדע און די געסטאַפּאָ צוזאַמען מיט אַלע
זייערע שטאַבן און אינסטיטוציעס. אויף אַזאַ אופן האָבן די אָרגאַניזאַציעס, וואָס
זענען דורכן אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל און דורך דער עפנטלע=

כער מיינונג אין דער וועלט אָנערקענט געוואָרן אלס פארברעכערישע, איצט באַנייט זייער פארברעכערישע טעטיקייט אלס לעגאַלע מיטן הסכם און אונטער דער אפּוטרופּסות פון די מערב-מלוכות.

די פּאָליטיק פון די מערב-מלוכות, וואָס איז אין א בולטן ווידערשפּרוך צו די פריערדיקע אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, איז א פּועל-יוצא פון זייער אָפּענער שטרעבונג אייננצוהאלטן די פאנאנדערטיילונג פון דייטשלאנד, אויפצובויען די קריגס-אינדוסטריע אין מערב-דייטשלאנד און דאָס דאָזיקע לאַנד אויסצונוצן פאר די סטראטעגיש-מיליטערישע צילן פונעם אמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. די טיפערע סיבה פון אזא האנדלונג ליגט אין די נאָכמלחמהדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע כוחות-פארהעלטענישן אין דער וועלט.

די פארכאַפּערישע שטרעבונגען פון די פאראייניקטע שטאַטן זענען נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה באַזונדערס שנעל געוואַקסן. די אמעריקאַנער רעגירונג פירט זינט דער צייט א פּאָליטיק פון אָנוואַרפן אייראָפּע און דער גאַנצער וועלט די „אמעריקאַנער אָנפירונג" און איינפלאַנצן דאָרט דעם „אמעריקאַנער לעבנס-סטיל". אין דער קאָנסעקווענץ פירט דאָס צום קאַמף מיט דער ארבעטער-באַוועגונג, צו אונטערדריקן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער יעדע דעמאָקראַטישע באַוועגונג, צום קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַל-באַפרייערישער באַוועגונג אין די קאָלאָניעס, צו שטיצן די פאַשיסטישע עלעמענטן, צו ראַסן-דיסקרימינאַציע א. אז. וו.

די אמעריקאַנער מאָנאָפּאָלן, מאָנטירנדיק אגרעסיווע בלאָקן און קאָאַליציעס, שטרעבן אונטערצואָרדענען זיך יהן עקאָנאָמיש, והן פּאָליטיש און מיליטעריש די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, צונעמען ביי זיי די נאַציאָנאַלע סוווערעניטעט און אויסנוצן זייערע באַוואָפנטע קרעפטן פאר דער וועלט-העגעמאָניע און פאר א קאַמף קעגן דעם ראַטנפארבאַנד און קעגן די פאָלקס-דעמאָקראַטישע מלוכות אין אייראָפּע און אין אזיע.

צוליב דעם, וואָס די ווידערשפּרוכן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט האַלטן זיך אין איין פארשארפן, פירט דער אמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, לויטן היטלערישן מוסטער, אן אוואַנטוריסטישע פּאָליטיק. די אמעריקאַנער רעגירונג, שפּינענדיק די זינלאָזע פּלענער פון וועלט-הערשאַפט, באַנוצט זיך מיט אנאַלאָגישע מעטאָדן, ווי דער היטלעריזם, און לאַנסירט די טעאָריעס, וואָס זי נעמט פונעם היטלעריסטישן אידעאָלאָגישן ארסענאַל.

די אמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן, אלס כלומרשטע באַשיצער פון דער „אייראָפּעישער" קולטור, האָבן — ביי דער אונטערשטיצונג פון די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך — פארטויטשט דעם אנטיקאָמינטערן-פּאַקט אויפן צפון-אטלאַנטישן פּאַקט און טרעטן ארויס, לויטן מוסטער פון דער געבעלסישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט די צביעותדיקע לאָזונגען פון קאַמף קעגן דער „קאָמוניסטישער געפאַר". די אמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן — פּונקט ווי די היטלעריסטן אין

זייער צייט — באנוצן זיך מיטן קינסטלעכן פאָרהאנג פון „קאמף קעגן קאָמוניזם“, כדי אָפצווענדן די אויפמערקזאמקייט פון זייערע פאקטישע פלענער. דאָס העצן און דאָס כסדרדיקע אויפשרויפן די קריגס־היסטעריע, די ברוטאלע אינגערענץ אין די אינערלעכע אינטערעסן פון אנדערע פעלקער, די אומאויפהערלעכע פראָוואָקאציעס, וואָס ווערן אָרגאניזירט מיט דער הילף פון א ריזיקער ארמיי שפיאָנען און דיווערסאנטן, — דערמאָנען פולשטענדיק די היטלעריסטישע מעטאָדן.

די אידעאָלאָגיע פון די נייע פרעטענדענטן צו א העגעמאָניע איבער דער וועלט האָט דאָך אירע וואָרצלען אין זעלבן קוואל, וואָס די אידעאָלאָגיע פונעם דייטשישן אימפעריאליזם. זיי פארשפרייטן דעריבער די אלטע פאשיסטישע ראסיסטישע לאָזונגען וועגן דער העכערקייט פון דער אנגלאָזאקסישער ראסע. די אמעריקאנער אימפעריאליסטן באנוצן זיך איצט, פונקט ווי פריער די דייטשישע אימפעריאליסטן, מיטן ראסיזם, נעאָמאלטוזיאניזם, בכדי צו פארוואנדלען דאָס אמעריקאנער פאָלק אין א בלינד געצייג ביים רעאליזירן זייערע אגרעסיווע פלענער. די ראסיסטישע לאָזונגען דינען די מלחמה־צילן, און דעריבער ווערן זיי איצט אזוי שטארק פראָפאגאנדירט דורך די אידעאָלאָגן פון אמעריקאנער אימפעריאליזם.

מיטן ראסיזם איז געבונדן די געאָפאָליטיק. פונקט ווי די היטלעריסטן אמאָל, אזוי באנוצן זיך איצט די אמעריקאנער אימפעריאליסטן מיט דער געאָפאָליטיק ביים באגרינדן זייערע עקספאנסיע־פלענער. פאר די אגרעסיווע צילן דינט אויך די פראָפאגאנדע פון קאָסמאָפאָליטיזם, וואָס דארף אָפשוואכן און ארונטעררייסן די פאטריאָטישע געפילן, דעמאָביליזירן דעם נאציאָנאלן גייסט אין די מלוכות, איבער וועלכע דער אמעריקאנער אימפעריאליזם פלאנט איינצושטעלן זיין העגעמאָניע. דער זין פון דער קאָסמאָפאָליטישער פראָפאגאנדע איז צו פארמאסקירן די אלץ וואקסנדיקע עקספאנסיע פון אמעריקאנער אימפעריאליזם, וואָס מאכט צונישט אויף אן אומפארשעמטן אופן די סוווערענע רעכט פון פעלקער. דער זין פון דער דערמאָנטער פראָפאגאנדע איז פאָרצושטעלן אמעריקע אין דער ראָל פון א פארטיידיקער פון פעלקער־רעכט, און די, וועלכע שטעלן זיך אנטקעגן דער אמעריקאנער פענעטראציע — אלס אָנהענגער פון אָפגעלעבטן „עגאָאיסטישן נאציאָנאליזם“.

די סיבה, וואָס אין אמעריקע ווערט אזוי פארשפרייט די פאשיסטישע ראסנטעאָריע און די געאָפאָליטיק, וואָס די דאָרטיקע מאכט־פאקטאָרן באנוצן זיך מיט די פארברעכערישע מעטאָדן פונעם היטלעריזם, ליגט אין דער פאָליטישער און עקאָנאָמישער קרובהשאפט פון די צילן פונעם דייטשישן אימפעריאליזם מיטן היינטצייטיקן אמעריקאנער אימפעריאליזם. די כסדרדיקע באמיונגען אָנצושטעקן די פעלקער פון די קאפיטאליסטישע לענדער מיט די דאָזיקע „טעאָריעס“ און

פעלקערמערדערישע לאָזונגען טראָגן אין זיך א גרויס געפאר — די געפאר פון פארניכטונג. מיטן פארשפרייטן די דאָזיקע פארברעכערישע לאָזונגען קומט גלייכצייטיק פאָר דער פראָצעס פון פאשיזאציע פון פאָליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן אין אמעריקע, ס'שטארקט זיך די אגרעסיווקייט פון דער רעאקציע אויף די דעמאָקראטישע דערגרייכונגען פונעם ארבעטער-קלאס, און ס'ווילדעוועט דער טעראָר לגבי די פראָגרעסיווע עלעמענטן. איינצייטיק קומט פאָר א פראָצעס פון מיליטאריזירן דאָס לעבן. די אָנפירונג מיט דער מלוכה האָבן איבערגענומען די אממערסטן רעאקציאָנערע און אגרעסיווע עלעמענטן פון דער אמעריקאנער בורזשואזיע. אָט די אלע דערשיינונגען דערמאָנען ביז גאָר די היטלערישע צוגרייטונגען צו דער צווייטער וועלט-מלחמה.

די סטראטעגישע פלענער פון די פאראייניקטע שטאטן אויף צוצוגרייטן א נייע מלחמה קעגן דעם ראטנפארבאנד און קעגן די פאָלקס-דעמאָקראטישע מלוכות זענען ענג פארבונדן מיט זייער פאָליטיק בנוגע דייטשלאנד. פון סוף פון דער מלחמה אָן ווערן דורך דער אמעריקאנער, ענגלישער און פראנצויזישער רעגירונג געמאכט אלע אָנשטרענגונגען אין דער ריכטונג פון איינהאלטן די פאנאנדערטיילונג פון דייטשלאנד, וועלכעס זיי ווילן אויסנוצן אלס אָנשפאר-באזע פאר זייערע נייע פארברעכערישע פלענער. שוין די געהיימע לאָנדאָנער קאָנפערענץ פון די דריי מערב-מלוכות (יוני 1948), וואָס האָט געהאט א שייכות מיטן לעזן די פרינציפיעלע פראָבלעמען פון דייטשלאנד, האָט געפירט צום אָפענעם איבעררייסן מיטן פאָטסדאמער אָפמאך וועגן דער דעמיליטאריזאציע און דעמאָקראטיזאציע פון דייטשלאנד. די מערב-מלוכות, נאָכן פעסטשטעלן, אז ס'איז נישט מעגלעך אריינצוציען גאנץ דייטשלאנד אין זייערע סטראטעגיש-מיליטערישע פלענער, האָבן געשטרעבט צו פארטיפן די צעטיילונג פון דייטשלאנד און נישט צו דערלאָזן צו איר פאראייניקונג אויף דעמאָקראטישע און פרידלעכע יסודות, וואָס איז הן אין די אינטערעסן פונעם דייטשישן פאָלק, הן אין די אינטערעסן פון די שכנותדיקע אייראָפעישע מלוכות און א גאראנטיע פארן וועלט-שלום. אלע ווייטערדיקע האנדלונגען זייערע און די אָפמאכן, וואָס זענען אונטער דעם דיקטאט פון אמעריקע געשלאָסן געוואָרן, זענען געווען אן אָפענע פארגוואלטיקונג פון די פריערדיקע אָפמאכן פון די פיר גרויסמאכטן. דער באָנער „פאקט“ (26-טער מאי 1952) און אין שייכות מיט דעם דער פאריזער אָפמאך וועגן אן „אייראָפעישער ארמיי“ לעגאליזירן שוין לגמרי דאָס צוריקאויפשטעלן דעם דייטשישן מיליטאריזם און שאפן א מערב-דייטשישע ארמיי מיט די געוועזענע היטלעריסטישע גענעראלן בראש. די דאָזיקע ארמיי וועט פאָרשטעלן מיט זיך א באשטאנדטייל פון דער „אייראָפעישער פארטיידיקונגס-געמיינשאפט“, וואָס איז געבונדן מיטן אגרעסיוון אטלאנטישן בלאָק. אויף אזא אופן האָבן די אמעריקאנער רעגירונג און די רעגירונגען פון ענגלאנד און פראנקרייך, וואָס שטיצן

איר פּאָליטיק, צוריק אויפגעשטעלט דעם דייטשישן מיליטאריזם. זיי בויען אויף דעם נעאָהיטלעריזם, דעם קריגס-ווירטשאפטלעכן פּאָטענציאל פון טריזאָניע, בכדי צו קאָנען אויסנוצן אירע מענטשלעכע רעסורסן און די מאטעריעלע רייכטימער אויף צו רעאליזירן די אמעריקאנער פּלענער פון הערשן איבער דער וועלט.

די פעלקער פון דער וועלט גיבן זיך אָפּ א דין-וחשבון פון דער געפאר, וואָס ברענגט מיט זיך דאָס צוריקאויפשטעלן דעם דייטשישן אימפעריאליזם און דאָס ארויסלאָזן אויף דער פריי טויזנטער באקאנטע קריגס-פארברעכער, היטלערישע גענעראלן און עס-עס-פירער, וועלכע פארשפרייטן אָפּט אין מערב-דייטשלאנד דעם לאָזונג פון רעוואנזש, פון פארכאפּן און פארניכטן פוילישע געביטן. דעריבער טרעטן די פעלקער מאקע ארויס דעצידירט קעגן אויפשטעלן דעם נעאָהיטלעריזם און קעגן דער געפאר פון נייעם פעלקערמאָרד.

די איצטיקע סיטואציע אונטערשיידט זיך גרינטלעך פון דער סיטואציע פון פאר דער צווייטער וועלט-מלחמה. דער ראטנפארבאנד איז ארויס פון דער מלחמה געשטארקט, זיין אויטאָריטעט אויף דער אינטערנאציאָנאלער ארענע איז אויסגעוואקסן. די רעגירונג פון ראטנפארבאנד קאָנטינואירט קאָנסעקווענט די פּאָליטיק פון רעגולירן אלע פּראָבלעמען אויף א פרידלעכן אופן. גלייכצייטיק איז געוואקסן אין אזיע און אין די אָפּהענגיקע לענדער די נאציאָנאל-באפרייערישע באוועגונג. די פאָלקס-דעמאָקראטישע לענדער האָבן זיך געקרעפטיקט, די אל-וועלטלעכע שלום-באוועגונג איז אויסגעוואקסן און ווערט פון טאָג צו טאָג שטארקער. פוילן איז געוואָרן א שטארקע מלוכה אדאנק דער פאָלקס-דעמאָקראטישער אָרדענונג, וואָס האָט דערמעגלעכט איר אלזייטיקע עקאָנאָמישע אנטוויקלונג, ווי אויך אדאנק דער פריינדשאפט מיטן ראטנפארבאנד און מיטן גאנצן שלום-לאגער. „פוילן האָט אויפגעהערט צו זיין אן אָרעם לאנד, א שוצלאָז און אומבאהאָלפנס, — האָט פעסטגעשטעלט ב. ביערוט. — אומזיסט זענען די האָפענונגען פון די, וואָס רעכענען אויס אויף אונדזער שוואכקייט און שארפן אויף אונדז די רויבערישע ציין. אומזיסט זענען די אפעטיטן פון די היטלערישע יורשים און זייערע אימפּעריאליסטישע באלעבאטים, וועלכע פלוידערן וואנזיניק וועגן אונדזערע געביטן ביי דער אָדרע און ניסע. ס'איז פארשוואונדן און ס'וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן דער סעפּטעמבער 1939, ס'איז פארשוואונדן און ס'וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן די שאנד פון קראפטלאָזיקייט פון אונדזער לאנד לגבי דעם אגרעסאָר... די ארבעטער-מאסן וועלן שוין קיינמאָל נישט דערלויבן ארויסצורייסן די מאכט פון זייערע הענט, דאָס פערזענלעכע גוטס און דאָס גוטס פון זייער פאָטערלאנד. זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט אזוי עס צו פארטיידיקן, ווי ס'פאָדערט דאָס די העכסטע נויטווענדיקייט. דאָס פוילישע ארבעטער-פאָלק וועט מיט זיין מיזאמער אָנשטרענגונג שאפן וואָס ווייטער אלץ בעסערע מיטלען, וואָס

פארזיכערן דעם אומדערשיטערלעכן כוח און שטאנדהאפטיקייט פון די דערגרייכונגען פון פאָלק, ווי אויך פונעם נאציאָנאלן פארמעגן".

דער טרוים פון די אמעריקאנער אימפעריאליסטן וועגן א וועלט-אימפעריע איז אין דער איצטיקער סיטואציע נאָכמער נישט צום רעאליזירן, ווי די אנאלאָגישע היטלעריסטישע פאנטאַזיעס. די געשיכטע לערנט אונדז, אַז קיינמאָל נאָך האָט זיך נישט איינגעגעבן קיין שום פרעטענדענט צו הערשן איבער דער וועלט. פון דער געשיכטלעכער דערפארונג ווייסן מיר, אז אלע פרוון, וואָס זענען אין אזא ריכטונג אונטערגענומען געוואָרן, האָבן שטענדיק אויפגעוועקט ריזיקע קעגנכוחות. זיי זענען אָנגעוואקסן צאָלמעסיק, און אָנגענומען א נייעם פּאָליטיש-מאָראלישן אינהאלט, און זענען לסוף געוואָרן א פאקטאָר, וואָס האָט דעצידירט וועגן אויסגאנג פון קאמף. אויך איצט זענען די טרוימען פון די אמעריקאנער אימפעריאליסטן פארמשפט אויף א מפלה. דער ריזיקער לאגער פון שלום און דעמאָקראטיע, בראש פון וועלכן ס'שטייט דער ראטנפארבאנד, ציילט הונדערטער מיליאָנען מענטשן. ער איז א גענוגנדיקע גאראנטיע, אז די פארברעכערישע פלענער ארויסצורופן א נייע מלחמה וועלן געקרייצט ווערן.

די דאָזיקע שלום-באוועגונג — האָט פעסטגעשטעלט ב. ביערוט — וויל „שיצן די מענטשהייט פאר דער געפאר פון א נייעם בארבאריזם און ווילדקייט, וואָס די אימפעריאליסטישע פאָליטיק ווארפט אָן דער מענטשהייט. אלס ענטפער אויף די מלחמה-העצעס פון די אימפעריאליסטישע אגרעסאָרן אנטוויקלט זיך און וואקסט דער ברייטער פראָנט פון די שלום-פארטיידיקער. נישטאָ אזא פאָלק, וואָס זאָל נישט פילן, אז די איצטיקע פאָליטיק פון די אמעריקאנער אימפעריאליסטן און זייערע וואסאלן שטרעבט ארייצוווארפן די וועלט אין א נייער קאטאסטראָפע, אז אזא פאָליטיק הייסט א דירעקטע צוגרייטונג צו א נייער וועלט-מלחמה, צו א נייער קייט פון פארברעכנס. דעריבער מאכט איז דער קאמף פאר שלום די וויכטיקסטע אויפגאבע פון דער גאנצער מענטשהייט, פון יעדן פאָלק און פון יעדן מענטשן, וואָס פארשטייט, אז די אימפעריאליסטישע פארברעכנס דארף מען קעגנווירקן, כדי די מענטשהייט זאָל קאָנען פריי שפאנען פאָרויס אויפן וועג פון פראָגרעס".

דער נצחון קומט אָבער נישט אליין, דעם נצחון דארף מען אויסקעמפן. איינער פון די וויכטיקסטע אָפשניטן אין דעם דאָזיקן קאמף איז דאָס דעמאסקירן די אידעאָלאָגיע און די פאָליטיק הן פונעם דייטשישן, הן פונעם אמעריקאנער אימפעריאליזם, אויפדעקן זייער פעלקערמערדערישן כאראקטער, נישט דערלאָזן זיי זאָלן ארומנעמען די פעלקער מיט א נעץ פון שקרים. אָט דער אויפגאבע איז אויך געווידמעט אונדזער ארבעט.

צוכצעטל פון נעמען

אבסהאַגען I 99
אַבעין I 158
אַגאַטשטיין I 172, 177, 178, II 140, 141
אָהלענדאָרף I 144, 222, 223, II 9, 10
אַהרענס II 98
אַטאָליקאָ I 87
איבעלהער I 173, 174 178, 185, 190;
II 46
אידען II 96
אייגער I 115
אייזענבאַך I 87, 148, 171, 190
II 26, 97, 180, 200, 226 245
אייזענלאָהר I 118
אייכמאַן I 144, 158, 216, 218, 221;
II 12, 15, 17, 20, 23, 29, 59, 71,
98, 168, 177, 179, 232—234, 244,
245, 260, 263
איינזידל II 163
איירענשמאַלץ II 190
אַלבערט I 182
אַלברעכט II 26
אַלטענלאָה II 164, 166
אַללען I 32
אַלעקסאַנדראָוו I 43, 63
אַלעקסיעיעוו I 21
אַלפערס I 147
אַמאַן I 46, 73, 76
אָפערמאַן II 227
אָפענהיים I 106
אַרנהאָלדט I 72
באָבערמין II 47
באָטמאַן I 166; II 151, 189, 241
באַר־זשעלעוווסקי I 48; II 263
באַליצקי II 53
באַללענזיפען II 251, 252
באָלעי II 168
באָנע I 61, 96—98
באַקע I 147; II 214, 233
באַראַש II 166
באָרמאַן I 68, 71, 167; II 57, 61, 80,
82, 89, 102—104, 114, 215, 255
בויהלער II 68
בוימאַן I 101
בויער I 45
בורגדערפער I 41
ביבאָוו I 16, 148, 171, 173; II 46,
150, 151, 153, 210, 233, 239,
240, 243
ביהלער I 16, 142, 169, 170; II 20,
23, 27, 63
בילעפעלד I 125
בייער II 38, 41, 235, 238
ביינערט II 253
ביערוט II 195, 196, 267, 268
בלומענטאַל II 141
בליאַשקאָוויץ I 177
בלייכרעדער I 72
בלעסינג I 68, 107, 116
בן גוריון I 163
בעדנאַזש II 18, 29
בעכער II 11

בענדער II 81
בענץ II 207
בענקער I 78
בעק I 112, 114
בעקער II 109, 147
בערבער II 253
בערמאַן I 185
בערגער II 60, 214, 263
בערנדאָרף II 90
בערנט II 250
בערנשטיין־ברוסטיין I 173, 188 196; II 132, 133
בערעטושער I 78
בראַדפּיש. II 239
בראַוטיגאַם II 27
בראַוכיטש I 177
בראַוער II 133, 139
בראַנדט II 68, 122, 182, 183, 191, 203, 241
בראַק I 220, 221; II 11, 12, 62, 68, 69
בראַקס I 99
בריקס II 160, 209
ברעמער II 32
ברענער II 199

גאָוס II 82
גאַטטאַנג I 154, 155
גאָלדמאַן (זאַקס) I 63, 106
גאָלדשטיין I 63
גאָלערט I 162, 172, 182
גאָנדאַלין I 162
גאַנצענמיללער II 148, 163, 182
גאַפּענקו I 114
גודעריאַן II 263
גוואַטקין I 125, 126
גוס II 98
גינטער (ראַסיסט) II 39, 40
גינטער (ס"ם) I 144, II 244
גלאָבאָצניק I 200, 202, 216; II 16, 61—63, 86, 90, 105, 118—121, 123, 130, 131, 137—139, 162, 169, 170—174, 193, 194, 197, 200, 203—211, 216, 217, 220, 222, 223, 225—228, 231
גליקס II 30, 68, 158, 225
געבהאַרדט II 68,
געבעלס I 17, 58, 68, 70, 108; II 19, 20, 59, 72, 81, 89, 114, 115, 176, 178, 183, 246, 255
גערטיים II 63, 133,
גערינג ה. I 63—72, 74, 76, 86, 108, 116—118, 125, 133, 137, 143, 147—149, 177, 184, 186; II 5, 15, 18, 21, 28, 34, 36, 119, 157, 192, 193
גערינג הערבערט I 72
גערלאַך II 139
גראַו I 218
גראַוויץ I 221
גראַס I 219
גראַץ I 38
גרייזער I 16, 143, 147—149, 169, 173, 174, 177, 179; II 29, 30, 46, 57, 82, 83, 150, 153, 189, 210, 211, 238—242
גרייפעלדט I 144; II 58, 122, 146, 193, 199
גרינפעלד I 73
גריצבאַך I 125
גרינשפּאַן I 66

דאַר I 107
דאַלאַדיע I 96
דאַלבריק II 253
דאַלוגוע II 19
דאַללעס אַללאַן II 97, 98, 180
דאַנעקער I 158; II 29, 59, 244
דעלבאָס I 113
דע פּעי I 78
דויסבורג I 31
דיזשור II 94
דייוויס I 21
דיימלער II 207
דיללאָן I 63
דימיטראָוו I 8, 25, 28
דיפּאָנט I 22

די פּרעל I 183, 186, 210, 211, 220
דיקהאָף I 81
דירקסען I 17, 90, 98, 99, 103—105,
118, 121, 126

האַהלפעלדער II 69
האַהענלאָע I 157; II 180
האוסהאָפער I 32
האוסמאַן II 252
האַכבערג א. I 162
האַכבערג ה. II 38, 39, 41, 124, 136,
169, 171, 172
האליפאַקס I 56, 85, 90, 93, 96, 98, 104,
110—112, 116, 126; II 96.
האלמאַן II 133, 139, 194
האסעל, פאָן I 107
האָפמאַן II 253
האָפמאַן ה. II 21, 23
האָפקינס II 96
האָר סעמועל I 87, 88, 94
האָרטי II 184
האַריסאָן II 94
האָרן II 136, 169, 171—174, 189, 193,
225, 227—229, 232—239
הודסאָן I 98
הומעל II 63
היטלער I 29, 31, 33, 35, 36, 39, 42, 43,
45—48, 52—56, 58, 61—65, 71,
77, 82, 85, 86, 90, 93—97, 105,
112, 117, 124, 131—133, 135,
141, 156—158, 163, 167—169,
188, 196, 197, 204, 218; II
5, 6, 11, 16, 19, 20, 23, 34,
35, 37, 42, 77—80, 82, 83, 85, 89,
90, 96, 105, 114, 176, 180, 181,
184, 223, 233, 234, 246, 255—257
הילגאַרד I 69
הימלער I 36, 58, 64, 135, 142—144,
47—149, 152, 158, 159, 186,
220, 221; II 9, 14—17, 21,
30, 37, 39, 41, 43, 52, 57,
58, 60—64, 67—69, 71, 72,
75—78, 80—84, 89, 90, 104
—106, 108, 110, 116, 117, 120,
—126, 129—131, 133—139, 146,
147, 149, 154, 155, 157, 158, 161—
164, 168, 177, 178, 180—184, 187
—192, 194, 197, 199, 203, 205,
206, 208, 210, 212—216, 218—
220, 223, 226, 229, 231, 233, 234,
238, 239, 241, 242, 255.
היידריך I 58, 66, 68, 71, 118, 120, 124,
137—141, 144—146, 151, 152,
157—159, 163, 175, 177, 179, 181,
184, 185, 195, 196, 200, 207, 222;
II 9—11, 18, 21, 23, 24, 27—29,
31, 57, 61, 112, 125, 159
הייליקער מ. II 120
היינקעל II 204
הינדענבורג I 45
הירש I 73
העוועל I 94, 125
העטעל (האגען) II 98,
העל I 81; II 96
הענדערסאָן I 17, 80, 82, 84, 85, 90
הענעקע II, 106
העס ר. I 16, 221; II 14—16, 20, 21,
35, 59, 121, 154, 155, 157, 158,
181, 183, 184, 220, 221
העס I 64
העפּלע II 45, 66, 120, 263
העפנער I 16, 173, 216, 222; II
17, 18

ואַגנער I 141, 147, 223
וואָהלטאַט I 117, 118, 121, 124—127,
וואָלבאום II 88
וואַלץ II 252, 253
וואָלף II 71, 105
וואַרבורג I 63, 72, 106, 107
וואַשאַק I 148, 170
ווידעמאַן I 82
וויהל I 120, 125
וויידענפעלד II 263
ווילינגהויס II 253

וויינרייך I 186; II 11, 32, 72, 73, 128, 246, 247, 255, 256,
ווייצזעקער I 17, 64, 65, 80, 82—85, 104; II 26, 27, 91
ווילסאָן I 83, 91—93,
ווינטערטאָן I 78, 79, 99, 103, 115, 125
ווינקלער I 144, 147; II 263
ווישליצעני I 156; II 59
וויפערן II 120
וויפּפּע II 170
ווישניצער I 77
וועכטער I 172, 189
וועלעס סאמנער I 108; II 96
וועלק II 139
וועניצקי I 173; II 153
וועצעל (און העכט) I 134, 140, 146; II 12, 55, 56
ווערמאַן I 68, 83, 84; II 28, 91,

זאוקעל II 35—37, 42, 47, 74, 78, 113, 114, 181, 183, 191, 192, 214, 233, 234, 255
זאַמערן, פאָן II 121, 137—139, 171, 173, 174, 182
זאקס ק. I 115
זאקס (און גאָלדמאַן) I 63, 106
זוירער II 42, 76, 206
זיבערט I 147
זייס=אינקוואַרט I 144; II 255
זייפערט I 151, 155, 161, 162, 183
זיקס II 251
זעראַפים I 149, 153, 168, 171, 183, 184, 192, 193, II 31, 32, 146

טאָדט II 34, 224
טאָמאס I 164; II 34
טאַמאַראָף II 166
טאָמסען I 91, 92, 221
טאנענבערג II 253
טהאָרדען II 248, 250—252, 254
טיסען II 193
טיראַק II 79—85, 89, 215
טורקעלטאוב II 61

טעבענס II 123, 133, 135, 137—139, 172, 194
טעילאָר מ. I 77—80, 124, 127; II 94
טרונק I 170, 186, 203; II 154, 219
טשעמבערליין א. I 43
טשעמבערליין נ. I 56, 61, 79, 87, 89, 94, 96, 103, 110—112, 126
טשערטשיל I 157
טשערניאַקאָוו I 214, 215

יאָדל I 156; II 114
יאנקע II 253
יאסטשעמבאָווסקי II 114
יאַקאָבי I 73
יודשוויאק II 101, 126, 196
יוטנער II 189
יעקעלן II 9
יערמאשאָוו I 98, 156, 161

כריסטענזען II 253

לאהויזען I 137
לאָהזע II 8, 11, 12, 32, 72, 125, 184
לאזארד I 63
לאמערס I 64, 65, 168; II 5, 61, 80, 81, 82, 114, 168, 233, 234, 255
לאנגע I 166; II 151
לאנדפריד I 147
לאָרענצען I 137
לווישנער I 42
לודענדאָרף I 45
לוטער I 158; II 23, 24, 26, 27, 82, 91
לוכטערהאנד II 151, 152
לוקאשקיעוויטש II 10, 61, 231
לייבראנדט II 23
לייט=ראָסט I 98, 99
לינדסיי I 93
ליסט II 263
ליפסקי I 114
לעברון I 155
לעוויטע I 115
לעווין רב I 115
לעווין I 63
לעי ר. II 254, 255

לענין I 5—7, 50, 51, 128
לערנער II 38, 41, 136, 169—171, 174, 225, 243
לעשטשינסקי II 139

מאַגיעל II 217
מאָהר II 252
מאורער II 124, 157, 181, 184, 225, 232
מאַטהיאַס II 232
מאַכאָל II 165
מאָלאָטאָוו II 93
מאַלטשוזשינסקי I 138
מאַנעסמאַן I 73
מאַקענזיען I 108, 111; II 178
מאָרגאַן I 22, 63, 106
מאָרגענטוי II 93
מאַרדער II 243
מאַרטין II 187
מאַרטיענזען I 156
מאָרען I 157
מאַרק II 137, 161, 164, 195, 197, 199, 212, 218
מומענטי II 41
מוסאָליני I 80, 88, 108—112, 156; II 178, 216
מוספעלדט II 45
מיטשערליך II 57
מייער II 23, 193, 214
מייזנער I 17, 105; II 253
מילך II 37, 233
מילער I 68, 223; II 9, 23, 90, 105, 129, 161, 162, 188, 189, 212 245
מילקע II 57
מעלהאָרן II 153, 232
מענדעלסאָן I 72
מערווינקעל II 173

נאָרדען I 21, 31, 50, 52, 66, 72, 74, 94, 197; II 35, 41
נאָטאָוויטש I 34, 62, 93
נאַנסען I 78
נאָסקע I 20
נאָרמאַן I 99, 104
נוימאַן I 125, 147; II 23, 28
ניקיטשענקאָ II 24

סאַסולי I 21; II 158
סטאַלין I 6—10, 17, 24, 30, 37, 61, 130, 131; II 55, 113, 124, 175, 216, 244, 261
סטאַנליי I 98
סטראָאָפּ I 16, 151, 152; II 137, 197, 198
סטראַנג II 96
סיימאָן I 85, 98
סיראָפּ I 147
סמאָליאַר II 97, 212
סעווערינג I 53
סעלדעס I 80
סעמועל I 101
סעמיאָנאָוו I 32

עמערזאָן I 127
עמעריך I 172, 192

פּאָדקאָווינסקי II 178
פּאָהל II 14, 15, 38, 39, 42, 43, 76, 90, 105, 120—124, 134, 136, 158, 169—174, 190—192, 204, 210, 212, 213, 220, 223, 225, 226, 229, 231, 232, 236, 238, 239, 241 243
פּאָזעמאַן II 253
פּאָליאַקאָוו II 178
פּוהל II 120
פּוטקאַמער I 156
פּיאָטראָווסקי II 148, 201, 222, 226
פּיק I 53, 88, 89
פּיראָוו I 86, 94—96
פּלייגער II 157
פּעטען I 155, 156
פּעטשאָרסקי II 225
פּעל I 99, 107, 116, 124, 125, 127
פּריצמאַן II 125

פֿראַוענדאָרפֿער I 202
פֿאָלק II 41, 169, 135, 238, 239

פאַרבעס I 83, 84, 92, 98
פאָרסטער I 147; II 83, 84
פונק I 50, 64, 69, 71, 86, 117, 125, 126; II 34, 37
פייגענבוים II 132
פיינגאַר I 51
פילופּס I 108, 109, 127
פיפּס I 97, 98
פירסטנבערג I 72
פישבעק I 65, 68, 70, 72, 99
פישער ל. I 16, 182, 185, 187, 190; II 63, 71, 72, 107, 126, 128, 134, 173, 204, 205
פלאָרשטעדט II 225
פעלדשער I 38, 41, 46, 59
פראַנק ה. I 58, 133, 135—137, 144, 146—150, 160, 167—172, 175, 177—179, 187, 188, 190, 192—198, 201, 208, 219; II 20, 38, 47, 61, 62, 86—88, 112, 115, 147, 148, 224, 247, 254, 255
פראַנק א. II 41, 120—122
פרידל II 160, 209
פרידמאַן פּ. I 177; II 144, 145, 158, 200, 230
פריטש, פאָן I 29, 45
פרייזלער II 23
פריק I 63, 64; II 215
פרעזע II 160, 209
פרעטער II 134

צאַנאַוואַ II 212
ציאַנאָ I 17, 109, 111, 156, 158
צערנער I 188, 194; II 49, 50, 61, 128

קאַבליץ I 220
קאַבער I 68
קאַגאַן II 68, 69
קאַדאָמסקי I 157
קאַטמאַן I 107
קאַך I 147, 148, 167; II 162—164, 209, 214
קאַלטענברונער I 168; II 168, 182, 183, 186, 187, 189, 201, 232, 241, 255
קאַלמייער II 12
קאַלעסקע II 184, 198
קאַמלער II 190, 191
קאַנאַרים I 133
קאָנראַד פּ. II 52, 121, 133, 169—171, 194, 197, 201, 217, 231, 239
קאָפּפּע I 142—144, 169; II 240
קאַצמאַן I 191; II 45, 53, 63, 106, 143, 145, 178, 200, 263
קאָרבעלט II 253
קאָחדט I 17, 90, 91, 156
קאָרהערער I 206; II 52, 131, 144, 146, 154, 156, 159, 168, 180
קובע II 72, 73, 125, 186, 212, 214
קודאַשעוויטש II 139
קוהן-לעב I 41, 63, 106
קושינסקי I 203; II 200, 220
קושינסקי י. I 53; II 47
קומשער II 252
קיטעל I 48
קייטעל I 132, 133; II 5, 7, 11, 114, 233
קלאָססען II 253
קלאָפּפּער II 23
קלויבערג I 221; II 68, 69
קלוקאָווסקי II 59, 90, 222
קליינערמאַן I 147
קנאָכען II 178
קעלי I 157
קענאַרד I 116
קערמיש II 150
קערנער I 147; II 37, 214
קרופּ II 40, 183, 193, 203
קריגער אַל. I 73
קריגער I 142, 144, 145, 152, 179, 194, 195, 199—202; II 45, 58, 63, 72, 98, 105—110, 123, 126, 130, 133, 135, 136, 138—143, 147, 170, 173, 174, 193, 194, 200—203, 216, 222, 225, 226
קריצינגער II 23

ראבלי I 79, 83, 84, 89, 92, 93, 97, 99, 102—108, 112, 115—118, 121, 124
ראדע II 263
ראדעמאכער I 157—159; II 26, 82, 91, 180, 263
ראדעקער I 175
ראושנינג I 35, 36, 43, 46, 47
ראוואק I 73
ראזמארין I 115
ראזען I 107
ראזענבערג I 39, 42, 46, 58, 108, 122, 150, 161, 165, 183, 219, 220; II 5—8, 11, 12, 20, 32, 33, 184, 212, 214, 246—248, 254, 255
ראט, פאן I 66, 93
ראטענבערג II 81
ראטשילד I 63, 72, 101, 106
ראסום II 197
ראקפעלער I 63, 106
רודענקא I 152
רוזוועלט I 77, 79, 91, 93, 108—110; II 96
רוזשיצקי I 212
רומקאווסקי I 192; II 150
רושינסקי II 88
ריבבע II 150, 152, 153, 233
ריבענטראפ I 61, 65, 80, 82, 84, 85, 90—95, 97, 114, 125, 133, 157, 158, 161; II 91, 177, 178, 182, 184, 248, 250, 255, 256
רייזמאן II 217
רייכענאו II 11
ריינעפאהרט II 263
רינגעלבלום I 152, 153, 211, 212; II 53, 126
רינטעלען II 91
רעדער I 156
רעהריך II 139

שאכט I 17, 64, 98—105, 108, 116, 117
שאר I 115
שווארץ I 106
שווערין-קראסיג I 63, 64, 68, 147; II 215
שולץ II 133, 138, 139, 172, 194
שולץ ערווין II 9
שוסטער II 210
שטוקארט I 68; II 23, 83, 84
שטעמלער I 38, 41, 42
שטערן I 73
שטערנפינקעל I 177; II 155
שטרייכנער I 173
שטרייכער I 48, 58, 66, 113, 129; II 257
שטרעקענבאך I 146, 160; II 81—83
שיבער II 158
שידעקאפף II 98
שיימאן I 80, 88
שטיינגראכט II 248
שילינג II 194
שינדלער II 134, 135, 138, 226
שיקערט II 253,
שיראך I 167, 168
שלייער II 248, 250, 251, 253, 254
שמידט I 17, 125, 126, 156; II 184
שמעלט I 203, 204, 155, 156, 181
שעהן I 151, 152, 182
שעלין II 174, 225
שעלענבערג I 222, 223
שענגארט II 147
שערוווד II 96
שערינסקי II 129
שערנער II 110, 140, 218, 219
שערעשעווסקי I 115
שפארענבערג II 216, 222, 227
שפעער II 34—37, 77, 78, 152, 153, 158, 162—164, 183, 188, 190—193, 207, 210, 223, 224, 226, 231, 233, 234, 242
שראם II 187
שרויט II 30
שרעדער I 106; II 41
שרת I 162, 163.

אינהאַלט

קאַפּיטל דריי

די מאַסן־פאַרניכטונג (1941—1942)

זייט

1. באַוואָפנטער אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד און די עקסטערמינאַציע פון דער ציווילער באַפעלקערונג 5
2. די טעכנישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע צוגרייטונגען צו דער יידן־אויסראָטונג אויף די אָקופּירטע פוילישע געביטן 14
3. די מאַסן־פאַרטיליקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג . . . 29
4. דער דוחק פון אַרבעטס־כוחות אין רייך און די אינטערעסן פון מאָנאָפּאָ־ליסטישן קאַפּיטאַל 33
5. די ערשטע סעלעקציעס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג . . 44
6. די מיליטערישע אָפּעראַציעס און די רעאַליזאַציע פון פעלקערמערדערישן „גענעראַל־פּלאַן מזרח“ 54
7. די פאַרברעכערישע אויפגאַבן פון דער „אָפּעראַציע ריינהאַרד“ . . 59
8. די פאַרניכטונג פון די יידישע אַרבעטס־כוחות און די שוועריקייטן פון דער היטלעריסטישער מלחמה־ווירטשאַפט 67
9. די פאַרברעכערישע פּאָליטיק פון „פאַרניכטן דורך אַרבעט“ . . . 78
10. די קאָנצענטראַציע פון דעם רעשט יידישער באַפעלקערונג . . . 104

קאַפּיטל פיר

די עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי יידן אינעם איבערברוך־פּעריאָד פון די סטאַלינגראַדער קאַמפן

1. די טאָטאַלע מאָביליזאַציע אין רייך נאָך דער סטאַלינגראַדער מפּלה . 112
2. דיווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן פון דער „אָפּעראַציע ריינהאַרד“ . 116
3. די אַנטיפאַשיסטישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג און דער גורל פון דער יידי־שער באַפעלקערונג 124
4. די לאַגע אין די באַזונדערע פּראָווינצן 130

I גענעראַל-גובערניע 130
II „וואַרטעגאַו" 148
III שלעזיען 154
IV ביאַליסטאָקער קרייז 159
5. דער פאַרברעכערישער כאַראַקטער פון דער עס-עסישער געזעלשאַפט „אָסטי" און איר ראָל אין דער „אָפּעראַציע-ריינהאַרד" 167

קאַפּיטל פינף

די אַנטי-יידישע אויסראָטונגס-פּאָליטיק אין דער שקיעה-צייט פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד (1943—1945)

1. די פאַרשטאַרקונג פון דער אַנטי-יידישער פּראָפּאַגאַנדיסטישער און דיפּלאָ-מאַטישער טעטיקייט פון דער היטלעריסטישער רעגירונג 175
2. די שווערקייטן פון ווייטערדיקער עקספּלואַטאַציע פון די יידישע שקלאַפּי-שע אַרבעטס-כוחות 188
3. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און דער אויפשטייג פון דער ווי-דערשטאַנד-באַוועגונג 194
4. די ווירטשאַפטלעכע עקספּלואַטאַציע פון די יידן-לאַגערן אין לובלינער געגנט 203
5. די פּאָליטיש-מיליטערישע מפּלות פון דייטשלאַנד און זייער ווירקונג אויפן פּראָצעס פון יידן-פאַרניכטונג 211
6. די ליקווידאַציע פון די יידן-לאַגערן אין דער גענ.-גובערניע און אין „וואַר-טע-לאַנד" 222
7. די פּרוּוון פון „ריינהאַרד"-שטאַב איבערצונעמען דאָס לאָדזשער געטאָ 231
8. די נייע כוואַליע פון אַנטי-יידישער פּראָפּאַגאַנדע ערב דער מפּלה פון דייטש-לאַנד און דאָס צוגרייטן אַ באַזע פאַר דער צוקונפטיקער דיווערסיע-טעטי-קייט פון נעאָ-היטלעריזם 243
נאָכוואָרט 259
זוכצעטל פון נעמען 269